STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07931

EREV DER FERTER VELT-MILHOME

Velvl Tshernovetski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרן חשובן פריינט

מ. גינזבורג

ביי וועמען א אידישער בוך פאַרנעמט א
חשובן פלאַץ אין זיין הויז.

מיט דרך־ארץ און פריינטשאַפט

ספּעציעל געווידמעט פון

מ ח ב ר

ו. טשערנאָװעצקי

ו. טשערנאָוועצקי

ערב דער פערטער וועלט־מלחמה

(הינעם — די קעניגן פון „מאַרס")

פאַנטאַסטישער ראָמאַן

•

בוענאָס איירעס — 1959

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN A R G E N T I N E

COPYRINGHT BY
VALENTIN CHERNOVETZKY

V. CHERNOVETZKY

En Vísperas de la IVª Guerra Mundial

(Erev der Ferter Velt-Miljome)

(Inés - la Reina de "Marte")

Novela Fantástica

●

Editado por
EL MAGAZINE ARGENTINO
BUENOS AIRES — 1959

מיין עלטסט אייניקל ה י נ ע ס י ט אַ , און דעם קלענסטן אייניקל ל י ל י אַ נ אַ , — ביידע „הויפּט-העלדן" פון אָט דעם פאַנטאַסטישן ראָמאַן, מיט אומבאַשרייבלעכער ליבע געווידמעט. יהי רצון, אַז זיי זאָלן דערלעבן צו הערן און זעען אָט די אַלע פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען וואָס ווערן אין אָט דעם בוך באַשריבן.

דער זיידע — מחבר

ביכער פון זעלבן מחבר :

„טעפּליק, מיין שטעטעלע", 1טע טייל — דערשינען אין יאָר 1946

„טעפּליק, מיין שטעטעלע", 2טע טייל — דערשינען אין יאָר 1950

„דאָס לעבן דערציילט"... 1טע טייל — דערשינען אין יאָר 1952

„דאָס לעבן דערציילט"... 2טע טייל — דערשינען אין יאָר 1953

„אַ טאָג-בוך פון אַ אידן וואָס האָט ניט געוואָלט

פאָרן קיין ישראל", 1טע טייל — דערשינען אין יאָר 1954

„אַ טאָג-בוך פון אַ אידן... 2טע טייל — דערשינען אין יאָר 1954

„אַמעריקע, דו ביסט גרוים!" 1טע טייל — דערשינען אין יאָר 1956

„אַמעריקע, דו ביסט גרוים!" 2טע טייל — דערשינען אין יאָר 1956

„זאַכן און געשעענישן פון לעבן" (שפּאַניש) — דערשינען אין 1958

(COSAS Y CASOS DE LA VIDA)

„נישט אַלעס וואָס בלישטשעט — איז גאָלד" (שפּאַניש) — 1959

(NO TODO LO QUE RELUCE ES ORO)

אַריינפיר

דאָס דאָזיקע בוך וואָס ליגט איצט פאַר אייך, ליבע פריינט לייענער, איז גאָר „עפּעס אַנדערש” פון די פאַריקע ביכער פון זעלבן מחבר, וועלכע איר האָט זיכער געלייענט.

דעם מחבר פון אָט־דעם בוך, האָט איר פאַר די לעצטע, כמעט, פערציק יאָר פון זיין לעבן און שרייבן אין ארגענטינע, געקאַנט אַלס זשורנאַליסט און דערנאָך — אַלס מחבר פון ביכער אויטאָביאָגראַפישע, דערציילונגען און פאַסירונגען פון לעבן, און די לעצטע פיר ביכער (אין יידיש) אַלס „רייזע־באַשרייבונגען” פון דער גאַנצער וועלט וואָס ער האָט באַרייזט.

מיט איין וואָרט: — דער מחבר האָט געשריבן וועגן אַלעס וואָס ער האָט געזען און געהערט — ער וואָלט געזאָגט: — אַנגעטאַפּט מיט די הענט — אויף... דער ערד.

דער דאָזיקער בוך וואָס ליגט איצט פאַר אייך, איז... „עפּעס אַנדערש”. עס איז א פ אַ נ ט אַ ז י ע פון מחבר, א פאָרשטעלונג אַזאַ, ווי אַזוי די וועלט אונדזערע, וועט אויסזען אין פערציק־פופציק יאָר אַרום.

אויב די פאַריקע ביכער —יעדער בוך באַזונדער— האָט ביים מחבר געדויערט א פאָר חדשים פון אָנהויבן אים ביז אים פאַרענדיקן, איז אָט־דער דאָזיקער —„עפּעס אַנדערש”— בוך, געשריבן געוואָרן אין משך פון כמעט ז ע ק ס יאָר. ער איז, בכובד ראש, באַאַרבעט געוואָרן אַזוי, אַז עס זאָל אין אים זיין נישט בלויז פאַנטאַזיע, נאָר עפּעס ווירק־לעכקייט אויך.

די הויפּט־באַזע פאַר דער טעמע פון אָט־דעם בוך־ראָמאַן, איז:

די ערד־איינוואוינער שטייען שוין אין פאַרבינדונג מיטן פּלאַנעט „מאַרס”, וועמענס איינוואוינער —טעכניש־אַנטוויקלטע מענטשן— זוכן אונדז, די ערד־איינוואוינער, צו אַטאַקירן. דער הויפּט־מאָטיוו פון וועלן אונדז אַטאַקירן, איז ווייל זיי, דאָרט, אויפן מאַרס, האָבן זייער ווייניק

טרונק־וואַסער פאַר זייער באַפעלקערונג און זיי ווילן „אַנעקסירן" די ערד — צו זיך און דאָ באַזעצן דעם איבערפלוס פון זייער באַפעלקערונג. אַט דעם געדאַנק, האָט דער מחבר אָנגעשריבן און עס אָפּגעדרוקט אין די ערשטע זייטן פון בוך צוריק מיט... 5 יאָר. און, אַט קומען ערשט נישט לאַנג, היגע צייטונגען און מעלדן, אַז עס איז פעסטגעשטעלט אַז אויפן מאַרס איז דאָ... ווייניק וואַסער!

און, דער מחבר פון אַט־דעם —„עפּעס אַנדערש"- בוך, האָט נישט איינמאָל געטראַכט:

„ווער ווייסט צו ביז דער בוך וועט נישט פאַרטיק ווערן, אָפּגעדרוקט ווערן און אָנקומען צום לייענער אין די הענט, ווער ווייסט צו די „פאַנטאַזיע" וועט נישט ווערן אויס פאַנטאַזיע נאָר אַ ווירקלעכקייט, און די מאַרס־איינוואוינער וועגן וועלכע דער מחבר רעדט אין זיין בוך, וועלן האָבן טענות (און אפשר אָנקלאָגן אין געריכט) הלמאי ער מאַכט אויף זיי אַ בילבול, אַז זיי ווילן באַפאַלן די ערד־איינוואוינער"...

ביים שרייבן און צוגרייטן אַט־דעם בוך צום דרוק, האָט דער מחבר זיך טאַקע באַנוצט מיט דער גאַנצער פאַנטאַזיע וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט. דאָך, האָט ער זיך נישט פאַרלאָזט אין גאַנצן אויף זיין פאַנטאַזיע און אין משך פון די לעצטע פינף יאָר געהאַלטן אין איין לייענען און אין איין גריבלען זיך אין דער מאָדערנער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק וואָס באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון קאָסמאָס, פון „פליענדע טעלער", און ספּעציעל פון אַלעס וואָס איז געשריבן געוואָרן אַרום דעם פּלאַנעט „מאַרס" און לעצטנס — אַרום דער לבנה. זיין צייטונגס־פּאַרקויפער, וואָס שטעלט אים אויך צו די פאַרשידענע זשורנאַלן וואָס דערשיינען, און אַפילו באַאַמטע פון צוויי היגע גרויסע שפּאַנישע בוכהאַנדלונגען, האָבן שוין געוואוסט, אַז ווי נאָר עס איז עפּעס דערשינען —אַ זשורנאַל, אַ ביכל אָדער אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אויף אַט־די טעמעס— האָט מען עס אים געמעלדעט און ער האָט עס באַלד איבערגעלייענט און געזוכט מאַטעריאַלן פאַר זיין נייער אַרבעט, פאַר זיין בוך, וואָס ליגט איצט פאַר אייך און וואָס איז „עפּעס אַנדערש". געווען מאָמענטן, ווען דער מחבר, פון אַזוי פיל לייענען און שרייבן אויף אַט־דער טעמע, איז אַליין אַרומגעגאַנגען... „פאַרטשאַדעט" און פאַרחלומט. ער איז אין זיין פאַנטאַזיע — געווען אויפן מאַרס, אויף דער לבנה און האָט שוין „געקאַנט" יעדער ווינקעלע, יעדער שטיינדעלע פון דעם קעניגס פּאַלאַץ אויפן מאַרס און פון פּרעזידענטס פּאַלאַץ אויף דער לבנה...

און, אין יענע פּלעצער און פּאַלאַצן און אין יענע געגנטן וואו דער מחבר איז „געוועזן" און געוואָרן אַזוי היימיש, נעמט ער אויך איצט מיט, אין אַט דעם בוך, וואָס ליגט פאַר אייערע אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער מחבר ווייסט. דער גרעסטער טייל פון זיינע לייענער, זענען שוין מענטשן אין די יאָרן. אַ סך פון זיי, האָבן שוין „צעביטן" דעם צווייטן „פופציקער". אַ סך פון זיי, וועלן טראַכטן: — ווער ווייסט, אויב דאָס אַלעס וואָס זיי וועלן לייענען אין אַט־דעם דאָזיקן בוך און ווען אַפילו די גרעסטע טייל זאָל מקוים ווערן, — ווער ווייסט, צי זיי —מיר אַלע— וועלן עס נאָך דערלעבן.

איז טאַקע דער גרעסטער וואונטש פון מחבר, אַז דער לייענער זאָל אים אַמאָל דערמאָנען צו גוטן און זאָל — זיצנדיק ביי זיין טיש מיט זיין פאַמיליע און הערנדיק די נייעס פון „מאַרס" און „לבנה", זאָל ער זיי זאָגן:

„איך האָב עס געלייענט מיט צענדליקער יאָרן צוריק אין אַ יידישן בוך פון אַ יידישן מחבר". נאָך אַ גרעסערער וואונטש איז: — ער זאָל דעמאָלט אַרויסרופן דעם מחבר דורך דעם „ראַדיאָ־טעלעפאָן אַפּאַראַט" וואָס ער וועט שוין האָבן אינסטאַלירט אין זיין הויז. און זאָל דעם מחבר... באַגריסן מיט זיין „נביאות".

און, טאַקע דערויף וויל דער מחבר אָנווייזן: דער בוך פּרעטענדירט נישט אויף קיין נביאות. מען דאַרף נישט זיין קיין נביא און בן־נביא פּאַרויסצוזען וואָס עס וועט זיין אין פערציק אָדער פופציק יאָר אַרום. אויב מען קאָן שוין איצט האַלטן אַ קליין טעלעוויזיע־אַפּאַראַטל ביים בעט און זעען וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, פאַרוואָס זאָל מען אין עטלעכע יאָר אַרום נישט קאָנען טראָגן דעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט אין אַ... זשילעט־קעשענע אָדער צוגעטשעפּעט צו דעם קייטל מיט די... שליסעלעך וואָס מען טראָגט אין קעשענקעלע. ניין! עס איז נישט קיין נביאות נאָר אַביסעלע פאַנטאַזיע וואָס עס וועט פאַר־קומען אין אַ פאָר צענדלינג יאָר אַרום. די דאָזיקע פאַנטאַזיע האָט דער מחבר אַריינגעלייגט אין אַ זיידן פּאַפּירעלע וואָס הייסט „ראָמאַן", האָט גענומען צוויי קינדער — אַ קינד פון דער ערד און אַ געראָטן קינד דערצו, אַ קינד וואָס האָט אַלע מעלות צו שפּילן די הויפּט־ראָל פון אַ ראָמאַן, און אַ קינד פון מאַרס — אויך אַ באַטעמט קינד מיט גרויסע

מעלות, און זיי זענען עס די יעניקע וואָס דערלאָזן נישט אַז עס זאָל קומען צו אַ מאַרד־מילחמה צווישן דער ערד און דעם מאַרס.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס בעט אַ מחבר פון אַ בוך?

אַ מחבר האָפט און בעט, אַז מען זאָל זיין בוך, זיין שווערע האָר־רעוואַניע, לייענען. לייענען ביזן סוף. פאַראַן אַ סך לייענער, וואָס הייבן אָן לייענען אַ בוך און, באַלד ביים אָנהויב, געפעלט ער נישט און מען לייגט אים אַוועק.

דער מחבר פון אָט דעם בוך וואָס ליגט איצט פאַר אייך, דער „עפּעס אַנדערש בוך", בעט אייך... אָ נ ה ו י ב ן לייענען דעם בוך. ער איז זיכער, אַז ווען איר וועט אים אָנהויבן לייענער — וועט איר אים שוין נישט אַוועקלייגן ביז איר וועט אים נישט ענדיקן.

דער מחבר קאָן נישט ענדיקן, און דאַרף נישט ענדיקן, אָט־די עטלעכע שורות, נישט אָפּצודאַנקען דער דרוקעריי „קולטור" און גאָר ספּעציעל — די אייגנטימער יעקב מושקאַט און י. זאַסלאַווסקי, פאַר זייער פּיעטעט צו אַ יידישן בוך בכלל און צו אָט־דעם בוך בפרט. אויב דער בוך איז אַרויס טעכניש שיין און ציכטיק, איז דאָס צו פאַרדאַנקען דער דאָזיקער דרוקעריי וואָס האָט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פאַר אַ יידישן בוך. און נישט בלויז די בעלי־הבתים אַליין. אויך זייערע הויפּט־אַרבעטער, דער אויסגעצייכנטער יידישער „לינאָטיפּיסט" ישראל ג אָ ר ד אָ ן , ביי וועמען אַ סך שרייבער וואָלטן געמעגט נעמען אַ לעקציע פון... יידישער גראַמאַטיק, דער הויפּט־„שליסער" מיכעלע ש מ ו ל ע ו ו י ט ש . וואָס האָט שוין „אויף זיין געוויסן" אַ פּאָר צענדלינג... מיליאָן יידישע (און העברעאישע) שורות און קאָן שוין געפונען אַ גרייז... אָנטאַפּנדיק מיט די פינגער, און דעם הויפּט פון איינבינדעריי, הער י אָ ס ל מ ו ש ק אַ ט , וועלכער „שלינגט" איין אַלעס וואָס דערשיינט אין דרוקעריי, אויף אַלע שפּראַכן, נאָך איידער דער רעדאַקטאָר אָדער מחבר פון בוך אַליין זעט אים. זיי אַלע, און די נישט־יידישע אַרבעטער ריקאַרדאָ, פּעדראָ און קאַטשאָ, דעם האַרציקסטן דאַנק פון מחבר פאַר דער ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט אַז אָט־דער בוך —דער „עפּעס אַנדערש" בוך— זאָל אַרויס שיין און גוט — נישט ערגער פון... זיין אינהאַלט.

ד ע ר מ ח ב ר

אַן הקדמה צו אַ בוך, וואָס וויל טרעפן...

צום צווייטן מאָל איז דער פאָלקס־שרייבער וו. טשערנאָוועצקי (וו. טעפליקער), מיך מכבד מיט שרייבן אַן הקדמה צו זיינעם אַ בוך און צום צווייטן מאָל האָב איך דעם כיבוד אָנגענומען, כאָטש איך האַלט, אַז דער בעל־דבר אונדזוערער נייטיקט זיך נישט אין קיין הקדמות. על פי רוב, באַגלייט מען מיט הקדמות ביכער, וואָס מען האָט מורא, אַז מען וועט זיי נישט לייענען. דער מחבר פון די ביכער „טעפליק, מיין שטעטעלע", „טאָג־בוך פון אַ יידן, וואָס האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין ישראל", „דאָס לעבן דערציילט", „אַמעריקע, דו ביסט גרויס", און פון דעם בוך „ערב דער פערטער וועלט־מילחמה", צו וועלכן אָט־די ווערטער ווערן געשריבן ווי אַן הקדמה, האָט אַ סך, אַ סך לייענער, וועלכע מען דאַרף נישט וועקן, אַז זיי זאָלן אים לייענען.

דאָס נייע בוך, וואָס מיר דאַרפן דאָ רעקאָמענדירן דעם לייענער, איז אַנדערש פון אַלע פריערדיקע ביכער פון וו. טשערנאָוועצקי. די פריערדיקע ביכער האָבן אַלע דערציילט זאַכן, וואָס זענען שוין געווען און איך האָב שוין אַ סך מאָל אָנגעוויזן, אַז וו. טש. איז אַ שרייבער נישט קיין אויסטראַכטער, — און דער כאַראַקטעריסטישער נאָמען פאַר אַלץ, וואָס ער שרייבט איז „דאָס לעבן דערציילט" — בעת דאָס נייע בוך זיינס דערציילט נישט, נאָר ס'וויל טרעפן, וואָס עס וועט זיין. עס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אָנהייב אָקטאָבער 1999" און עס „דערציילט" שוין דערנאָך זאַכן, וואָס „זענען פאָרגעקומען" אין יאָר 2000. עס רעדט זיך טאַקע וועגן דעם, וואָס עס דאַרף געשען, אין פערציק יאָר אַרום, אָבער עס גייט שוין צום 21טן יאָרהונדערט און צום דריטן יאָרטויזנט...

ביכער פון דעם האָזיקן מין, ביכער, וואָס דערציילן וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין, רופט מען א ו ט אָ פ י ע ס. דער ערשטער, וואָס האָט גענוצט דאָס וואָרט א ו ט אָ פ י ע איז געווען דער ענגלישער מלוכה־מאַן ט אָ מ אַ ס מ אָ ר ו ס 1535—1478, וואָס איז געווען קאַנצלער אין דער צייט פון ענריק דעם אַכטן און איז געקעפט געוואָרן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען די גייסטיקע אויטאָריטעט פון קעניג. ער האָט אין יאָר 1516 פאַרעפנטלעכט אַ ווערק מיטן נאָמען „אוטאָפיע", וואָס שטעלט פאָר די אידעאַלע געזעלשאַפט לעתיד לבוא, אַ געזעל־

שאַפט, אין וועלכער עס הערשט נישט קיין אייגנטום און קיין עקספּלואַטאַציע און מענטשן לעבן אין שותפות און גליקלעך. דאָס וואָרט אוטאָפּיע שטאַמט פון גריכיש, און מען ווייסט עד־היום נישט, צי עס מיינט „אָרט פון נישט אין ערגעץ״ (ס׳הייסט: אַן אָרט, וואָס איז נישטאָ), אָדער עס מיינט „דאָס גליקלעכע אָרט״. טאָפּיע מיינט אויף גריכיש אָ ר ט , וועט מאָרוס וואָלט געוועט געשריבן „ארטאָפּיע״, וואָלט עס זיכער געמיינט: אָרט פון ערגעץ נישט, אָבער ווייל ער האָט געשריבן „אוטאָפּיע״ (אויף ענגליש לייענט מען עס „יוטאָפּיע״), דענקט מען, אַז ער האָט געמיינט „עו־טאָפּיע״ און דאָס דאָזיקע באַטייט שוין „גליקלעך אָרט״. עס זענען דערנאָך דערשינען אין פאַרשידענע שפּראַכן, באַזונדער אין איטאַליעניש און פראַנצויזיש, אַ סך אַזעלכע ביכער, וואָס שטעלן פאָר די צוקינפטיקע (אָדער אם ירצה השמדיקע) געזעלשאַפט. מיר וועלן דערמאָנען בלויז דאָס ווערק „די שטאָט פון דער זון״, פון איטאַליענישן פילאָזאָף טאָמאַס קאַמפּאַנעלאַ (1568—1639), וואָס האָט צוגעגעבן עפּעס נייעס צום דערמאָנטן ווערק פון ענגלישן פּאָליטיקער־מאַרטירער.

ווי מיר זעען, איז די אוטאָפּיע לכתחילה געווען אַ פאַנטאַזיע וועגן אַן אידעאַלער געזעלשאַפט אין סאָציאַלן זין פון וואָרט. אייניקע מחברים פון אוטאָפּיעס האָבן געשילדערט די דאָזיקע געזעלשאַפט ווי אַ דעמאָקראַטישע, אַנדערע ווי אַן אַנאַרכיסטישע און אייניקע אויך ווי אַ מאָנאַרכיסטישע, אָבער אַלע האָבן זי געשילדערט ווי אַ יושרדיקע און גלייכמאַכנדיקע. און די כוונה פון די מחברים איז בלי שום ספק געווען צו אַגיטירן פאַר אַזאַ געזעלשאַפט און זי פאַרשטעלן ווי דעם אידעאַל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. און די אוטאָפּיע אונטערשיידט זיך פון די געבאָטן פון די נביאים, אָדער פון די גריכישע פילאָזאָפן, אָדער פון די סאָציאַליסטן, דערמיט, וואָס די אַלע מאָנען, אַז מען זאָל מקיים זיין די מענטשלעכע פּאָסטולאַטן, בעת די אוטאָפּיעס שילדערן אַ געזעלשאַפט אין וועלכער די דאָזיקע פּאָסטולאַטן זענען שוין פאַרווירקלעכט.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אוטאָפּיסטן זענען נישט געבליבן בלויז ביים שרייבן. עס זענען דערנאָך געקומען אַזעלכע אוטאָפּיסטן, וואָס האָבן טאַקע געפּרוּווט ענדערן דיווירטשאַפט־סיסטעמען און שאַפן אַן אידעאַלע געזעלשאַפט. און קאַרל מאַרקס האָט זיי גערופן „אוטאָפּישע סאָציאַליסטן״.

און מען האָט אַ לאַנגע צייט נישט באַטראַכט אַלס אוטאָפּיעס ווערק, וואָס האָבן פאָרויסגעזאָגט די טעכנישע און מעכאַנישע צוקונפט. אפילו דאָס ווערק „אַ בליק אויף צוריק״ פון ג. אַמעריקאַנער שרייבער עדוואַרד בעלאַמי (1850—1898), וואָס שילדערט בעיקר די מאַשין־תקופה אין יאָר 2000 (אין יידיש הייסט עס „אין הונדערט יאָר אַרום״), האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט באַטראַכט ווי קיין אוטאָפּיש ווערק, כאָטש דעם מחברס סאָציאַליסטישע טענדענץ איז מער ווי

בולט און כאָטש ער זאָגט פאָרויס די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אָרדענונג אין דער צוקונפט. מען איז געווען גענייגט צו מיינען, אַז אויב אַ ווערק שילדערט נישט, אַז אין דער צוקונפט וועלן אָפּגעשאַפט ווערן, איז עס נישט קיין אוטאָפּיע. מיט דער צייט אָבער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אוטאָפּיע יעדער ווערק, וואָס שילדערט די צוקונפט ווי זי וואָלט שוין געווען קעגנוואַרט. אויך אַזעלכע ווערק, וואָס שילדערן ווייניק, אָדער גאָרנישט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אָרדענונג פון דער צוקונפט, נאָר בעיקר די דערגרייכונגען פון דער טעכניק, ווי די ווערק פון זשול ווערן (1828—1905), אָדער אַזעלכע, וואָס שילדערן נאַציאָנאַלע לעבן־פאָרמען אין דער צוקונפט, ווי אַלטניילאַנד פון ד״ר הערצל, אָדער „מסע לארץ ישראל בשנת ת״ת״ (אַ רייזע קיין ארץ ישראל אין יאָר ת״ת) פון העברעאיש יידישן שרייבער א. ל. לעווינסקי (1858—1910).

די דיקטאַטורן אין אונדזער צייט האָבן אַרויסגערופן אַ נייעם סאָרט אוטאָפּישע ווערק — איראָנישע. די דאָזיקע ווערק שילדערן מיט חוזק, אָבער אויך מיט שרעק די צוקונפט פון מענטשן, אונטער דיקטאַטאָרישער הערשאַפט; אין אייניקע פון זיי איז פאָרויסגעזאָגט דאָס אָפּווישן די גרעניץ צווישן דעם קאָמוניזם און פאַשיזם. סימנים פון דעם האָט מען געקאָנט זען אין דעם פאַקט, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט דער ערשטער אָנערקענט מוסאָלינים איטאַליע און היטלערס דייטשלאַנד. דער טרויעריק־באַרימטער סטאַלין־היטלער פאַקט פון 1939 איז שוין געווען מער ווי אַ סימן. און כאָטש עד־היום איז ביי קאָמוניסטן דאָס הויפּט זידל־וואָרט „פאַשיסט״ און ביי פאַשיסטן פאַרענטפערט מען אַלדאָס בייז מיט „קאָמוניזם״, פאַסירט שוין זייער אָפט, אַז קאָמוניזם און פאַשיזם גייען געאייניקט ווי אַ סיאַמער צווילינג.

וו. טשערנאָווועצקי איז אויסער אַ שרייבער, וואָס הערט זיך צו און קוקט זיך צו צו דעם, וואָס דאָס לעבן דערציילט, אויך אַ פּעליעטאָניסט (א״פ וועלוול טעפּליקער), וואָס קיבעצט, פאָלעמיזירט, זאָגט אַריין און קריטיקירט. ער איז אין יידישן ב. איירעס פאַרבליבן דער איינציקער שרייבער, וואָס איז נישט איינגעגאַנגען אויף דעם „בורג־פרידן״, אויף דעם צווישן פאַרטייאישן שלום, וואָס הערשט אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט. ער מאָנט מער פאָלקסטימלעכקייט און ווייניקער פאַרטייאישקייט. ער איז פאַר טראַדיציע און אין אַ געוויסער מאָס אויך פאַר רעליגיע, אָבער ער איז קעגן פאַנאַטיזם. און כאָטש ער האָט שוין אָפּגעפּראַוועט זיין ערשטע העלפט פון די הונדערט צוואַנציק יאָר, איז ער פאַרבליבן שטורמיש און עס איז ידו בכול ויד כול בו. און מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, אַז אין אַן אוטאָפּיע וועט ער זיך צום מערסטן אָפּגעבן מיט דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פערציק יאָר אַרום. אָבער עס איז נישט אַזוי. כאָטש דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס דער לייענער וועט לייענען אין אַט־דעם בוך,

איז געשריבן צום מערסטן פון דעם פּעליטעאַניסט טעפּליקער און צום ווינציקסטן פון רעאַליסטישן שרייבער טשערנאָוועצקי, גיט זיך דאָס אָבער אָפּ מיט דער וועלט־פּאָליטיק און מיט דער וועלט ביכלל. נישט מיט דעם ערדקויל, נאָר טאַקע מיט דעם גאַנצן קאָסמאָס. ער שילדערט מאַרסיאַנער (מענטשן), וואָס פירן קריג און פרידן מיט די מענטשן פון דער ערד און ליבעס מיט די טעכטער פון דער ערד. שוין אַליין צוליב די קלוגע און שיינע טעכטער פון דער ערד זענען די מאַרסיאַנער גרייט אויף שלום.

ס'איז נישט מיין אויפגאַבע אייך איבערצוגעבן, וואָס עס ווערט דערציילט און געשילדערט אין דעם דאָזיקן ווערק, וואָס איך שטעל דאָ פאָר. זאָגט מען דאָך, אַז ווען מען לייענט די הקדמה, לייענט מען נישט דאָס ווערק און פאַר־קערט. און איך וויל דאָך, אַז מען זאָל ביידע לייענען. כאָפּ איך נישט די פיש פאַר די נעץ און איך רעד בלויז וועגן כאַראַקטער פון טשערנאָוועצקיס בוך און נישט וועגן זיין אינהאַלט. דער כאַראַקטער איז אַן איראָנישער, די טענדענץ איז נישט בלויז אַ פּעסימיסטישע. דער מחבר זעט אין דער צוקונפט אי שלעכטע, אי שוידערלעכע זאַכן, אי אויך נישט שלעכטע זאַכן. און ער איז נישט אויסן צו וואָרענען, נאָר צו אַנווינקען, אַז דער מענטש איז נאָך נישט פאַרטיק מיט זיין גאַנג צום ריכטיקן לעבן און צום גליק. ער וועט נאָך דאַרפן אויפעסן אַ סך פּוד זאַלץ און שמעקן אַ סך פּולווער. און דאָס איבעריקע וועט איר, ליבע לייענער, זיך דערוויסן פון בוך. איר וועט דאָס איבערלייענען לייכט און מיט ה נ אָ ה, אַלצאיינס ווי איך האָב דאָס באַוויזן צו טון. און ווי ענדיקט מען אין אַזאַ פאַל:

„און איצטער לייענט ווייטער".

יעקב באַטאָשאַנסקי

אָנהויב אָקטאָבער פון יאָר 1999.

די גאַנצע וועלט גרייט זיך פייערלעך באַגעגענען דעם נייעם יאָר־הונדערט. אין די וויכטיקסטע שטעט פון דער ערדישער וועלט, גרייט מען צו פייערלעכע אַקטן. אין פּאַריז — די הויפּטשטאָט פון די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע; אין ירושלים — די הויפּטשטאָט פון די פּאַראייניקטע פעלקער פון מיטעלן מזרח; אין כאַרבין — די הויפּט־שטאָט פון די ווייט־מזרחדיקע פעלקער; אין יאָהאַנעסבורג — די הויפּט־שטאָט פון די אַפריקאַנער, יאַפּאַנעזישע און אויסטראַליער פעלקער; אין וואַשינגטאָן — די הויפּטשטאָט פון צפון און צענטראַל־אַמעריקאַנער פעלקער; און אין בוענאָס־איירעס — די הויפּטשטאָט פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער — אין אָט די אַלע שטעט ווערן צוגעגרייט גראַנדיעזע פייערלעכע אַקטן וואָס ווערן איינגעטיילט אין „פרידלעכע" און „מיליטערישע". די דאַטע פון באַגעגענען דעם נייעם יאָרהונדערט, ווערט אויסגענוצט פון דער „פּאַראייניקטער וועלט־רעגירונג", צו דעמאָנס־טרירן און נאָך מער באַפעסטיקן דעם ברודערלעכן בונד פון די פעלקער פון דער ערד און צו באַווייזן דעם מיליטערישן כוח פון די ערד־איינוואוינער און זייער גרייטקייט צו פאַרטיידיקן זיך...

דעם ערשטן יאַנואַר פון יאָר 2000, וועט אין ירושלים דערעפנט ווערן אַ קאָנגרעס פון פאָרשטייער פון אַלע פעלקער פון דער ערד. צום קאָנגרעס זענען אויך פאַרבעטן געוואָרן, און זיי האָבן שוין געמאָלדן זייער אָנשלוס, די פעלקער וואָס באַוואוינען דעם מערב־טייל פון דער לבנה, מיט וועמען די איינוואוינער פון דער ערד שטייען שוין אין אַ נאָענטן און פריינדלעכן קאָנטאַקט. עס ווערט אויך דערוואַרט אַ צאָל־רייכע דעלעגאַציע פון די איינוואוינער פון פּלאַנעט „מאַרס", וועלכע — אַגב, נישט אַזוינע פריינטלעכע מענטשן — האָבן אויך צוגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין די צוגעגרייטע פייערונגען וואָס די ערד־איינוואוינער גרייטן צו.

ראַדיאָגראַפֿישע און טעלעפֿאָנישע פֿאַרבינדונגען פֿון איין עק װעלט צו דער צװייטער, װערן טאָג־טעגלעך געפֿירט. מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן, קריגס־טעכניקער און „שלום־ספּעציאַליסטן". האַלטן אָפּ טאָג־טעגלעך קאָנפֿערענצן װעגן דעם אופֿן, װי אַזױ צו פֿייערן די ימים־טובֿים, און דער עיקר — װי אַזױ צו מאַכן עס אַזױ, אַז עס זאָל איבערלאָזן דעם גרעסטן אײַנדרוק אויף די געסט פֿון די אַנדערע פּלאַנעטן. אין דער זעלבער צײַט, אַרבעטן זייער אָנגעשטרענגט די אָרגאַניזירער פֿון װעלט־קאָנגרעס. עס איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז קיין שום פֿאָלק פֿון ערד־קוגל זאָל נישט פֿעלן אויפֿן קאָנגרעס.

אַ שװערע אויפֿגאַבע האָבן די „קריגס־טעכניקער", און זייער ספּעציעלער קאָמיטעט װאָס איז צוליב דעם געשאַפֿן געװאָרן. אויף זיי האָט מען אַרויפֿגעלייגט די װיכטיקסטע אויפֿגאַבע: אי איבעראַשן די מאַרסיאַנער מיט די נייעסטע און שרעקלעכסטע מלחמה־מכשירים, אי אויסהיטן און אײַנהיטן, אַז די מאַרסיאַנער זאָלן נישט געװאויר װערן קיין שום סוד, װי אַזױ די אַלע „שטראַלן" און באָמבעס װערן אויסגעאַרבעט, צוגעגרייט און אַרויסגעשיקט.

מען האָט געװאוסט גענוי, אַז די מאַרסיאַנער האָבן אויף דער ערד אָן אַ שיעור שפּיאָנען. מען האָט אַפֿילו געהאַט אַ גרויסע ליסטע מיט נעמען פֿון די גרעסטע מאַרסיאַנישע פּערזענלעכקייטן װאָס זענען געשיקט געװאָרן אויף דער ערד מיטן ציל פֿון שפּיאָנאַזש. ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג האָט זיך אַ מאַרסיאַנער, װאָס איז געװען אַ שעף פֿון די טיר־היטער (פֿאַרטעראַ) אין מאָסקװער אוניװערזיטעט, זיך „גענומען דאָס לעבן", װען מען האָט אים געפּאַקט ביי דער האַנט מיט שפּיאָנאַזש־אַרבעט. נאָך אַ שטרענגער און געהיימער אונטערזוכונג, איז פֿעסטגעשטעלט געװאָרן, אַז דער דאָזיקער „טיר־היטער" איז געװען אַ גרויסער פֿאָרשער און װיסנשאַפֿטמאַן פֿון דעם גרעסטן לערן־אַנשטאַלט פֿון מאַרסיאַנער הויפּטשטאָט, און ער איז געשיקט געװאָרן פֿון מיליטערישן הויפּט־שטאַב פֿון די מאַרסיאַנער פֿאַר שפּיאָנאַזש־אַרבעט אין ערדישן אוניװערזיטעט. ער האָט געטון זייער קלוג זיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט. ער האָט בלויז נישט געװאוסט, אַז איינער פֿון זיינע געהילפֿן, איז אויך אַ װיכטיקער שפּיאָן פֿון דער „ערדישער" רעגירונג, װעלכער האַלט אויף אים אָן אויג. און אָט דער געהילף האָט טאַקע צעװויסן געגעבן װען און װאו זיין מאַרסיאַנער שעף אַנטװיקלט זיין טעטיקייט.

פֿאַרן נעמען זיך דאָס לעבן, האָט דער מאַרסיאַנער שפּיאָן אָנגעשריבן אַ בריװ צו זיין „עלטסטן" פֿון מאָסקװער ביוראָ. די בריװ האָט

ער אַרויסגעשיקט מיט זיין געהילף, וועלכער האָט זי פריער איבערגע־לייענט און אָפּפאָטאָגראַפירט און זי אָפּגעגעבן. ווען ער איז צוריקגעקו־מען אויף זיין פּאָסטן, האָט ער שוין געטראָפן זיין שעף אַ טויטן, דורך איינגעמען אַ „געשמאַקן" סם.

אין אָט דער שטימונג האָט זיך די ערד־וועלט אָנגעהויבן גרייטן צו באַגעגענען דאָס נייע יאָר און דעם נייעם יאָרהונדערט. עס איז גע־ווען יעדערנס מיינונג, אַז מען דאַרף זיך ריכטן אויף אַן איבערפאַל פון די מאַרסיאַנער. מען האָט אַפילו געהאַט אַ געשלאָסענעם מיליטערישן בונד מיט די פעלקער פון דער לבנה, וועלכע האָבן זיך פאַרפליכטעט אונדז צו קומען צו הילף ביי אַזאַ אָנפאַל. אָבער, די ערד־איינוואוינער האָבן שוין געוואוסט, אַז די מיליטערישע מאַכט פון די לבנה־פעלקער איז זייער אַ באַגרענעצטע און מען קאָן זיך אויף זיי נישט פאַרלאָזן.

ביים הערי הערי קוק אין שטוב, איז היינט באַזונדערס פריילעך. די פאַמיליע קוק קלייבט זיך צו פייערן דעם הונדערט־יאָריקן געבורטסטאָג פון זייער עלטער־זיידן; פאַר איין וועגס, וועלן זיי שוין אויך פייערן דעם אַכציק־יאָריקן דאַטום פון דעם זיידנס און באָבעס חתונה־טאָג.

עס איז אָוונט־צייט. אין אַ העל־באַלויכטענעם צימער, אַרום אַ קייַלעכדיקן טיש, זיצט הינעם — דאָס עלטסטע טעכטערל פון דער פאַמיליע קוק — און גרייט צו אירע אויפגאַבן, וואָס די לערערין האָט איר געגעבן אין שולע. הינעם איז נאָך נישט אַלט קיין פופצן יאָר. איר אויסזען איז אָבער פון אַ פריילין פון אַ יאָר צוואַנציק. זי איז הויך, שיין, פולברוסטיק און פיזיש אַנטוויקלט אַלס פרוי. זי זיצט פאַרטראַכט, פאַרצייכנט אויף פאַפיר און טראַכט; פאַרצייכנט און טראַכט.

אַנטקעגן איר זיצט די קוזינע אסתר, אַ יינגערע פון איר מיט אַ יאָר. זי איז געקומען היינט — פונקט ווי זי טוט עס אַלע טאָג — אַז איר קוזינע און חברטע, זאָל איר העלפן מאַכן אירע אויפגאַבן פון איר שולע. הינעם קאָן זיך אָבער, היינט, מיט איר ניט אָפּגעבן. זי דאַרף צוגרייטן אַ שווערע קאָמפּאָזיציע וואָס די לערערקע האָט איר פאַרגעבן. חוץ דעם, איז מאָרגן איר ריי צו האַלטן אַ רעדע פאַר די איבעריקע קינדער פון איר קלאַס. די טעמע אויף וועלכע זי דאַרף רעדן, איז:

„די ברכה און די קללה וואָס דאָס וואַסער האָט געבראַכט פאַר דער מענטשהייט אין משך פון הונדערטער יאָרן, ביז אונדזער „שטראַל־ערא".

אָט אויף אָט דער דאָזיקער קאָמפּאָזיציע ברעכט זיך איצט הינעם אַזוי דעם קאָפּ, און וויפל פאַרצייכענונגען זי מאַכט, קומט ביי איר נישט אַרויס קלאָר די גאַנצע טעמע.

יאָ! עפּעס געדענקט זי, אַז די לערערקע האָט דערציילט אין קלאַס, אַז אַמאָל, אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, איז געווען אַ מבול אויף דער וועלט, וואָס האָט פאַרטרינקען די גאַנצע וועלט. זי געדענקט ווי די לערערין האָט זיי דערציילט, אַז מיט יאָרן צוריק, זענען אויף דער ערד

געוועזן געגנטן וואו עס האָט געדעגנט וואָכן און חדשים. זי געדענקט אויך, אַז די לערערין האָט זיי דערציילט, אַז עס זענען געווען געגנטן אויף דער ערד, וואָס... עס איז דאָרט קיינמאָל קיין רעגן נישט געגאַנגען און, אַז מען איז דאָרט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, איז מען געשטאָרבן פאַר דורשט...

הינעם פלעגט אָט די דערציילונגען פון דער לערערקע, אויפנעמען ווי שיינע מעשהלעך. גיי, ווייס, אַז עס וועט קומען ענדע שול-יאָר, און זי וועט דאַרפן וועגן דעם האַלטן די עקזאַמען-רעדע פאַר די איבעריקע שילער און שילערינס, און איר, הינעסן, וועט עס טרעפן דער גורל צו ריידן וועגן אָט דער „וואַסער-פראַגע".

הינעם הייבט אויף דעם קאָפּ און גיט אַ קוק אויף דער וואַנט, וואו אַן עלעקטראָנישער ווייזער —אריינגעמויערט אין דער וואַנט— ווייזט אָן די צייט. הינעם דערזעט די שעה און עס ווערט איר לייכטער. עס פעלט נאָך מער ווי אַ שעה ביז די מוטער וועט קומען פון איר באַשעפטיקונג. דער פאָטער קומט עטוואָס שפּעטער. ביז מאַמע-טאַטע וועלן קומען, וועט זי אפשר פאַרטיק ווערן מיט דער קאָמפּאָזיציע. ווען די מאַמע קומט אַהיים, מוז שוין אַלץ זיין פאַרטיק. זי הייבט ווידער אָן מאַכן פאַרצייכענונגען, און — צערייסט די שטיקלעך פּאַפּיר און וואַרפט זיי אַוועק! עפּעס קלעפּט זיך איר נישט.

דאָס ליכט אין צימער, וואו די קינדער זיצן, ווערט צוויי מאָל טונקל און ווידער ליכטיק!ביידע קינדער גיבן זיך אַ כאַפּ-אויף מיט פרייד:

— דער זיידע קומט! דער זיידע קומט!

די קינדער לייגן צונויף אויפן טיש זייערע שרייב-מכשירים, און לויפן צו דער טיר. אין אַ מינוט אַרום קומען זיי אַריין געאָרעמט מיטן זיידן!

דער עלטער-זיידע מיט דער עלטער-באָבען וואוינען דאָ נישט ווייט. זיי קומען צו זייערע קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך זייער אָפט, און יעדעס מאָל ווען זיי קומען —ספּעציעל ווען דער זיידע קומט— איז ביי די קינדער אַ פרייד! דער זיידע האָט זיי שטאַרק ליב, איז ער צו זיי נישט אַזוי שטרענג, ווי די עלטערן, און דער עיקר — דערציילט זיי אַזוינע שיינע מעשהלעך פון אַמאָל! דער זיידע פאַרזיכערט זיי, אַז דאָס אַלעס וואָס ער דערציילט זיי איז אמת; אַז ער אַליין האָט עס געזען; אַז ער אַליין האָט עס איבערגעלעבט. אָבער — עס איז זיי שווער צו גלויבן! אָט, למשל, האָט ער זיי אַנומלט דערציילט, אַז אַמאָל —מיט הונדערט יאָר צוריק— האָט די רייזע פון פּאַריז ביז בוענאָס-איירעס גע-

דויערט... דרייסיק טעג. נו, ווי קאָן עס זיין? איצט —אַזוי טענהט איין הינעם מיט איר קוזינקע אסתר— איצט, געדויערט אַזאַ רייזע אַכט מינוט! ווי זשע האָט אַמאָל געקאָנט געדויערן אַזוי לאַנג? ווי אַזוי זענען די מענטשן נישט געשטאָרבן פאַר לאַנגווייליקייט צו פאָרן דרייסיק טעג נאָכאַנאַנד!...

צי, למשל, דער זיידע דערציילט, אַז: אין מיטן דער גאַס און אַפילו אין די וויכטיקסטע גאַסן פון שטאָט, האָט מען געקאָנט טרעפן פאָרן אַ גרויסן קאַסטן —ער רופט עס „וואָגן”— איינגעשפּאַנט מיט עטלעכע אַזעלכע פיר־פיסיקע חיות, וואָס מען האָט גערופן „פערד”, און אַזוי זענען זיי געפאָרן און געפאָרן! אויפן קאַסטן האָט מען אַרויפגעלייגט שווערע משא און די דאָזיקע פערד האָבן געשלעפּט, און צוליב אָט דעם קאַסטן מיט די פערד האָט מען נישט געקאָנט דורכפאָרן די גאַס!... גיי פאַרשטיי אַזאַ זאַך! גיי, גלויב עס, ווען דו זעסט, אַז די טראַפיק פליט איבער די דעכער, אָדער אונטער דער ערד, און דאָך איז שווער דורכצוגיין די גאַס.

צי, למשל, דער זיידע דערציילט: אַז אַמאָל פלעגן שטאַרבן יונגע קינדער, אָדער יונגע מענטשן. וואָס־זשע? זענען טאַקע די מענטשן געווען אַזוי אומוויסנד בנוגע דער מעדיצין! ווי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז ווען אַ מענטש איז געוואָרן קראַנק, האָבן די מעדיקער נישט געקאָנט באַלד אויסגעפינען וואָס דעם קראַנקן איז, אָדער, וואָס פאַר אַ רעצעפּט מען דאַרף אים געבן אויף אויסצוהיילן און פאַרלענגערן זיינע לעבנס־יאָרן!

ניין! הינעם און אסתר, און אַלע אייניקלעך וואָס דער זיידע האָט געהאַט, האָבן געוואוסט, אַז דער זיידע דערציילט „נישט־געשטויגענע” זאַכן. אָבער, זיי האָבן אים ליב געהאַט, און נאָך מער האָבן זיי ליב געהאַט אויסצוהערן זיינע וואונדערלעכע „מעשיות פון אַמאָל”!

היינטיקע נאַכט, האָט דער זיידע זיי צוגעזאָגט צו דערציילן, ווי אַזוי מען האָט אַמאָל געגעסן אַ זאַך, וואָס האָט געהייסן — ברויט; ווי אַזוי מען האָט געמאַכט דאָס ברויט און וויפל מען האָט געהאָרעוועט, ביז מען האָט דערלעבט דאָס ברויט צו זען און עסן! די אייניקלעך וואָלטן זייער גערן נאָך אַמאָל אויסגעהערט אָט די שיינע געשיכטע מיטן ברויט, אָבער, הינעסן איז דער קאָפּ נישט דערביי. זי ציטערט פאָרן מאָרגנדיקן טאָג; זי דאַרף האַלטן אַ רעדע אויף אַ טעמע, וועלכע זי פאַרשטייט נישט.

דער זיידע דערקענט אין די אייניקלעך, אַז זיי זענען באַזאָרגט.

איין בליק פון זיידן — און זיי דערציילן אים באַלד אַלע זייערע סודות. זיי האָבן אים אַפילו דערציילט אַזאַ סוד, וואָס זייערע עלטערן האָבן נישט געוואָלט אַז דער זיידע זאָל עס וויסן, נעמלעך:

— דער פּאַפּאַ פליט מאָרגן אַרויס צו דער לבנה מיט אַ וויכטיקער מיסיע פונעם לאַנדשוץ־מיניסטעריום. פון דאָרט וועט ער אַפּפליען צום מאַרס — אויך וועגן אַ וויכטיקער קאָנפערענץ, און פון דאָרט וועט ער קומען אַהיים. ער וועט זיין אין וועג גאַנצע דריי טעג!

דער זיידע שאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז שוין געוואוינט, אַז קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך זאָלן אונטערנעמען אַזעלכע געפערלעכע און געוואַגטע פליצונגען. שטענדיק, ווען זיי פליען אַרויס, ציטערט אין אים זיין פאָטער־און־זיידע־האַרץ. ער איז נישט רואיק, ביז ער זעט זיי צוריק!

זיי, —די קינדער און אייניקלעך זיינע,— לאַכן פון זיין מורא; זיי זאָגן אים, אַז זיי פליען צו דער לבנה, אָדער צום מאַרס מיט ווייניקער ריזיקע פאַרן לעבן, ווי מען איז אַמאָל געפאָרן אויף אַ באַן מיט אַ לאָקאָ־מאָטיוו. ער, דער זיידע, פאַרשטייט עס אויך. ער האָט שוין אַפילו נישט איינמאָל געזען, ווי מען זעצט זיך אַרמן אין אַ „ראָבאָט"־מאַשין, מען פאַר־מאַכט אים הערמעטיש אינעווייניק, מען גיט אַ קוועטש אינעווייניק אַ קנעפּל — און אין ווייניקער צייט ווי אַ פינטל מיטן אויג איז שוין דער „פלי־וואָגן" נישטאָ!

ער איז איינמאָל געגאַנגען באַגלייטן זיין אייניקל צום פלי־פלאַץ, ווען ער איז אָפּגעפלויגן צו דער לבנה. שטענדיק, ווען דער זון, אָדער דאָס אייניקל פליען ערגעץ ווייט, ווייט, צום מאַרס, אָדער צו דער לבנה, און זיי פליען אַליין, אָדער מיט בלויז צוויי, אָדער דריי פּאַסאַזשירן, — פליען זיי אָפּ פון דאַך פון דער שטוב, וואו עס שטייט שטענדיק גרייט אַ קליינער „באָם־פליי". הייניטיקס מאָל איז מען אָפּגעפלויגן פון אַ ספּעציעלן „פלי־פלאַץ", ווייל אין זייער אַעראָפּלאַן זענען זיי געווען הונדערט פּאַסאַזשירן. עס איז געווען אַ ספּעציעלע און וויכטיקע מיסיע צו דער לבנה. ווען דער זיידע איז געקומען צוריק אַהיים, האָט שוין זיין אייניקל גערעדט צו אים דורכן ראַדיאָ־טעלעפאָן פון דער לבנה און זיך געחכמהט מיט אים, אַז ער וואַרט די גאַנצע צייט ביים אַפּאַראַט, און דער זיידע איז נאָך אַלץ נישט געקומען פון פלי־פלאַץ...

הינעם קאָן נישט ביישטיין דעם זיידנס בליק. ער פאַרשטייט, דער אַלטער, אַז עפּעס איז זי אומרואיק. פרעגט ער זי, וואָס פעלט איר? זי דערציילט אים איר פּראָבלעם:

זי דאַרף האַלטן אַ לעקציע וועגן דער „ברכה און קללה פון וואַסער". זי פאַרשטייט אָבער נישט, ווי אַזוי האָט וואַסער אַמאָל געקאָנט זיין אַ קללה? וואַסער איז דאָך דער בעסטער מינעראַל, פון וועלכן מען ציט אַרויס אַזויפיל קעגנשטאַנדן וואָס עס נוצן אַלע וועלטן, טאָ ווי זשע קאָן מען ריידן וועגן אַ קללה פון וואַסער?

חוץ דעם, פאַרשטייט נישט הינעסיטאַ, ווי אַזוי קאָן מען ריידן פון וואַסער ווי וועגן אַ קללה, אַז אַ דאַנק דאָס וואַסער האָבן מיר דאָך ליכט און פייער; אַ דאַנק וואַסער האָבן מיר וואַרעמקייט אין שטוב, ווען אין דרויסן איז קאַלט. זינט מען האָט אויסגעפונען אַז וואַסער קאָן אויך... ברענען — אויב מען טוט אַריין אין דעם אַביסעלע פונעם מינעראַל „בעז-טום", האָבן מיר דאָך אַזוי ביליק און וויפל מיר ווילן וואַרעמקייט אין אונדזערע הייזער, און אַפילו פייער אין די גרויסע פאַבריקן און אונטער-נעמונגען, וואָס שיקן אונדז אַריין אין שטוב די וואַרעמקייט-שטראָמען.

ערשט נעכטן האָט זי געהערט אַ לעקציע פון אַ לערער פון פיזיק, אַז ווען מען זאָל נישט האָבן דערפינדן ווי אַזוי צו מאַכן פון וואַסער... פייער, און צוליב דעם וואָס די נאַפט-קוואַלן האָבן זיך אויסגעשעפּט — וואָלט די ערד געוואָרן געליטן אַ גרויסן קריזיס אין ברענשטאָף. בלויז אַ דאַנק — פריער די זון און די אַטאָם-שטראַלן, און דערנאָך דאָס וואַסער, וועלכן מען קען פאַרוואַנדלען אין פייער — האָט מען געקענט אויף אַ לייכטן און ביליקן אופן לייזן אָט דעם פּראָבלעם.

וואָס זשע פאַר אַ „קללה" קען זיין פון וואַסער?...

דער זיידע רוקט זיך צו צו די קינדער, גיט זיי יעדן איינעם באַזונ-דער אַ גלעט איבערן קעפּל, און רופט זיך אָן:

— נו, טייערע, נישט געזאָרגט! איך וועל דיר העלפן אין דיין לעק-

ציע. איך וועל דיר דערציילן, וואָס דאָס וואַסער איז געווען אַמאָל, ווענסטו פאַרשטיין, אַז וואַסער איז אַמאָל אויך געווען אַ קללה.

מיט יאָרן און יאָרן צוריק, קינד מיינס, איידער די וועלט האָט גע־וואוסט פון אַטאָמישער קראַפט; איידער דער מענטש האָט איינגעשפּאַנט די נאַטור און טוט מיט איר וואָס ער וויל; אַמאָל, אין יענע יאָרן, איז דער ענין וואַסער געווען אי אַ ברכה אי אַ קללה פאַר דער מענטשהייט. געווען ערטער, וואָס האָבן געפּוסטעוועט טויזנטער יאָרן און קיין גרעז־זעלע איז דאָרט נישט געוואַקסן, און קיין שום מענטשלעכער ישוב איז דאָרט נישט געווען. עס זענען אויך געווען אַנדערע ערטער, וואו עס האָט געהאַלטן אין איין רעגענען גאַנצע וואָכן און חדשים, און דער מענטש האָט די רעגנס נישט געקאָנט אָפּשטעלן.

דאָס איז וועגן רעגן.

נישט בעסער איז געווען מיט די טייכן און ימים.

געווען גרויסע טייכן, וואָס ווינטן האָבן אָנגעבלאָזן אויף זיי און זיי זענען אַרויס פון זייערע ברעגן און געבראַכט שאָדן און פאַרוויסטונג, שרעק און טויט אויף מענטשן און אויף בהמות, און דער מענטש איז גע־ווען היפלאָז זיי צוריקצוטרייבן אין זייערע גבולן אַריין.

— צי, למשל, ווען אַ שיף פלעגט שווימען אויפן וואַסער, — דע־מאָלט, אין יענע יאָרן — האָט מען גענוצט אַזאַ פליסיקייט, וואָס האָט געהייסן „אויל", אָדער „קוילן", און דערמיט, מיט אָט דעם ברענשטאָף האָט מען געטריבן די שיפן, וועלכע פלעגן פאָרן זייער לאַנגזאַם, און אַ רייזע אין זיי האָט טאַקע געדויערט וואָכן און חדשים.

— האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַן אומגליק מיט אַ שיף, זי האָט גע־ליטן אַ דעספּערפעקט און איז אונטערגעגאַנגען, און עס פלעגט געשען, אַז אַ טייל פון די רייזנדיקע האָבן זיך געראַטעוועט אויף קליינע שיפע־לעך, וואָס פלעגן זיין צוגעטשעפּעט צו יעדער שיף. נו, פלעגט טרעפן, אַז די געראַטעוועטע אויפן קליינעם שיפל האָבן אין איילעניש נישט מיט־גענומען מיט זיך גענוג עסן און וואַסער צום טרינקען. טרינקען ים־וואַ־סער האָבן זיי דאָך נישט געקאָנט, ווייל זי איז שטאַרק געזאַלצן, פלעגט זייער אַ סך מאָל פּאַסירן, אַז די געראַטעוועטע פון אַ שיפבראָך זענען גע־שטאָרבן פון דאָרשט, פונקט דאַן ווען זיי זענען געשוואומען אין וואַסער, אין אַזוי פיל וואַסער.

— פאַרשטייט זיך, אַז היינט, קאָנט איר, קינדער, עס נישט פאַר־שטיין; היינט, אין אַ צייט ווען אַ גרופּע פאַרמערס באַשליסן, אַז זיי דאַרפן האָבן רעגנס פאַר זייערע פעלדער, גייען זיי אַרויס אין דרויסן,

שטעלן אַוועק אַן אַפּאַראַט קעגן הימל, ווערט אַ וואָלקן, און עס הייבט אָן גיסן אַ רעגן, אַזוי לאַנג ווי דער אַפּאַראַט שטייט אין דרויסן; היינט, ווען די שטאַט-פאַרוואַלטונג נוצט נישט קיין מענטשן צו באַגיסן די גאַסן מיט נאַטירלעכן וואַסער, וואָס מען פלעגט פירן אין אַזעלכע טאַנקען. נאָר פאַרטאָג רופט מען אַרויס אַ רעגן און מען שווענקט אָפּ די גאַסן מיט הימלישע וואַסערן; היינט, ווען מען טוט אַריין אַ פּיל „דאָבעל-עקים" אין אַ באַסיין מיט געזאַלצענעם וואַסער, ווערט דאָס וואַסער זיס און גוט צום טרינקען, און לסוף — היינט, ווען מען לאָזט אַראָפּ אַן אַטאָמישע באָמבע איבער אַ טייך, איבער אַ פאַרפּלייצונג — ווערט דאָס וואַסער איינגעשרומפּן; היינט, ווען דער מענטש דאָמינירט אַזוי די נאַטור, און ספּעציעל דאָס וואַסער — איז דאָס וואַסער בלויז אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט.

דער זיידע רוקט זיך צו נאָענטער צו הינעסן, און זאָגט איר שמייכלענדיק שטיל אויפן אויער:

— נישקשה, מאָרגן, אַז דו וועסט האַלטן דיין רעדע אין דער שולע, זאָלסטו דערציילן, ווי אַזוי דאָס וואַסער איז אויך געווען אַ קללה אַלע יאָרן, ביז מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט דער לבנה, און ביי די מענטשן פון דער לבנה אויסגעפונען די מיטלען ווי אַזוי צו באַהערשן דאָס וואַסער. זיי, די לבנה-מענטשן, זענען געווען פּראַקטישער פון אונדז; זיי האָבן אַלע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ שטודירט און געפאָרשט, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן און פאַרלייכטערן, און טאַקע פאַרלענגערן זייער לעבן, בעת מיר, דאָ אויף דער ערד, האָבן שטענדיק בלויז שטודירט און געקלערט, ווי אַזוי זיך צו פאַרניכטן איינעם דעם אַנדערן. אָבער, דאָס, קינדערלעך, וועלן מיר רעדן אַ צווייטן מאָל. אַזוי ווי איך פיל מיך הונגעריק — אפשר וואָלט געווען אַ סברא, אַז איך זאָל עפּעס איבערכאַפּן ביז פּאַ און מאַ וועלן אַהיימקומען.

הינעס גיט זיך אַ כאַפּ-אויף, נעמט אַרום דעם זיידנס קאָפּ און פרעסט דאָרט אָפּ אַ קוש. אסתר, גייט אויך צו צום אַלטן און קושט אים אין די באַקן. הינעס נעמט אַרום דעם זיידנס האַלדז, דריקט אים צו זיך, און שפּילנדיק זיך מיט די עטלעכע האָר פון זיידנס קאָפּ, פרעגט זי אים שמייכלענדיק:

— אויב דו ווילסט וואַרטן אויף פּאַ'ס און מאַ'ס קומען, כדי צו עסן צוזאַמען, וועל איך דיר געבן אַ לייכטע זאַך בלויז אויף איבערצוכאַפּן; אויב, אָבער, דו ווילסט אָפּעסן צו-זאַט — וועל איך דיר געבן אַ פול-שטענדיקע וועטשערע!

דער זיידע שמייכלט אונטער און גיט דערביי א קרעכץ:

— מ'שטיינס געזאָגט: די „זאַטע" מאכלים אייערע!...

אמאָל —ווייסט ער— האָט ער מיט דער אַלטימשקער זיינער אָפּ-געגעסן אַ גוטן זופּ, אַ שטיק פיש, אַ גרויס שטיק פלייש, אָדער אַ „פּער-טל" עוף און פאַרביסן מיט אַ קאָמפּאָט-צימעס; היינט, האָדעוועט מען אים מיט אַזעלכע „פילן", וואָס האָבן —אַזוי זאָגן זיי— אַלע טעמים פון יענע מאכלים, נאָר אַנשטאָט אַ יויך מיט רייז, רופן זיי עס „וויטאַמינען" און האָבן די מאכלים באַצייכנט מיט... נומערן...

ער ווייסט, דער זיידע, אַז ער וועט זיך הייסן געבן אַ שטיקעלע הע-רינג, וועט דאָס אייניקל נישט וויסן וואָס ער וויל. יאָ, ער וועט זיך מיט איר אַ שפיל טון, —און אַזוי ריידנדיק צו זיך—, רופט ער זיך אָן צו הינעסן:

— דו ווייסט, קינד, איך וואָלט איצט געגעסן אַ גוט שטיקעלע הע-רינג! אויב ס'איז דאָ אַ געמאַרינירטס — איז נאָך בעסער...

דער זיידע איז געווען זיכער, אַז זיין אייניקל וועט אויסשטעלן אויף אים אַ פּאָר אויגן און וועט נישט וויסן וואָס ער וויל. געשען איז אָבער עפּעס אַנדערש.

הינעס גייט-צו צו דער וואַנט, גיט אַ קוועטש אין דער זייט אַ וויים קנעפּעלע און עס רוקט זיך אָפּ אַ טיר. די וואַנט-טיר איז אַזאַ מין שאַפע, אַנגעשטעלט מיט אַ סך קעסטעלעך. הינעס גיט אַ קוק-איבער די קעס-טעלעך, נעמט אַרויס איינס פון זיי, עפנט עס אויף און נעמט פון דאָרט אַרויס עטלעכע קליינע פילעכלעך. פון דער זעלבער זייט שאַפע נעמט הינעס אַרויס אַ פּלאַסטיש שאָלעכל, לייגט אַהין אַריין די פילן און דער-לאַנגט זיי דעם זיידן.

דער זיידע באַטראַכט די פילן און וויל עפּעס פרעגן, אָבער הינעס איז שוין ווידער ביי דער שאַפע. זי נעמט אַרויס אַ צווייט קעסטעלע מיט פילן, דערלאַנגט זיי דעם זיידן, און גלעטנדיק זיין קאָפּ, זאָגט זי אים:

— ביי אייך, —ווי זאָגסטו, זיידע— אַמאָל, אַמאָל, האָט איר צו יעדן מאכל געגעסן ברויט. אַמאָל, האָט איר זיך מיטן ברויט אָנגעגעסן מער ווי מיטן מאכל. איצט, זיידעניו, עסט מען ביי אונדז אַזאַ וויטאַמין, וואָס פאַרבייט אייער ברויט. עס האָט אָבער דעם זעלבן טעם, פונקט ווי אָט די פיל 14 X פאַרבייט דעם הערינג. פאַרזוך, זיידעניו, וועסטו זיך איבער-צייגן אַז די פיל האָט דעם זעלבן טעם וואָס אייער אַמאָליקער גוטער הע-רינג. די פיל איז נאָך בעסער און היגיענישער און האָט מער וויטאַמינען ווי דער אַמאָליקער —אָפּט, אָפּט— פאַרפוילטער הערינג...

— וואָס יאָ, —זעצט פּאָר הינעס, נעמט אַרום דעם זיידנס האַלדז און שפּילט זיך מיט זיינע באַקן,— וואָס יאָ, אַט דעם הערינג עסט מען נישט מיט קיין מעסער־גאָפּל, ווי איר פלעגט עסן, און ווי אַזוי האָסטו געזאָגט, זיידעניו: די באָבע האָט אַ העלפט פון איר צייט אָפּגעגעבן צו קאָכן דאָס עסן און וואַשן די עס־כלים; איצט, —צו אַט די פילן— דאַרף מען נישט קיין קיך און מען דאַרף נישט קיין כלים צו זיי!...

דאָס הויז פון שוץ־מיניסטער פון די „פּאַראייניקטע זיד־אַמעריקאַנער שטאַטן" איז באַלויכטן טונקל. שווערע פאָרהאַנגען הענגען איבער יעדער טיר און פענצטער און פאַרהיטן, אַז דאָס ליכט פון דעם גרויסן זאַל זאָל נישט אַרויסשלאָגן אין דרויסן.

היינט ביינאַכט קומט דאָ פאָר אַ וויכטיקע באַראַטונג פון די שוץ־מיניסטאָרן פונעם גאַנצן קאָנטינענט. עס זענען אויך איינגעלאַדן געוואָרן פאָרשטייער פון שטאַטן פון די צפון־רעפּובליקן און אויך פון אייראָפּע און אַזיע.

די באַראַטונג איז אַ שטרענג־געהיימע. עס ווערן צו איר צוגעלאָזט יעניקע, וועלכע האָבן אַ דירעקטן שייכות צו איר און זייערע נאָענטע אַרויסהעלפער און עצה־געבער. ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון זאַל, מוז יעדער איינער באַווייזן זיינע קרעדענציאַלן, און חוץ דעם, דאַרף ער שווערן, אַז דאָס וואָס ער וועט זען, הערן, אָדער רעדן — מוז בלייבן בסוד.

פאַראַן צוויי מאָטיוון פאַר אָט דער פאַרזיכטיקער האַנדלונג פון די אָרגאַניזירער פון דער באַראַטונג: 1) די מורא פאַר שפּיאָנאַזש, און 2) נישט וועלן איבערשרעקן די בירגער פון די לענדער פון דער ערד.

צו דער באַשטימטער מינוט זענען אַלע דעלעגאַטן שוין געזעסן אויף זייערע פּלעצער, און דער הויפּט־שוץ־מיניסטער פון די דרום־רעפּובליקן פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, עפנט די באַראַטונג מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— ברידער דעלעגאַטן פון אַלע וועלטטיילן פון דער ערד: פאַר אַלעם וועל איך אייך אינפאָרמירן, אַז אין זאַל געפינען זיך 350 דעלעגאַטן פון אַלע רעפּובליקן פון דער ערד. עס פעלט נישט קיין איין שטאַט, קיין איין לאַנד, ווי גרויס אָדער קליין עס זאָל נישט זיין. דאָס וויל זאָגן, אַז יעדע רעגירונג און יעדעס פאָלק פון דער ערד ווייסט און פאַרשטייט די וויכטיקייט פון דער היינטיקער באַראַטונג.

ווי איר ווייסט, מן הסתם, שטייען מיר אין נאָענטע קאָמערציעלע און קולטורעלע באַציאונגען מיט די איינוואוינער פון די אויסער־ערד־פּלאַנעטן, איך מיין די ביז איצט אַנטדעקטע פאַר אונדז — די איינוואוי־נער פון דער לבנה און פון „מאַרס”.

זיינט די לעצטע דריי צענדליק יאָר וואָס מיר קענען זיך מיט די פעל־קער פון די אויבנדערמאָנטע פּלאַנעטן, האָבן מיר זיך נישט געהאַט וואָס צו קלאָגן אויף זיי און אַוודאי נישט געהאַט קיין מאָטיוון חושד צו זיין זיי אין עפּעס. ספּעציעל דאַרפן מיר זיין שטאַרק צופרידן מיט אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די פעלקער פון דער לבנה, וועלכע זענען הויך קול־טורעלע און האָבן אַנטדעקט פאַר אונדז זייער אַ סך סודות פון דער נאַ־טור און אונדז אויסגעלערנט ווי זיך צו באַנוצן מיט זיי.

מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די לבנה־פעלקער זייער לערע, ווי אַזוי אויסצונוצן די זונשטראַלן אויף צו טרייבן אונדזערע פאַבריקן, אונדזערע פלי־אַפּאַראַטן, אונדזערע שיפן און דער עיקר — דאָס פאַרלענגערן די יאָרן פון אונדזער לעבן! דאָס אַלץ האָבן אונדז די לבנה־מענטשן אויס־געלערנט באַלד ווי מיר זענען געקומען מיט זיי אין קאָנטאַקט; באַלד ווי מיר האָבן זיך מיט זיי באַפריינדעט.

מיט די פעלקער פון מאַרס־פּלאַנעט, איז אונדז שוין אויסגעקומען שווערלעך זיך צוזאַמענצולעבן. צום באַדויערן, זענען זיי פאַרשידן פון די פעלקער פון דער לבנה; זיי זענען ווייניקער קולטורעל, און —אויב מ׳מעג זיך אויסדריקן— היפּש ווילד און נאָך מער קריגעריש געשטימט. אמת, זיי לעבן אין זייער שווערע באַדינגונגען. עס פעלט זיי רוים — דאָס וואָס מיר רופן אָן— ערד! זייער באַפעלקערונג לעבט זייער לאַנג און מערט זיך שטאַרק. אין אַ פּאָר הונדערט יאָר אַרום וועט זיי זיין אוממעגלעך זיך צו באַוועגן און דערפאַר אפשר, טראַכטן זיי פון באַזיגן אַ צווייטן פּלאַנעט און אַריבערפירן אַהין זייער איבעריקע באַפעלקע־רונג...

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, קאָלעגן, האָבן מיר אַ חשד, אַז זייער ציל איז — אונדזער ערד! אונדזער חשד איז באַזירט אויף געוויסע סימנים, און דאָס איז דער מאָטיוו פאַרוואָס מיר קומען זיך איצט צונויף, און מיר וועלן דאַרפן באַטראַכטן די מיטלען, ווי אַזוי צו באַוואָרענען אונדזער זיכערקייט.

דער הויפּט־שוץ־מיניסטער בלייבט שטיל. זיינע רייד האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם אויף אַלע ביירועזנדיקע, וועלכע זענען דערשיטערט געוואָרן פון אָט דער נייעס. אייניקע שושקען זיך. אַנדערע ווישן זיך דעם

קאַלטן שוויים, וואָס עס האָט ביי זיי אויסגעשלאָגן. פאַראַן צווישן די ביי-הערזנדיקע עלטערע מענטשן, וועלכע געדענקען די פאַריקע ערדישע מלח-מות, ספּעציעל די דריטע וועלט-מלחמה... און אַ שוידער גייט אַריבער איבער זייער לייב.

עס בעט אַ וואָרט איינער פון די שוץ-מיניסטאָרן פון די אייראָפּעאי-שע פאַראייניקטע שטאַטן, און פרעגט:

— איז פאַראַן וועלכער ס'איז אַנווייז. אויף וועלכן טייל פון דער וועלט די „מאַרסיאַנער" וועלן אָנהייבן אַטאַקירן?

פּראָפעסאָר גאַרסיאַ קאָרדאָבאַ, שוץ-מיניסטער פון די זיד-אַמעריקאַ-נער פאַראייניקטע שטאַטן, הייבט זיך אויף און ענטפערט:

— לויט ווי מיר דענקען און לויט ווי אונדזער אינפאָרמאַציע-ביוראָ מעלדעט אונדז, האָבן זיי בדעה דאָס ערשטע צו אַטאַקירן איינעם פון די צוויי קאָנטינענטן: דעם אַמעריקאַנער, אָדער דעם מזרח-אייראָפּעאישן. אין אָט דיביידע קאָנטינענטן איז פאַראַן גענוג ליידיק ערד צו קאָנען באַ-זעצן עטלעכע הונדערט מיליאָן איינוואוינער. האָבנדיק אין זייערע הענט אָט די טייל ערד, וועט זיי שוין זיין לייכטער צו באַזיגן די איבעריקע ערד-טיילן און פאַרשקלאַפן די איינוואוינער.

— פאַרשקלאַפן?

— יאָ, פאַרשקלאַפן! עס איז אַפילו אַן אַבסורד. אָבער ס'איז אַ פאַקט! אין דעם איינציקן טייל פון אַלע אַנטדעקטע וועלטן אונטער דער זון, איז אויפן „מאַרס" דאָס איינציקע פּלאַץ וואו ס'עקזיסטירט שקלאַפנ-טום. די אינטעליגענץ פון די מאַרסיאַנער פעלקער איז אַנטוויקלט ביזן העכסטן גראַד; זי דערגייט אָבער נישט צו פאַרשטיין, אַז פאַרשקלאַפן אַ צווייט פאָלק איז עקלהאַפט. ביי זיי, באַזיגט דער שטאַרקער שכן דעם שוואַכערן, און... מאַכט אים פאַר זיין שקלאַף.

— צי ווייסן עפּעס דערפון די לבנה-איינוואוינער?

— די לבנה-מענטשן זענען געווען די ערשטע דערפון געוואויר צו ווערן. אַ סברא, אַז די „מאַרסיאַנער" האָבן זיך דאָס ערשטע געווענדט צו זיי און געוואָלט שליסן אַ בונד מיט די לבנה-רעגירונגען קעגן אונדז — די ערד-איינוואוינער. די „מאַרסיאַנער" האָבן צוגעזאָגט די לבנה-מענטשן קאָנ-צעסיעס אויף דער ערד, אַ סך לענדער אונדזערע, וואו די לבנה-מענטשן וועלן קענען עקספּלואַטירן. צוליב פאַרזיכטיקייט, און כדי אונדז צו געבן צייט זיך ווי געהעריק צוצוגרייטן, האָבן די לבנה-רעגירונגען נישט געגעבן די „מאַרסיאַנער" קיין נעגאַטיוון ענטפער!... דאָס איז איינע פון די אינ-פאָרמאַציעס וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן די פּלענער פון די „מאַרסיאַנער"...

ניקאָלאַס ברוס, האָט היינט זייער אַ שלעכטן פרימאָרגן. ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ קאַפּריזניק און וויפל מיטלען ער האָט נישט אָנגענומען, טוט אים דער קאָפּ אַלץ שטאַרקער וויי, און ער קאָן פון בעט נישט אויפשטיין. ער ליגט אין בעט, קוקט אויף דער סטעליע און פּרוּווט זיך דערמאָנען, וואָס ס'איז מיט אים נעכטן געשען.

אַך, יאָ! ער דערמאָנט זיך שוין. נעכטן האָט ער געהאַט זייער אַן אויפגעלייגטן טאָג; נעכטן איז ער געווען צו גאַסט ביי זיין געליבט מיידל, ביי הינעסן, און מיט איר פאַרבראַכט אַ שעה צייט. ער האָט איר פאָרגעשטעלט זיין נייעם חבר — אַן איינוואוינער פון „מאַרס״ —, וועלכער רעדט שוין זייער גוט די עספּעראַנטאָ-שפּראַך און מען קען זיך שוין מיט אים גאַנץ נישקשהדיק איינפאַרשטיין. זיין נייער מאַרסיאַנער חבר הייסט לי-לי. ער איז אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. זיינע עלטערן האָבן אים געשיקט אויף דער ערד, כדי צו באַקומען מער בילדונג — אַזוי זאָגט ער. ער איז אַן איין-איינציקער ביי זיינע רייכע עלטערן און זיי קאָנען אים געבן די בעסטע דערציאונג! אים אינטערעסירט שטאַרק געאָגראַפיע — אַזוי זאָגט ער —, דערפאַר איז ער אַריין אין אַ געאָגראַפישן פאַקולטעט און ער שטודירט זייער גערן אַלע וועלט-מאַפּעס. ער, לי-לי, האָט אַן אייגענעם קליינעם ראָבאָט — פליאַפּאַראַט — וועלכן ער לייגט צונויף ווי אַ קליין קעסטעלע, און עס שטייט אין אַ ווינקעלע. ווען ער פאַרבענקט זיך אַהיים, נעמט ער זיין פלי-אַפּאַראַטל, שטעלט עס צונויף, און, אין וויניקער ווי אַ האַלבער שעה — זיצט ער ביי זיינע עלטערנס טיש און עסט מיטיק.

ער, ניקאָלאַס, און זיין חבר לי-לי, האָבן זייער גוט פאַרבראַכט ביי הינעסיטאַן אין שטוב. זי איז לי-לין — אַזוי זאָגט ער —, זייער שטאַרק געפעלן און ער האָט זי אַפילו איינגעלאַדן צו מאַכן מיט אים אַ שפּאַציר צום „מאַרס״ און ער וועט איר דאָרט וויזן אַ סך נייע זאַכן, אַ סך חידושים, וואָס זי האָט עס נאָך דאָ, אויף דער ערד, נישט געזען.

הינעס האָט זייער העפלעך אָנגענומען זיין איינלאַדונג, און אים צוגע-

זאָגט, אַז... אויף איר „האַניק-רייזע" מיט איר מאַן — און דערביי האָט זי אים, ניקאָלאַסיטאָן, געגעבן אַ קוש — וועט זי מאַכן אַ שפּאַציר צום „מאַרס", און וועט זיכער אָפּשטאָטן לי-לין אַ וויזיט...

ער דערמאָנט זיך איצט, ניקאָלאַס, ווי לי-לי האָט פאַרביסן מיט די ליפּן ביי אָט דעם ענטפער, און זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט פייער.

ניקאָלאַס ליגט אין בעט און קוקט אויף דער ווייס-בלויער סטעליע. ער האָט הנאה פונעם טראַכטן, פונעם חלומען, פון מאַכן פּלענער פאַר זיין צוקונפט. פּלוצים דערמאָנט ער זיך אין אַ זאַך און צעלאַכט זיך. ער דערמאָנט זיך, ווי זיין חבר לי-לי האָט אויסגעזופּט אַ גלאָז וויין, און ווי ער איז באַלד אומגעפאַלן און אַנטשלאָפן געוואָרן. ער, ניקאָלאַס, האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז די „מאַרסיאַנער" ווייסן נישט פון קיין וויין, ווי בכלל פון שטאַרקע געטראַנקען...

ווען לי-לי איז אומגעפאַלן און אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט ער מיט הינעסיטאָן זיך שטאַרק דערשראָקן און נישט געוואוסט וואָס צו טון, כדי אים צו ראַטעווען. צום גליק איז תיכף אַריינגעקומען הינעסיטאָס פאָטער. מען האָט אַריינגעלייגט לי-לין אין בעט אַריין, אים געלאָזט שלאָפן. ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן עטלעכע שעה צייט. פון שלאָף האָט ער אַ סך גע-רעדט אויף זיין שפּראַך, וואָס ער, ניקאָלאַס, האָט נישט פאַרשטאַנען. הינעסיטאָס פאָטער האָט, ווייזט אויס, יאָ פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט, און ער איז געזעסן נעבן אים די גאַנצע צייט, און אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליין אַפּאַראַטל און מיט דער צווייטער האָט ער פאַר-צייכנט אויף אַ פּאַפּיר זיינע רייד. די קינדער זענען פאַרזאָגט געוואָרן, נישט צו דערמאָנען לי-לין, אַז ער האָט גערעדט פון שלאָף, ווי בכלל אים נישט דערציילן, וואָס מיט אים איז געשען. זיי זענען אויך אָנגעזאָגט געוואָרן, אים נישט צו געבן מער קיין וויין, סיידן מ'וועט זיי הייסן...

לי-לי גייט אַרום אַ צעמישטער. ער האָט זיך נעכטן געדאַרפט טרעפן מיט אַ גרופּע „מאַרסיאַנער", וועלכע שטייען צו זיין דינסט און ער האָט זיי געדאַרפט אָנווייזן וואוהין צו פליען און וואָס צו טון. ער האָט באַקומען לעצטנס זייער וויכטיקע לופט-מעלדונגען פון די געגנטן, וואו ס'וואוינען די רוסישע פעלקער. לויט די באַריכטן, וועט דאָרט זיין לייכט צו אַטאַקירן, ווייל אַלע פעלקער האָבן דאָרט אָוועקגעלייגט זייער שטודירן קריגס-ענינים און גיבן זיך אָפּ מיט פרידלעכער אַרבעט. ווען מ'וועט אָנפאַלן אויף זיי, וועט מען זיי טרעפן אומבאַשיצט. עס האָט עס געדאַרפט באַלד מעלדן זיינע עלטסטע אין דער היים; ער האָט גע-דאַרפט געבן אויך וויטערדיקע אינסטרוקציעס פאַר אויספאָרשונגען.

ער איז אָבער נישט געקומען צו דער קאָנפערענץ, און פליען אַהיים, האָט ער איצט קיין חשק נישט געהאַט. מ׳וועט דערקענען אויף זיין פּנים, אַז עפּעס איז מיט אים נישט אין אָרדענונג, און מ׳וועט אים אַריינזעצן אין דער שטול „טאַ-לאַ״, וואָס צווינגט צו זאָגן דעם אמת, און זיין טויט איז אַ זיכערער.

— — — — — — — — — — — — —

ביים ברייטן טיש אין קאַבינעט פון שוץ-מיניסטער, זיצן צוויי מענטשן: דער מיניסטער און הערי קוק.

הערי קוק, איז איינער פון די וויכטיקסטע באַאַמטע אינעם שוץ-מיניסטעריום פון די זיד-אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן. ער פאַרנעמט אַן אָנגעזעען פּלאַץ אין פּראָפּאַגאַנדע-דעפּאַרטאַמענט; איז אַ ספּעציאַליסט אין אויסלענדישע און אויסערפּלאַנעטישע שפּראַכן; האָט געענדיקט אַ קורס אין אַן אוניווערזיטעט פון די לבנה-לענדער, און קען פּערפעקט אַלע דיאַלעקטן פון די „מאַרסיאַנער״ פעלקער. ער איז איינער פון די צוועלף מענטשן, וואָס האָבן צוטריט צו אַלע מיניסטעריומס פונעם ערדקוגל, אין וועלכער שעה ס׳זאָל נישט זיין.

אויך איצט, איז נישט קיין געוויינלעכע אַרבעט-שעה אין שוץ-מיניסטעריום. עס איז נאָך דער פריער פאַרטאָג, און דער שוץ-מיניסטער האָט געדאַרפט אויפשטיין פון בעט און אויפנעמען דעם הער קוק. ס׳איז געווען אַ דרינגענדיקע באַראַטונג.

הערי גיט אָפּ אַ באַריכט דעם שוץ-מיניסטער:

— שוין לאַנג, ווי ער האָט אַ חשד אויפן „מאַרסיאַנער״ סטודענט לי-לי, אַז ער איז נישט קיין געוויינלעכער סטודענט; זיין אינטערעסירן זיך אַזוי פיל מיט די וויכטיקסטע סטראַטעגישע מאַפּעס, וואָס געפינען זיך אין די ביבליאָטעקן פון אוניווערזיטעט, האָט געצויגן צופיל אויפמערקזאַמקייט. ער, הערי, האָט אָנגעשטעלט אַ גאַנצן שטאַב אויסשפּירער, וועלכע האָבן נאָכגעקוקט און נאָכגעפאָרשט די באַוועגונגען פון לי-לי, און זענען געקומען צום אויספיר, אַז אָט דער יונגער סטודענט איז עפּעס מער ווי אַ געוויינלעכער שילער פון די ערדישע קורסן-שולעס.

הערי האָט אים געמאַכט קומען צו זיך אין שטוב, אים געהייסן אונטערשטעלן אַ גלאַז שטאַרקן וויין און אים איינגעשלעפערט. דורכן מיטל „ס. ל. עקים עקים״, האָט ער אים געמאַכט רעדן פון שלאָף, און לי-לי האָט ---נישט ווייסנדיק און נישט ווילנדיק— אויסדערציילט פון זיין טעטיקייט דאָ, אויף דער ערד.. .

הערי גיט איבער באַריכות אַלץ וואָס ער האָט געהערט און פאַר-

צייכנט פון לי-לין בעתן שלאָף. דער סטודענט איז איינער פון אַ גרויסער פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע פון די „מאַרסיאַנער". וואָס געפינען זיך אין אַלע טיילן פון דער ערד, און זייער הויפּט-אויפגאַבע איז אויסצוגעפינען די שוואַכסטע פּונקטן פון דער ערד, וואו מ׳קאָן לייכטער אַטאַקירן.

ווייזט אויס, אַז די „מאַרסיאַנער" זענען נאָך נישט שטאַרק צוגע-גרייט צום אָנפאַל. ס׳פעלן זיי נאָך געוויסע טעכנישע ערד-סודות, אָן וועלכע זיי וועלן קיין דערפאָלג נישט האָבן אויף דער ערד. זיי האָבן אויך מורא פאַר די לבנה-מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט העלפן דער ערד. אָבער, זיי האָפן בייצוקומען אַלע שוועריקייטן.

הערי גיט אָפּ דעם באַריכט אין אַ זייער ערנסטן טאָן, אָבער קאָן נישט אויסמיידן אַ שמייכל צו טון, ווען ער באַריכטעט אַ פּערזענלעכן ענין:

— בעתן אָנפאַל, וועט מיין טאָכטערל הינעס, זיין באַשיצט! ער, לי-לי, האָט זיך ביים ערשטן אויגנבליק איינגעליבט אין מיין טעכטערל. און ווי נאָר ער האָט זי דערזען, האָט ער באַשטימט —און אַזוי האָט ער פון שלאָף אַרויסגערעדט—, אַז ווי נאָר דער אָנפאַל וועט פאָרקומען, וועט ער ס׳ערשטע פליען צו מיין הויז, אַרויסנעמען מיין טאָכטער און זי איבער-שיקן צו זיינע עלטערן, זיי זאָלן איר היטן ביז די פאַרניכטונג-מלחמה וועט זיך ענדיקן און ער וועט אַהיימקומען. ער איז ביי זיך זיכער, אַז די „מאַרסיאַנער" וועלן אונדז באַזיגן, און אַז ער וועט אַהיימקומען בשלום... ער וועט אויך פועלן ביי זיינע עלטערן און עלטסטע, אַז מיך — זיין שווער, און מיין פרוי — זיין שוויגער — זאָל מען נישט מאַכן פאַר שקלאַפן, נאָר מיר וועלן דינען ביי זיי!...

אין זיין שיינער, באַקוועמער וואוינונג, אויף דער מאָסקווער־גאַס, דרייט זיך לי־לי אַרום איבער זיין צימער און ברעכט זיך דעם מוח. ער וויל זיך דערמאָנען וואָס מיט אים איז געשען, ווען ער איז געוועזן אין הויז פון דער שיינער פריילין הינעס, מיט וועלכע זיין חבר ניקאָלאַס האָט אים באַקאַנט. ער געדענקט בלויז אירע שיינע, בלויע אויגן; ער געדענקט ווי אַזוי זי האָט צו אים פריינדלעך געשמייכלט; ער געדענקט, אַז זי איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט זי תיכף ליב באַקו־מען. ער געדענקט אויך, אַז זיי האָבן געטרונקען עפּעס אַ געטראַנק, און דאָ איז עפּעס מיט אים געשען. ער געדענקט, אַז ס'האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט — איז ער געלעגן ביי זיך אין צימער, אין בעט, אין זיין נאַכטהעמד.

וואָס איז מיט אים געשען? ווי אַזוי איז ער געקומען צו זיך אַהיים? זיין חבר ניקאָלאַס זאָגט אים, אַז ער האָט זיך דערפילט שלעכט און ער האָט אים תיכף אָפּגעפירט אַהיים, אין זיין צימער אַריין און אים דאָרט איבערגעלאָזט. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך אַליין אויסגעטאָן און אַריינ־געלייגט אין בעט אַריין... ער געדענקט עס אָבער נישט! ער גע־דענקט גאָרנישט!

וואָס זאָל ער איצט טון? לויט זיינע פליכטן, וואָלט ער שוין, תיכף, געדאַרפט אָפּפליען אַהיים און וועגן אַלץ ראַפּאָרטירן זיין עלטסטן. אפשר איז ער באַגאַנגען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ געפאַר פאַר זיין לאַנד און פאָלק? אפשר האָבן ניקאָלאַס און הינעס ביי אים עפּעס אויסגעפאָרשט, און, אפשר ווייסן זיי זיין אויפגאַבע דאָ? אויב זיין עלטסטער זאָל אויך אַזוי דענקען — ווייסט ער שוין זיין שטראָף: מען זעצט אים אַריין אין „פליענדיקן טעלער", מ'שיקט אים ווידער צו דער ערד, און אויפן וועג פּלאַצט דער „טעלער" און ער ווערט צעשמעטערט אין דער לופטן. אויב ער האָט טאַקע אַרויסגעגעבן עפּעס פון זיין מיסיע — קומט אים זיכער אַזאַ סוף. טאָמער, אָבער, איז גאָרנישט געשען; טאָמער איז טאַקע

אמת, אַז ס'איז אים שלעכט געוואָרן און מ'האָט אים אָפּגעפירט אַהיים און ער האָט זיך אויסגעשלאָפן — טאָ פאַרוואָס קומט אים אַזאַ סוף?

ניין! ער וועט אַהיים גאָרנישט מעלדן! ער וועט זיך נאָענטער באַקענען מיט הינעסן. ער וועט אָנווענדן אַלע מיטלען, אַז זי זאָל אים שענקען אויפמערקזאַמקייט און זיך פאַרליבן אין אים. אָבער אויך דאָס וועט ער אין דער היים נישט דערציילן זיין פאָטער — דער מעכטיקער הערשער פון אַ צאָלרייכן קריגערישן שבט און באַזיצער פון טויזנטער שקלאַפן, און זיין מוטער — די טאָכטער פון איינעם פון די וויכטיקסטע קעניגין פון אַ „מאַרס"-פּראָווינץ, וועלכע איז אַליין באַרימט פאַר אַ גוטער שיסערין און קריגערין; זיי, זיינע עלטערן, וועלן נישט דערלויבן אַז זייער זון זאָל נעמען אַ פרוי וועלכע וועט —פריער אָדער שפּעטער— דאַרפן זיין זייער שקלאַפין, און ווי נאָר זיי וועלן דערהערן פון איר — קאָנען זיי אים פאַרבאָטן צוריקצופאָרן צו דער ערד.

ניין, ער פליט נישט אַהיים! ער וועט פליען צו דער באַזע אין רוסלאַנד. פאַר זיי, —פאַר זיינע מיטאַרבעטער— וועט אים זיין לייכטער זיך צו פאַרענטפערן, פאַרן פעלן צו דער באַשטימטער צייט. ער איז געווען עטוואָס קראַנק און מורא געהאַט צו פירן זיין „ראַבאָט". זיי וועלן אים גלויבן, ווייל ס'איז פאַראַן אַ שטרענגער אָנזאָג „פון אויבן", אַז מען פילט זיך נישט זיכער — זאָל מען נישט פליען אין ערגעץ.

לי-לי האָט זיך געפילט זיכערער מיט זיין אָנגענומענעם באַשלוס. ס'איז אים אַ סך לייכטער געוואָרן אויף זיין געמיט. ער באַשליסט — איידער ער פליט אָפּ קיין רוסלאַנד, אָפּצושטאַטן אַ וויזיט הינעסן. ער וועט שוין געפינען אַ תירוץ וואָס איר צו זאָגן, וואָס ער קומט אַליין, אָן זיין חבר ניקאָלאַס. ער וועט איר זאָגן, אַז דורכגייענדיק די גאַס האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אָט דאָ וואוינט די שיינע הינעס, האָט ער איר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט...

אין הויז פון הערי קוק איז איצט פריילעך און לעבעדיק. דער זיידע דאַרף באַלד קומען, און ס'האָבן זיך צונויפגענומען אַלע אייניקלעך. דער זיידע האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט היינט פאַרזעצן דערציילן זיינע „מעשהלעך פון אַמאָל". זיי האָבן זייער ליב ווי ער דערציילט זיי, ווי אַזוי די מענטשן האָבן געלעבט אַמאָל; זיי האָבן אויך הנאה וואָס זיי ווייזן אים די לעצטע טעכנישע איינריכטונגען פון היינטיקן לעבן, און דער זיידע קאָן זיך נישט אָפּוואונדערן פון די נייע „וואונדער".

דער זיידעניו —לעבן זאָל ער— איז שוין זייער אַלט, דאָך איז ער נאָך מונטער און פריילעך; רעדט נאָך פון מאַכן אַ לאַנגע רייזע צו דער לבנה און צום „מאַרס". ער וואָלט שוין לאַנג געפאָרן, נאָר די באָבעניו לאָזט אים, און פאָרן מיט אים — וויל זי נישט!...

אָט זענען זיי לעצטנס געוועזן אויף אַ באַזוך אין זייער אַמאָליקער היים, אין רוסלאַנד, און די באָבע האָלט אין איין וויינען. היינט, וועט זיי דער זיידע טאָקע דערציילן וועגן זיין אַמאָליקער היים. ער האָט זיי שוין אַ סך שיינע זאַכן דערציילט, אָבער היינט —אַזוי האָט ער זיי געזאָגט— וועט ער זיי דערציילן טרויעריקע זאַכן. נישקשה, זיי קענען אויפנעמען אויך טרויעריקע זאַכן. זיי האָבן ליב צו הערן ווי ער דערציילט זיי — מעג עס זיין ווי טרויעריק ס'זאָל נישט זיין.

אַ שוואַכער שאָרך. אַלע קינדערלעך לאָזן זיך צו דער טיר. דער זיידע איז געקומען, און כאָטש ער קאָן אַריינגיין אין שטוב אַריין ווען ער וויל —די טיר איז דאָך אָפן— דאָך גיט ער אַ סיגנאַל, גלייך ווי עס טוט עס אַ פרעמדער...

די אייניקלעך באַפאַלן דעם זיידן. יעדער וויל אים געבן אַ קוש, אַ גלעט, אָדער גלאַט אָנרירן דעם זיידנס הענט. ווען דער זיידע באַפרייט זיך, גיט ער אַ זאָג, גלאַט אַזוי, אין דער לופט אַריין:

— נו, נו, דערלעבט אַזאַ מאָמענט! די טירן זענען אָפן און יעדער איינער קאָן אַריינקומען און אַרויסגנבענען וואָס ער וויל!

הינעם פילט זיך געטראָפן פון אָט דער „קריטיק". איז זי די ערשטע צו פרעגן:

— זיידעניו! נו, און „אַמאָל" ווי אַזוי האָט איר געטון? נישט געהאַלטן אָפן די טירן?

— זיכער נישט! אַ טיר דאַרף זיין געשלאָסן! און אַז מ'גייט אַוועק דאַרף מען זי פאַרשליסן פון דרויסן!

— און אַז מ'האָט צוגעשלאָסן די טירן, ווי דו זאָגסט, זענען שוין קיין פרעמדע מענטשן נישט אַריין אינעווייניק און נישט אַרויסגעטראָגן —ווי דו אַליין האָסט דערציילט— אַלץ פון דער שטוב?

— שייך צו זאָגן „נישט אַרויסגעטראָגן"! די גנבים האָבן שוין געפונען מיטלען ווי אַזוי אויפצוברעכן די טירן! אָבער, ס'איז זיי אָנגעקומען מיט שרעק און מיט אַ סך אַרבעט! דאָס האָט מען געקאָנט באַמערקן, און זיי שטערן אין זייער גנבישער אַרבעט...

— זעסטו, זיידעניו, מיר זענען שוין פראַקטישער! ערשטנס, אויב מ'קאָן אויפרייסן די טיר, טאָ צו וואָס זי פאַרשליסן; צווייטנס, וועט קיי-

נער ביי אונדז גאָרנישט אַרויסטראָגן. אויב מ׳זאָל עפּעס אַרויסנעמען פון שטוב אָן אונדזער צושטימונג, וועט אונדז אין עטלעכע מינוט אַרום דער ראַדאַר־מאַגנעט אַנווייזן, וואו די זאַכן געפינען זיך, מעגן זיי אַפילו זיין אויף דער לבנה, אָדער אויפן „מאַרס״. חוץ דעם, זענען איצט גלאַט נישטאָ קיין בעלנים צו נעמען פרעמדס. זיי וואָלטן זייער און זייער שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. מיר וואָלטן זיי נישט פאַרשפּאַרט אין גרויסע הייזער, ווי איר פלעגט עס טון; זיי געבן עסן און טרינקען און זיי געמאַכט פאַר פוילענצער! מיר וואָלטן אַזעלכע —אויב ס׳זאָל זיך טרעפן— געשיקט אַרבעטן אין די וויטע, קאַלטע לענדער, און זיי גע־מאַכט פאַר נוצלעכע באַשעפענישן אויף דער ערד. אָבער, צו־וואָס רעדן פון „אונדז״, מיר ווילן, זיידעניו, זאָלסט אונדז דערציילן פון דיין געבורטס־לאַנד. דערצייל אונדז, ווי אַזוי איז דאָרט אַמאָל געווען... דערצייל! דערצייל!

דער זיידע גיט הינעסיטאַן אַ גלעט איבערן קאָפּ. זי קושט זיין דלאָ־ניע. דער זיידע נעמט זי אָן ביים בעקעלע און רופט זיך אָן צו איר:

— כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן. דו דאַרפסט מיר אָבער אויך דער־ציילן אַ סך זאַכן. ספּעציעל אָבער, דאַרפסטו מיר דערציילן, וואָס הערט זיך מיט דיין חתן־בחור? ווען ווערט איר חתן־כלה, און ווען פּראַוועט איר אייער חתונה? איי, וועל איך און די באָבע כאַפּן אַ טענצל אויף אייער חתונה... מיר וועלן די פּאָלן פונעם זאַל איינברעכן!

— זיידעניו, דו רעדסט נאָך אַלץ וועגן טאַנצן און וועגן חתונה־זאַלן. דו פאַרגעסט, אַז דו לעבסט אין אַזאַ צייט, ווען ביים חתונה האָבן טאַנצט מען נישט, און ווען מ׳שטאַרבט — וויינט מען נישט. אַלץ איז נאַטיר־לעך! מ׳האָט געזעצלעך חתונה. די עלטערן פון איין זייט, און חתן־כלה פון דער צווייטער זייט, פאָרן אַוועק אויף אַ פּאָר וואָכן פאַרברענגען, און — אוים! דאָס לעבן גייט ווייטער, ווי געוויינלעך. אָבער, גענוג רעדן וועגן חתונות. מיר ווילן דו זאָלסט אונדז דערציילן די געשיכטעס פון די מלחמות, אין וועלכע דו האָסט אָנטיילגענומען!

אַלע אייניקלעך האָבן אַרומגערינגלט דעם זיידן; אַלע ווילן זיין וואָס נאָענטער צו אים און זיך גוט איינהערן וואָס ער דערציילט.

דער זיידע זעצט זיך אַוועק באַקוועם אויף דער אָנגעגרייטער און אויסגעבעטעטער שטול. אסתרל גרייט אים אָן אויפן טיש אַ גלאָז וואַסער מיט אַ פיל וויטאַמין „ל״, כדי זיך צו האַלטן פריש און מונטער. אַ צווייט אייניקל —אויפן וואונק פון הינעסן— גייט צו צום ווינקל וואו

ס'שטייט אַ קליין אַפּאַראַטל, גיט אַ דריק אַ קנעפּל און רעדט אַריין אין אַפּאַראַט:

— „פרײלין, שליסט אויס אונדזער נומער פון טעלעפאָן-נעץ, ביז מיר וועלן אייך מעלדן. מיר ווילן בלייבן אומגעשטערט אויף אַ פּאָר שעה!"

און דער זיידע הייבט אָן דערציילן:

— — — — — — — — — — — — —

איך קאָן נאָך נישט באַשטימען אויף זיכער, קינדערלעך, ווען מ'איז געווען גליקלעכער, צי דאָן, ווען איך בין געבוירן געוואָרן, אין יענער פינצטערער און אומווויסנדיקער צייט, צי איצט, ווען איר זענט געבוירן געוואָרן, אין דער צייט פון דער אַטאָמישער און זונשטראַלישער ערע?

דעמאָלט, מיט הונדערט יאָר צוריק, האָט דער מענטש געאַרבעט צוועלף, פערצן און אַמאָל זעכצן שעה אין טאָג. און היינט איז אים פּאַר־באָטן צו אַרבעטן מער ווי פיר שעה אין טאָג. דעמאָלט האָט מען געאַר־בעט אַלע טעג פון וואָך, און היינט אַרבעט מען בלויז פיר טעג אין וואָך! ביי אונדז, אין יענע יאָרן, פלעגט מען זאָגן: „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס"; ביי אייך, אין אייער צייט, זאָגט איר: „אַרבעט שוואַכט אָפּ דעם מוח און לאָזט אים נישט טראַכטן". און טאַקע, איר האַלט אין איין טראַכטן און אויסטראַכטן נייע זאַכן! איר וועט שוין אויסטראַכטן אַזוי, אַז אינדערפרי זאָלט איר נישט דאַרפן אויפשטיין פון בעט; איר וועט געבן אַ קוועטש אַ קנעפּל, וועט צוקומען צו אייער געלעגער אַ טע־לער מיט... פילן, און איר וועט „אָפּעסן", „אָפּטרינקען" און ווידער בלייבן ליגן אין בעט. ערשט אַרום האַלבן טאָג, וועט איר אַראָפּגיין פון בעט און וועט עפּעס טון אַ פּאָר שעה פאַרן לעבן!

פע, מיר געפעלט עס נישט! כאָטש, צוריקגערעדט, איז דעמאָלט געווען נישט איבעריק גוט דעם מענטשן, וואָס האָט געדאַרפט אַרבעטן און לעבן פון זיין אַרבעט. די, וואָס האָבן אַ סך געהאָרעוועט, האָבן זעלטן געהאַט אָפּצועסן צו דער זאַט; און די, וואָס האָבן נישט געאַרבעט, האָבן געלעבט אַ משוגענעם טאָג, נישט ווי איצט, ווען יעדער איינער — ביז זיבעציק יאָר — איז מחוייב צו אַרבעטן און ברענגען נוצן דער מענטשהייט, און דערנאָך — מעג ער ווי רייך זיין, מעג ער האָבן די רייכסטע קינדער — באַקומט ער אַ פּענסיע פון שטאַט! אָט דאָס, קינ־דערלעך, געפעלט מיר אַמבעסטן פון אייער נייער איינפירונג. דאָס באַ־קומען אַ פּענסיע אויף דער עלטער איז געוואָרן אויס בושה; ס'איז נישט מער קיין שנאָררעריי. אָרעם און רייך באַקומען גלייך! איי, דער רייכער

שענקט עס אַוועק דעם שטאַט — דאָס איז זיין פּערזענלעכער ווילן, פּונקט ווי איך טו עס.

אַלזאָ, קינדערלעך, אַמאָל, אַמאָל איז עס אַזוי נישט געווען. די ערד, די מענטשן אויף דער ערד, זענען נאָך נישט געווען גענוג קלוג, גענוג פּראַקטיש, ווי אַזוי אויסצונוצן די נאַטור, דאָס לעבן, און מ'האָט געפירט מלחמות, כדי וואָס מער צו פאַרכאַפּן פאַר זיך! דעם אמת געזאָגט, קינדערלעך, די מלחמות האָבן געפירט די רעגירונגען — די עטלעכע מענטשן וואָס האָבן געהאַט די מאַכט —, נישט דאָס פאָלק, ביי וועמען מ'האָט נישט געפרעגט; און ווען מ'פרעגט די פעלקער, וואָלטן זיי קיינמאָל נישט געווען געפירט קיין בלוטיקע שלאַכטן, און זיך אויסקוילען איינס דאָס צווייטע. אָט אַזעלכע מלחמות, קינדערלעך, האָב איך איבערגעלעבט און כ'געדענק זיי גאַנץ גוט!

ביי דער ערשטער וועלט-מלחמה, בין איך אַלט געווען בלויז עטלעכע יאָר. אָבער איך געדענק זי זייער גוט; ס'איז געווען אַ מלחמה צווישן דעם רוסישן און יאַפּאַנישן קייסער! זיי האָבן זיך — דורך בריוו און טעלעגראַמעס — צעקריגט צווישן זיך, געזידלט איינער דעם צווייטן, און געגעבן אַ באַפעל, אַז טויזנטער, הונדערטער טויזנטער מענטשן זאָלן... זיך גיין אויסקוילען איינס דאָס אַנדערע...

די מענטשן — דעמאָלט האָבן זיי געהייסן „סאָלדאַטן" — זענען באַפאַלן איינער דעם צווייטן, זיך געהרגעט, געקוילעט, ביז מ'איז מיד געוואָרן, און די קייסאָרים האָבן באַשלאָסן שלום מאַכן צווישן זיך! געהייסן האָט עס, אַז די יאַפּאַנעזער האָבן בעסער געשלאָגן און „געוואונען די מלחמה". זיי האָבן צוגענומען שטעט ביי די רוסן. צוליב אָט די שטעט זענען עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן אויסגעהרגעט געוואָרן און טויזנטער הייזער זענען פאַרברענט געוואָרן!

די אַנדערע מלחמה, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, איז שוין געווען גאָר, גאָר אַ גרעסערע. מ'האָט זי אַ נאָמען געגעבן: „די ערשטע וועלט-מלחמה".

דער מאָטיוו פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין וועלכער צוואַנציק מיליאָן מענטשן זענען דערהרגעט און פאַרקריפּלט געוואָרן, איז שוין געווען אַ „וויכטיקער"!

ערגעץ אין אַ שטאָט, האָט אַ מענטש דערהרגעט אַ צווייטן מענטשן פון אַ פרעמד לאַנד. דער מערדער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, און דער קרבן — אַ פּרינץ, דאָס הייסט, דעם קייסערס אַ קרוב. פון אָט דער געשעעניש האָבן זיךביידע פעלקער פאַרשעפּעט, אַנדערע פעלקער

האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון יעדן איינעם פון די שטרייטנדיקע צדדים, און... ס'איז אויסגעבראָכן אַ בלוטיקע מלחמה, וואָס האָט געדויערט פיר יאָר צייט.

בכדי איר זאָלט עס וויסן, און כדי איר זאָלט עס דערציילן אייערע קינדער און קינדס-קינדער, און יענע זאָלן עס דערציילן זייערע קינדער און אייניקלעך, וויל איך אייך איבערגעבן, אַז שולדיק אין אָט דער ערשטער וועלט-מלחמה איז געווען דער דייטשער קייסער (שפּעטער, קינדערלעך, וועל איך אייך דערציילן, וואָס אַזוינס ס'האָט געהייסן אַ „קייסער”) און דאָס דייטשע פאָלק, וועלכע איז שטענדיק געווען קריגעריש און געזוכט צו פאַרכאַפּן פרעמדע לענדער און אומברענגען פרעמדע פעלקער!

די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פאַר די דייטשן. זיי האָבן די מלחמה פאַרשפּילט, אָבער די זיגער האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן דעם זיג, און אין עטלעכע יאָר אַרום — אין איין-און-צוואַנציק יאָר שפּעטער — האָבן די דייטשן ווידער אָנגעהייבן פירן אַ וועלט-מלחמה, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע זעקס יאָר. די דאָזיקע מלחמה האָט חרוב געמאַכט אַ האַלבע וועלט, און ספּעציעל האָט זי געטראָפן די יידן.

אין דער שפּיץ פון דייטשן פאָלק איז געשטאַנען אַ מאַניאַק, אַן אויסוואורף, וועלכער האָט זיך פאַרגענומען צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און פאַרשקלאַפן די גאַנצע מענטשהייט בכלל.

— — — — — — — — — — — — —

דער אַלטיטשקער בלייבט שטיל, נעמט אַרויס אַ טיכעלע פון דער קעשענע, ווישט אויס די אויגן. די קינדערלעך זיצן שטיל, זיי פילן-מיט זייער ליידן, וועלכער האָט זיך אָנגעליטן אַזוי פיל אין זיין לעבן.

דער אַלטער זעצט פאָר:

ווער ווייסט וואָס מיט דער וועלט וואָלט געשען, ווען נישט דאָס גרויסע גליק, וואָס מיר האָבן דאַן געהאַט אַ גרויסן מענטש אין דער שפּיץ פון דער גרויסער צפון-רעפּובליק פון די אַמעריקאַנער פעלקער. דער נאָמען פון דעם דאָזיקן מענטש איז געבליבן פאַראייביקט און געהייליקט ביי אַלע פרייע און אָרנטלעכע מענטשן פון דער וועלט. זיין נאָמען איז געווען: פראַנקלין ד. רוזוועלט. ער, — ווי נאָר דער פאַרפלוכטער און משוגענער מאַניאַק היטלער, האָט אָנגעהייבן די צווייטע וועלט-מלחמה — האָט ער, רוזוועלט, פאַרויסגעזען וואָס פון דער וועלט וואָלט געוואָרן, ווען דער דאָזיקער אויסוואורף און מענטשן-מערדער זאָל גע-

ווינען די מלחמה און באַזיגן די וועלט. נו, האָט ער אויפגערודערט זיין גרויס לאַנד. ער האָט אַ סך גערדאַרפט קעמפן קעגן „בלינדע" פּאָליטיקער פון דעם דאָזיקן גרויסן לאַנד, און, לסוף, האָט ער געזיגט! ער האָט אָנגעהויבן העלפן דער פרייער וועלט אין איר מלחמה מיט דעם דייטשן מאָנסטער, און — מ'האָט צום צווייטן מאָל באַזיגט די דייטשן!... אמת, אַביסעלע צו־שפּעט. זיי האָבן געהאַט צייט הרוב צו מאַכן אַ האַלבע וועלט און אומברענגען די גרעסטע טייל יידן פון אייראָפּע!...

די דריטע וועלט־מלחמה איז געקומען גאָר שנעל. די דאָזיקע מלחמה איז געווען די קירצסטע פון אַלע מלחמות וואָס די ערד האָט איבערגעלעבט; די מלחמה האָט געדויערט בלויז...

— אכט שעה!

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אָט דער מלחמה איז, וואָס, כאָטש זי איז געווען די וויכטיקסטע און די גרעסטע פון אַלע מלחמות, האָט זי געקאָסט זייער ווייניק מענטשלעכע קרבנות, און האָט ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע איבערגעדרייט די וועלט, און האָט שוין באַוואָרנט אויף אייביק, אַז די פעלקער פון דער וועלט זאָלן זיך נישט אויסקוילענען איינס דאָס אַנדערע.

געשעען איז אָט וואָס:

צווישן די. וואָס האָבן געהאָלפן באַזיגן דעם דייטשן באַרבאַריזם איז געווען אַ גרויס פאָלק, וועמען די דייטשן האָבן אויך געוואָלט פאַרניכטן. דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געהייסן „רוסלאַנד", און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָרט פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, און די מאַכט איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ גרופּע אויסנוצער, האָבן זיי דעם נאָמען „רוסלאַנד" פאַרביטן אויף אַ צווייטן; דאָס לאַנד האָט זיך גערופן „סאָוויעטן" און די פירער — „קאָמוניסטן", און זייער עלטסטער, אַנשטאָט צו הייסן קייסער — האָט מען אים גערופן „דיקטאַטאָר".

דאָס וואָרט „קאָמוניסטן", און די אידעע פון קאָמוניזם וואָלט אפשר פאַר יענעם וועלטטייל געווען אָנגענעמבאַר, ווען עס זאָל טאַקע געווען זיין אַן אידעאַל פון מאַכן אַלע גלייך. זיי האָבן אָבער אַזוי נישט געהאַנדלט. אַ כיטרער, מאַכט־גייציקער און בלוטיקער מענטש איז דאָרט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער באַנדע בלוטזויגערס ווי ער, און ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט דער מפּלה פון די דייטשן, האָט אָט

דער שלעכטער, כיטרער פויער וואָס איז געשטאַנען ביי דער מאַכט, פאַרטראַכט —פונקט אַזוי ווי היטלער— צו באַזיגן די וועלט און מאַכן פון דער וועלט בלויז שקלאַפן!

אין משך פון די ערשטע פינף יאָר נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה איז אים געלונגען צו באַהערשן אַ האַלבע וועלט. מיט אַ שאַרפער שווערד און מיט אַ גראָבן שטיוול האָט ער געהערשט איבער די באַזיגטע פעלקער. אין דער זעלבער צייט האָט ער פאַרשקלאַפט מיליאָנען פון זיינע אייגענע בירגער און דורך זיי — זיך געגרייט צו קאָנען באַהערשן די גאַנצע וועלט. ביי אים אין לאַנד, האָבן די גרעסטע וויסנשאַפט-מע־נער געאַרבעט אויסצוגעפינען אַזעלכע געווערן, וואָס זאָלן אים געבן די מאַכט איבער דער איבעריקער וועלטטייל...

צום גליק, האָט ער נישט אַלץ דערגרייכט. אין יענער צייט האָט מען אויסגעפונען די אַטאָמישע באָמבע, און ער — דער כיטרער, בלוטי־קער מענטש, האָט זי אויך געהאַט, און נישט בלויז די אַטאָמישע באָמבע האָט ער געהאַט, נאָר נאָך שטאַרקערע באָמבעס, וואָס האָבן געקאָנט חרוב מאַכן שטעט און לענדער. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז די אַנדערע וועלטטייל, וועלכע איז נישט געווען אין זיין מאַכט, האָט שוין אַנדערע געווערן, שטאַרקערע פון דער אַטאָמישער באָמבע.

נאָך פון פריער, האָבן רוסישע שקלאַפן און געדונגענע סאָלדאַטן געפירט מלחמות אין די וויטסטע געגנטן פון דער וועלט. ווי אין אַ טייל וואָס האָט געהייסן „קאָרעאַ”; אין אַ וועלטטייל וואָס האָט געהייסן „אינ־דאָנעזיע”. און אין אַן אַנדער וועלטטייל וואָס הייסט „מיטל-מזרח”. אין אַלע וועלטטיילן האָט מען געפירט קליינע מלחמהלעך, און דערמיט, האָבן זיי געמיינט, וועט זיך די פרייע וועלט נישט אומקוקן אויף דעם גרויסן רוס, וואָס האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסער מלחמה, וואָס זאָל אים איבערגעבן די גאַנצע וועלט אין זיינע הענט.

געווען איז בלויז איין פאָלק, וואָס האָט נישט געגלייבט די רוסן; געווען איין פאָלק, וואָס האָט זיך נישט אויפגעהערט גרייטן צו קריג, און איז שטענדיק געווען גרייט אים אויפצונעמען. דאָס דאָזיקע פאָלק — דאָס צפון-אַמעריקאַנער— האָט ווידער אָפּגעראַטעוועט די וועלט פון אונטערגאַנג!

אַ דאַנק דער גרויסער פּראָפּאַגאַנדע וועגן שלום, וואָס די רוסן האָבן אָנגעפירט, האָט מען טאַקע געגלייבט אַז זיי מיינען עס ערנסט, און אַזוי ווי עס האָט געקאָסט זייער אַ סך דאָס שטענדיק גרייטן זיך צו מלחמה— האָבן אַ סך פעלקער אָנגעהייבן גלויבן אין די שלום-רייד פון די רוסן, און

צוביסלעך האָבן זיי אָנגעהייבן איינצוימען זייערע מלחמה-צוגרייטונגען ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז די רעגירונגען פון די פרייע פעלקער זאָלן אַהיימשיקן זייערע זעלנער, נישט האָבנדיק קיין מורא פאַר אַ נייער מלחמה.

און — אין איינער אַ פינצטערער נאַכט איז געשעען:

געוועזן איז עס אין אַ צייט, ווען די וועלט האָט זיך נישט געריכט אויף אַן איבערפאַל. מ'האָט כסדר גערעדט וועגן אַ שלום צווישן איין טייל פון דער ערד, וואָס איז געווען באַהערשט פון די רוסן, און די צווייטע, פרייע וועלטטייל, אין דער שפּיץ פון וועלכע ס'איז געשטאַנען דאָס גרויסע פאָלק פון צפון-אַמעריקע.

דער זיידע רוט זיך אָפּ אַביסל און זעצט פאָר ווייטער:

אָן שום וואָרענונג, אָן שום קריג-דערקלערונג, האָבן זיך אין אַ פינצטערער נאַכט אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט גרויסע עראָפּלאַנען, וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך עלעקטרישע ,גולמס — שטאָלענע מענטשן — און די עראָפּלאַנען האָבן געפירט מיט זיך טויטשטראַלן, וואָס האָבן געקאָנט צעשטערן קליינע און גרויסע שטעט ביים פּלאַצן. די דאָזיקע עראָפּלאַנען זענען צוגעקומען צו אייניקע איראָפּעאישע שטעט און ס'איז זיי געלונגען אַראָפּצוואַרפן זייערע טויטשטראַלן און אָנמאַכן אַ גרויסן חורבן אין די שטעט. טויזנטער, הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען דעמאָלט אומגעקומען, פּשוט פאַרברענט געוואָרן פון דער גרויסער היץ, וואָס די טויטשטראַלן האָבן פאַראורזאַכט.

די זעלבע עראָפּלאַנען האָבן בליץ-שנעל געדאַרפט אָנקומען אויך צו די ברעגן פון אַמעריקע און חרוב מאַכן דאָס גאַנצע לאַנד. ערשט שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן, אַז איבער איראָפּע האָבן די אָנפאַלער אַרויסגעשיקט אַ פערט-חלק עראָפּלאַנען מיט די טויטשטראַלן, און קיין צפון-אַמעריקע האָבן זיי געשיקט דריי מאָל אַזוי פיל. און — ס'איז געשען דער גרויסער נס! אַמעריקע איז געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ אָנפאַל; זי האָט שוין אַמאָל געהאַט אַזאַ לעקציע און האָט שוין געוואוסט ווי אַזוי זיך צו פאַרהיטן.

אמת טאַקע, די רוסן האָבן געהאַט אַ סך שפּיאָנען אין אַמעריקע. און האָבן געוואוסט פון אַ סך מיליטערישע סודות, וואָס אַמעריקע האָט געהאַט. אָבער פון יענעם גרויסן סוד, אַז אַרום טויזנטער מייל פון די אַמעריקאַנער ברעגן געפינען זיך מאַגנעטישע סטאַנציעס, וואָס, ווען זיי דערפילן „פרעמדע" עראָפּלאַנען, ווען זיי „שמעקן" אָן, אַז אַ פרעמדער עראָ-

פלאַן קומט-אָן — גיט זי אים אַ צי-אַראָפּ צו זיך... דאָס האָבן זיי נישט געוואוסט!... דער דאָזיקער סוד האָט געהייסן: „מאַגנעט-שטראַל״.

און אַזוי איז געשען: קיין איין רוסישער עראָפּלאַן איז נישט צוגעקומען צו די אַמעריקאַנער ברעגן, זיי זענען אַלע אויפגעריסן געוואָרן אין דער לופט, אָדער אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער. בלויז איין טויטלעכער „ראָבאָט״ איז זיך געלונגען אַרויסצודרייען פונעם קאָנטראָל פון די „מאַגנעטן״ און צוגעקומען ביז גאָר נאָענט צו דער שטאָט דעטראָיט — וואוהין ער איז מעכאַניש געשיקט געוואָרן דירעקט פון די רוסישע ברעגן — און דאָרט אָנגעמאַכט אַ חורבן!

אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום, זענען איבער די רוסישע שטעט און דערפער געפלויגן אַמעריקאַנער „ראָבאָטס״ און שטראַל עראָפּלאַנען. זיי האָבן נישט אַראָפּגעוואָרפן זייערע טויטשטראַלן און זייערע טויט-באָמבעס איבער די באַפעלקערטע שטעט, נאָר זיי זענען געפלויגן צו די אוראַל-בערג, וואו די רוסן האָבן געהאַט זייערע שטראַל-פאַבריקן, און אין אַנדערע וויכטיקע פונקטן פון לאַנד וואָס זענען אַלע, אָן אויסנאַם, געווען באַוואוסט די מיליטערישע שטאַבן פון די פרייע פעלקער. און אין אַ שעה אַרום איז פון אַלע פאַבריקן קיין זכר נישט געבליבן.

אָן אויסנאַם האָט מען געמאַכט מיט דער שטאָט מאָסקווע, וועלכע איז דעמאָלט געווען דער צענטראַלער פונקט פון אַלע קאָמוניסטן און שקלאַפן-טרייבער. צוויי זונבאָמבעס האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער גרויסער פעסטונג פון די דאָזיקע לייט, וועלכע האָט געהייסן „קרעמל״, צו זייער הערשאַפט און צו דעם גאַנצן סאָוויעטישן שטאָט און רעזשים.

אויפן צווייטן אינדערפרי איז מען געוואויר געוואָרן פונעם חורבן וואָס די נאַכט האָט געבראַכט מיט זיך. ס'איז באַוואוסט געוואָרן, אַז אין אייראָפּע, און ספּעציעל אין די שטעט: לאָנדאָן, פּאַריז, בריסעל, אַמסטערדאַם, בעלגראַד, ירושלים, רוים און דעטראָיט, זענען פאַראַן הונדערטער טויזנטער טויטע און האַלב-פאַרברענטע. מ'איז אויך געוואויר געוואָרן, אַז קיין איין מיליטערישער פונקט, אָדער פאַבריק איז נישט געשעדיקט געוואָרן. די רוסישע „ראָבאָט״-שטראַלן-עראָפּלאַנען האָבן נישט געזוכט קיין ספּעציעלע פונקטן, נאָר סתם, גלאַט טרעפן די באַפעלקערונג. דאָס טראַגישסטע פון יענער נאַכט איז געווען, וואָס אַלע שיפן פון די פרייע פעלקער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וועג — איבער די ימים — זענען אַלע, אַלע אָן אויסנאַם: פּאַסאַזשיר- אָדער משא-שיפן, אַטאַקירט געוואָרן פון די רוסישע אַטאָמישע אונטערוואַסער-שיפן און זענען אַלע אונטערגעגאַנגען.

אויפן צווייטן טאָג, איז מען געוואויר געוואָרן נאָך אַן אינטערע־סאַנטן פאַקט: אין אַלע גרויסע אייראָפּעאישע שטעט, ווי אויך אין צפון־אַמעריקע, זענען שוין געווען צוגעגרייט ספּעציעלע קאָמיסאַרן, וועלכע האָבן געדאַרפט איבערנעמען די מאַכט אין לאַנד אין נאָמען פון די „פאָלקס־מענטשן" און באַקומען אינסטרוקציעס פון מאָסקווע וואָס צו טון. ס'זענען אויך געפונען געוואָרן ליסטעס מיט נעמען פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט דעם זעלבן טאָג דערשאָסן ווערן... די קאָמיסאַרן האָבן געוואַרט — אין פאַרבאָרגענע ערטער, ווייט פון די גרויסע שטעט, וועלכע מען האָט באָמבאַרדירט — אויף אינסטרוקציעס פון מאָסקווע. זיי זענען אָבער געוואויר געוואָרן, אַז... מאָסקווע לעבט שוין נישט. קיין איינער פון די מאָסקווער הערשער איז ניצול געוואָרן יענע נאַכט; פון דער גרויסער שטאָט מאָסקווע איז בוכ־שטעבלעך געבליבן אַ באַרג אַש מיט פאַרברענטע ביינער. דערפאַר אָבער, איז די וועלט — די גאַנצע וועלט — געראַטעוועט געוואָרן!

וועלט — געראַטעוועט געוואָרן!

אַט אַזוי האָט זיך אָנגעהייבן און געענדיקט די דריטע וועלט־מלחמה. זי האָט געדויערט אַכט שעה און עס זענען אומגעקומען 10 מיליאָן מענטשן.

און איצט, קינדערלעך, גיט מיר אַ פּיל — אַ גלאָז ווייסן ביר, עס דאָרשט מיך, און מיר וועלן מאַכן אַ הפסקה. גענוג אייך דערציילט פון מלחמות!...

אין הויז פון אוקראַינישן גוטבאַזיצער פון אַרום דער שטאָט גאַלאַ־זוואַניעוווסק, ביי מאַקסים סמאַזשענקאַ, איז מען היינט זייער פאַרנומען. ער, און זיין צאַלרייכע פאַמיליע: פרוי, קינדער, דינער און דינערינס, האָבן אַ סך געאַרבעט. זיי האָבן געגרייט גרויסע טישן אין הויף; גרייטן צו גרויסע, לאַנגע בענק פון ברעטער און שטעלן זיי אום אַרום די טישן. די פרויען גרייטן צו אין קיך אַ ספּעציעלן מיטיק פאַר אַנגעליינטע געסט, וואָס דאַרפן צו זיי קומען. די געסט זענען אַלע געוועזענע איינוואוינער פון מאַרס, וועלכע זענען געקומען אהער זיך צו באַזעצן און שאַפן דאָ אַ קאָלאָניע פון מאַרסיאַנער פויערים. ס׳איז זיי געווען שווער צו לעבן אויפן מאַרס, זייער ענג פאַר זייערע צאַלרייכע פאַמיליעס — אַזוי דערציילן זיי, האָבן זיי באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון זייער רעגירונג זיך צו באַזעצן אויף אַ צווייטן פּלאַנעט. ביי די ערד־באַהערדן, האָט מען קיין דערלויבעניש נישט געדאַרפט פרעגן, ווייל אויף דער ערד דאַרף מען נישט קיין שום „וויזע״ אָדער דערלויבעניש צו פאָרן פון איין אָרט צום אַנדערן אָדער פון איין פּלאַנעט צו אַ צווייטן!

די מאַרסיאַנער קאָלאָניסטן האָבן דערציילט, אַז:

צום ערשט זענען זיי געפלויגן צו דער לבנה, געגלויבט, אַז דאָרט וועלן זיי קריגן אַ פריי פּלאַץ אויפצושטעלן אַ קאָלאָניע פאַר זייער גרופּע. נאָך אַ לענגערע זוכעניש אין די באַפעלקערטע געגנטן פון דער לבנה, און כאָטש די פעלקער פון דער לבנה — אַזוי דערציילן זיי —, האָבן זיי געוואָלט אויפנעמען מיט פאַרגעניגן, האָבן זיי דאָך באַשלאָסן זיך ווענדן צו אונדזער ערד־פּלאַנעט, און דאָ, ביי אונדז, אין אונדזער אוקראַינישן געגנט, האָבן זיי געפונען די מעגלעכקייט זיך איינצואָרדענען. זיי האָבן באַקומען פון דער אוקראַינישער רעגירונג אַ גרויס פּלאַץ און אַלע באַקוועמלעכקייטן אין וועלכע זיי נייטיקן זיך. זיי האָבן שוין אויפגעגעשטעלט שטאַלענע הייזער, געבראַכטע פון „מאַרס״; האָבן שוין איינגעאָרדנט אַ גרויסע אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע, אין וועלכער זיי

נייטיקן זיך — אזוי דערציילן זיי —, כדי צו וויסן, ווען ס'איז די גינסטיקע צייט, ווען זיי דארפן פליען אהין און צוריק צו זייערע געוועזענע לענדער אויפן „מארס", אדער סתם צו קאנען דעם וועטער.

לכבוד אט די חשובע שכנים, ביי וועמען מ'האפט אז מ'וועט זיך א סך אפלערנען, האט עס דער גוטבאזיצער מאקסים סמאזשענקא, געפראוועט א גרויסארטיקע אויפנאמע, מיט די פיינסטע מאכלים — געמאכט לויטן אלטן שטייגער.

אזוי ווי זיינע דינער זענען געווען זייער ווייניק, כדי צו קאנען באדינען די געסט, האט ער זיך געווענדט צו דער שטאט-פארוואלטונג זי זאל אים צושיקן א צענדליק באדינער —מענער און פרויען— ספעציאליסטן אין זייער פאך, רעקאמענדירטע פון זייער סינדיקאט.

די דינער —אייניקע פון זיי מיט אוניווערזיטעט-בילדונג—, האבן גערעדט פערפעקט די עספעראנטא-שפראך און אויף אזא אופן האבן זיי זיך געקאנט צונויפרעדן מיט די געסט. און זיי בעסער באדינען.

צו דער באשטימטער שעה, איז אין דעם גרויסן הויף פונעם גוטבאזיצער סמאזשענקא, שוין געווען פול מיט די „מארסיאנער" געסט. וואלט סמאזשענקא נישט געווען אזוי בגילופימדיק און פריילעך-אויפגעלייגט פון דער אנוועזנהייט פון אזעלכע געהויבענע געסט, וואלט ער אפשר געווען באמערקט, אז די נייע שכנים זיינע זענען בלויז יונגע מענטשן; זעלטן, זעלטן מאן-און-פרוי — די גרעסטע טייל מענער אליין. און קינדער? אפילו קיין איין קינד נישט געווען צווישן די נייע קאלאניסטן; פונקט ווי מ'זאל ספעציעל האבן אויסגעקליבן אזא גרופע. די איינציקע וואס האבן דאס יא באמערקט, און זיך דורכגעוואונקען צווישן זיך, זענען געווען די באדינער, די קעלנער וואס זענען געקומען העלפן סמאזשענקאן באדינען די געסט...

די געסט זענען געזעסן ארום די טישן און זייער געשמאק געגעסן די צוגעגרייטע מאכלים. זיי האבן גערעדט צווישן זיך א „מארסיאנער" דיאלעקט, און מיט די אויגן זיך איינגעגעסן הן אין די טעכטער, הן אין די באדינערם פונעם הויזווירט. אייניקע האבן גערעדט א פערפעקטן עספעראנטא, אנדערע האבן אפילו געקענט א סך אוקראאינישע ווערטער און האבן צונויפגעשטעלט גאנצע פראזן. און אזוי ארום גערעדט מיט די ערד-שכנים. א פאר פון זיי האבן שוין גערעדט א פערפעקטן אוקראאיניש. זיי האבן דערציילט, אז אזוי ווי זיי האבן זיך געגרייט צו באזעצן אויף אט דער ערד, האבן זיי באצייטנס זיך גענומען לערנען, פריער עספעראנטא און דערנאך — דורך ווערטער-ביכער— די אוקראאינישע און רו-

סישע שפּראַכן. איצט, וועלן זיי זיין די עלטסטע פון דער קאָלאָניע און וועלן זיך קאָנען צונויפרעדן מיט אַלע שכנים.

דער מיטיק האָט זיך פאַרצויגן העט, העט שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ווען די געסט האָבן געדאַרפט אַהיימגיין, האָט זיי דער בעל־הבית מאַקסים סמאַזשענקאָ, פאַרבעטן אַלעמען אויף אַ צווייטער שמחה אין דרייסיק טעג אַרום. דאַן, — אַזוי האָט ער זיי געזאָגט — איז זיין פרוים געבורטסטאָג; זי ווערט 75 יאָר אַלט, לכבוד אַזאַ דאַטע איז זי ווערט, אַז מ'זאָל פאַר איר כבוד וועגן פראַוועןאַ שמחה. די געסט האָבן צוגעזאָגט צו קומען.

*
**

מאַקסים סמאַזשענקאָ, דער רייכער גוטבאַזיצער פון די אוקראַאינישע סטעפּעס, איז געבליבן זיצן פאַרשטיינערט; ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן וואָס ער הערט. ער האָט נישט געוואוסט, אַז עטלעכע פון די באַדינער וואָס דער סינדיקאַט האָט אים געשיקט צו באַדינען זיינע געהויבענע געסט, זענען גאָר געווען אויספאַרשונג־אַגענטן פון שוץ־מי־ניסטעריום. אָט זיצן זיי איצט מיט אים און דערציילן אים, אַז זיינע שכנים זענען נישט אַזעלכע פיינע, גוטהאַרציקע, פשוטע קאָלאָניסטן, וואָס זענען געקומען אַהער פון זייער היים, פון זייער פּלאַנעט „מאַרס", ווייל דאָרט איז זיי אומבאַקוועם דאָס לעבן, און זיי זוכן דאָ אַ רואיק, פרידליך לעבן. זיי, די באַדינער, האָבן אויפגעכאַפּט זייערע געשפּרעכן, זייערע וואונקען און זייערע באַוועגונגען. דערפאַר האָבן זיי עס געבעטן מאַקסימאַן, אַז ער זאָל זיי דערציילן אַ געשיכטע פון דער שמחה לכבוד זיין פרוי, און ער זאָל זיי נאָך אַמאָל איינלאַדן צו זיך. זיי ווילן זיך מיט זיי בעסער באַקענען! עפּעס האָבן זיי אויפגעכאַפּט אַ שמועס וועגן „לע־רער" וואָס זיי האָבן דאָרט; לערער, וואָס דאַרפן זיי אויסלערנען אוק־ראַאיניש און רוסיש... זיי האָבן אויך אויפגעכאַפּט אַ פּאָר ווערטער וואָס זיי האָבן געפּלעפּלט אין אוקראַאיניש און וואָס באַדייטן די ווער־טער: „ראַטעוועט", „מיר זענען געפאַנגען"...

מ'מוז ביי זיי געוואויר ווערן דעם באַדייט פון די דאָזיקע אָפּגעשני־טענע ווערטער. ביי אַ צווייטן צוזאַמענקום וועט מען אפשר עפּעס דער־גרייכן. מ'דאַרף זוכן אַ מיטל ווי אַזוי עס צו דערגרייכן, מ'וועט אפשר דאַרפן באַנוצן פרויען. זיי, די פרויען, צו וועלכע די „מאַרסיאַנער" זענען מער צוגעלאָזט, וועלן אפשר בכוח זיין עפּעס געוואויר צו ווערן. דערווייל אָבער ווערט סמאַזשענקאָ שטאַרק געוואָרנט און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל

אפילו מיט קיין וואונק קיינעם נישט זאָגן וועגן דעם; זיין פרוי און קינדער — אויך נישט. ס'איז אַ שטרענגער מלוכה-סוד. ער דאַרף זיך באַמיען נאָכצוקוקן זייערע באַוועגונגען, ספּעציעל, ווייל מאָל זיי פליען אַרויס פון זייער קאַמפּאַמענט, און אויב מעגלעך — אויך אָבסערווירן צי זיי פליען טיפער אין לאַנד אַריין, אָדער אין הימל אַריין, צו זייער היימלאַנד, צום „מאַרס".

בכדי צו העלפן סמאַזשענקאָן אין זיינע אָבסערוואַציעס, בלייבן דאָ איבער צוויי „באַדינער". ס'וועט הייסן, אַז סמאַזשענקאָן איז געפעלן געוואָרן זייער אַרבעט און ער האָט זיי קאָנטראַקטירט אויף שטענדיקער אַרבעט ביי אים אין הויף. ער דאַרף זיין שטרענג צו אָט די „באַדינער" און נישט אַרויסווייזן קיין שום באַציאונג, אָדער פריינטשאַפט צו זיי. זייער פּלאַץ צום שלאָפן דאַרף זיין אַן אויבערשטער צימערל, פון וואַנען זיי וועלן קאָנען אָבסערווירן די שכנים.

**
*

דער בעל-הבית פון דעם גרויסן גוט אַרום גאָלאָוואַניעווסקי, מאַקסים סמאַזשענקאָ, איז מיט זיינע נייע צוויי באַדינער נישט איבעריק צופרידן. ער האַלט אויף זיי אין איין שרייען. ווען ער זאָל נישט האָבן געמאַכט מיט זיי אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר — וואָלט ער זיי באַלד אָפּגעזאָגט, —אַזוי זאָגט ער אַלעמען.

אויך די צוויי נייע אַרבעטער זענען נישט צופרידן מיט זייער נייעם בעל-הבית; ער טרייבט זיי אַרבעטן צופיל; ער לאָזט זיי נישט רויכערן ביי דער אַרבעט, ער לאָזט זיי נישט שמועסן מיט זייערע חברים, ווען זיי שטייען און אַרבעטן; זיי מורמלען צווישן זיך. זיי האָבן זיך באַ-פריינדעט מיט די איבעריקע אַרבעטער, ספּעציעל מיט איינעם פון זיי, מיט וועמען זיי רעדן אין דער פרייער צייט.

דער דאָזיקער חבר זייערער, איז אויך נישט צופרידן מיטן בעל-הבית. ער איז שטאַרק אַ צוריקגעצויגענער פון די איבעריקע חברים; ער איז אַ שווייגער, שווער ביי אים אַרויסצוקריגן אַ וואָרט. אָבער מיט די נייע צוויי חברים זיינע האָט ער זיך מער באַפריינדעט און רעדט מיט זיי, ווען נאָר זיי ווענדן זיך צו אים מיט עפּעס אַ פראַגע.

די צוויי נייע אַרבעטער, האָבן שוין אָנגעהויבן מאַכן פּלענער אויף צו אַנטלויפן פון דער אַרבעט. זיי ווייסן, אַז פאַר אַזאַ זינד ווערט מען שטרענג באַשטראָפט. די הויפּט-שטראָף וואָס זיי קאָנען באַקומען איז:

זיי מוזן טראָגן ספּעציעלע קליידער, און יעדער וואָס באַמערקט זיי אין אָט די קליידער, טאָר נישט רעדן צו זיי, טאָר זיי אַפילו נישט גריסן. זיי קריגן אַלץ: עסן, טרינקען און שלאָפן, און זענען נישט פאַרשפּאַרט. אָבער — נישט זיי קאָנען רעדן צו עמיצן, נישט עמיצער מעג רעדן צו זיי! ס׳איז אַ שווערע שטראָף. אָבער די נייע צוויי אַרבעטער זענען גרייט אויף אַזאַ שטראָף, סיידן זיי זאָלן אַנטלויפן צום „מאַרס״.

יאָ, בלויז אויפן „מאַרס״ וואָלטן זיי געקאָנט זיין, ווייל פון דער לבנה וואָלט מען זיי צוריק אַרויסגעגעבן. די ערד האָט אַזאַ אָפּמאַך מיט די לבנה־פעלקער — אַרויסגעבן פאַרברעכער; מיטן „מאַרס״ איז אַזאַ אָפּמאַך נישט פאַראַן.

די צוויי נייע אַרבעטער פאַרטרויען זיך פאַר זייער נייעם חבר וועגן זייערע פּלענער. זיי פילן, אַז זיי האָבן געטון אַ גרויס נאַרישקייט וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט אויף גאַנצע דריי יאָר. זיי האָבן עס אָבער געמוזט טון, ווייל זיי האָבן געזוכט אַ רואיק פּלאַץ וואו צו קאָנען איבערזיין אַ שטיקל צייט... זיי האָבן געאַרבעט אין אַ הויף ביי אַ רייכן מאַן, און זיי האָבן פאַרדרייט דעם קאָפּ דעם בעל־הבית׳ס צוויי טעכטערלעך... אַ סברא, אַז זיי וועלן אינגיכן ווערן מוטערס... נו, האָבן זיי געמוזט אַוועק פון דאָרט איידער דער בעל־הבית דערשיסט זיי! זיי האָבן אָבער אַלץ מורא, טאָמער געפינט מען זיי — וואָלטן זיי בעסער אַנטלאָפן אויפן „מאַרס״, דאָרט וואָלטן זיי געווען זיכערער.

אָט אַזוי רעדן די צוויי אַרבעטער מיטן נייעם חבר. מ׳רעדט אַלע טעג, אַלע שעהן, ווען מ׳האָט נאָר אַ געלעגנהייט צו ריידן.

**
*

ס׳דערנעענטערט זיך שוין די צייט צום גרויסן יום־טוב ביי מאַקסים סמאָזשענקאָ, לכבוד דעם געבורטסטאָג פון זיין פרוי. מ׳גרייט־צו ספּעציעלע מאכלים, געטראַנקען. מ׳וועט ווייזן די „מאַרס״־מענטשן, ווי פיין די איינוואוינער פון דער ערד נעמען אויף געסט.

די דינערשאַפט וואַשט און רייניקט אין הויז, אין גרויסן הויף, וואו ס׳וועלן אויסגעשטעלט ווערן די טישן און בענק פאַר די איינגעלאַדענע געסט. ס׳וועט אויך זיין טענץ; מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אַ גרויסן אָרקעסטער פון די בעסטע מוזיקער פון דער הויפּטשטאָט. מען וועט שפּילן און מ׳וועט טאַנצן.

אויך די צוויי נייע אַרבעטער אַרבעטן פלייסיקער. זיי זענען לעצטנס

געוואָרן מונטערער. בלויז זיי, און זייער געטרייער חבר ווייסט דעם סוד, פאַרוואָס זיי זענען פריילעך און אויפגעלייגט. ער. דער נייער חבר זייערער, האָט זיי אָנגעזאָגט אַ וואַזשנע בשורה: ער האָט קענטשאַפט צווישן די נייע שכנים, די „מאַרס"-קאָלאָניסטן. דער בעל-הבית האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געשיקט צו זיי מיט מתנות, האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט זייער עלטסטן און אים דערציילט, אַז אַ פּאָר חברים זיינע ווילן פליען צום „מאַרס" און בלייבן וואוינען דאָרט. און, כאָטש ס'איז אַ שטרענגער פאַרבאָט פאַר די ערד-מענטשן צו עמיגרירן צום „מאַרס" אָן אַ באַזונדערער דערלויבעניש, דאָך האָבן זיי אים צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן די צוויי חברים זיינע מיטנעמען מיט זיך אַהין. מען וועט זיי אויך פאַרזאָרגן מיט אַרבעט און מיט אַ גוטער וואוינונג, און נאָך דריי יאָר צייט —די צייט, ווען עס ווערט בטל יעדער הענגענדיקער משפט אויף איינעם, אויב מ'שטעלט אים נישט צו צום משפט— וועט מען זיי אומקערן צוריק מיט זייער גאַנץ פאַרדינסט וואָס זיי וועלן דאָרט דערווערבן.

זיי, די אַרבעטער, ווייסן שוין אויך אַפילו וואָס פאַר אַן אַרבעט מען וועט זיי געבן! גאָרנישט קיין שווערע אַרבעט! זיי וועלן דאַרפן זיין... לערער! זיי וועלן דאַרפן לערנען מיט די מאַרסיאַנער — פריער די עספּעראַנטאָ-שפּראַך, דערנאָך — די רוסישע שפּראַך.

אין דער פעדעראַלער הויפּטשטאָט פון די פעלקער וואָס באַוואוינען דעם „מאַרס", וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאַ־או" און וואָס אין דער מאַרסיאַנער שפּראַך הייסט עס: „די שטאָט פון די הערשער", ווערט איצט אָפּגעהאַלטן אַ צוזאַמענקום, אַ קאָנגרעס, פון דעם גאַנצן פּלאַנעט. דורך ראַדיאָ־שטראַל סימנים, זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן אַלע קריגער, אַלע עלטסטע פון די ציווילע איינהייטן און די וויכטיקסטע געלערנטע און פאָרשער —צווישן זיי— אַלע אָנפירער פון די הויפּט־שולעס (אוני־ווערזיטעטן), אַז זיי זאָלן קומען צו דער היינטיקער באַראַטונג.

אין דעם גרויסן זאַל פון „קעניג" (שאַליט), דער הויפּט־הערשער, וועלכער טראָגט די זאָרג פאַר אַלע איינוואוינער פון מאַרס־פּלאַנעט, זיצן אויף באַקוועמע שטולן ארום דריי טויזנט פּערזאָן. זיי זיצן אויסגע־זעצט אין אַ האַלבן־לבנה־קרייז און וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן צייכן אין זאַל, אַז די באַראַטונג הויבט זיך אָן. אַלע פאַרזאַמלטע ווייסן אַז עפּעס דערוואַרט זיי וויכטיקע נייעס. דאָס איז שוין דאָס דריטע מאָל וואָס זיי ווערן אַזוי עקסטראַ־שנעל צוזאַמענגערופן. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס געווען — ווען די פירער פון פּלאַנעט האָבן זיי געמעלדעט, אַז מען האָט זיך פאַרבונדן מיט די איינוואוינער פון דער לבנה. מען האָט זיי דעמאָלט באַלד אויפגעקלערט, אַז די איינוואוינער פון דער לבנה ווי בכלל דער גאַנצער לבנה־פּלאַנעט, איז אָרים אין רוי־שטאָפן און האָט נישט קיין צוקונפט אויף פּראָגרעס און אַפילו אויף אייגענער עקזיסטענץ.

דאָס צווייטע מאָל וואָס מען האָט פאַררופן אַזאַ וויכטיקע פאַר־זאַמלונג, איז שוין געווען וועגן אַ מער־פריילעכער נייעס: מען האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די איינוואוינער פון דער ערד. דער „שאַליט" — דער הויפּט פון אַלע פעלקער און איינהייטן פון „מאַרס". האָט דעמאָלט איבערגעגעבן פאַר די פאַרזאַמלטע אַז די ערד איז רייך אין וואסער, פאַרמאָגט גרויסע טייכן וואָס קאָנען קלעקן אויף טויזנטער

יאָרן. די ערד פאַרמאָגט אויך זייער אַ סך מענטשן, וועלכע קאָנען דינען אַלס שקלאַפן פאַר יעדן איינוואוינער פון מאַרס.

איצט, ווען מען האָט גערופן צום דריטן מאָל, דאַרף זיין גאָר, גאָר וויכטיקע נייעס. אפשר איז שוין געקומען די צייט אָנהויבן דעם קריג?

אויף איין באַנק רעדן זיך דורך אַ פּאָר קריגער. זיי רעדן... מיט די הענט. מיטן מויל טאָר מען נישט אויסרעדן קיין וואָרט אין אָט דעם זאַל — אָן דער דערלויבעניש פון הויפּט-הערשער. איינער פון די קריגער דערציילט דעם צווייטן, אַז ער וואָלט שוין טאַקע געדאַרפט האָבן אביסל נייע און פרישע שקלאַפן. ער האָט אַ גרויס פאַרמעגן און מען דאַרף אַרבעטן אַ סך, און זיינע שקלאַפן זענען שוין אַלט און מיד. ווען ער קריגט אַריין אַ צאָל פרישע שקלאַפן, וואָלט ער אַלע אַלטע און שוואַכע ליקווידירט. ער האָט צוריק מיט עטלעכע זונען (טעג) דערשאָסן פינף שקלאַפן וועלכע ער האָט געטראָפן גנבענען פרישע וואַסער פון דעפּאָזים. זיינע שקלאַפן וועלן שוין מער קיין וואַסער ניט גנבענען און זיך באַנוגענען מיט דער פּאָרציע וואָס עס קומט זיי פון זון צו זון.

דער צווייטער קריגער דערציילט, אַז ער איז שוין באַלד געבליבן אָן שקלאַפן. ער האָט זיי שוין באַלד אַלע אויסגעמאָרדעט. ער מוז אויך האָבן אביסל פרישע שקלאַפן און ער האָט שוין געוואָלט אַרויס אויף יאַגד, נאָר זיין עלצטער האָט אים אָפּגעהאַלטן און אים דערציילט וועגן די שקלאַפן וואָס זיי וועלן קריגן פון דער ערד.

אין גרויסן זאַל ווערט ליכטיק. ביים הויפּט-טיש צינדן זיך אָן ספּעציעלע שיינען, וואָס נישט בלויז באַלייכטן זיי דעם זאַל, נאָר זיי געבן אויך אַ מעגלעכקייט איבערצוטראָגן איבערן גרויסן זאַל יעדער וואָרט וואָס ער —וואו ער זאָל נישט זיצן— רעדט אַרויס. ווען עמיצער אין זאַל וויל עפּעס רעדן, גיט מען אַ שטעל אָן אין ז י י ן ווינקל אָט די שיין און זיין וואָרט ווערט געהערט קלאָר פון איין ווינקל צום צווייטן. די שטולן „אויבנאָן" ווערן פאַרנעמען פון די אָנגעקומענע עלצטע. ביי זייער אַריינקום שטעלן זיך אויף אַלע אָנוועזנדיקע און הויבן אויףביידע הענט. דאָס איז אַ סימן פון אַפּלאָז, פון אַכטונג און איינשטימיקייט.

דער עלצטער ווערט באַלויכטן פון אַ קליינער שיין פון דער זייט. אַ סימן ער הויבט אָן רעדן. זיין שטים איז קלאָר און באַפעלעריש.

„מיר האָבן אייך היינט צענויפגערופן ווייל מיר ווילן אייך האַלטן אינפאָרמירט וועגן אונדזער נעקסטן שריט, — אונדזער אָנגריף אויף דער ערד".

מיט אָט די ווערטער, הויבט אָן דער עלצטער זיין עקספּאָזע, און

איידער ער זעצט ווייטער פאָר זיינע רייד — געבן זיך אַלע בייוועזנדיקע אַ שטעל אויף און הויבן אויף זייערעביידע הענט. דאָס איז אַ באַווייז, אַז מען איז איינשטימיק און מען איז גרייט צו פאָלגן.

„זינט מיר זענען געקומען אין באַרירונג מיט דעם פּלאַנעט, וואָס מען רופט „ערד" און זינט מיר האָבן זיך איבערצייגט אַז דאָרט, אויף דעם דאָזיקן פּלאַנעט, איז דאָ אַזוי פיל וואַסער אַז עס וואָלט אונדז געקלעקט אויף אַלע אייביקייטן, איז אונדזער איינציקע זאָרג ווי אַזוי צו באַהערשן די ערד און איבערפירן אַהין אַ גרויסע טייל פון אונדזערע איינוואוינער. מיר קאָנען די וואַסער פון דאָרט צו אונדז ניט ברענגען — מיר קאָנען, אָבער, אַריבערפירן אַהין אַ גרויסע טייל פון אונדזער באַפעלקערונג און במילא וועט שוין סטייען וואַסער פאָר די איבעריקע איינוואוינער פון אונדזער פּלאַנעט.

ווי אַזוי האָבן מיר זיך געגרייט צו אונדזער ציל?

דורך עטלעכע וועגן און דורך גרויסע קרבנות.

דאָס ערשטע: באַלד ווי די מענטשן פון דער ערד זענען באַפרײַנדעט געוואָרן מיט אונדז, האָבן מיר באַמערקט אַז זיי זענען שטאַרק צופרידן מיט זייער אַנטדעקן אונדזער פּלאַנעט און זיי גלויבן אין אונדזער פרײַנטשאַפט. מיר האָבן אויסגענוצט אָט די סיטואַציע און מיר האָבן אַריבערגעשיקט אויף דער ערד צענדליקער הונדערטער און טויזנטער פון אונדזערע בעסטע שפּיאָנען, די בעסטע און געטרייסטע קינדער אונדזערע, וועלכע האָבן אונדז אָנגעהויבן שיקן די וויכטיקסטע אינפאָרמאַציעס וועגן דער קריגערישער שטאַרקייט פון אונדזער צוקונפטיקן שונא.

צווייטנס: מיר האָבן אַריינגעקראָגן אין אונדזער באַזיץ אַ גרויסע צאָל פון געלערנטע ערד-מענטשן. אַ טייל פון זיי, זענען געקומען צו אונדז אויף שפּאַציר און קאָנען זיך נישט אומקערן צו דער ערד. אַ טייל פון זיי האָבן מיר פאַרנאַרט אַהער. אונדזערע ערד-שפּיאָנען האָבן זיך דאָרט באַפרײַנדעט מיט זיי און באַקומען זייער פולשטענדיקן צוטרוי. אין אַ פּאַסיקן מאָמענט, האָבן זיי זיי איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר אין זייערע ראַבאַט-אַוויאָנען. זיי האָבן נישט געזאָגט אַז מען פליט צו אונדזער פּלאַנעט. עס האָט געהייסן אַז מען מאַכט אַ שפּאַציר איבער דער ערד. ווען זיי זענען שוין געזעסן איינגעשלאָסן אין ראַבאַט און איידער זיי האָבן צייט געהאַט אַרויסרעדן איין וואָרט, זענען זיי שוין אָפּגעשטיגן אויף אונדזער פּלאַנעט, וואו מען האָט זיי איינגעשלאָסן אין שטודיר-לאַבאָראַטאָריעס און זיי באַפוילן צו איבערגעבן און אויסלערנען אונדזערע מענטשן זייער וויסנשאַפט. די ערשטע צייט איז אונדז אויס-

געקומען שווער זיי צו באַהערשן און צווינגען ארבעטן. ווען מיר האָבן אייניקע פון זיי דערמאָרדעט פאַר די אויגן פון די אנדערע — זענען די לעצטע ווייכער געוואָרן און אָנגעהויבן ארבעטן. אייניקע פון זיי זענען געוואָרן געטרייע מיטארבעטער, גענומען אונדזערע טעכטער פאַר זייערע פרויען און ארבעטן מיט מיט אונדז אין די אָנגרייף-פּלענער. מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל אויסגעפּרואווט זייער געטריישאַפט און זיך איבער־צייגט אין זייער אויפריכטיקייט.

דריטנס: מיר האָבן זיך פאַרזיכערט מיט דער הילף פון די לבנה־איינוואוינער און ווען מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט דער ערד וועלן מיר זען וואָס מען דאַרף טון מיט יענעם פּלאַנעט.

ביז נישט לאַנג זענען אַלע צוגרייטונגען געגאַנגען נאָרמאַל און עס האָט שוין געהאַלטן נאָענט דער מאָמענט ווען מיר זאָלן געבן דעם באַפעל פון אַטאַקע. זענען מיר, אָבער, לעצטנס געוואוירע געוואָרן, אַז די ערד־מענטשן האָבן אַזוי אַנטוויקלט זייער „טייפל-שטראַל”, אַז ווען זיי ווילן, קאָנען זיי אויפרייסן אונדזער פּלאַנעט און עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן פון אים. זיי קאָנען, אין יעדער צייט, ארויסשיקן אָט דעם „טייפל־שטראַל” —ווי זיי רופן אָן זייער לעצט-דערפינדענע „צ”-באָמבע— צו וועלכן פּלאַנעט זיי ווילן. מיר זענען דאָס געוואוירע געוואָרן דורך אונ־דזערע פריינט פון דער לבנה און דאָס איז דער מאָטיוו פון היינטיקער באַראַטונג.

צי דאַרפן מיר שוין אויפגעבן אונדזער פּלאַן פון באַזעצן די ערד?
— בשום אופן נישט! מיר דאַרפן בלויז זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אָט דער נייער אויפרייס-באָמבע. די מענטשן פון דער ערד האָבן שוין אַזאַ טבע, ווי נאָר זיי באַשאַפן עפּעס אַ צעשטערנדיקע מאַכט, אַזוי געפינען זיי תיכף אויס אַ מיטל פון צו פאַרהיטן זיך אָדער פאַרטיידיקן זיך פון אָט דער צעשטערונג! מיר דאַרפן, אלזאָ, אָנהויבן אַרבעטן אויף אָט דעם געביט. מיר מוזן אַרויסשיקן צו דער ערד, די בעסטע וויסנשאפטסלייט וואָס מיר פאַרמאָגן, זיי דאַרפן אָנקומען אהין אלס פּרידלעכע ערד-אַרבעטער וואָס זוכן זיך צו קאָלאָניזירן. זיי דאַרפן אויך זיין אינדוסטרי-אַרבעטער, וואָס זוכן אַרבעט אין די פאַבריקן, און אָט די לייט אונדזערע, וועלן דאַרפן אויסגעפינען די מאַכט פון דער „צ”-באָמבע, און די מיטלען זי צו מאַכן אומשעדלעך.

איר דאַרפט וויסן, אַז אַ טייל מענטשן וואָס אַרבעטן אויף אָט דעם געביט האָבן מיר שוין אויף דער ערד. עס איז אָבער וויניק! מיר מוזן האָבן גרעסערע קענער פון אָט דער וויסנשאַפט.

און נאָך אַ זאַך דאַרפֿן מיר אײַנזינען האָבן.

מיר מוזן דרינגענד האָבן אויף אונדזער פּלאַנעט עטלעכע פֿון די וויכטיקסטע וויסנשאַפֿטסלײַט פֿון דער ערד, וואָס אַרבעטן אין די לאַבאָראַטאָריעס וואו מען אַרבעט אויס אָט די באָמבעס. די עטלעכע וואָס מיר האָבן דאָ זענען שוין פֿאַרעלטערט, זיי ווייסן אַפֿילו נישט אַז אַזאַ „צ״-באָמבע איז דערפֿונדן געוואָרן. מיר מוזן האָבן פֿרישע וויסנשאַפֿטסלײַט און מען וועט זיי דאַרפֿן אַהער ברענגען אומבאַדינגט!

איך וועל דאָ, איצט, איבערלייענען אַ צעטל פֿון די וויסנשאַפֿטסלײַט וואָס מיר האָבן באַשטימט אַראָפּשיקן צו דער ערד אויסצופֿאָרשן די „צ״-באָמבע און די מיטלען זיך צו פֿאַרטיידיקן פֿאַר איר. די דאָזיקע מענטשן דאַרפֿן געדענקען, אַז אַן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן קאָנען זיי זיך נישט אומקערן צוריק צו זייערע היימען. זיי דאַרפֿן אויך ווייסן, אַז זאָל עמיצער פֿון זיי אונדז פֿאַראַטן און אויסזאָגן די ערד-מענטשן אונדזערע פּלענער — וועלן דאָ זייערע פֿאַמיליעס — די נאָענטע און די ווייטסטע פֿאַרניכטעט ווערן! מען וועט קיין רחמנות נישט האָבן אַפֿילו אויף אַ קרוב פֿון ווייטסטן דור!

איצט ווילן מיר הערן אַ באַריכט פֿון אַ פּאָר עלצטע דאָ, וועלכע זענען לעצטנס געווען אויף דער ערד, אָדער האָבן דאָרט זייערע קינדער. זאָל דער מאַרסיאַנער שעף „קליפּ — טאָן״ אינפֿאָרמירן.

די ליכט ווערט אָנגעשטעלט אויף איינעם, וועלכער הויבט זיך אויף פֿון זיין שטול און באַריכטעט:

פֿאַר די לעצטע פֿערציק זונען, בין איך געווען זעקס מאָל אויף דער ערד. עס האָט געהייסן אַז איך קום מיט פֿרידלעכע מיסיעס צו די ערד-הערשער און איך ברענג זיי אונדזערע לעצטע אַנטדעקונגען. איך בין עס געווען דער ערשטער וואָס האָט געבראַכט דאָס נייעס, אַז די ערד-מענטשן האָבן עפּעס אַ נייע טייפֿלשע אויפֿרייס-באָמבע. איך בין עס געוואוירע געוואָרן פֿון פֿריינט פֿון דער לבֿנה מיט וועלכע איך האָב זיך דאָרט געטראָפֿן.

אַזוי ווי פֿאַר זיי היט מען זיך נים. מען האַלט זיי פֿאַר שטילע, רואיקע מענטשן, אָן אַספּיראַציעס צו אָטאַקירן די ערד און מען גלויבט אויך אין זייער לאָיאַליטעט, האָט מען זיי געוויזן די לאַבאָראַטאָריעס וואו די „צ״-באָמבע ווערט צוגעגרייט און אויסגעאַרבעט. מען האָט זיי, אַפֿילו, אויך געוויזן די צאָל פּאַרטיקע באָמבעס וואָס זענען שוין גרייט צום אויפֿרייס — אויב מען זאָל דאַרפֿן, און דאָס אַלעס האָב איך געמעלדעט אונדזערן הויכגעשעצטן הויפּט-הערשער.

— עס זאָל רעדן טאַל-ראַ-טאַ, — גיט אַ דונער די שטימע פון הויפּט-הערשער. די שיין ווערט אַנגעשטעלט אין אַ צווייט ווינקעלע.

עס הויבט זיך אויף אַן אַלטער מאַן. זיין גרויער קאָפּ האָר און לאַנגע ווייסע באָרד, זאָגן עדות אַז ער איז אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן. ער מאַכט, אָבער, אַן איינדרוק פון אַ שטאַרקן, געזונטן מאַן. ער רעדט שטיל, אָבער מען הערט אים איבערן גאַנצן זאַל. די אַנגעשטעלטע ליכט קענען אים, שטערן אים, ווייזט אויס, צו האַלטן אָפן די אויגן, וועלכע ער האַלט פאַרמאַכט.

דער אַלטיטשקער הויבט אָן רעדן זייער שטיל, אָבער אַלע אין גרויסן זאַל הערן יעדער וואָרט זיינס.

—עס מוז קלאָר ווערן פאַר אַלע איינוואוינער פון אונדזער פּלאַ-נעט. אָדער מיר קריגן קוואַלן פון וואַסער, אָדער מיר דאַרפן אויסמאָרדן העכער העלפט פון אונדזער באַפעלקערונג. אָבער — אויך דאָס וועט נישט העלפן. עס וועלן איבערגייען טויזנט זונען, צען טויזנט זונען און הונדערט טויזנט זונען, און מיר וועלן בלייבן ביים זעלבן פּראָ-בלעם: וואַסער!

מיר, די פאָרשער און לערנער, האָבן שוין געזוכט טויזנטער מיטלען צו פאַרזאָרגן אונדזער פּלאַנעט מיט וואַסער און מען דאַרף מודה זיין: אונדזער אַרבעט און אָנשטרענגונג איז אומזיסט. די נאַטור האָט אַזוי באַשאַפן די פּלאַנעטן, אַז די ערד און די לבנה האָבן צופיל וואַסער און אונדזער פּלאַנעט האָט צו ווייניק וואַסער. אמת, דערפאַר זענען מיר געבענטשט מיט אַ בעסערער און ריינערער לופט, וועלכע מאַכט, אַז אונדזער לעבן זאָל פאַרלענגערט ווערן דריי מאָל אַזוי פיל ווי אויף די אַנדערע פּלאַנעטן. אַט קוקט מיך אָן! ווען איך לעב אויף דער ערד, וואָלט איך שוין —לויט זייערע חשבונות—אַלט געווען 144 יאָר און וואָלט שוין לאַנג געווען טויט. ביי זיי —ביי די ערד-מענטשן— איז אַ מאַן פון הונדערט יאָר — שוין זייער און זייער אַן אַלטער און וואָרט שוין לאַנג אויפן טויט! ביי אונדז —אַדאַנק דער ריינער לופט, וועלכע מיר שעפּן אריין אין אונדזער קערפּער— איז אַזאַ מאַן ווי איך — אין די בעסטע יאָרן!

אָבער, דאָס וועט לאַנג נישט אָנגייען. אינגיכן, גאָר אינגיכן, וועט זיך אונדזער באַפעלקערונג געפינען פאַר אַזאַ וואַסער-קריזיס, אַז מען וועט זיך טויטן איינער דעם אַנדערן צוליב אַביסל וואַסער! אַזוי, אַז מיר מוזן —ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק--זוכן אַ פּלאַץ פאַר העכער העלפט פון אונדזער באַפעלקערונג! אונדזער איינציקע האָפענונג

איז — די ערד! דער פּלאַנעט ע ר ד מוז ווערן אונדזערער! אַזוי, אַז אונדזערע וויסנשאַפטסלייט וואָס וועלן פליען איצט צו דער ערד, זאָלן וויסן וואָס פאַר אַ מיסיע מיר געבן זיי איבער!

— עס וועט רעדן דער עלצטער באַר-מאָ. ער האָט אַ קינד אויף דער ערד, וועלכער אַרבעט זייער אינטענסיוו פאַר אונדזער זאַך. מיר ווילן הערן זיין וואָרט.

באַר-מאָ הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, הויבט אויף ביידע הענט אַלס סאַלוט און ער מעלדעט:

לויט די ידעות וואָס איך האָב פון מיין זון, קאָן מען אַטאַקירן די ערד אין יעדער צייט. ער האָט נישט געהערט רעדן פון נייע אויפריים-באָמבעס וואָס מען קאָן שיקן צו אונדזער פּלאַנעט. זיי האָבן יאָ געוויסע שטראַל-באָמבעס, וועלכע קאָנען צו אונדז נישט דערגרייכן. מיין זון האָט אַ גרויסע צאָל אַגענטן צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד. זיי פאַרשן אוים די שוואַכסטע ערטער פון ערד-קוגל, וואו עס איז בעסער און זיכערער צו אַטאַקירן. איך גלויב אַז די מורא פאַר אַ נייער באָמבע וואָס די ערד-מענטשן רופן אָן „צ"-באָמבע, איז איבערטריבן. מיין מיינונג איז, אַז מיר זאָלן וואָס פריער און וואָס שנעלער אַטאַקירן די ערד. דאָך — וועלן מיר וואַרטן אויף די ידיעות פון אָט די לייט וואָס די גרויסע הערשער שיקן איצט אַראָפּ אויף דער ערד.

— עס וועט רעדן דער עלצטער קרו-וואַ, — דונערט די שטימע פון גרויסן הערשער.

די עלעקטרישע שיין ווערט אָנגעשטעלט אין אַ ווינקעלע. עס הויבט זיך אויף אַ הויכער, שטאַרקער מאַן. לויט זיין אויסזען, איז גלייך צו באַמערקן אַז ער איז נישט קיין מאַרסיאַנער. די ווייסע האָר פון זיין קאָפּ שטימען נישט מיט זיין יונגן אויסזען. עס ווערט באַלד קלאָר: ער איז אַ לבנה-מענטש. דאָרט, אויפן לבנה-פּלאַנעט, האָבן די גרעסטע טייל מענער און פרויען ווייסע האָר. אַזוי ווערן זיי געבוירן. אויף דער עלטער ווערן די האָר שוואַרץ, קיין רויט-האָריקע מענטשן איז אויף דער לבנה נישט פאַראַן.

קרו-וואַ, איז איינער פון די לבנה-מענטשן וואָס אַרבעטן מיט מיט די מאַרסיאַנער אין זייער פּלאַן צו אַטאַקירן די ערד. ער איז געווען איינער פון די רייכסטע מענטשן אין זיין לאַנד. ער איז אויך געווען אַ גרויסער הערשער. אָבער, צוליב זיינע סימפּאַטיעס צו די מאַרסיאַנער האָט ער געמוזט אַוועק פון זיין לאַנד —פון דער לבנה— און די מאַר-

סיאַנער האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און זיי רעכענען זיך מיט זיין מיינונג און זיינע עצות.

קרו-וואַ הויבט אָן זיין רעדע:

ברידער! גרויסע הערשער! קריגער און געלערנטע!

איך האָב אויסגעהערט אייערע מיינונגען און מיט מיין גאַנצן רעספּעקט צו אייך — בין איך מיט קיינעם נישט איינשטימיק! איך קען די ערד-מענטשן בעסער פון אנדערע. איך בין שוין געווען אויף דער ערד צענדליקער מאָל און איך האָב שוין דאָרט געוואוינט העכער טויזנט זונען. מיין מיינונג איז אָט וועלכע:

1) שיקט ניט קיין מאַרסיאַנער אויסצופאָרשן די ערד-מענטשן און זייערע טייוול-באָמבעס, ווייל אויף דער ערד האָט מען קיין צוטרוי נישט צו די מאַרסיאַנער און אויף יעדן מאַרסיאַנער זענען אָנגעשטעלט זעקס פּאָר אויגן אים צו היטן. דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען מיר קאָנען קריגן אַ געוויסע צאָל לבנה-מענטשן, צו וועמען מען באַציט זיך אויף דער ערד מיט מערער צוטרוי און אָט די מענטשן זאָלן פאַר אונדז טון די אויסשפּיר-ארבעט.

ווי איר ווייסט, קאָן איך שוין אויף דער ערד נישט קומען, ווייל זיי ווייסן שוין מיין טעטיקייט לטובת אייך און מיין קאָפּ האָט שוין אַ פּרייז.

2) גלויבט נישט די מעגלעכקייט, אז מען קאָן שוין אַטאַקירן די ערד. אויף וויפל איך ווייס, האָבן זיי איצט צוגעגרייט אזעלכע ראַקעטן און באָמבעס, אַזעלכע שטראַלן און טויט-וואָרפעדס, וואָס קאָנען לייכט, גאָר לייכט, דערגרייכן אונדזער פּלאַנעט, אים אויפרייסן און אים צעמאָלן, פּונקט ווי זיי האָבן עס געטון מיטן פּלאַנעט „ווענוס", וועלכער איז געווען גרעסער פון אונדזערן. זיי האָבן געוואוסט אז אויפן „ווענוס" וואוינען נישט קיין מענטשן און קיין לעבן איז אויף אים נישטאַ! זיי האָבן, אָבער, געוואָלט אויספּרואוון זייערע ניי-דערפינדענע שטראַלן און באָמבעס, און זיי האָבן אויך געוואָלט אונדז צייגן ווי שטאַרק זיי זענען, האָבן זיי צעשמעטערט דעם „ווענוס" ווי אַ נוס!

ניין! איך האַלט, אַז ביז מען וועט נישט זיין גוט באַוואָפנט, טאָר מען זיך מיט די ערד-מענטשן נישט איינרייסן! מען דאַרף האָבן געדולד! אַ סך געדולד! אויב נישט — וועט זיין שלעכט!

3) עס איז אויך אַ טעות צו ברייינגען אַהער מיט גוואַלד, וויסנשאַפטסלייט פון דער ערד. איך האַלט דאָס פאַרקערטע! מיר דאַרפן אָנבאָטן די ערד-מענטשן די גרעסטע באַקוועמלעכקייטן. זיי אָנ-

ווייזן אז מען וועט זיי אויסלערנען אונדזערע טעכנישע דערגרייכונגען, זיי וועלן לעבן לענגער ביי אונדז, און אַזוי אַרום ברענגען אַהער אַ גרעסערע צאָל —ווי זיי רופן זיי אָן— פּראָפּעסאָרן!

אָט האָבן מיר געבראַכט —מיט גוואַלד— פּשוט פאַרנאַרט — עט־לעכע מענטשן פון דער ערד. מיר האָבן זיי גוט אויסבאַהאַלטן אַז די ערד־מענטשן וואָס קומען צו אונדז, צוליב מיסחר אָדער דיפּלאָמאַטיע, זאָלן זיי ניט געפינען! נו! וואָס האָבן מיר פון זיי? וואָס האָבן זיי אונדז אויסגעלערנט?

איך האָב דערוויל מער נישט וואָס צו זאָגן!

אין זאַל ווערט אַ מורמלעריי! אַ גרויסע טייל הייבן אויף די הענט, אַלס סימן פון איינשטימיקייט. דער הויפּט־הערשער רייסט איבער די זיצונג אויף אַ שעה צייט.

אין הויז פון הערי קוק איז היינט יום-טובדיק און פריילעך. היינט איז דער געבורטסטאָג פון הינעסיטען, און עס קומען זיך צענויף חברים און חברטעס. עס וועלן אויך זיין עלטערע מענטשן — פריינט און שכנים, וואָס די עלטערן האָבן איינגעלאַדן צו אָט דער שימחה.

צווישן די ווּיכטיקסטע געסט, וועלכע מען דערוואַרט צו דער היינטיקער שימחה, וועט אויך זיין, דער מאַרסיאַנער סטודענט לי-לי, וועלכער האָט אויך געבעטן אַז מען זאָל איינלאַדן זיין פאָטער, וועלכער איז געקומען צו אים צוגאַסט און א שותף פון פאָטער, א לבנה-איינוואוינער, מיט וועמען ער וויל באַרייזן די ערד און זיך באַקענען מיט אירע טעכנישע דערגרייכונגען.

הינעסיטעס פאָטער הענרי קוק, האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען די ביטע פון דעם מאַרסיאַנער סטודענט און האָט זיי איינגעלאַדן צו דער שימחה, און כדי דעם לבנהער גאַסט זאָל זיין היימלעכער, האָט ה׳ קוק איינגעלאַדן אַ צווייטן לבנה-מענטשן, זיינעם אַ חבר און פריינט וואָס אַרבעט מיט אים צוזאַמען אין מיניסטעריום.

די יונגטלעכע געסט זענען איינגעלאַדן געוואָרן 5 אַזייגער פאַרנאַכט און די עלטערע געסט — אויף 7 אַזייגער.

כדי צו באַדינען די געסט, זענען ספּעציעל געדונגען געוואָרן צען יונגע, שיינע, מיידלעך און צען יונגע מענער, וועלכע דער „פאַרבאַנד פון באַדינער״ האָט צוגעשיקט. אַלע 20 באַדינער האָבן גערעדט, פּערפעקט, די „עספּעראַנטאָ״-שפּראַך און נאָך בעסער האָבן זיי גערעדט די שפּראַכן און דיאַלעקטן פון די „לבנה״ און „מאַרס״-מענטשן. די באַדינער און באַדינערנס זענען אויך געווען געשולטע זינגערס, רעציטאַטאָרס, אַנעקדאָטן-דערציילערס, טענצערס און קונצנמאַכער. זייער אויפגאַבע איז טאַקע געווען —א חוץ צוגרייטן די טישן און באַדינען די געסט— אויך זיי צו פאַרווייַלן. קיין געצאָלט האָבן די באַדינער ביים ה׳ קוק נישט געדאַרפט באַקומען. זיי האָבן באַקומען זייער יערלעכן גע-

האלט פון זייער „פארבאנד", אין וועלכן ה' קוק איז געווען א „פאר־צייכנטער" און ער האָט געצאָלט אַ יערלעכע סומע און דערפאר האָט מען אים געשיקט באַדינער ווען און וויפל ער האָט געפאָדערט. פון קיין „טרינק־געלט" האָט מען נישט געוואוסט. איינמאָל, ביי אַ שימחה, האָט דער זיידע געפּרואווט געבן די באַדינער „טרינק־געלט". האָבן זיי זיך שטאַרק באַליידיקט און... אָפּגעגעבן דאָס געלט צוריק...

פונקט צו דער מינוט, ווען די עלעקטראָנישע סימנים אויף דער וואַנט האָבן געוויזן אז עס איז 5 אַזייגער, האָבן זיך אָנגעהויבן צענויפ־קומען די יונגנט־געסט. פון די סאמע ערשטע זענען געקומען ניקאָלאָס ברום — היגעסיטאס חתן — און מיט אים איז אויך געקומען זיין חבר לי־לי, וועלכער האָט — מיט היגעסיטעס וויסן און דערלויבעניש — אויך מיטגעבראַכט זיינע צוויי חברים, ביידע לבנה־סטודענטן, וואָס זענען געקומען אויף דער ערד צו פארפולקאָמען זיך אין מעדיצינישע פאָרשונגען.

אויך אין אויבערשטן זאַל וואו די עלטערע מענטשן פארברייינגען, זענען דאָ אַ סך געסט — אויסער די פאַמיליערע און שכנים. ה' קוק האָט זיי ספּעציעל איינגעלאַדן כדי זיי צו באקענען מיט זיינע לבנה און מאַרס־געסט און מען זאָל קאָנען היימלעך פארברייינגען.

ה' באַר־מאָ, דער פאָטער פון מאַרסיאַנער סטודענט לי־לי, איז געווען זייער העפלעך און דאנקבאַר פאַר דער איינלאַדונג צו דער היינטיקער שימחה. ער רעדט א פּליסיקן „עספּעראַנטאָ" און ער דערציילט אז זיין זונדעלע האָט אים א סך, זייער א סך דערציילט וועגן דער פאַמיליע קוק און וועגן זייער טעכטערל הינעס. ער האָט געבראַכט פאַר איר א געבורטסטאָג־מתנה, אַ קליין מעכאַניש־עלעקטראָניש האַנט־זייגערל, וואָס אַלע אינדערפרי — ווען מען שטייט אויף פון שלאָף — זינגט עס אויס דעם נאָמען פון טאָג, פון חודש און פון יאָר אין וועלכן מען איז איצט אויפגעשטאַנען. עס מעלדעט אויך וואָס פאַר אַ וועטער עס וועט היינט זיין. דאָס זייגערל — אז מען טראָגט עס אויף דער האנט — ווייזט עס אָן ווי אַזוי... דאָס הארץ קלאַפּט און ווי אַזוי דאָס בלוט פונקציאָנירט. „אָנציען" דאָס זייגערל — דאַרף מען נים. עס איז גענוג אז עס זאָל איינמאָל — ווען מען טראָגט עס אויף דער האַנט — אויפכאַפּן אַ שטראָל פון דער זון — קאָן עס שוין „גייען"... 10 יאָר. עס איז אויך הערמעטיש פאַרמאַכט און עס האָט נישט קיין מורא פאַר קיין וואַסער.

אַלע בייוועזנדע האָבן מיט באוואונדערונג באַטראַכט דאָס זייגערל

און ה׳ קוק האָט אַריינגערופן אין זאַל אַריין הינעסיטען וועמען באַר־מאַ האָט איבערגעגעבן די שיינע מתנה, אָנטועענדיק איר עס אויף דער האַנט.

באַר־מאָ האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט איין מתנה. טאַקע דערפאַר — אַזוי זאָגט ער — וואָס זיין זונדעלע האָט אים אַזוי פיל דערציילט פון דער פאַמיליע קוק און פון דער אויפמערקזאַמקייט וואָס מען שענקט אים, ווען ער קומט אַריין אין זייער הויז, האָט ער געבראַכט אַן ענלעך האַנט־זייגערל אויך פאַרן הער קוק. און זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַרויסגענומען אַ צווייט האַנט־זייגערל, באַזעצט מיט זעקס־און־דרייסיק טייערע בריליאַנטן און פערל און עס איבערגעגעבן דעם הער קוק. דער ה׳ באַר־מאָ האָט עס אים געוואָלט אָנטון, אָבער ה׳ קוק האָט דערקלערט, אַז ביי אים איז אַ שטוב־טראַדיציע, אַז ער און זיין פרוי טראָגן ביי אַ פאַמיליען יום־טוב די מתנות וואָס זיי זענען געשאָנקען געוואָרן איינער דעם אַנדערן, אַזוי, אַז היינט ביינאַכט וועט ער טראָגן זיין אייגן זייגערל, וואָס זיין פרוי האָט אים געשאָנקען. פון מאָרגן אָן וועט ער אָנהויבן נוצן אַט דאָס מערקווירדיק זייגערל. . .

אויפן וואונק פון הער קוק, האָבן די דינער איינגעלאַדן די געסט אינעם גרויסן עס־זאַל, וואו אויף גרויסע, באַקוועמע טישן זענען געשטאַנען צענדליקער טעלער און טעלערלעך מיט... פילן. יעדער טעלערל האָט געהאַט אַן אויפשריפט אין דריי שפראַכן: עספעראַנטאָ, „מאַרס״־ און לבנה־שפּראַכן. וואָס פאַר אַ „מאכל״ די פילן זענען — צום טרינקען איז געווען בלויז וואַסער. דער איינפיר צו שטעלן שאַרפע געטראַנקען איז שוין לאַנג געווען אָפגעשאַפט. אַז אַ גאַסט האָט געבעטן, האָט מען אים דערלאַנגט וואָס ער האָט געוואָלט.

אין מיטן עסן און פאַרברענגען, איז אין זאַל אַריינגעקומען הינעסיטאַ, פון איין זייט געאָרעמט מיט איר חתן, און פון דער צווייטער זייט — מיט לי־לין. הינעסיטאַ ווייזט דעם פאָטער, אַז אויך לי־לי האָט אַזאַ זייגערל. דערביי ווייזט אויך באַר־מאָ, אַז אויך ער טראָגט אַזאַ זייגערל —אָן בריליאַנטן און פערל—, ווייל אַזאַ טייער זייגערל קויפט מען בלויז פאַר געהויבענע געסט. דער „מאַרסיאַנער״ גאַסט האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס זיין מכנים־אורח הער קוק, טוט איצט נישט אָן זיין מתנה, וועלכע ס׳איז אים שווער אָנגעקומען צו געפינען, אָבער ער האָפט, אַז פון מאָרגן־אָן וועט זיך שוין דער הער קוק נישט שיידן מיט אָט דער דערפינדונג פון די „מאַרס״־געלערנטע.

אַ זיצונג אין מיניסטעריום פאַר פיזיק און דערפינדונג.

אַרום אַ גרויסן טיש זיצן עטלעכע אָנגעזעענע ווסנשאַפטליים, וואָס אַרבעטן אין מיניסטעריום. ס'זיצט אויך הער קוק און נעבן אים שטיין צוויי פון די „באַדינער", וועלכע האָבן נעכטן ביינאַכט „געאַרבעט" אין זיין הויז. ביידע זענען הויכע שעפן פון זיכערקייט-מיניסטעריום, וועלכע זע־נען געשיקט געוואָרן צום הער קוק אין הויז, אויסצופאָרשן די מענטשן פון די פלאַנעטן, וואָס זענען נעכטן געווען די געסט פון דער פאַמיליע קוק. מ'האָט געהאַט אַ באַגרינדעטן חשד, אַז דער הער באַר־מאָ איז נישט אַ פשוטער, רייכער בירגער פון „מאַרס"-פלאַנעט, וואָס פאָרט אויף אַ שפאַציר אויף דער ערד. אַגב, האָט די „אינטעליגענץ-סערוויס" פון דער לבנה געמאָלדן זיין „קאָלעגע" אויף דער ערד, אַז ס'געפינט זיך איצט אויף דער ערד אַ באַוואוסטער לבנה־שעף, וואָס איז אַ גרויסער סימפאַ־טיזירער פון די „מאַרסיאַנער" און ער העלפט זיי אין זייער ערדישער שפיאָנאַזש-אַרבעט. אָט דער לבנה־שעף איז נעכטן געווען דער גאַסט פון הער קוק, קומענדיק אין דער באַגלייטונג פון הער באַר־מאָ.

די צוויי „דינער" האָבן דערציילט די ביזוועזנדיקע, אַז מער ווי איין מאָל האָבן זיך ביידע פלאַנעט-געסט דורכגעוואָרפן מיט פאַרדעכטיקע באַמערקונגען אין אַ דיאַלעקט, וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען. ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען אַ פערזענלעכער שיפרירטער דיאַלעקט, וואָס ווערט פּראַקטיצירט צווישן די צוויי מענטשן, ווען מ'רעדט זיך פריער אָפּ, וואָס יעדער זילב באַדייט.

די פראַגע איז: צי זאָל מען די דאָזיקע צוויי שפּיאָנען אַרויפזעצן אויפן „אמת"-שטול, אַרויסקוועטשן פון זיי אַלץ וואָס זיי ווייסן ,און דער־נאָך אַרויפזעצן זיי אויף אַ „ראָבאָט", זיי אָפשיקן צום „מאַרס", און דער „ראָבאָט" זאָל פּלאַצן אין מיטן וועג, אָדער מ'זאָל זיי נישט אָנרירן, און בלויז נאָכשפּיאָנירן טריט ביי טריט — ביז זיי וועלן פאַרלאָזן די ערד!

אין משך פון די פאַרהאַנדלונגען, האָבן צוויי וויסנשאַפטלייט גע־

האַלטן אין זייערע הענטביידע זייגערלעך. וואָס הער קוק האָט מיטגע־בראַכט מיט זיך, כדי צו דערווייזן, צו וועלכער טעכנישער שטופּע און קענטעניש די „מאַרס"-מענטשן האָבן דערגרייכט. באַטראַכטנדיק די זייגערלעך און דרייענדיק די אויסערלעכע שרייפעלעך, וואָס האָבן גע־דאַרפט אָנווייזן דעם היינטיקן און מאָרגנדיקן וועטער, זענען די צוויי וויסנשאַפטלייט פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער; זיי האָבן געבעטן ביי די בייוועזנדיקע אַן אַבסאָלוטע שטילקייט, און זיך בלויז צוגעהערט איינער צום צווייטן, וועלכער האָט געהאַלטן דאָס זייגערל אין דער האַנט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, האָבן די וויסנשאַפטלייט איבערגעגעבן ביי־דע זייגערלעך צו אַנדערע צוויי באַוועזנדיקע, און אַזוי זענען די זייגער־לעך געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז די מיסטעריע פון דער שיינער מתנה, באַזעצט מיט בריליאַנטן און פּערל, איז אויפגעקלערט געוואָרן: די זייגערלעך האָבן, חוץ די מעלות וואָס באַר-מאָ האָט אויסגערעכנט, געהאַט נאָך אַ מעלה: אַ מוח-ראַדיאָ. ווען צוויי מענטשן וואָס האָבן געטראָגן די זייגערלעך, האָבן זיך געטראָפן נאָענט —לפחות אינעם זעל־בן הויז—, האָט איינער געקאָנט לייענען דעם צווייטנס געדאַנקען און אַפילו אויספאָרשן די סודות וואָס יענער ווייסט. דער סיסטעם פון די דאָזיקע זייגערלעך איז אָבער געווען אַזוי צוגעפּאַסט, אַז אויב איינער פון די צוויי מענטשן וואָס האָבן די זייגערלעך געטראָגן, האָט נישט גע־וואוסט דעם דאָזיקן סוד, און ער האָט נישט אָנגעשטעלט זיין „ראַדיאָ" אין זייגערל, האָט ער גאָרנישט געקאָנט אויסגעפינען וואָס דער צווייטער טראַכט, אָדער ווייסט.

ווען באַר-מאָ, האָט נעכטן געוואָלט אָנטון דעם הער קוק דאָס זיי־גערל, —און ער האָט אויך געטראָגן אַן ענלעכס—, איז דאָס זייגערל פון ה' קוק געווען צוגעגרייט צלויז צו „ענטפערן", נישט אויפצוכאַפּן.

איצט איז נאָר געבליבן די פראַגע: צוליב וואָס האָט דער הער באַר-מאָ אויך אָנגעטון אַזאַ זייגערל הינעסיטאַן, קוקס טעכטערל? וואָס האָט ער ביי איר געוואָלט וויסן? צי האָט ער געגלויבט, אַז אַזאַ יונג קינד ווייסט עפּעס פון מלוכה-סודות, אָדער צי זי ווייסט וואָס דער פאָ־טער אירער טוט?

ערשט איצט איז די פאַרזאַמלונג געוואָרן ערנסטער. ערשטנס: צי זאָל מען באַלד וואָרענען די ערד-מענטשן, וועלכע פירן-אָן מיט די וויכ־טיקע מלוכה-ענינים און וויסן פון מלוכה-סודות; צי זאָל מען זיי וואָ־רענען קעגן דער דאָזיקער נייער דערפינדונג פון די „מאַרסיאַנער"? און

די צווייטע פראַגע איז: ווי אַזוי מאַכט מען אומשעדלעך אָט דאָס „נייע געווער" פון די „מאַרסיאַנער"?

ס'איז געבליבן, אַז נישט שפּעטער ווי אין פיר-און-צוואַנציק שעה אַרום דאַרף דער ענין דערליידיקט ווערן. די וויסנשאַפטלייט זענען אַוועקגעגאַנגען צו זייערע לאַבאָראַטאָריעס, מיטנעמענדיק מיט זיך די זייגערלעך.

אין איינעם פון די שענסטע האָטעלן פון יאָהאַנעסבורג — די הויפּט־שטאָט פון די אַפריקאַנער, יאַפּאַנעזישע און אויסטראַלישע פעלקער—, ביי אַ טיש פון רייכן עס־סאַלאָן פונעם האָטעל, זיצן עטלעכע פּלאַנעט־מענטשן. (אַזוי האָט מען גערופן די איינוואוינער פון דער לבנה און פון „מאַרס״, וואָס פלעגן קומען צו־גאַסט צו די ערד־איינוואוינער).

די געסט לאָזן זיך וואוילגיין, הייסן זיך דערלאַנגען די געשמאַקסטע „פיל״־מאכלים און די טייערסטע מינעראַל־וואַסערן וואָס געפינען זיך אויף דער ערד.

די „מאַרסיאַנער״ האָבן שוין געוואוסט, אַז לעצטנס האָט מען גע־פונען אויף דער ערד אַזעלכע מינעראַל־וואַסערן, וואָס אַז מ׳טרינקט זיי, פילט מען זיך יינגער, קרעפטיקער און מיט אַ סך לוסט צו לעבן. פאַראַן אַזאַ וואַסער, וואָס אַז מ׳טרינקט עס אוים צוויי־דריי גלעזער — גלוסט זיך נישט שלאָפן צוויי־און־זיבעציק שעה צייט, און מען קאָן אַפילו אַרבעטן נאָרמאַל, גלייך ווי מ׳זאָל האָבן געוועזן געשלאָפן די שעהן וואָס זענען נייטיק פאַרן קערפּער. פאַראַן אַ וואַסער, וואָס מ׳האָט געפונען אין די בערג פון יהודה, נישט ווייט פון ירושלים, וואָס אַז מ׳טרינקט אַבי־סעלע פון אָט דעם וואַסער, ווערן די אויגן אַזוי קלאָר אַז מ׳קאָן זען אויף מיילן ווייט ווער ס׳גייט, אָדער ווער און אויף וואָס מ׳פאָרט דאָרט.

אמת, אָט די אַלע מינעראַל־וואַסערן זענען נאָך שטאַרק טייער, און בלויז גאָר, גאָר, רייכע מענטשן קאָנען זיך פאַרגינען זיי צו נוצן. גאָר ספּעציעל נוצן עס די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד. מ׳נוצט די דאָזיקע וואַסערן פאַר פאַרשונגען און פאַר פאַרטיידי־קונג־צוועקן. דערפאַר טאַקע, איז פאַרבאָטן אַרויסצופירן דאָס דאָזיקע מי־נעראַל־וואַסער אויסער דער ערד. מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש קאָן אַ „מאַרסיאַנער״, אָדער לבנה־מענטש מיטנעמען מיט זיך אַהיים אַ פלאַש אָדער צוויי פון די פאַרשידענע „סטראַטעגישע״ מינעראַל־וואַסערן.

אָט די דאָזיקע משקה איז איצט געשטאַנען אויפן טיש, וואו די

„מאַרסיאַנער" און לבנה-מענטשן זענען געזעסן און אַזוי פריילעך און „אומשולדיק" פאַרבראַכט.

צווישן די בייוועזנדיקע געסט ביים טיש, זענען געזעסן: דער „מאַרסיאַנער" באַר-מאָ, זיין זונדעלע לי-לי, דער לבנה-„גאַסט" וואָס איז בייגעווען די שמחה ביי הער קוק אין הויז, דער „מאַרסיאַנער" הערשער באַר-לע, און צוויי לבנה-הערשער וואָס דינען ביי די „מאַרסיאַנער".

צום ערשטן רעדט באַר-מאָ. ער רעדט מיט אַ פריילעכן טאָן און אַלע מאָל צעלאַכט ער זיך הויך אויפן קול. דאָס אַלץ טוט ער, כדי נישט צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די באַדינער און זייטיקע מענטשן אויף זייער טיש; מ'זאָל מיינען, אַז עס זיצן אַ גרופע רייכע פּלאַנעט-מענטשן וואָס זענען געקומען צו-גאַסט צו דער ערד, כדי דאָ צו פאַרברענגען עטלעכע טעג. ווען באַר-מאָ צעלאַכט זיך — צעלאַכן זיך אויך די איבעריקע ,און ביי אַלע זייטיקע מענטשן איז גאָר קיין פראַגע נישט, אַז די דאָזיקע גרופע פּראַוועט אַ געווייסע שמחה. בלויז די צוויי באַדינער פון טיש ווייסן, ווער אָט די געסט זענען און הערן זיך צו צו זייערע רייד. די „מאַרסיאַנער" ווייסן אויך נישט, אַז יעדעס וואָרט זייערס ווערט אויפגעגראַווירט אויף ספּעציעלע פּלאַטן; אַז אַלץ וואָס ס'שטייט אויפן טיש —און דער טיש אַליין מיט זיינע אַכט פיס— זענען עלעקטראָניש צוגעטשעפּעט צו אַן אַפּאַראַט וואָס גראַווירט זייערע רייד, זייערע באַוועגונגען מיט די הענט און גרימאַסן אויף די פּנימער, זייערע געלעכטערס און ,אַפילו זייערע אויגן-בליקן.

דער „מאַרסיאַנער" הערשער, צווישן געלעכטער און טרונק, מורמלט אַרויס:

— אונדזער הויפּט-הערשער האָט מיך געשיקט געוואויר ווערן, וואָס פאַר אַ נייעס דו האָסט. ער איז שטאַרק אומרואיק! מיר האָבן אומצוטייפלהאַפטע ידיעות, אַז די ערד-הערשער האָבן שוין דערפונדן אַ נייעם וואָפן — אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס קאָן צוציען די שטראַלן פון דער זון און טון מיט זיי וואָס זיי ווילן. זיי קאָנען זיי פאַרקירעווען אין אַ צווייטער ריכטונג, און נישט צולאָזן צו אונדזער פּלאַנעט קיין איין שטראַל — דאַן איז דער „מאַרס" פאַרמשפּט פאַרניכטעט צו ווערן אין משך פון אַ קורצער צייט. זיי קאָנען אויך נעמען אָט די שטראַלן און זיי אינגאַנצן אָנשיקן אויף אונדז און מאַכן ביי אונדז אַזאַ היץ, אַז מיר אַלע פונעם פּלאַנעט זאָלן פאַרקוילט ווערן אין געציילטע מינוטן! לויט אונדזערע ידיעות, איז נאָך דער אַפּאַראַט, די דערפינדונג, נישט אינגאַנצן פאַרטיק. ס'וועט נאָך נעמען אַ סך צייט, ביז די דערפינדונג וועט פּערפעקציאָנירט

ווערן. דאַן — וועלן מיר שוין נישט קאָנען טראַכטן וועגן אַטאַקירן די ערד, און מיר וועלן זיין צופרידן אַז מ׳וועט אונדז לאָזן לעבן. מיר מוזן דעריבער באַצייטנס טון עפּעס. מיר מוזן זיך צואיילן מיט אונדזערע פּלענער! — וואָס זאָגסטו דערויף, הערשער באַר-מאַ?

באַר-מאַ שטעלט זיך אויף, נעמט-אָן מיט ביידע הענט זיין גלאָז — ווי ס׳איז דער מנהג ביי די „מאַרסיאַנער". ווען זיי ווילן עפּעס ווינטשן ביי אַ פייערונג; דערמיט איז ער זיכער אַז די זייטיקע געסט מיינען, אַז ער האַלט אַ באַגריסונג-רעדע:

— קיין גוטע נייעס האָב איך נאָך נישט. מיין מיטל מיט די מוח-זייגערלעך האָט מיר נאָך קיין רעזולטאַטן נישט געגעבן. איך פאַרשטיי עם נישט: כ׳טרעף מיך אָפּט מיטן ה׳ קוק, וועלכער ווייסט די וויכטיקסטע מלוכה-סודות. מיר טראָגן ביידע די זייגערלעך; כ׳שטעל-אָן דעם „מוח-ראַדיאָ" — און הער גאָרנישט, אַבסאָלוט גאָרנישט! כ׳הער בלויז דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ און די צירקולאַציע פון זיין בלוט אין די אָדערן. כ׳האָב שוין געפּרואווט מאַכן אַ שפּאַס מיט אים און זיך ביַיטן מיט די זייגערלעך. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו באַקענען זיך מיט איינעם פון די וויכטיקסטע מענער פון פאַרטיידיקונג-מיניסטעריום. האָב איך —אין שפּאַס— אים געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך ביַיטן מיט די זייגערלעך, כדי איך, ווי אַ גאַסט, זאָל זיך קאָנען באַווייזן פאַר אַזאַ אָנגעזעענער פּערזענלעכקייט מיט אַ זייגערל פון בריליאַנטן און פּערל. הער קוק האָט מיר געגלויבט אויפן וואָרט, און מיר האָבן זיך געביטן, און — איך האָב ווידער גאָרנישט. אַבסאָלוט גאָרנישט, געקאָנט הערן וואָס ס׳טוט זיך ביים הער קוק אין מוח. ווען כ׳האָב דאָס זייגערל פון הער קוק אָנגעטון מיין זונדעלע לי-לי, האָב איך אַלץ געהערט וואָס ביי אים קומט פאָר אינעם מוח; כ׳האָב שוין צופיל געהערט. כ׳בין איבערצייגט געוואָרן, אַז מיין זון איז זייער שטאַרק פאַרליבט אין דער שיינער טאָכטער פון הער קוק און ער טראַכט בלויז פון איר!...

לי-לי הייבט זיך אויף, מאַכט אויך די זעלבע סימנים, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ באַגריסונג-רעדע, און ער דערציילט:

— איך האָב שוין בעסערע נייעסן פון מיין פאָטער. כ׳האָב לעצטנס געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פון דער ערד. איך, און מיינע מענטשן וואָס שטייען מיר צו דינסט, האָבן אויסגעפאָרשט די מעגלעכקייטן צו אַטאַקירן די ערד-איינוואוינער. מיר האָבן אויך געהערט פון די אַלע נייע וואָפן, וואָס די ערד-מענטשן האָבן דערפונדן, און כ׳האַלט אויך, אַז מיר דאַרפן אַטאַקירן וואָס פריער. מיר

מוזן אין איין נאַכט אַראָפּלאָזן אויף דער ערד אַ גרויסע אַרמיי מיט אַלע אונדזערע עלעקטראָנישע וואָפן וואָס מיר פאַרמאָגן! אַז מיר וועלן קומען אויף דער ערד, זאָלן מיר נישט זוכן צו כאַפּן שקלאַפן און זיי שלעפּן צו אונדז, אויפן „מאַרס“. אונדזער טאַקטיק און שלאַגוואָרט דאַרף זיין: טויט! ביים אַראָפּקומען אויף דער ערד — וועלכע מיר דאַרפן אַטאַקירן פון אַלע פיר עקן, אין דער ברייט און אין דער לענג — דאַרפן מיר טויטן און ברענען. מיר דאַרפן פאַרניכטן וויפל ערד-מענטשן ס׳וועט אונדז מעגלעך זיין! אויב מיר וועלן פאַרניכטן אַ האַלבע וועלט פון די ערד-מענטשן, וועט אונדז די צווייטע העלפט גענוג זיין אויף צו מאַכן זיי פאַר אונדזערע קנעכט, און וואָס שנעלער מיר וועלן עס טון — אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אונדז! אויב, אָבער, אונדזערע הערשער און קריגער וועלן אָנפאַלן אויף דער ערד, און דאָס ערשטע וואָס זיי וועלן טון — זיי וועלן כאַפּן יונגע מענער און פרויען און זיי שיקן מיט די „ראָבאָטס“ אויפן „מאַרס“. ווי זייערע שקלאַפן — וועלן מיר פאַרלירן דעם קריג און מיר וועלן זיך שוין צום „מאַרס“ קיין לעבעדיקע נישט אומקערן.

— אָט דאָס זאָלט איר איבערגעבן אונדזער הויפּט-הערשער. גיט אים אויך איבער פאָלגענדעס:

ביז נישט לאַנג צוריק, האָט אויף דער ערד נישט עקזיסטירט קיין באַגרענעצונגען פאַר פּלאַנעט-מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט קומען באַזעצן זיך אויף דער ערד. דאָס איינציקע וואָס מ׳האָט געפאָדערט ביי זיי איז געווען, אַז זיי זאָלן זיך נישט באַזעצן אין די גרויסע שטעט, נאָר זאָלן פאָרן אין יענע געגנטן וואו ס׳פּוסטעווען אַ סך פעלדער און וועלדער. איצט, — אַזוי בין איך געוואויר געוואָרן — גייט מען איינפירן באַשרענקונגען אויף דער אימיגראַציע פונעם „מאַרס“. זאָגט-זשע אונדזער הויפּט-הערשער, אַז אין די נאָענטע זונען, זאָל ער אַרויסשיקן אַהער אַ גרעסערע צאָל פעסטע קריגער, וועלכע זאָלן קומען אַהער ווי אימיגראַנטן. איך, און מיינע מענטשן, וועלן זען אויסצואַרבעטן אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן דאָרט וואו מיר וועלן דאַרפן. נעמט שוין אייערע „ראָבאָטן“, זעצט זיך אַרויף, און פליט אַהיים. נאָך היינט זאָלט איר איבערגעבן אונדזער הויפּט-הערשער מיינע ווערטער... און איצט — אַ פּערזענלעכע ביטע: גיט איבער אַ גרוס פון מיר מיין מוטער. זאָגט איר, אַז גאָר אין גיכן וועל איך איר ברענגען אַן ערדיש מיידל, זי הייסט הינעם! דאָס מיידל וועט זיין מיין פרוי. איך האָב שוין — דורך אונדזערע זייגערלעך — אויסגעפאָרשט איר מוח, און זי טראַכט אויך וועגן מיר. איר האַרץ קלאַפּט פאַר מיר שטאַרקער ווי פאַר איר ערדישן חתן. מיר וועלן מאַכן

אַ שפּאַציר אויף דער ערד, כדי זי צו העלפֿן פֿאַרוויסטן און פֿאַרברענען, אויסשעכטן און אויסמאָרדן די איינוואוינער פון דער ערד, מיט מיין הי-נעסיטאַס חתן און עלטערן צוזאַמען!.. איזוי האָב איך .היינט באַ-שטימט...

— — — — — — — — — — —

די מאַרסיאַנער געסט האָבן געענדיקט עסן און טרינקען. זיי רופן צו די באַדינער, באַצאָלן פאַר אלעם מיט דער ברייטער האנט און הייסן זיך מאַכן עטלעכע „פעקלעך", מתנות פאַר זייערע פאַמיליעס. גאָר ספּע-ציעל קויפן זיי איין „ס. ס. פילן", וועלכע האָבן דעם זעלבן טעם ווי דער ערדישער וויין, אָבער, מען קאָן פון זיי ניט ווערן שיכור, און זיי שוואַכן נישט אָפּ דעם מח.

די באַדינער זענען געווען זייער גערירט פון דעם גרויסן טרינק-געלט וואָס זיי האָבן באקומען און זיי האָבן זיי באגלייט ביז צו זייער ראָבאָט און זיי אפילו געהאָלפן פאַרמאַכן די טירן פונעם פלי-אַפּאַראַט.

די מאַרסיאַנער זענען געווען צופיל איבערראַשט פון זייער דערפאָלג אויף דער ערד און זיך נישט געקימערט וואָס די דינער פון רעסטאָראַן פאָרען זיך צופיל אינווייניק ביים אַריינלייגן די געקויפטע מתנות...

ביים גוטבאַזיצער פון גאַלאַוואַניעווסקער געגנט, ביי מאַקסים סמאַזשענקאָ, איז היינט אַ גרויסער יום־טוב. מען פּראַוועט היינט דעם 75־יאָריקן געבורטסטאָג פון זיין פרוי. און א חוץ פאַמיליערע, שכנים און סתם איינגעלאַדענע געסט, וועלן בייזיין דעם יום־טוב זיינע נייע שכנים. די נייע קאָלאָניסטן וואָס זענען געקומען פונעם מאַרס, האָבן באַקומען פון דער רעגירונג אַ גרויסן שטח ערד צו באַאַרבעטן און אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען דאָ אַ גרעסערע אינדוסטרי פון עלעקטראָנישע מכשירים. זיי האָבן געשלאָסן א פאָרמאַלן קאָנטראַקט מיט דער לאָקאַלער רעגירונג, וועלכע נעמט אָפּ זייער גאַנצע פּראָדוקציע און אָנשטאָט געלט, וועט מען זיי באַצאָלן מיט ערדישע פּראָדוקטן, וועלכע זענען אויפן „מאַרס" נישטאָ, ספּעציעל פרוכטן און גרינסן, וועלכע מען קאָנדעסירט אין „פּילן" און מען קאָן זיי לייכט איבערשיקן צום מאַרס מיט „טראַנספּאָרט־ראַקעטן".

ביז אַהער, זענען אַזעלכע עקספּאָרט־טראַנסאַקציעס צווישן דער ערד און די פּלאַנעטן פון דער לבנה און מאַרס — פאַרבאָטן. די מענטשן אויף דער ערד האָבן זיך פאַר די לעצטע 25 יאָר אומגעהויער פאַרמערט, ממש פאַרדאָפּלט! צוליב די ניי־דערפונענע הייל־מיטלען, איז די שטערבלעכקייט געפאַלן אויף פּערציק פּראָצענט. און דאָס געוויינלעכע לעבן פון די ערד־מענטשן האָט זיך פאַרלענגערט אויף גאַנצע דרייסיק פּראָצענט.

עס איז זעלטן, אַז עס זאָלן שטאַרבן יונגע מענטשן פון אַ קרענק, וועלכן זיי האָבן איצט באַקומען. עס איז בכלל זעלטן, אַז עס זאָלן שטאַרבן מענטשן פאַר די אַכציק יאָר. דאָס אַלץ — נישט קוקנדיק אויף די דערגרייכונגען אויפן געביט פון פאַרזאָרגן די מענטשהייט מיט גענוג שפּייז־מיטלען —, שאַפט אַ געוויסע זאָרג פאַר די פאַראייניקטע רעגירונגען פון דער ערד. די זאָרג איז — וואָס וועט זיין אין יאָרן אַרום? דאָס איז געווען דער מאָטיוו פונעם פאַרבאָט פון „עקספּאָרט" פאַר שפּייז־פּראָדוקטן.

אַן אויסנאַם האָט מען געמאַכט פאַר קאָלאָניסטן פון די פּלאַנעטן וועלכע האָבן זיך באַזעצט אויף דער ערד. זיי, האָבן געמעגט זייערע אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן שיקן צו זיך אַהיים, אָבער זיי האָבן געדאַרפט איבערלאָזן אַ גענוגנדיקע צאָל „פילן" פאַר זייער געברויך, ביז דער נייער אויסאַרבעטונג.

אַנדערש איז געווען מיט די ערדישע אימיגראַנטן אויפן מאַרס. צו־ליב קלימאַטישע מאָטיוון — גרעסערע היצן ווי אויף דער ערד, און ווינ־טער־צייט — זייער שווערע קעלטן און שנייען, און גאָר ספּעציעל, צוליבן פעלן פון וואַסער לרוב — ווי עס זענען געווען געוואוינט די ערד־מענטשן, זענען געווען זייער ווייניק בעלנים אויף דער ערד זיך צו באַזעצן אויפן מאַרס. דאָס ביסל ערד־מענטשן וואָס האָבן זיך באַזעצט אויפן מאַרס, זענען געווען שילער פון פילאָלאָגישע אינסטיטוטן אויף דער ערד, וואָס די רעגירונגען האָבן געשיקט אויפן מאַרס, כדי אויסצולערנען זיך זייער שפּראַך און מנהגים. זיי ווערן געהאַלטן אין ספּעציעלע האָטעלן, און זייער שפּייז ווערט געבראַכט פון דער ערד.

אַ צווייטע גרופּע — זענען תלמידים פון די וויכטיקסטע מעדיציני־שע אַנשטאַלטן פון מאַרס. עס איז געווען אומגלויבלעך פאַר די ערד־מענטשן, אָבער זיי האָבן זיך איבערצייגט: די מאַרס־מענטשן זענען אויפן מעדיצינישן געביט בכלל און אויף דעם געביט פון כירורגיע בפרט אַוועק אַ סך ווייטער אין קענטעניש, ווי די גרעסטע דאָקטוירים פון דער ערד.

מיט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון די מאַרס־הערשער, זענען געקו־מען עטלעכע צענדליק ערד־דאָקטוירים זיך צו לערנען און פאַרפולקאָמען אין דער מעדיצינישער פּראַקטיק פון די מאַרס־אַנשטאַלטן.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן ביידע גרופּעס געלערנטע און דאָקטורים זענען אויך געווען ספּעציעלע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ וויכטי־קערע אויפגאַבע, ווי זיך צו לערנען. די ערד רעגירונגען האָבן שוין גע האַט ידיעות, וואָס די מאַרס־מענטשן פּלאַנעווען, און מען האָט אַהין אַרויפ־געשיקט ספּעציעל געשולטע מענטשן, וועלכע זאָלן קאָנען אינפאָרמירן וואָס ס'איז וויכטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער ערד.

די הויפּט־אינפאָרמאַציע וואָס זיי האָבן לעצטנס געבראַכט צו דער ערד־רעגירונג איז געווען, אַז די מאַרס־הערשער מאָביליזירן לעצטנס יונגע, שטאַרקע מענטשן, וועלכע זיי שיקן אַלס „קאָלאָניסטן" אויף דער ערד.

ביידע רעגירונגען — הן פון דער ערד און הן פון מאַרס —, האָבן געהאַט צווישן זיך אַ פאָרמעלן אָפּמאַך: יעדער איינוואוינער פון איין פּלאַנעט וואָס קומט אויפן צווייטן, מיט דער אָפיציעלער דערלויבעניש פון זיינע רעגירונג אינסטאַנצן, מוז געהיט און געשיצט ווערן, און ביי זיין ערשטער פאָדערונג — דאַרף מען אים צוריקשיקן און פאַרזיכערן זיין צוריקקער. יעדע רעגירונג האָט אַ רעכט געוואויר צו ווערן ווי עס לעבן אירע בירגער אויפן צווייטן פּלאַנעט, און אויב דער איינוואוינער מעלדעט אַז ער וויל צדריק אַהיים — דאַרף מען אים באַזאָרגן מיט אַלעס נויטיקן.

— — — — — — — — — — — — — —

די „קאָלאָניסטן" פון גאַלאָוואַניעוסקער קרייז זענען אַלע געקומען צו דער שימחה, וואָס דער גוט באַזיצער מאַקסים סמאַזשענקאָ האָט גע־פּראַוועט. קיינער פון זיי האָט נישט געפעלט.

פאַר דער קורצער צייט וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין געגנט, האָבן זיי זיך שוין פּערפעקט אויסגעלערנט די שפּראַך פון זייערע שכנים, האָבן שוין געלייענט די „שעה-בולעטינען" וואָס די דאָרטיקע צייטונגען האָבן אַרויסגעגעבן, און זיך שוין צוגעהערט און פאַרשטאַנען די ראַדיאָ־אוידיציעס און ראַדיאָ-נייעס, הן די לאָקאַלע, הן פון דער גאַנצער ערד.

פאַר דער קורצער צייט וואָס זיי האָבן זיך געפונען אויף דער ערד, האָבן זיי אויפגעשטעלט זייער באַקוועמע הייזער. די ווענט און די דע־כער פון די הייזער האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט פון זייער היימלאַנד מיט ספּעציעלע „ראַבאָט-טראַנספּאָרטן". אין משך פון איין טאָג, האָבן דריי מענטשן אויפגעשטעלט די ווענט און אויפגעשטעלט דעם דאַך. אויפן צווייטן טאָג, איז שוין דאָס הויז געווען גרייט באַוואוינט צו ווערן, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר אַ פאַמיליע. די הייזער זענען געבויט גע־וואָרן קיילעכדיק (נישט ווי די ערדישע — פיר-עקעדיקע, פיר-ווענטיקע) און זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ פאָרעם, אַז אַ פרעמדער מענטש האָט פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט וויסן, וואו ס'געפינט זיך די טיר אַריינצוגיין.

מערקווירדיק, אויפן מאַרס —אין זייער היימלאַנד— זענען די הייזער געבויט פיר-ווענטיק, און די טירן אָן שלעסער. דאָרט, אויפן מאַרס, האָבן די איינוואוינער נישט געוואוסט פון קיין גנבים, אָדער איינברע־כער צו יענעם אין וואוינונג. די געזעצן פון די מאַרס-הערשער קענען פאַרזינדיקטע זענען געווען זייער שטרענגע, און האָבן זיך אָנגעהויבן מיט רעקרוטירן דעם שולדיקן ווי אַן אייביקן זעלנער, ביז אים איבערצו־געבן ווי אַ שקלאַף צו די „וואַסער-גרובנס-פאָרשער" — די ערנסטע

שטראָף פאַר אַ לעבעדיקן מענטש. די העכסטע שטראָף איז געווען: אַריינזעצן אין אַ ראַבאַט און אים איבערשיקן צו אַ צווייטן פּלאַנעט. אויפן וועג האָט דער ראַבאַט געפּלאַצט, און דער באַשולדיקטער פלעגט אומקומען אין דער לופטן.

דאָ, אין גאַלאַוואַניעווסקער קרייז, האָבן די נייע קאָלאָניסטן זיך גע־וואָלט באַוואָרענען, אַז ווען זיי וועלן אַוועק אין פעלד זאָל קיינער נישט קאָנען אַריינקוקן צו זיי אין הויז אַריין — האָבן זיי זייערע וואוינונגען אויסגעבויט אויף אַ ספּעציעלן אופן. זיי האָבן זיי איינגעריכטעט אַזוי, אַז ווען אַ „פרעמדער" מענטש — נישט קיין מאַרסיאַנער, איז צוגעקומען צו דער טיר און האָט זי געוואָלט אויף כּוח אויפעפענען, האָט עס אָנגע־מאַכט אַן אַליאַרם, אַז מען האָט געקאָנט הערן אויף אַ ווייטער שטרעקע. אויב מען האָט דעם אַליאַרם „איינגעשטילט" און מען איז דאָך אַריין אין הויז, איז אויף דער שוועל געווען איינגעריכט אַן עלעקטרישע „טויט־מאַשין" וואָס וואָלט דעם אַריינדרינגער תּיכּף פאַרברענט...

אַחוץ אַ רייכן מאַלצייט פון פאַרשידענע שפּייזן און די בעסטע גע־טראַנקען, וואָס אויפן מאַרס ווייסט מען אַפילו נישט פון זיי, האָט דער בעל-הבית צוגעגרייט אַ גרויסן אָרקעסטער מוזיק, וואָס דער „מוזיקער־פאַרבאַנד" האָט ספּעציעל צוגעשיקט, צווישן זיי אַ צאָל זינגער און זינ־גערינס, וואָס האָבן געזונגען אויף פאַרשידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן, וואָס די לבנה און מאַרס מענטשן האָבן געוויינלעך באַנוצט.

די קאָלאָניסטן זענען געווען זייער צופרידן פון דעם כּבוד וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט, און אויך זיי האָבן אויסגעטיילט אַ גרופּע זינגערס, וועלכע זאָלן אונטערהאַלטן דעם עולם מיט זייערע מאַרס-ניגונים. מערק־ווירדיק איז געווען, וואָס זיי האָבן געזונגען אויף אַזאַ שפּראַך וואָס איז געווען פרעמד יעדן בייוועזנדיקן וואָס האָבן געקענט די מאַרס, אָדער לבנה-דיאַלעקטן. די איינציקע צוויי מענטשן — די „ספּעציעלע באַדי־נער" וואָס זענען געבליבן אַרבעטן ביים ה׳ מאַקסים סמאַזשענקאָ אויף אַ „קאָנטראַקט" אויף דריי יאָר — זיי, ווי אַגענטן פון שוץ-מיניסטעריום, האָבן זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס זינגען זיי אויף אַ שיפרירטער שפּראַך, און דאָס גאַנצע „זינגען" זייערס האָט בלויז דעם צוועק צו געבן אינס־טרוקציעס זייערע קאָלאָניסטן, וואָס זיי האָבן שפּעטער צו טון. אין איין „ליד" האָבן זיי איבערגעגעבן די לעצט-באַקומענע נייעס פון מאַרס.

אויף וויפל די צוויי „באַדינער" האָבן אויפגעכאַפּט די ווערטער פון די „לידער" און זיי דעשיפרירט, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז מען הייסט די „קאָלאָניסטן" אויספאָרשן, צי אין זייער געגנט געפינען זיך נישט פאַר־

האַלטן צוויי הערשער פון מאַרס (איינער איז אַ לבנה-מענטש צו דינסט די מאַרסיאַנער), וועלכע זענען אַרויסגעפלויגן פון יאָהאַנעסבורג מיט עטלעכע זונען צוריק, און זייער ראַבאָט וואָס זיי האָבן געפירט, איז אָנגעקומען בשלום און פון זיי זעלבסט איז קיין זכר נישט געבליבן.

אין אַ צווייטן „ליד" האָט אַ „זינגער" איבערגעגעבן, אַז ווען זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זייער ראָבאָט און אים הערמעטיש פאַרשלאָסן, האָבן זיי — לויטן רעגלאַמענט — ראַדיאָ-טעלעפאָניש געמאָלדן, אַז זיי פליען אַרויס און דער ראָבאָט וועט זיך אַראָפּלאָזן אויפן פלי-פּלאַץ ב. ב. 128. אין צוויי שעה אַרום איז טאַקע דער ראָבאָט אָנגעקומען אויף דעם אויבנדערמאָנטן פלי-פּלאַץ וואָס די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעשטעלט ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. אָבער, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ און האָט זיך געדאַרפט אויטאָמאַטיש עפענען און די צוויי הערשער האָבן פון דאָרט געדאַרפט אַרויסגיין — איז ער געבליבן הערמעטיש פאַרשלאָסן. מען האָט מיט עלעקטראָנישע צוואַנגען געעפנט און דורכגעבראָכן די טיר אינעווייניק און קיינעם נישט געטראָפן...

„זינגענדיק" ווייטער, דערציילט דער זינגער, אַז מען האָט אויסגעפאָרשט דעם ראָבאָט און מ'האָט געפונען אַלע סימנים, אַז די צוויי הערשער זענען אין אים אַרויסגעפלויגן. מ'האָט אין ראָבאָט געפונען די מתנות וואָס די הערשער האָבן געפירט פון דער ערד צו זייערע פאַמיליעס און צום הויפּט-הערשער פון לאַנד. דעם לעצטן סיגנאַל פון זייער ראָבאָט האָט מען אויפגעכאַפּט, ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין דער ערד-„אַטמאָספער". זיי האָבן געמעלדעט דעם סימן, אַז אַלץ גייט צו נאָרמאַל. און דער „זינגער" זינגט אויס:

„עס איז אַ דרינגנדיקער באַפעל פון אונדזער הויפּט-הערשער געוואויר צו ווערן, אפשר ווייסט מען עפּעס אויף דער ערד, וואָס ס'איז געשען מיט אָט די צוויי וויכטיקע הערשער וואָס זענען געפאָרן פון דער ערד, מיטברענגענדיק זייער וויכטיקע מיליטערישע סודות..."

דעם אַרטיסטישן פּראָגראַם שליסט אָן אַלטער מאַרסיאַנער — ער טאַנצט; ער טאַנצט געשווינד און קלאַפּט צו מיט די פיס. קיינער פון די זייטיקע ערד-געסט — מיטן אויסנאַם פון די צוויי „באַדינער" —, כאַפּן זיך נישט, אַז דער טאַנץ, דאָס אויסקלאַפּן מיט די פיס איז אויך אַ שפּראַך אויף וועלכער זיי רעדן. דאָס גיט איבער דער אַלטער טענצער אַ געוויסע מעלדונג, אָדער אינסטרוקציע. זיין שפּראַך איז — נישט זינגען, נאָר טאַנצן. יעדער קלאַפּ מיט די פיס האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג.

די „באַדינער״ האָבן נישט געקענט די דאָזיקע „שפּראַך״; זיי זענען אָבער געווען זיכער, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן זיי וויסן וואָס דער אַלטער האָט „געזאָגט״, פּונקט ווי זייער „זינגען״. אַזוי אויך זיין טאַנצן ווערט אויפגענומען אויף אַ „רעקאָרד״; עס ווערט גאָרנישט פאַרלוירן. ווי נאָר די שימחה וועט זיך ענדיקן, וועט ער אַ קאָפּיע פון דעם רעקאָרד איבערשיקן אינעם פילאָלאָגישן אוניווערזיטעט. וואו אַלץ וועט אויסגעטייטשט ווערן און עס וועט זיי איבערגעשיקט ווערן די גאַנצע „פּרשה״ פון אַלטנס פּיס. פאַר די מענטשן — פּראָפעסאָרן און שילער — פון פילאָלאָגישן אוניווערזיטעט, איז נישט פאַראַן קיין פאַרבאָרגענע שפּראַך, מעג זי קומען דורך ריידן, זינגען, טאַנצן, אָדער ווינקען מיט די אויגן.

איידער די שימחה האָט זיך געענדיקט, איז צו די צוויי „באַדינער״ צוגעקומען זייער חבר, דער „פּאַרמיטלער״, אַז מען זאָל זיי אויפנעמען אויפן מאַרס, און האָט זיי אָנגעזאָגט אַ „טרויעריקע״ ידיעה. די קאָלאָניסטן האָבן געמעלדעט, אַז דערווייל קאָנען זיי די דאָזיקע צוויי אַרבעטער נישט מיטנעמען אויפן מאַרס; זיי וועלן שוין מעלדן ווען מ׳וועט זיי קאָנען „אויסלייזן״ פון סמאַזשענקאָס קאָנטראַקט. כדי אָבער, זיי זאָלן זען אַז מען האַלט וואָרט און מ׳פאַררעכנט זיי פאַר „אייגענע״, האָט דער חבר זייערער, זיי איבערגעגעבן אַ גרויסע סומע געלט און בריליאַנטן, זיי דאַרפן גאָרנישט זשאַלעווען! ווען דאָס געלט וועט זיך ביי זיי ענדיקן, זאָלן זיי מעלדן, אָדער קומען צו די קאָלאָניסטן, וועט מען זיי נאָך געבן!...

נאָך אַלעמען — אַזוי זאָגט זיי זייער חבר —, זענען די מאַרס־קאָלאָניסטן זייער גוטע און וואוילע מענטשן, און עס לוינט זיך זיי צו העלפן און דינען!

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביים הער הערי קוק אין שטוב, איז היינט ווידער פריילעך. היינעסיטאַ האָט היינט איינגעלאַדן אירע חברים און חברטעס צו פאַרברענגען צוזאַמען, ווייל היינט וועלן קומען דער זיידע און די באָבע און מען וועט זיי ווידער דערציילן שיינע מעשהלעך פון אַמאָל.

— דער פּאַ האָט מיר געמעלדעט ראַדיאָ־טעלעפאָניש, — האָט געזאָגט הינעס צום זיידן — אַז ער וועט נישט קומען אַהיים אויף גאַנצע דריי טעג. ער איז פאַרנומען מיט אַ וויכטיקער אַרבעט וואָס ער קאָן נישט איבעררייסן, וועט ער איינגעמען די פילן „פלו־עקים־62״ און ער וועט 72 שעה נישט דאַרפן עסן, נישט שלאָפן, נישט ער וועט מיד זיין און ער וועט קאָנען אָנגיין מיט זיין וויכטיקער אַרבעט. מאַ, האָט מיר

גמעלדעט, אַז זי דאַרף היינט האַלטן אַ לעקציע אין איר שפּיטאָל, אויף דער טעמע: „די ווירקונג פון פאַפירענע קליידער אויפן געזונט פון אַ מענטשן". אַלזאָ, זיידע און באָבע, איך וויל אויסנוצן די געלעגנהייט און פאַרברענגען מיט דיר און מיט דער באָבען, און אויסהערן אייערע שיינע מעשהלעך פון אַמאָל; און כאָטש איך גלויב נישט, און איך קאָן מיך נישט פאָרשטעלן אַז אַלץ איז טאַקע אַזוי געווען, דאָך האָב איך שטאַרק ליב אייך אויסצוהערן!..."

אַזוי האָט הינעם איינגעטענהט מיט איר זיידן דורך איר טעלעוויזיע-ראַדיאָ. זי האָט געגעבן אַ קוועטש איר טעלעוויזיע-אַפּאַראַט, אָנגע-שטעלט דעם זיידנס נומער, און אָט שטייט דער זיידע ביי זיך אין הויז, קוקט אין זיין טעלעוויזיע-אַפּאַראַט, זעט הינעסיטאַן, פּונקט ווי זי זעט אים, און זיי רעדן זיך דורך.

הינעסיטאַ קאָן זיך נאָך אַלץ נישט איינהאַלטן פון לאַכן, ווען זי דערמאָנט זיך, ווי דער זיידע האָט איר דערציילט, אַז אַמאָל, אַז מען האָט געדאַרפט ריידן מיט אַ צווייטן, האָט מען גערעדט דורך אַן אַפּאַראַט וואָס האָט געהייסן „טעלעפאָן", און אָט דער דאָזיקער טעלעפאָן-אַפּאַ-ראַט איז געווען געמאַכט אַזוי, אַז מען האָט נישט געקאָנט ווייסן און אוודאי נישט זען, מיט וועמען מען רעדט. דער זיידע מאָלט אויס ווי אַזוי דער טעלעפאָן האָט אויסגעזען, ווי אַזוי ער איז געווען צוגעטשע-פּעט צו אַ דראָט, און ווי אַזוי אין גאַס, אין דרויסן, זענען געווען צענדלי-קער און הונדערטער דראָטן פון אָט די טעלעפאָנען. ווען דער זיידע דערציילט עס, האַלטן זיך די קינדער ביי די זייטן פאַר געלעכטער. אַמ-ליבסטן האָבן די קינדערלעך ליב צו הערן, ווי אַזוי דער זיידע דערציילט וועגן דעם דאָזיקן אַפּאַראַט — דער טעלעפאָן; ווי אַזוי ער האָט געהערט אַ שאַרף גלעקל, און ווען ער פלעגט אָנהויבן קלינגען, האָט מען געהערט אין אַלע צימערן און אַפילו אין גאַס; און ווען דער זיידע דערציילט זיי, אַז עס פלעגט טרעפן, אַז דער טעלעפאָן פלעגט זיך צעקלינגען אין מיטן דער נאַכט, ווען מ'איז געשמאַק געשלאָפן, אָדער ווען אַ קראַנקער איז געווען אין שטוב, און ווען מ'איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אויפגע-הויבן אַזאַ שווער, אומהיגיעניש טרייבל, און מ פלעגט דורכן טרייבל פרעגן ווער עס רעדט? וואָס ס'האָט פּאַסירט? פלעגט זיך אויסלאָזן, אַז... עס איז גאָר אַ טעות! יענער, אין יענער זייט, וואָס האָט אָנ-געדרייט דעם טעלעפאָן-אַפּאַראַט, האָט שלעכט אָנגעדרייט, אָדער די מאַשינעריע פונעם טעלעפאָן איז נישט געווען אין אָרדענונג, און דער-פאַר האָט מען צעשטערט די רו פון אַ מענטשן, און אַמאָל פון אַ גאַנצער

פאַמיליע, וועלכע האָבן שוין, צערודערטע, נישט געקאָנט איינשלאָפן ביז פאַרטאָג...

היינט, ווייסט מען נישט פון אַט די אַלע צרות; היינט זענען נישטאָ קיין דראָטן, קיין טעלעפאָן־אַפּאַראַטן וואָס קלינגען און מאַכן אַן אַ טומל; היינט איז אַלץ דורך דער טעלעוויזיע און דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס. מען גיט אַ קוועטש אַ קנעפּל, מען לייגט אַרויף די פינגער אויף די נויטיקע ציפערן, און דאָרט, מיט וועמען דו ווילסט ריידן, ווערט אַ פּאָר מאָל ליכטיק און טונקל — אַזעלכע ליכט־סיגנאַלן. דורך אַט די דאָזיקע ליכט־סיגנאַלן ווייזטו אָן מיט וועמען דו ווילסט ריידן; און אויב ער געפינט זיך נישט אין הויז, וועט דיר דער שוין דער ליכט־סיגנאַל אָנווייזן וואו אים צו טרעפן — אויב יענער האָט אינטערעס אַז מען זאָל וויסן וואו ער געפינט זיך; אויב נישט, ווערט אויסגראַווירט אַזאַ „„צעטעלע״. וואָס איז צוגעטשעפּעט און צוגעפּראַוועט צו אַן אַפּאַראַט וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע. ווען דער מענטש, וועמען דו האָסט נישט געטראָפן אין הויז, און ער האָט נישט „אָנגעזאָגט״ דעם אַפּאַראַט וואו ער וועט זיין די קומענדידיקע עטלעכע שעה — טרעפט אַן אָנגעווייזן אויף אַ פּלאַסטישן פּאַדים, ווייסט ער, אַז דער, אָדער די און די, האָבן מיט אים געוואָלט ריידן דורך דער ראַדיאָ־טעלעוויזיע.

די גרעסטע נוצן, אָבער, וואָס די טעלעוויזיע ברענגט איצט, איז פאַר דער פרוי, פאַר דער בעל־הביתטע פון הויז.

ווייל די פרוי עפּעס קויפן אין אַ שפּייז־קראָם, דאַרף זי נאָר אַ קוועטש טון אין איר טעלעוויזיע־אַפּאַראַט אַ געוויסן נומער, און עס וועט איר באַלד —דורך טעלעוויזיע— ענטפערן דער קרעמער. זי וועט ביי אים בעטן די און די פּראָדוקטן. אָבער זי וויל זען ווי אַזוי די פּראָדוקטן זענען? — דער קרעמער שטעלט אָן, דאָרט ביי זיך אין קלייט, זיין טעלעוויזיע־אַפּאַראַט אין יענער ריכטונג וואו די פּראָדוקטן ליגן. אָדער ער טראָגט, פּשוט, צו די פּראָדוקטן צום טעלעוויזיע־אַפּאַראַט — און די בעל־הביתטע זעט זיי און באַשטימט צי מען זאָל זיי איר שיקן, צי נישט. דאָס זעלבע איז, ווען די פרוי וויל קויפן סחורה פאַר אַ קלייד, אָדער אַפילו אַ הוט פאַר זיך. מען ווייזט איר אַלץ דורכן טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, און זי קאָן אַפילו אָנמעסטן די הוט און זען, צי עס פּאַסט איר. דורך אַזאַ ספּעציעלן שפּיגל, צושטעלנדיק אים צום טעלעוויזיע־אַפּאַראַט אין קראָם, ווערט די הוט „אָנגעמאָסטן״ אויף דער פרוים קאָפּ און זי קאָן אַרויסגעבן איר מיינונג, צי מ׳זאָל איר די הוט צושיקן.

דאָס איז היינט!

אַמאָל, איז געווען אַנדערש! דער זיידע דערציילט זיך אָן אַזעלכע מעשהס, איינע שענער און טשיקאַווער פון דער צווייטער; און ביי יע־דער בעסטער געלעגנהייט, נוצט הינעסיטאַ אויס צו בעטן דעם זיידן, ער זאָל קומען צו זיי אין הויז און דערציילן זיינע שיינע, קוריאָזע מעשהלעך פון אַמאַליקן לעבן.

הינעסיטאַ, האָט אַחוץ אירע קוזינקעס אסתר, סוזי, גראַסיאַ און לאַהקעלע, אויך איינגעלאַדן עטלעכע חברים און חברטעס פון איר שולע און פון דער קונסט־סטודיע, וואו הינעסיטאַ איז איינע פון די בעסטע שי־לערינס.

מיט אומגעדולד האָבן זיי זיך דערוואַרט אויף די דריי ליכט־סימנים, וואָס דער זיידע גיט ביי דער טיר ווען ער קומט אָן. דערווייל איז די באָבע געקומען אַליין; דער זיידע וועט באַלד אָנקומען. די באָבע האָט שוין לאַנג נישט געזען די אייניקלעך און איז געקומען זיך אַביסל אָנ־שפּילן מיט זיי. די באָבע ברענגט די אייניקלעך מתנות — זאַכן פון אַמאָל, וואָס זי, די באָבע, האָט גענוצט מיט 80 יאָר צוריק...

אָט האָט זי געבראַכט אַזאַ שטיקל אייזן, וואָס זי רופט עס אָן „פּרע־סל". דאָס — אַזוי דערציילט די באָבע —, האָט מען גענוצט, כדי אויס־צופּרעסן די קליידער, מענערישע ווי פרויאישע. די קינדער באַטראַכטן אָט דאָס שטיק אייזן און... לאַכן. היינטיקע צייטן ווייסט מען נישט וואָס עס הייסט „פּרעסן" קליידער מיט אַן אייזן; די היינטיקע קליידער — מענערישע ווי פרויאישע — זענען געמאַכט פון פּלאַסטיק־שטאָף, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט פון... פּאַפּיר. דער דאָזיקער שטאָף קנייטשט זיך נישט און מען דאַרף אים נישט פּרעסן; עס איז גענוג אַז דער מלבוש זאָל הענגען 10 מינוט אין דער לופטן, ווי ער ווערט פון זיך אויסגעגלייכט און „אויסגעפּרעסט".

בכלל, קאָסט הלבשה זייער און זייער ביליק. די סחורה איז גע־מאַכט לויטן וועטער פונעם סעזאָן, און אַז מען טראָגט־אָפּ דעם אָנצוג, אָדער דאָס קלייד איינמאָל אָדער צוויי מאָל, וואַרפט מען עס אַוועק, און דורך טעלעוויזיע קלייבט מען זיך אויס אַ צווייטן מלבוש און דער אַלטער ווערט „פאַרברענט". עס ווערט ווייס אַש פון אים, ווי נאָר מען לייגט עס אַריין אין „שווער־וואַסער", וואָס געפינט זיך אין יעדער הויז אין „סערוויס־צימער", וואו עס ווערט פאַרניכטעט יעדער פּיצל אָפּפאַל.

— באָבעניו, — ווענדעט זיך אסתרל צו איר באָבען — דערצייל אונדז ווי אַזוי האָסטו אין דיינע יונגע יאָרן צוגעגרייט עסן פאַרן זיידן און פאַר דיין פאַמיליע?

די באָבע נעמט אַראָפּ אירע ברילן, ווישט אויס די אויגן-גלעזער מיט איר טיכעלע. די קינדער שיסן אויס דעם ערשטן געלעכטער. זייער ווייניק מענטשן טראָגן איצט ברילן. בלויז די עלטערע און גאָר אַלטע מענטשן פון פאַר דער אַטאָמישער ערע טראָגן נאָך ברילן. היינט, ווען אַ קינד ווערט געבוירן, גיט מען אים אַן אינזשעקציע, וועלכע פאַרהיט אים פון אַלערליי אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן, ווי פּאָקן, מאָזלען, שקאַרלאַטי-נאַ פּאַליאָמיעליטיס א. אַ. די דאָזיקע אינזשעקציע באַוואָרנט ספּעציעל דעם קינד אויף אַזויפיל, אַז דאָס קינד וועט קיינמאָל נישט דאַרפן נוצן קיין ברילן. די דאָזיקע אינזשעקציע האָט דערפינדן, אין יאָר 1968, דער ייִדיש-ישראַלישער געלערנטער שמעון הגלעדי. פון דאַן אָן האָבן זיך בכלל פאַרענדיקט די מענטשלעכע אויגן-ליידן.

די באָבע הייבט אָן דערציילן:

— דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געדאַרפט טון אויף צוצוגרייטן דאָס עסן פאַרן זיידע, איז געווען... פאַרזאָרגן זיך מיט דער נויטיקער שפּייז. גיין צום קצב, אָדער אים ריידן טעלעפאָניש, ער זאָל מיר שיקן פליישׁ, אָדער אַן עוף, און...

סוזי קאָן נישט איינזיצן. זי רייסט איבער אין מיטן די רייד דער באָבען מיט אַ פראַגע:

— באָבעשי, וואָס איז אַזוינס „פליישׁ״? וואָס איז אַזוינס „עוף״?

די באָבע גיט אַ שמייכל, און ענטפערט:

— היינט, קינדערלעך, עסט איר אויך פליישׁ און עוף. איר עסט עס אָבער אין אַ קאָנדענסירטער פאָרעם — אין „פילן״, וואָס זענען גע-מאַכט פון פליישׁ אָדער פון עוף. דער חילוק איז נאָר, וואָס אַמאָל, ווען איך האָב געדאַרפט צוגרייטן דעם מיטיק פאַר מיין פאַמיליע, האָב איך געדאַרפט האָבן צוויי, אָדער דריי פונט פליישׁ אָדער עוף; היינט, האָט מען אַזוי אויסגעטראַכט, אַז מיט דריי פונט פליישׁ קאָן מען אָנהאָדעווען אַ גאַנצע שטאָט פון טויזנטער מענטשן. אַמאָל האָט מען געקוילעט אַ בהמה און דאָס פליישׁ פון דער בהמה האָט געסטייעט פאַר צוויי הונ-דערט מענטשן. פאַרגעסט נישט, קינדערלעך, אַז אַ דריטל פון דער בהמהס פליישׁ באַשטייט פון ביינער, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט עסן. היינט, ווערט די בהמה געקוילעט, איר פליישׁ מיט די ביינער ווערן אַטאָמיש צעמאָלט, און עס ווערן אויסגעאַרבעט „פליישׁ-פילן״, וואָס קאָ-נען סטייען פאַר צוויי מיליאָן מענטשן, אויף אַכט טעג צום עסן.

אַמאָל, אָבער, זענען געווען מיליאָנען בהמות און צענדליקער מיליאָ-נען עופות, און דער מענטש האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר זייער עקזיסטענץ;

מען האָט געדאַרפט האָבן ספּעציעלע הייזער פאַר זיי און ספּעציעלע מענטשן זאָלן זיי באַדינען. היינט, האָט נישט דער מענטש אָט דעם קלאַפּאָט. בהמות און עופות ווערן געבוירן לויט דער באַשטעלונג פון יעדן לאַנד. פאַראַן בלויז איין פּלאַץ אין גאַנצן לאַנד וואָס גיט זיך אָפּ מיטן „צוגרייטן" און אָפּהיטן די בהמות און עפות, ביז זיי ווערן גרויס און מ׳קאָן זיי נוצן. טאַקע אין יענעם אָרט, זענען פאַראַן פאַבריקן וועלכע קוילען די בהמות און עופות און גרייטן צו די „פילן", וואָס ווערן צעשיקט איבערן גאַנצן לאַנד.

ביים „אויסבריען" די בהמות און די עופות, ביים אויסאַרבעטן די „פילן" פון זייער פלייש, זיי איינפּאַקן לויט זייער קאַטעגאָריע (יונגפלייש, אַלט-פלייש, יונגע עופות, אַלטע עופות א. אַ. וו.), און ביים צעשיקן עס איבערן לאַנד מיטן לופט-וועג, זענען נישט באַשעפטיקט אַפילו קיין פּופּציק מענטשן; אַלץ ווערט געטון מיט מעכאַנישע „גולמס". וועלכע מאַכן עס שנעל, פּינקטלעך און היגיעניש. דאָס מערקווירדיקסטע פון די דאָזיקע „גולמס" איז, וואָס כאָטש זיי זענען נישט קיין לעבעדיקע באַשעפענישן, דאָך „דערשמעקן" זיי באַלד, ווי נאָר די בהמה אָדער עוף קומט צו זיי אין די הענט אַריין, און אויב עס האַנדלט זיך וועגן אַ קראַנקער בהמה אָדער עוף — ווערט זי פון זיי אָפּגעשיקט אין אַ זייטיקן קעסל מיט אַטאָמישער היץ. און זיי ווערן פאַרניכטעט אַז עס בלייבט קיין סימן נישט פון זיי!

— דאָס אַלץ, האָב איך אין מיינע יונגע יאָרן נישט געהאַט —דערציילט ווייטער די באָבעשי. — אין מיינע יאָרן, האָב איך געקויפט שפּייז אויף עטלעכע טעג און עס אַריינגעלייגט אין „אייז-קאַסטן", וועלכן מיר האָבן גערופן „פריזשידער". און...

— באָבעשי, באָבעניו, —רייסט איר איבער אין די רייד לאהקעלע.

—וואָס איז דאָס אַזוינס „אייז-קאַסטן", „פריזשידער"?

די באָבע לאַכט.

— אייך, קינדערלעך, איז גוט! —זאָגט זי.— אין אייערע צייטן ווייסט מען נישט פון אָט די זאַכן. היינט איז אַלץ פריש און קיל, לויט ווי איר גיט אַ קוועטש מיט אַ קנעפּעלע. היינט צאַפּט איר דאָס וואַסער פון דער וואַנט, לויט די „גראַדן" וואָס איר ווילט. אַז איר ווילט זודיקוואַסער — צאַפּט זיך זודיק וואַסער, אַז איר ווילט וואַרעם וואַסער — גיט איר אַ דריי דאָס קנעפּעלע, קומט אָן דאָס וואַסער, לויט ווי איר האָט אָנגעשמעלט, און אַז איר ווילט געפרוירן, אייז-וואַסער — באַקומט איר

פון דעם זעלבן קראַנק, מיט בלויז אַן אַנדער דריי טון מיטן „גראַדוסניק״ אויך געפּרוּווירן וואַסער.

— מיר, אַמאָל, האָבן פון דעם נישט געוואוסט —דערציילט ווייטער די באָבע.— מיר האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן קאַסטן, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטיק פּלאַץ אין צימער, און דורך אַן עלעקטרישן שטראָם האָט זיך דער קאַסטן „פאַרקילט״ און אונדז געגעבן אייז. פאַרשטייט זיך, ווען אַט די קאַסטנס זענען נאָר-וואָס דערשינען —צוריק מיט אַ יאָר 80—, זענען זיי געווען זייער טייער, און נישט יעדערער האָט געהאַט דאָס גליק און פאַרגעניגן צו האָבן אַזאַ „אייז-קאַסטן״.

— באָבעניו, באָבעניו, —רופט אוים די קליינע גראַסיאַ— איז אמת וואָס דער זיידעניו האָט אונדז אַמאָל דערציילט, אַז אין אייער צייט, ווען אַ מענטש איז קראַנק געוואָרן, האָט מען אים צוגענומען אין שפּיטאָל און דאָרטן פלעגן אים די דאָקטוירים צעשניידן. אַמאָל האָבן זיי איר אָפּגעשנישן אַ האַנט, אַ פוס, אָדער ביידע פיס מיט אַמאָל, איבערהויפּט אָבער, האָט מען אים צעשניטן דעם בויך?

— יאָ, קינדערלעך. עס איז אַלץ אמת! דער זיידע וועט אייך קיין ליגן נישט דערציילן. אַחוץ דעם, ווייסט איר דאָך אַליין, אַז ווען איר ווילט וויסן צי מען דערציילט אייך דעם אמת, שטעלט איר אַן דעם עלעקטראָנישן זייגער, וואָס שטייט אָט-דאָרט אין אַ ווינקעלע. אויב עמיצער זאָגט עפּעס אַ זאַך, וואָס ס׳איז נישט אמת -- הייבט אַן דער זייגער קלינגען. נישט אומזיסט רופט איר אים דאָך דער „נביא-זייגער״.

— אָבער, באָבעשי, קענען זיידן וועלן מיר דאָך נישט אָנשטעלן דעם זייגער! —פאַרענטפערט הינעסיטאַ איר שוועסטערל.

— גוט טוט איר! אַזוי דאַרף טאַקע זיין. מען דאַרף האָבן דרך-ארץ פאַר זיידע-באָבע, פאַר פאַ-מאַ, און בכלל פאַר עלטערע מענטשן. אָבער, אומקערנדיק זיך צוריק צו אייער פראַגע: אַמאָל, אַמאָל, זענען מיר געווען זייער הינטערשטעליק אין דער מעדיצין. געווען קראַנקייטן, ווי, למשל, אַ קאַנסער, האַרץ-קראַנקייט, הויכער בלוט-דרוק, דיאַבעטיס און אַ סך אַ סך אַנדערע שלאַפקייטן, וואָס פלעגן אַלע יאָר, אַלע חדשים, אַלע טעג און אַלע שעהן פאַראורזאַכן הונדערטער און טויזנטער טויטע אויף דער ערד, ביז עס זענען געקומען די געלערנטע און האָבן אויסגעפונען מיטלען קעגן זיי. קעגן קאַנסער האָט אַן אַמעריקאַנער דאָקטער געפונען אַ מיטל. אַן אָפּעראַציע און מיט בלויז זונשטראַלן, האָט מען „אַפּגעטויט״ דעם קאַנסער, אַפילו ווען ער איז שוין געווען שטאַרק צעוואַקסן. קעגן האַרץ-קראַנקייט, האָט אַ רוסישער געלערנטער פּראָפע-

סאַר געפונען אַ מיטל — דאָס איז אַזאַ מין וואַסער וואָס מען עלעקטרי-זירט עס מיט אַטאָמישע שטראַלן, און ווען דער האַרץ-קראַנקער טרינקט עס עטלעכע מאָל, ווערט ער אַבסאָלוט געזונט. אויב ער האָט אַ וואונד אויפן האַרץ, ווערט עס אין צוויי טעג פאַרהיילט.

— קענען דיאַבעטיס, —דערציילט ווייטער די באָבע.— אַזאַ שלאָפ-קייט וואָס אַ סך דיקלייביקע מענטשן האָבן עס געהאַט און מען האָט עס אָנגערופן „צוקער-קראַנקייט". האָט אַן אַרגענטינער יידישער דאָקטער אויסגעפונען אַזאַ „פּיל", וואָס איינגענומענדיק די פּיל אין משך פון דריי-סיק טעג, ווערט מען אַבסאָלוט אויסגעקורירט. אַ הייל-מיטל קענען היזכן דרוק-בלוט, האָט מען ערשט געפונען, ווען מען האָט זיך באַפריינדעט מיט די מאַרס-איינוואוינער. זיי, די מאַרסיאַנער, האָבן עס געפונען אַ סך פריער און זיי האָבן עס אונדז, די ערד-מענטשן, אויסגעלערנט ווי אַזוי אויסצוהיילן אָט די קראַנקע. ביז, אָבער, מיר האָבן נישט געקאָנט די אַלע סודות פון דער נאַטור, און גאָר ספּעציעל, — ביז מיר האָבן נישט געוואוסט די ווערט פון די זונשטראַלן און מיר האָבן נישט געוואוסט, ווי אַזוי מיר קאָנען זיי איינשפּאַנען און טון מיט זיי וואָס מיר ווילן — זענען מיר געווען הילפלאָז קעגן אַלע קראַנקייטן, און מען פלעגט דעם קראַנקן נעמען אין שפּיטאָל אַריין, אים שניידן און צעשניידן, און נישט שטענדיק האָט עס געהאָלפן.

די באָבע האָט זיך אַביסל אָפּגערוט, אַרויסגענומען דאָס טיכעלע און אויסגעווישט די ברילן, און ווידער אָנגעהויבן דערציילן:

— אָט, למשל, האָט מען זיך פאַרשטאָכן אַ פוס און מען האָט באַ-קומען אַ „בלוט-פאַרגיפטיקונג". אויב מען האָט דעם פוס —און אָפט ביי-דע פיס צוזאַמען— נישט אָפּגעשניטן, איז מען שנעל געשטאָרבן. דער גיפט איז אַריין אין גאַנצן קערפּער און פאַרגיפטעט דאָס בלוט. היינט, נעמט מען אַזאַ קראַנקן, מען לייגט אים אַוועק און מען שטעלט אַן קעגן אים אַ געוויסע מאָס „דירעקטע" זונשטראַלן — און דער גיפט ווערט תיכף אויסגעטריקנט. דערצו נאָך נוצט מען דעם „ה-שפּיגל", וועלכן מען שטעלט-אַן אויפן קערפּער און מען זעט אַזוי קלאָר וואָס דאָרט קומט פאָר, גלייך ווי מען זאָל עס אויפשניידן און האַלטן אין דער האַנט. אַ דאַנק אָט דעם „שפּיגל" וואָס עס האָט דערפונדן אַ פראַנצויזישער גע-לערנטער, זעט מען קלאָר וואו מען דאַרף אַנשטעלן די זונשטראַלן און וואו די וואונד געפינט זיך. אגב, דער דאָזיקער „שפּיגל" איז אַריין אין דער געזעצגעבונג פון יעדן לאַנד. אַלע איינוואוינער פון יעדן לאַנד מוזן צוויי מאָל אין יאָר דורכגיין דעם עקזאַמען פון אַזאַ „שפּיגל", און אַ דאָק-

מער אָדער זיין געהילף דאַרף אַריינקוקן אין מענטשלעכן קערפּער און זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג. אויב עפּעס איז נישט נאָרמאַל, ווערט דער מענטש תיכּף אָפּגעשיקט אין אַ קליניק און ער ווערט דאָרט אויס-געהיילט.

— באַבעשי, באַבעשי, --שלאָגט איבער סוזי.— איז אמת, אַז אַמאָל ווען אַ מענטש איז קראַנק געוואָרן און האָט זיך געדאַרפט היילן, האָט ער דערפאַר געדאַרפט באַצאָלן; און אויב ער איז געווען אָרעם, איז גע-ווען נישט גוט מיט אים?

— יאָ, קינד מיינס. דאָס איז געווען איינע פון די אומגליקן פון אונדזער צייט. וואָס מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען אַז אַ מענטשנס גע-זונט איז הייליק, און דער שטאַט דאַרף אַבסאָלוט זאָרגן פאַר אים. גע-ווען אויך אומזיסטע הייל-אַנשטאַלטן פאַר אָרעמע מענטשן. געווען אויך אַ סך גרויסע דאָקטוירים אין אַט די אַנשטאַלטן. אָבער, דער וואָס איז געווען רייך, האָט געהאַט מער שאַנצן זיך אויסצוהיילן און בלייבן לעבן. און, זינט נאָך דער דריטער וועלט-מילחמה, ווען די וועלט האָט זיך באַפרייט פונעם געשפּענסט פון קאָמוניזם און אַטאָמישן אָנגריף, און האָט אָנגעהויבן זיך צו נעמען צו פּראָדוקטיווער טעטיקייט, איז צווישן די ערשטע זאַכן וואָס מען האָט איינגעפירט איז געווען: — קיין שום דאָקטער טאָר נישט נעמען קיין געצאָלטס ביי אַ קראַנקן, צי ער איז אָרעם צי רייך, נאָר דער שטאַט האָט זיי געצאָלט מיט דער ברייטער האַנט.

דריי ליכט-סימנים האָבן אָנגעוויזן, אַז דער זיידע איז געקומען. עס ווערט אַ פרייד ביי די קינדער און אַ געלויף צו דער טיר. אויך די באַבע גייט באַגעגענען דעם זיידן, וועלכער קומט אַריין אַ פריילעכער און שיי-נענדיקער.

אין „קעפיטאָל״ פון וואַשינגטאָן, זיצאַרט פון די פאַרשטייער פון די צפון-אַמעריקאַנער לענדער, קומט איצט פאַר אַ וויכטיקע באַראַטונג. עס קומען זיך צענויף אַהין פאַרשטייער פון אַלע „דעפענס-מיניסטעריומס״ פון אַלע רעגירונגען פון דער ערד. אין דער איינלאַדונג צו דער דאָזיקער באַראַטונג האָט מען אָנגעוויזן, אַז די פאַרשטייער דאַרפן זיין פון די „העכסטע ראַנגען״, מיט באַשטימונגס-רעכט פאַר אַלע ענינים וואָס מען וועט דאַרפן דורכפירן. מען האָט אויך אָנגעוויזן, אַז די פאַרשטייער דאַרפן זיין אַבסאָלוט באַגלויבטע און פאַרטרוילעכע מענטשן. גאַר ספּעציעל, טאָרן זיי נישט האָבן קיין שום געשעפטלעכע אָדער פאַמיליערע פאַרבינדונגען מיט די לבנה- און מאַרס-פּלאַנעטן... „עס האַנדלט זיך וועגן אַ שטרענגן ערד-סוד! אַ סוד וועגן לעבן און טויט״״ — אַזוי האָט זיך געזאָגט אין דער שטראַל-ראַדיאָ-טעלעגראַפישע איינלאַדונג.

די באַראַטונג איז גערופן געוואָרן אויף דריי אַזייגער נאָך מיטיק. ביים אַריינגאַנג אין זאַל אַריין, האָט יעדער פאַרשטייער, אָדער פאַרשטייערין געדאַרפט אויסרופן אין דער הויך פון וועלכן לאַנד ער קומט און צי ער איז פולשטענדיק אין „רעגלאַמענט״.

ביים אַריינקומען פון אַ געוויסער דעלעגאַציע פון מיטעלן מיזרח, און ווען איין דעלעגאַט — פון די צוויי וואָס זענען געקומען — האָט אויסגערופן זיין לאַנד, זיין נאָמען, און אַז ער איז אין רעגלאַמענט — האָט פון דער צווייטער זייט זאַל אָנגעהויבן קלינגען דער „אמת-גלאָק״. ביי אַ שנעלער אונטערזוכונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער דעלעגאַט האָט געשעפטלעכע און פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט מאַרס-מענטשן, און איינער אַ הערשער פון מאַרס איז איצט ביי אים צו גאַסט אין זיין הויז. זיין מאַנדאַט איז צוריקגעוויזן געוואָרן, און ס׳איז ראַדיאָ-טעלעגראַפיש גערופן געוואָרן זיין שטעלפאַרטרעטער.

ביי אַ צווייטן דעלעגאַט, פון אַן אַפריקאַניש לאַנד, האָט אויך דער „אמת-זייגער״ געקלונגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיינע צוויי זין

לערנען אין אַן אוניווערזיטעט פון דער לבנה, און כאָטש זיי געפינען זיך דאָרט מיט דער ספּעציעלער דערלויבעניש און אַפילו אָנווייז פון זיין רע־גירונג און פון דער „פּאַראייניקטער וועלט-רעגירונג", דאָך איז זיין מאַנ־דאַט צוריקגעוויזן געוואָרן.

אַן אויסנאַם, צוליב געוויסע סיבות, האָט מען געמאַכט מיטן ה' הע־רי קוק, ווייל זיין טעכטערל חברט זיך מיט אַ מאַרסיאַנער סטודענט. ווען ער איז דורכגעגאַנגען דורך דער טיר-קאָנטראָל, האָט דער „אמת-זיי־גער" נישט געקלונגען — דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז אין אָרדע־נונג!

צו דער באַשטימטער מינוט האָט מען באַמערקט, אַז עס פעלט אַ וויכטיקע דעלעגאַציע — פון דער רעגירונג פון די „רוסישע פאַראייניק־טע פעלקער", מיט איר הויפּטזיץ אין מאָסקווע. מען האָט דורך ראַדיאָ־טעלעוויזיע אָנגעפרעגט אין מאָסקווע וועגן דער פאַרשפּעטיקונג פון איר דעלעגאַציע. עס איז געקומען אַן ענטפער, אַז די דעלעגאַציע פליט תיכף אַרויס מיט אַן „עקספּרעס-דזשעט-עראָפּלאַן" און וועט אָנקומען קיין וואַ־שינגטאָן אין 15 מינוט אַרום. דער מאָטיוו פון דער פאַרשפּעטיקונג וועט די דעלעגאַציע דערקלערן פּערזענלעך...

ענדלעך, עפנט זיך די באַראַטונג. עס ווערן פאַרמאַכט אַלע טירן און אָפּגעשניטן אַלע פאַרבינדונגען מיט די אויסערלעכע זאַלן. עס ווערט אויך טעכניש-עלעקטריש באַוואָרנט, אַז קיינער, אויסער די יעניקע וואָס געפינען זיך אין זאַל, זאָלן נישט קאָנען אויפכאַפּן אַ וואָרט וואָס מען וועט דאָ ריידן. עס ווערט געמאַכט אַ פּראָבע: איינער פון די אויסער־לעכע היטערס פון זאַל, לייגט-צו אַן אויער נאָענט צו דער וואַנט, און עס הייבט-אָן קלינגען אַ גלאָק ביים פּרעזידיום-טיש...

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז דער יינגסטער דעלעגאַט פון די פאַרזאַמלטע. ער איז אַ ישראלי, קומט אין פאַרשטייערשאַפט פון די פאַראייניקטע מיטל-מיזרח-פעלקער; איז איינער פון די 15 מיטגלי־דער פונעם עקזעקוטיוו-פּרעזידיום פון „פאַרבאַנד פון אַלע פעלקער פון דער ערד". דער דאָזיקער פּרעזידיום איז די פּאַקטישע „וועלט-רעגירונג", וואָס זאָרגט און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן וואוילזיין פון אַלע פעלקער וואָס באַוואוינען די ערד. מיטן אויסנאַם פון „עקאָנאָמיע" און „דע־פענס"-מיניסטעריומס, זענען אַלע רעגירונגען פון די פעלקער זעלבסט־שטענדיק אין זייערע לענדער.

די מיניסטעריומס פון עקאָנאָמיע און פאַרטיידיקונג (קעגן אַנדערע פּלאַנעטן), זענען קאָנצענטרירט אין אַן ענגן אויספיר-מאַכט, וועלכע

ווערט אויסגעוויילט אַלע פינף יאָר. און אַט די מיניסטעריומס היטן, אַז אין קיין שום לאַנד זאָלן נישט זיין קיין איבעריקע פּראָדוקטן און סחורות, און זאָלן נישט אויספעלן אין אַ צווייט לאַנד. אַ דאַנק אַט דעם אַלוועלטלעכן „עקאָנאָמישן" מיניסטעריום, איז פאַרשוואונדן פון דער וועלט דער באַגריף „אָרעמע", אָדער „נישט-אַנטוויקלטע לענדער". דער דאָזיקער מיניסטעריום זאָרגט — און זיינס אַ באַפעל איז אומדיסקוטיר-באַר —, אַז קיין שום לאַנד זאָל נישט זיין אָרעם און קיין שום וועלט-טייל זאָל בלייבן אומאַנטוויקלט. אַ דאַנק אַט דעם „עקאָנאָמישן מיניס-טעריום פון וועלט-פאַרבאַנד" איז נישט געבליבן קיין איין מעטער ערד אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע זאָל נישט אויסגענוצט ווערן לטובת דער היינטיקער מענטשהייט, און פאַרזאָרגן אויף ווייטערדיקע טויזנטער יאָרן.

די געלערנטע און פאָרשער פון „עקאָנאָמישן מיניסטעריום" האָבן אויסגערעכנט און געבראַכט סטאַטיסטישע באַווייזן, אַז ווען די איינ-וואוינער פון דער ערד זאָלן אין משך פון די נאָענסטע טויזנט יאָר טויזנט מאָל פאַרגרעסערט ווערן, און ווען די איינוואוינער פון דער לבנה און מאַרס זאָלן זיך אויך באַזעצן אויף דער ערד — וועט סטייען עסן, טרינ-קען, קליידער און באַקוועמלעכקייטן פאַר אַלעמען.

די היינטיקע באַראַטונג אין „קעפּיטאָל" פון וואַשינגטאָן, איז נישט וועגן עקאָנאָמישע פּראָגעס, און איז נישט גערופן געוואָרן פונעם עקאָנאָ-מישן מיניסטעריום, כאָטש ער איז דאָ היפּש פאַרטראָטן מיט אַ ספּעציע-לער דעלעגאַציע; די באַראַטונג, וועלכע איז — ווי עס איז אויבן דער-מאָנט —, באַצייכנט מיטן נאָמען „לעבן אָדער טויט", איז פאַררופן גע-וואָרן פונעם „דעפענס-מיניסטעריום", וועלכער האָט וויכטיקע זאַכן מיט-צוטיילן.

דער פּאָרזיצער שטעלט זיך אויף פון זיין פּלאַץ. דאָס איז אַ באַווייז, אַז דער ענין איז זייער אַ וויכטיקער, ערנסטער און דרינגענדיקער. ער רעדט שטיל, אָבער מען הערט אים איבערן גאַנצן זאַל, אין יעדן ווינ-קעלע:

„ברידער און שוועסטער!

„נאָך אַזוי פיל יאָרן רואיקייט, וואָס די ערד האָט געהאַט, נאָכדעם ווי ס'איז אונדז ענדלעך געלונגען צו באַזייטיקן דעם מילחמה-געשפּענסט און בלוט-פאַרגיסונג; נאָכדעם ווי ס'איז געלונגען אַ סך צו דערגרייכן אויפן וויסנשאַפטלעכן און הומאַניטאַרן געביט און ברענגען דערצו, אַז די מענטשן אויף דער ערד זאָלן האָבן אַ רואיק, געזיכערט און פרידלעך

לעבן, און נאָכדעם ווי מיר האָבן ענדלעך דערגרייכט זיך צו פאַרבינדן מיט וועלטן אויסער אונדזער ערד־פּלאַנעט, ווי מיט דער לבנה און מאַרס, און נאָכדעם ווי מיר זענען געווען זיכער — און די ערשטע פּאָר צענדלינג יאָר איז טאַקע אַזוי געווען — אַז אונדזער ברודערשאַפט און פריינד־שאַפט מיט די אַנדערע פּלאַנעט־איינוואוינער, וועט זיין אַ ברכה פאַרן מענטשן, וואו ער זאָל ניט לעבן, שטייען מיר גאָר פאַר אַ געפאַר אַטאַ־קירט צו ווערן פון די איינוואוינער פון די אויבנדערמאָנטע פּלאַנעטן.

„ס'איז דאָ נישט דאָס פּלאַץ און איצט איז נישט די צייט אַז מיר זאָלן דאָ דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן דערגרייכט זיך צוזאַמענצורעדן מיט די איינוואוינער פון די צוויי אויבנדערמאָנטע פּלאַנעטן. מיר, די יונגע, האָבן עס געלערנט אין אונדזערע שולעס. אַ סך פון די פּאַרזאַ־מלטע דאָ, עלטערע מענטשן, געדענקען נאָך יענע מאָמענטן. די מאַר־סיאַנער זענען פון ערשטן מאָמענט אָן געקומען צו אונדז מיט שלעכטע געדאַנקען! נישט מיר האָבן זיי אַנטדעקט, נאָר זיי האָבן אונדז אויסגעפונען. מיר — אַזוי האָט מען אונדז געלערנט אין אונדזערע שו־לעס —, האָבן אַ סך יאָרן געפאָרשט די הימלען, געפאָרשט די שטערן, און מיר האָבן געהאַט אַ חשד, אַז אויף אייניקע פון זיי איז פאַראַן לעבן.

„אין דער צייט וואָס מיר האָבן צענדליקער יאָרן דיסקוטירט, צי עס איז פאַראַן אַ מענטשלעך לעבן אויפן מאַרס, אָדער אויף דער לבנה — האָבן זיי אונדז שוין געזען, זענען זיי שוין געפלויגן צו אונדז; האָבן זיי אונדז שוין געשיקט זייערע „פליענדיקע טעלער". פון וועלכע מיר האָבן געחוזקט, און זיי האָבן שוין געהאַט אַ פולשטענדיקן באַגריף און אַפילו געצייכנטע מאַפּעס פון אונדזער ערד.

„וואָלטן זיי אונדז געהאַט אַנדעקט מיט פּופּציק יאָר פריער, וואָלטן מיר שוין דאָ היינט נישט געזעסן; מיר וואָלטן שוין געווען זייערע שקלאַ־פן, און זיי וואָלטן שוין געווען די הערשער פון דער ערד. צו אונדזער גליק, האָבן זיי אונדז געפונען אַביסעלע שפּעטלעך. מיר האָבן שוין דע־מאָלט געהאַט די אַטאָם־ און הידראָגען־באָמבע; מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט די עקס־עקס שטראַלן, און די מאַרס־מענטשן האָבן מורא באַקו־מען פאַר די דאָזיקע וואָפן!

„מיר דאַרפן מודה זיין: אין אַ זאַך זאַכן זענען די מאַרס־מענטשן פאַרגעשריטענער פון אונדז, ספּעציעל אין עלעקטריע־טעכנישע אויסאַר־בעטונגען, און גאָר ספּעציעל — אין דער מעדיצין. זינט מיר האָבן זיך מיט זיי באַקאַנט און רעלאַטיוו „באַפריינדעט", האָבן מיר אַ סך געלערנט פון זיי אויף די דאָזיקע צוויי געביטן.

„צו אונדזער גליק, זענען זיי אַ סך הינטערשטעליק קעגן אונדז אין אויפרייס-מאַטעריאַלן. אָט, ווי איר ווייסט מן הסתם, ליידן זיי שטאַרק פונעם מאַנגל אין וואַסער. זיי האָבן זייער ווייניק טייכן און עס רעגנט ביי זיי זייער זעלטן. די אַטמאָספערישע לופט איז נישט צוגעפּאַסט אַז עס זאָל רעגענען, ווי ביי אונדז. אויך האָבן זיי נישט אַזעלכע ימים, ווי מיר. מעגלעך, ווען זיי זאָלן קאָנען אויפרייסן שטיקער פון זייערע וויסטע, פוסטע פעלדזן, וואָלטן זיי געקראָגן וואַסער-קוואַלן. זענען זיי אָבער — ווידער אַמאָל, צו אונדזער גליק —, זייער אָרעם אין אויפרייס-מאַטעריאַלן, און דאָס ביסל וואָס זיי פאַרמאָגן, נוצן זיי אוים פאַר זייער אינדוסטריע וועלכע שטייט זייער הויך, העכער פון דער ערדישער.

„און, אָט אַזוי — אַן גרויסע הידראָגען-באָמבעס —, האָבן זיי צוריק מיט פינפאונצוואַנציק יאָר זיך געקליבן צו אַטאַקירן די ערד. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרטיק די נויטיקע און געניטע פלענער. זייער הויפּט-פּלאַן איז דאַן — פּונקט ווי איצט — געווען: טוים! ! זיי האָבן באַשטימט:

„די גרעסטע טייל מענטשן אויף דער ערד אויסמאָרדן, און די איבעריקע טייל פאַרשקלאַפן. פּשוט גערעדט: אַריבערפירן דאָס לעבן פון מאַרס אויף דער ערד, און דעם מאַרס-פּלאַנעט האַלטן פאַר אַ פאָרשיקונג-פּלאַץ פאַר די פאַרזינדיקטע — אַזוי איז געווען זייער פּלאַן, וועלכער איז צעשטערט געוואָרן דורך אַ פּשוטן צופאַל:

„די ערד-פעלקער, וועלכע זענען נאָך געווען צווישן זיך צעטיילט, האָבן געפירט מילחמות איינע קעגן די אַנדערע; האָבן זיך נאָך איינם דאָס אַנדערע אויסגעקוילעט, האָבן דאַן אָנגעהויבן מאַכן פּראָבעס מיט באָמבעס און ראַקעטן. מען האָט געשיקט אַזעלכע באָמבעס צו דער זון, צו דער לבנה, וואו מען האָט געגלויבט, אַז ס׳איז דאָרט נישט פאַראַן קיין מענטשלעך לעבן, און איינע אַזאַ באָמבע, וועלכע מען האָט דאַן גערופן „ח׳ באָמבע״, האָט דערגרייכט דעם פּלאַנעט „ווענוס״ און האָט אים צעשמעטערט אויף פיצלעך. צום גליק, איז טאַקע דער „ווענוס״ געווען אַ „טויטע מאַסע״ און קיין לעבן אויף אים איז נישט געווען.

„די מענטשן פונעם מאַרס האָבן עס געזען און זיך דערשראָקן. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס האָבן די ערד-איינוואוינער געוואָלט אַרויפשיסן די באָמבע אויפן מאַרס, ווי אַ נקמה פאַר די צענדליקער פּאַסאַזשיר און מיליטערישע עראָפּלאַנען וואָס די מאַרס-פליער פלעגן אַנטרעפן אין די הימלען און זיי צעשטערן. די ערד-איינוואוינער האָבן דאַן געגלויבט, אַז דאָס זענען פּשוט געווען פלי-אַקצידענטן. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז

דאָס איז די אַרבעט פון די „פליענדיקע טעלער" און פון די „קריגס-ראַ-באַטן" פון די מאַרסיאַנער.

„באַלד, נאָך יענעם אויפריים אויפן „ווענוס", האָבן זיך די מאַרסיאַ-נער באַוויזן צו אונדז אויף אַ „פרידלעכן" אופן און האָבן אָנגעקניפּט מיט אונדז פאַרבינדונגען.

„אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָט זיך אויסגע-דאַכט, אַז ס'איז אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט פון דער ערד צו געפינען נאָך ברידער און שוועסטער אויף אַנדערע פּלאַנעטן. גאָר ספּעציעל זע-נען מיר געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט ביי זיי אַ סך זאַכן וועלכע זענען פאַר אונדז געווען פרעמד; און כאָטש מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קאָן אַזאַ אַנטוויקלט פאָלק נאָך דולדן שקלאַ-פעריי פון מענטשן ביי זיך; ווי אַזוי קאָן אַזאַ אַנטוויקלט פאָלק נאָך פּראַקטיצירן טויט-שטראָף פאַר דער קלענסטער זינד? ווי אַזוי קאָן אַזאַ קלוג און געלערנט פאָלק נאָך דולדן „הויפּט-הערשער" און סתם הערשער, וועלכע זענען פשוטע דיקטאַטאָרן, און אין זייערע הענט געפינט זיך דאָס לעבן פון זייערע קריגער, פון זייערע פעלקער, און פון מיליאָנען פרויען און קינדער? דאָך, מיר האָבן זיך טאַקע באַפריינדעט און זיך געחברט מיט זיי. מיר האָבן גאַנץ נישקשהדיק געפירט מיסחרים מיט זיי, אויס-געביטן אונדזערע סחורות אויף זייערע און פאַרקערט. מיר האָבן דער-לויבט, אַז אַ סך מאַרסיאַנער זאָלן זיך באַזעצן אויף דער ערד, און זיי האָבן דערלויבט, אַז אונדזערע מענטשן זאָלן זיך לערנען אין זייערע אוניווער-זיטעטן. אַלץ איז געווען גוט! אָבער, מיר האָבן זיי שטענדיק געהאַלטן אויפן אויג! מיר האָבן געהאַט אַ חשד — און אַ סך פון אונדזערע „ספּע-ציעלע" מענטשן אויפן מאַרס, וועלכע האָבן געלערנט אין זייערע שולעס, האָבן עס אונדז געמעלדעט, — אַז די מאַרס-הערשער טראַגן זיך אַרום מיט שלעכטע פּלענער קעגן אונדז, ערד-וועלט.

„גאָר לעצטנס, איז אונדזער חשד פאַרגרעסערט געוואָרן. אונדזער „דעפענס"-מיניסטעריום האָט פאַרגרעסערט די צאָל „אויספאָרשער". מיר האָבן אָנגעהויבן אכטונג צו געבן אויף די „וויזיטן" פון די מאַרס-מענטשן אויף דער ערד. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די „געסט" פונעם מאַרס וואָס קומען אויף דער ערד בלויז צוליב וואוילטאָג, אָדער פאַרברענגען דאָ זייערע וואַקאַציעס, אָדער גאָר ווי קאָלאָניסטן, „אומשולדיקע קאָלאָ-ניסטן", וואָס קומען דאָ זיך מכלומרשט באַזעצן און באַארבעטן די ערד, זענען אין דער אמתן הויכע רעגירונגס-שפּיאָנען, וועלכע קומען מיט גע-וויסע צילן אויסצופאָרשן די ערד.

„אַ סך פון זיי האָבן מיר געכאַפּט און באַשטראָפט. צוויי אַזעלכע הערשער, זענען פון יאָהאַנעסבורג געפלויגן אַהיים, פרייליכע, מיט „גוּ-טע נייעסן", אָבער, אַכט מינוט נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויסגעפלויגן אין הימל אַריין, האָט אונדזער „ל"-שטראַל דערגרייכט זייער ראַבאָט, גע-עפנט זיין הערמעטיש-פאַרמאַכט טירל, דורך וועלכן די רייזנדיקע הער-שער זענען אַרויסגעפאַלן פון ראַבאָט. דערנאָך האָט דער „ל"-שטראַל צוריק הערמעטיש פאַרשלאָסן דאָס טירל, און דער ראַבאָט איז אָפּגע-פלויגן צו זיין ציל און פּלאַץ וואָס איז פון פריער געווען באַשטימט. דער ראַבאָט איז געקומען אויף זיין פלי-פּלאַץ אויפן מאַרס גאַנץ און אומבאַ-שעדיקט. ביים אַראָפּלאָזן זיך, האָט ער געוויזן אַלע רעגלאַמענטירטע סימנים, אָבער, ווען מ'האָט געעפנט דעם ראַבאָט איז אינעווייניק קיינער נישט געווען. זיינע פּאַסאַזשירן זענען שוין געלעגן ערגעץ-וואו צעשמע-טערטע און אויף דער ערד איז נאָר געבליבן דער טאַקיגראַפישער רע-קאָרד פון זייערע שמועסן מיט אַנדערע שפּיאָנען; אַ רעקאָרד, וועלכן איר וועט באַלד הערן.

„עס וועט פאַר אייך זיין אומגלויבלעך: די דאָזיקע פּאַסירונג מיט די צוויי הערשער-שפּיאָנען האָט אַזוי צעטרייסלט די מאַרסיאַנער מחב-לים, אַז מ'גייט דאָרט אַרום אָן אַ קאָפּ. זיי האָבן שוין ווידער מורא באַ-קומען פאַר די ערד-מענטשן: אפשר האָבן זיי, די ערד-מענטשן, אַ נייעם געווער וואָס קאָן זיי אומברענגען, ווען זיי וועלן אַטאַקירן די ערד.

„ווי אייך איז באַוואוסט, האָבן די מאַרסיאַנער דערפונדן אַזאַ מין „אַנצוג", וואָס זייערע קריגער טראָגן. דער דאָזיקער „אַנצוג" פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ מין עלעקטריציטעט, וואָס קאָן טויטן יעדן לעבעדיקן באַ-שעפעניש וואָס שטייט עטלעכע מעטער נאָענט פון אים. דער דאָזיקער אַנצוג האָט נאָך אַ גרויסע מעלה: עס נעמט אים קיין קויל נישט! ווי-פיל מען זאָל נישט שיסן אין דעם דאָזיקן קריגער אַריין, ווען ער גייט אָנגעטון דעם אַנצוג, וועט אים די קויל גאָרנישט שעדיקן.

„די לעצטע צייט — אַזוי האָבן מיר געוואוסט —, האָבן די מאַרסיאַ-נער צוגעגרייט טויזנטער, הונדערטער טויזנטער פון אָט די אַנצוגן. מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס גרייטן זיי זיך צום איבערפאַל אויף דער ערד. מיר האָבן דרינגנד גערופן אונדזערע וויסנשאַפטסלייט און זיי אויפגעפאָ-דערט, אַז זיי זאָלן געפינען אַ קעגנמיטל פאַר דעם דאָזיקן עלעקטרישן שטראָם; און עס פרייט מיר אויך אייך צו מעלדן, אַז מיר האָבן שוין אַזאַ מיטל און מיר האָבן עס שוין אויסגעפּרוּווט מיט דערפאָלג. פּונקט ווי מיר האָבן געפונען אַ מיטל צו זייער „מוח-זייגערל", וואָס זיי טראָגן

אויף דער האַנט, און ווילן עס אייך שענקען, אָדער עס אייך פאַרקויפן ביליק, ווי אויך אַזאַ מין זייגערל, דורך וועלכן זיי „וואַשן" אייער מוח. דאָס זייגערל האָט אַ ראַדיאָ-אַפּאַראַט, וואָס גיט אַרויס אייערע געדאַנקען און זאָגט אויס אייערע סודות. איצט, קאָן מען שוין טראָגן זייער זייגערל אויף דער האַנט, און איר וועט וויסן ז יי ן סוד, און ער אייערן — נישט. אונדזערע פאָרשער האָבן אויסגעפונען אַזאַ מין וואַסערל, וואָס ס'איז גענוג אַז איר זאָלט זיך דערמיט איינרייבן יעדע הענט — ספּעציעל דאָס פּלאַץ וואו איר טראָגט דאָס זייגערל—, אַז עס זאָל נישט פונקציאָנירן יענער טייל „ראַדיאָ" וואָס דאַרף איבערגעבן אייערע מוח-געדאַנקען. דאָס וואַסערל קאָן אָנהאַלטן 72 שעה, און עס איז אַבסאָלוט נישט שעדלעך פאַרן קערפּער.

„צוליב וואָס-זשע האָבן מיר אייך איצט אַזוי דרינגענדיק גערופן?

„מיר האָבן אומצוויפלהאַפטע אינפאָרמאַציעס, אַז אויפן מאַרס ווערן לעצטנס אָפּגעהאַלטן וויכטיקע באַראַטונגען פון אַלע הויפּט-הערשער און קריגער פון די שבטים און פעלקער פונעם מאַרס. דער ציל פון די באַראַטונגען איז: באַשטימען די אַטאַקע אויף דער ערד. לויט דער אינפאָרמע פונעם הויפּט-הערשער, פאַרמאָגן די מאַרסיאַנער העכער צוויי מיליאָן גרויסע און קלענערע ראַבאָט-עראָפּלאַנען, וואָס אין געציילטע שעהן און אַפילו מינוטן קאָנען זיי איבערפאַלן די ערד פון איין עק ביזן צווייטן.

„אַ גרויסע טייל הערשער פון די מאַרס-פעלקער זענען מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף שוין, תיכף ומיד, אַטאַקירן די ערד. עס זענען געווען אָבער אַנדערע הערשער, פון וויכטיקע, גרויסע קריגער-פעלקער פונעם מאַרס, וועלכע האָבן געראָטן אָפּצוואַרטן מיט דער אַטאַקע, ביז מ'וועט נישט האָבן קיין גענוגנדיקע זיכערקייט, אַז די „אָפּעראַציע וועט געלינגען". זייער טענה איז, אַז מען ווייסט נאָך אַלץ נישט דעם אמת, וואָס פאַראַ געהיימע וואָפן די ערד-הערשער פאַרמאָגן. חוץ דעם, דענקען זיי אַז ס'איז בעסער אָפּצוואַרטן דעם מאָמענט, ווען די ערד-איינוואוינער וועלן זיין פאַרטון מיט זייערע פייערונגען, וואָס זיי גרייטן איצט צו לכבוד דעם 2-טויזנטן יאָר — דאַן וועט זיין לייכטער צו באַפאַלן די ערד.

„דערווייל, האָט געזיגט אָט די מיינונג, און ס'איז באַשטימט געוואָרן אַז וואָס מער הערשער און געלערנטע פונעם מאַרס זאָלן אין די נאָענטסטע טעג און וואָכן באַזוכן די ערד, און זיך באַמיען אויסצופאָרשן אַלע וויכטיקע סודות פון אונדזער פאַרטיידיקונגס-סיסטעם. זיי האָבן אויך אויסגעקליבן אַ גרופּע פון 5 הויפּט-הערשער, אין וועמענס הענט עס וועט

זיין געוועגדעט דאָס געבן דעם באַפעל צו אַטאַקירן די ערד. מיר האָבן די נעמען פון די פינף הויפּט-הערשער. צו אונדזער גליק, זענען דריי פון זיי מעסיקע קריגער און ווילן אויסמיידן דעם קריג מיט אונדז. אַלע פינף הערשער זענען באַשטימט געוואָרן אַלס „דעלעגאַטן" צו אונדזערע פֿייערונגען.

„דאָס אַלץ האָבן מיר געפונען פאַר נויטיק אייך דרינגנד צו מעלדן און הערן אייערע מיינונגען, וואָס דאַרפן מיר טון צו פאַרזיכערן אונדזער לעבן און עקזיסטענץ?"

אַ פאַרשטייער פון די אַמעריקאַנער לענדער בעט דאָס וואָרט, און פרעגט:

— האָט דער עקזעקוטיוו-פּרעזידיום צוגעגרייט עפּעס אַ פּראָגראַם פאַר דער פאַרטיידיקונג?

דער פאַרזיצער גיט דאָס וואָרט דעם „הויפּט-דענעפענס-מיניסטער", וועלכער שטעלט זיך אויף און דערקלערט:

— מיר האָבן זייער פיל שטודירט דעם ענין. מיר האָבן איינמאָל אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג, וואָס האָט געדויערט צוויי און זיבעציק שעה אום-איבערגעריסן. מיר האָבן געבראַכט עטלעכע פּלענער-פאָרשלאָגן:

1) מיר זאָלן רופן די הערשער פונעם מאַרס און מיר זאָלן מיט זיי ריידן אָפענע דיבורים. מיר זאָלן זיי דערציילן, אַז מיר ווייסן זייערע סודות; מיר זאָלן זיי מאַכן הערן די „רעקאָרדס" פון אַלע זייערע שפּיאָנען, און מיר זאָלן זיי פאַרלייגן אַ נישט-אָנגריף פּאַקט. דערביי וועלן מיר זיך פאַרפליכטן צו העלפן אַרויסקריגן גענוג וואַסער פאַר זייער פּלאַנעט, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן טראַכטן וועגן זוכן וואַסער אויף אַנדערע פּלאַנעטן. כדי אָבער, אַז אונדזערע רייד זאָלן האָבן אַ ווירקונג אויף זיי, דאַרפן מיר זיי ווייזן אונדזער קראַפט און מאַכט.

2) דאָס ערשטע וואָס מיר דאַרפן טון, איז זיי ווייזן, ווי אַזוי מיר קאָנען אין איין אויגנבליק צעשמעטערן אַ גאַנצן פּלאַנעט. מיר וועלן נעמען דעם פּלאַנעט „יופּיטער", וועלכער איז צוויי מאָל אַזויפיל ווייטער פון דער ערד, ווי דער מאַרס. און אַזוי ווי מיר ווייסן שוין זיכער, אַז דאָרט איז קיין שום לעבן נישט פאַראַן, וועלן מיר אים, דעם „יופּיטער" —פאַר זיי אין די אויגן— מיט איין דריק פון אַ קנעפּל אים צעשמעטערן אויף זאַמד. זיי וועלן קוקן דורך די עלעקטראָנישע טעלעסקאָפּן „ב. ס. 21" און וועלן זען, אַז ווען מיר, דאָ, גיבן אַ דריק דאָס קנעפּל, הייבן-אָן פליען „שטראַלן" צום „יופּיטער" פון אַלע עקן פון דער ערד. און דער גרויסער פּלאַנעט ווערט פאַרברענט און צעמאַלן ווי אַ שפּילצייג. עס

איז זיכער, אַז דאָס וועט ווירקן אויף זיי און ס'וועט ביי זיי אָפּגעשלאָגן ווערן דער אַפּעטיט צו ריזיקירן מיט זייער פּלאַנעט און מיטן לעבן פון זייערע פרויען און קינדער.

פאַראַן ביי אונדז נאָך אַ מיינונג, אַז מיר זאָלן זיי אויך ווייזן, אַז זייערע עלעקטריזירטע „קריגס-אַנצוגן" האָבן שוין אויך קיין ווערט נישט. מיר וועלן זיי היימן ברענגען עטלעכע קריגער אַנגעטון אין די דאָזיקע קריגס-קליידער; מיר וועלן זיי הייסן, אַז זיי זאָלן שיקן צו אונדזערע מענטשן זייערע עלעקטרישע שטראַלן, און זיי וועלן בלייבן דערשטוינט, ווען זיי וועלן דערזען אַז עס שאַדט קיינעם נישט זייערע שטראַלן, ווייל יעדער איינער פון אונדז וועט — פון היינט-אָן — טראָגן אַזאַ מאַגנעטישן פּאַס אויף די לענדן, וואָס מאַכט צונישט זייער עלעקטרישן שטראַל. דערפאַר, אָבער, האָבן מיר שוין דערפונדן אַזעלכע ביקסן-קוילן און אַטאָם-רעוואָלווערן, וואָס שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר זייערע „שטראַלן", און שיסן דורך דאָס האַרץ פון די מאַרס-קריגער, מעגן זיי אַפילו טראָגן אַטאָמישע פּאַנצערס וואָס באַשיצן דאָס האַרץ — דאָס אַלץ זאָלן מיר זיי ווייזן.

3) פאַראַן ביי אונדז נאָך אַ מיינונג: פּשוט און פּראָסט, פּטור ווערן פון אָט דעם פּלאַנעט און פון די דאָזיקע מחבלים, וואָס וועלן פריער אָדער שפּעטער, באַרעכנטערהייט, אָדער אומבאַרעכנטערהייט, אָנפאַלן אויף אונדזער וועלט און אָנמאַכן אַ חורבן ביי אונדז. זיי וועלן טאַקע נישט געווינען דעם קריג, אָבער אַ חורבן וועלן זיי זיכער אָנמאַכן. דערפאַר דאַרפן מיר שוין, גאַרנישט וואַרטן, נאָר גלייך, אָן שום וואָרענונג, אויפרייסן דעם מאַרס און באַפרייט ווערן פון אַ לויערנדיקער דראָאונג אויף אונדזער עקזיסטענץ, אויף אונדזער לעבן.

ביים פאָרזיצער פון טיש צינדט זיך אָן אַ רויט לעמפּעלע. אויף דער וואַנט, אַנטקעגן, ווייזט זיך אַ ציפער, אַ נומער. שפּעטער נאָך אַ נומער. דאָס ווייזט מען דעם פאָרזיצער, אַז מען בעט אַ וואָרט. יעדער נומער באַצייכנט אַ פאָרשטייער פון אַ לאַנד אָדער פאָלק. לויטן קאָליר פון נומער.

דער ערשטער וואָס האָט געבעטן דאָס וואָרט איז געווען דער פאָרשטייער פון די „פאַראייניקטע אַזיאַטישע פעלקער", אַ זון פון כינעזישן פאָלק, מאַאָ טשאַאָ לי.

אַ גרינגע ליכט ביים פאָרזיצערס טיש ווייזט אים אָן אַז ער קאָן רעדן.

עס הויבט זיך אויף אַן עלטערער מענטש, זיכער שוין באַלד אַ הונדערט-יאָריקער, און ער ווענדעט זיך צו די בייוועזנדע:

טייערע ברידער. איך בין אַ פאָרשטייער פון אַ פאָלק וואָס האָט פאַר די לעצטע הונדערט יאָר זייער פיל געליטן פון מילחמות און פאַר-

גװאַלדונגען. מיר, די קינדער פון מײַן פֿאָלק, װילן האָבן רו. װילן שלום מיט יעדערן און מיט איטלעכן. מיר —װעמענס קינדער צײלן זיך אין די טױזנטער מיליאָנען—, װילן לעבן רואיק, װילן נישט פֿאַרגיסן מערער קײן בלוט, נישט אײגנס און נישט פֿרעמדס. און טאַקע ד ע ר פ אַ ר זענען מיר מיטן מײנונג אַז מען מוז תיכּף צעשטערן און צעשמעטערן אַט די שלאַנג װאָס װיל אונדז אומברענגען, װאָס װיל אונדז אױסמאָרדן אָדער פֿאַרשקלאַפֿן.

אין נאָמען פון די פֿאַראײניקטע אַזיאַטישע פֿעלקער לײג איך פֿאָר, תיכּף צעשמעטערן דעם „מאַרס"-פּלאַנעט מיט אַלע אירע אײנװאױנער.

עס באַװײזן זיך א סך נומערן. מען װיל רעדן װעגן דעם ענין, אָבער דער פֿאָרזיצער לײגט פֿאָר, אָפּלײגן די פֿאַרזאַמלונג אױף 72 שעה, כּדי יעדער פֿאָרשטײער זאָל קאָנען זיך אומקערן אין זײַן לאַנד, זיך באַראַטן מיט זײַן רעגירונג און פֿאָלק, און קומען מיט א פֿעסטן און גוט באַטראַכטן באַשלוס װאָס מען װעט אָננעמען.

אין איינעם פון די שענסטע פאַרקן פון שטאָט, שפּאַצירט אַ יונג פּאָרל. עס איז שוין שפּעט אין אָוונט. אין עטלעכע מינוט אַרום הויבט זיך שוין אָן אַ נייער טאָג. אָבער, דאָס פּאָרעלע איז פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך און באַמערקט נישט די צייט. אויך באַמערקן זיי נישט, אַז אין ביידע זייטן פונעם פּאַרק ווערן זיי געהיט פון צוויי „פּאַרק-דינער", וועלכע האַלטן אויף זיי אַן „אויג"...

מיר דערקענען דאָס פּאָרעלע: ס'איז הינעסיטאַ קוק און דער מאַרסיאַנער סטודענט לי-לי, וועלכער האָט איינגעלאַדן זיין חברם כלה אויף אַ פּריוואַטן שפּאַציר. ער דאַרף מיט איר ריידן שטרענג פּערזענלעך, און וויל נישט אַז עמיצער זאָל אים שטערן. הינעסיטאַ האָט געמעלדעט איר פאָטער וועגן דער איינלאַדונג, און געבעטן זיין מיינונג. ה' קוק האָט איינגעוויליקט, אַז זיין טעכטערל זאָל זיך טרעפן מיטן מאַרסיאַנער און זיין מיט אים אַן אומבאַגרענעצטע צייט. לי-לי האָט אָפּגעוואַרט הינעסיטאַן ביים אַרויסגיין פון דער שולע — אַזוי האָט זי זיך באַשטימט מיט אים צו טרעפן. זי האָט אין איר האַנט געטראָגן אַ פּאָרטפעל מיט אירע שול-מכשירים. לי-לי האָט געוואָלט דווקא נעמען ביי איר דעם פּאָרטפעל, כדי איר לייכטער צו מאַכן. אָבער, זי האָט עס פון דער האַנט נישט אַרויסגעלאָזט — אַזוי איז געווען דער אָנזאָג פון איר פאָטער, וועלכער האָט איר צוגעגרייט דעם פּאָרטפעל...

אַ שטיק צייט זענען זיי אַרומגעגאַנגען שטיל און נישט גערעדט איינער צום צווייטן. ער האָט זי געפירט געאָרעמט, און ווען נישט ווען האָט ער געכאַפּט אַ בליק צו זיין זייגערל און עס צוגעלייגט צום אויער...

ווי נאָר ער האָט באַגעגנט הינעסיטאַן, האָט ער באַמערקט אַז זי טראָגט דאָס זייגערל וואָס זיין פאָטער האָט איר געשאָנקען. דאָס איז געווען פאַר אים אַ זייער אָנגענעמער סימן: אויב זי טראָגט זיין מתנה, איז ער פאַר איר נישט פרעמד...

שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז ווען ער מעלדעט איר פריער, אַז ער

קומט צו איר אין הויז זי זען, טרעפט ער זי טראָגן זיין פּאַטערס מתנה; און כאָטש דאָס זייגערל איז „נישט אין אָרדענונג"... און דער „מוח-ראַ-דיאָ" אינעווייניק מעלדעט אים גאָרנישט, דאָך איז ער שטענדיק צופרידן וואָס ער טרעפט זי טראָגן דאָס זייגערל.

דאָס מאָל, ווען ער דאַרף מיט איר רעדן ערנסט, ווען ער וויל זיך איר „דערקלערן"; ווען ער דענקט צו בעטן הינעסיטאַן, אַז זי זאָל ווערן זיין פרוי, איז ער אַוודאי צופרידן וואָס ער זעט זי טראָגן זיין פּאַטערס מתנה.

וואָס עס באַאומרואיקט אים שטאַרק איז, וואָס הינעסיטאַ האַלט אַזוי פעסט אין אירע הענט דעם פּאָרטפעל מיט די שול-מכשירים. אַפילו ווען זיי זעצן זיך אַוועק אויף אַ באַנק לאָזט זי דעם פּאָרטפעל נישט אַרויס פון אירע הענט. עס איז אים געווען פאַרדעכטיק צו וויסן וואָס אין פּאָרטפעל געפינט זיך, און דערפאַר טאַקע האָט ער נישט גערעדט קיין איין וואָרט צו איר.

צו זיין גרויס שטוינונג, האָט הינעסיטאַ פּלוצלינג אויפגעעפנט דעם פּאָרטפעל און אַרויסגענומען פון דאָרט אירע שול-מכשירים און זיי אַוועק-געלייגט אין אַ זייט אויף דער באַנק, דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען פון דאָרט... פאַרשידענע פּושקעלעך מיט... פּילן און זיי געעפנט. לויטן אויפשריפט אויף די פּושקעלעך, זענען עס געווען פּילן פון זיסקייטן. זי גיט איבער דעם פּאָרטפעל לי-לין, אַז ער זאָל פון דאָרט אַרויסנעמען וועלכע פּילן ער וויל און זאָל זיך אַליין מכבד זיין. לי-לי איז געבליבן פאַרשעמט פון זיינע שלעכטע געדאַנקען וואָס ער האָט פריער געהאַט, און פאַר פרייד האָט ער זיך ווילד צעלאַכט אויפן קול... ער האָט גענאַשט אַביסל פון די זיסקייטן און האָט באַקומען מוט צו ריידן.

— ווייסט, הינעסיטאַ, וואָס איך וויל מיט דיר רעדן?

— איך גלויב אַז יאָ. דאָך וויל איך עס הערן פון דיין מויל.

— פאַר אַלעם, הינעסיטאַ, וויל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי מען האַנדלט אין מיין לאַנד און אין מיין היים אין אַזעלכע אומשטענדן. דאָרט, אַז עמיצן געפעלט אַ מיידל, איז די לאַגע אַזוי: אויב ביידע פאַמיליעס זענען פון זעלבן שטאַנד, הן אין יחוס, היינו אין רייכטום און הן אין ראַנג פון מאַכט — דאַן גייט ער אַוועק צו אירע עלטערן, זאָגט זיי, אַז ער וויל זייער טעכטערל, באַצאָלט פאַר איר אַזוי פיל וויפל זיי באַדינגען זיך, גייט אַריין צום מיידל אין צימער און מעלדעט איר, אַז זי איז שוין זיינע, און אויף מאָרגן קומט זי אַליין, אָן באַגלייטער, צו אים אין הויז. אויב, אָבער, די כלה איז פון אַ נידעריקערן קלאַס מענטשן, פון אַ קלענערן יחוס, אָרעמער אין געלט און אין שקלאַפן, און איז נישט פון קיין הערשער פון אַ שבט, אָדער האָט בכלל אַ קליינעם טיטל — דאַרף ער שוין פריער בעטן אַ דערלויבעניש ביי זיינע

עלטערן, און אויב זיינע עלטערן זענען נישט דאַקעגן, קומט ער צו איר אין הויז און הייסט זיך אַז מ׳זאָל צומאַרגנס שיקן זייער טעכטערל צו אים אַלס זיין פרוי. אויב, אָבער, זיינע עלטערן זענען קעגן דעם שידוך — מוז ער רעזיגנירן פונעם מיידל — מעג זי זיין די שענסטע פון לאַנד. נו, דעם דריטן פאַל דאַרף איך דאָך דיר שוין נישט דערציילן, אַז אויב דאָס מיידל איז פון שקלאַפן־עלטערן — און מעג זי שוין אַפילו האָבן אַ חתן—, דאַן איז גענוג אַ באַפעל פונעם יחוסדיקן חתן — און דאָס מיידל איז שוין צומאַרגנס ביי אים אין הויז, אָבער נישט ווי אַ געזעצלעכע פרוי, נאָר ווי אַ שקלאַפין־פרוי.

אַזוי פירט זיך ביי אונדז, אויפן מאַרס.

דאָ, ביי אייך אויף דער ערד, האַנדלט מען אַנדערש, און איך וויל נישט זיין קיין אויסנאַם. איך האָב דיר גערופן, כדי דיר צו זאָגן, אַז איך בין שטערבלעך פאַרליבט אין דיר, הינעסיטאַ, און איך ווייס אַפילו, אַז איך בין דיר סימפּאַטיש. איך וויל דיר זאָגן, הינעסיטאַ, אַז איך האָב לעצטנס פאַר־נאַכלעסיקט מיין שטודיום און גאָר, גאָר וויכטיקע אַנדערע זאַכן, מיט וועל־כע איך בין באַשעפטיקט, ווייל איך טראַכט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט בלויז פון דיר.

איך דאַרף דיר אויך דערציילן, טייערע, אַז פריער האָב איך געהאַט אַנדערע פּלענער פאַר אונדז. פריער האָב איך געמיינט, אַז אויב דו וועסט באַוויליקן צו ווערן מיין פרוי, וועל איך דיך נעמען צו אונדז אויפן מאַרס און מיר וועלן דאָרטן בויען אונדזער היים. איך האָב שוין אַפילו געבעטן אַ דערלויבעניש ביי מיינע עלטערן, און מיין פאָטער איז געווען העכסט צו־פרידן און האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זייגערל וואָס ער האָט דיר געבראַכט איז געווען אַ טייל פון זיינע חתונה־מתנות.

איצט, אָבער, האָט זיך די לאַגע געביטן. דאָרט, ביי אונדז אויפן מאַרס, איז נישט רואיק. חוץ דעם, לעבט מען דאָרט נישט אַזוי באַקוועם ווי דאָ אויף דער ערד. איך דענק צו בעטן אַ דערלויבעניש ביי מיינע עלטערן צו בלייבן וואוינען אויף דער ערד. עס באַזעצן זיך דאָ אַזוי פיל מאַרסיאַ־נער, וועל איך זיין איינער פון זיי.

און נאָך עפּעס. איידער דו ווילסט ענטפערן אויף מיין פראַגע, צי דו ווילסט ווערן מיין פרוי, וויל איך דיר אויך דערציילן, אַז וועגן דיינע עלטערן האָב איך פריער געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג, און האָב זיי אַפילו נישט איבעריק ליב געהאַט. לעצטנס, אָבער, האָט זיך עפּעס גע־ביטן איר מיר. איך האָב זיי ליב באַקומען און ס׳וועט מיר זיין זייער ליב, ווען זיי וועלן מיך באַטראַכטן פאַר זייערס אַ קינד; און לסוף, טייע־רע, וויל איך דיר בעטן: ענטפער מיר איצט נישט; זאָג נישט „ניין״

און אַפּילו נישט דעם גליקלעכן „יאָ״! קום, איך וועל דיר אָפּפירן אַהיים. באַטראַכט זיך גוט. פרעג אַן דיין האַרץ, און אין צוויי און זיבעציק שעה אַרום זאָלסטו מיר ענטפערן...

— — — — — — — — — — — — — —

אין 24 שעה אַרום.

אין זייער באַקוועמען זאַל, זיצט הערי קוק און זיין פרוי. אַקעגן זיי זיצט זייער טעכטערל הינעס. ה׳ קוק האָט היינט באַשטעלט הינעסיטאַן אויף אַ וויכטיקן שמועס. ער האָט זיך באַפרייט פון אַלע זיינע געשעפטן און פאַרפליכטונגען און געמעלדעט דעם ראַדיאָ-טעלעפאָן-אָפּעראַטאָר, אַז ער זאָל אָפּשניידן די קאָמוניקאַציע פון זייער הויז אויף אַ פּאָר שעה — ביז אַ נייער מעלדונג. אַ קוועטש מיט אַ קנעפּל, און אין דרויסן, ביי דער טיר, האָט זיך אָנגעצונדן אַ רויט ליכט, אַ סיגנאַל, אַז מען בעט יעדן וואָס וויל, אומגעריכט קומען, אַז ער זאָל איצט נישט שטערן.

נאָך אַ געוויינלעכן שמועס וועגן דער שולע און וועגן אירע איינגאַבעס, האָט זיך — פּאַר אַלעם— ה׳ קוק אַנטשולדיקט פּאַר זיין פרוי און טעכטערל, וואָס לעצטנס איז ער שטאַרק פאַרנומען און קאָן זיך מיט זיי נישט אָפּגעבן, ווי ער פלעגט עס טון פריערדיקע צייטן.

— מיר לעבן איצט איבער זייער אַ וויכטיקן מאָמענט פון דער היסטאָריע פון דער ערד-וועלט, —זאָגט דער הער קוק—, און ווי אַ הויכער באַאַמטער פון „דעפענס-מיניסטעריום״, בין איך שטאַרק באַשעפטיקט.

און, ווענדנדיק זיך דירעקט צו הינעסיטאַן, שטעלט ער איר אַ דירעקטע פראַגע:

— וואָס פאַר אַן ענטפער וועסטו געבן לי-לין? עס זענען שוין פאַריבער פיר און צוואַנציק שעה פון די צוויי און זיבעציק, וואָס ער האָט דיר געגעבן אויף צו ענטפערן.

הינעסיטאַ האָט זיך אַזש אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ. זי האָט געטראַכט: פון וואַנען ווייסט פּאַ וועגן זייער נעבעטיקן געשפּרעך?

הענרי האָט באַרואיקט זיין טעכטערל. אָבער, פריער דערציילט ה׳ קוק זיין פרוי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך:

— לי-לי האָט זיך נעכטן ביינאַכט דערקלערט אין ליבע אונדזער טעכטערל. ער וויל בלייבן אַן ערד-איינוואוינער!

— אָבער, פּאַ! —רופט אויס הינעסיטאַ— פון וואַנען ווייסטו דאָס? האָט מיט דיר לי-לי שוין גערעדט?

— חלילה! איך האָב שוין לי-לין לאַנג נישט געזען. דאָס לעצטע

מאָל וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט איז געווען אינעם טאָג ווען מיר האָבן געפּראַוועט דיין געבורטסטאָג!

— איז וועד-זשע האָט עס דיר איבערגעגעבן דעם דאָזיקן שטרענג-פּריוואַטן געשפּרעך צווישן אונדז?

— ניין, טאָכטער מיינע! דאָס איז נישט געווען קיין „געשפּרעך צווישן אייך"... גערעדט האָט בלויז לי-לי אַליין! ער האָט גערעדט די גאַנצע צייט און דו האָסט געשוויגן! אויב דו ווילסט וויסן, אָדער זיך דערמאָנען וואָס ער האָט דיר געזאָגט — אָט וועסטו „אים" באַלד ווידער הערן ריידן!

ביי די לעצטע ווערטער, גייט-צו העגרי קוק צום „עלעקטראָנישן קאָמבינייישן"-אַפּאַראַט, גיט אַ דריי אַ קנעפּל, און עס הייבט זיך אָן אויס-וויקלען אַ דינער עלעקטרישער דראָט און מען הערט אַ שטימע, לי-לי'ס שטימע. מען הערט אים ריידן, וואָרט ביי וואָרט וואָס ער האָט נעכטן ביינאַכט געזאָגט. פריער הערט מען דאָס אויסשיסן פון אַ ווילדן געלעכ-טער — דאָס איז געווען לילים געלעכטער, ווען ער האָט אויסגעפונען אַז אין איר פּאָרטפעל ליגט נישט באַהאַלטן קיין ראַדיאָ-אַפּאַראַט, נאָר... „פּילן" צום נאַשן. וואָס לי-לי האָט נישט געוואוסט איז, אַז דער פּאָרט-פעל זעלבסט איז געמאַכט געוואָרן פון אַ דאָפּלטן שטאָף, און אינעווי-ניק —צווישן שטאָף און שטאָף— זענען אויסגעצויגן עלעקטראָנישע ראַ-דיאָ-דראָטן, מיט אַ מיניאַטור-אַפּאַראַט וואָס כאַפּט-אויף יעדעס וואָרט און יעדן שאָרך אַרום זיך.

— אָבער, פּאַ! ווי אַזוי האָסטו געוואַגט זיך אונטערצוהערן אונד-זער געשפּרעך?! —איז הינעסיטאַ אין כעס געוואָרן.

— רואיק, טעכטערל מיינס. איך האָב —פאַר דיין טובה וועגן— געמוזט וויסן און הערן, וואָס ער רעדט צו דיר. אָט וועסטו באַלד הערן אַ צווייטע רעדע זיינע, וועסטו פאַרשטיין, פאַרוואָס.

העגרי קוק גיט אַ צווייטן דריי דעם „קאָמבינייישן"-אַפּאַראַט, און עס הערט זיך ווידער לי-לים שטימע. דאָס איז געווען זיין רעדע אין יאַ-העסבורגער רעסטאָראַן, וואו ער האָט פאַראָפּגעשיידט די צוויי הערשער פון מאַרס, וועלכע זענען מיט זיין רעדע נישט דערפלויגן צום מאַרס און זענען צעשמעטערט געוואָרן פון די ערד-אויטאָריטעטן אין מיטן וועג.

הינעסיטאַ האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיין רעדע און האָט אירע אייגענע אויערן נישט געגלויבט. זי הערט דייטלעך זיין שטימע. זי הערט אַפילו דערמאָנען איר נאָמען. זי הערט ווי ער זאָגט, אַז ער וועט צוריקקומען פון אַ שפּאַציר מיט איר אויפן מאַרס, און ער וועט

אויסמאָרדן און אויסשעכטן די ערד-מענטשן, און אירע עלטערן צווישן זיי! ...

הינעסיטאַ האָט זיך אין דער שטיל צעוויינט. איר פאָטער גיט איר אַ פיל מיט אַביסל וואַסער, און ווי נאָר זי נעמט איין די פיל, ווערט זי צוריק מונטער. זי בעט איר פאָטער, אַז ער זאָל ווייטער פאָרזעצן זיין שמועס.

דער פאָטער רוקט זיך צו נאָענטער צו זיין טאָכטער און צו זיין פרוי, און ער דערציילט ווייטער:

— טעכטערל מיינס. אָט, דערמיט, בין איך לעצטנס אַזוי פיל באַשעפטיקט. די מאַרסיאַנער גרייטן זיך צו באַפאַלן די ערד. זיי האָבן דאָ אַראָפגעשיקט אַ סך שפיאָנען, אויסצופאָרשן וואו ס'איז לייכטער און באַקוועמער אָנצופאַלן אויף דער ערד. לי-לי איז איינער פון די וויכטיקסטע שפיאָנען. זיין פאָטער, באַר-מאַ, איז איינער פון די וויכטיקסטע הערשער פון אַ שבט — אַ פאָלק פון די מאַרסיאַנער. באַר-מאַ, איז זייער אַ רייכער מענטש און האָט זייער פיל שקלאַפן — מענער, פרויען און קינדער, וואָס אַרבעטן פאַר אים אומזיסט, בלויז פאַרן עסן, ווייל וואַסער זשאַלעוועט מען זיי. ווען לי-לי האָט געהאַלטן די דאָזיקע רעדע, האָט ער עס טאַקע געמיינט ערנסט. נעכטן אין אָוונט האָט ער... אויך געמיינט ערנסט. ערשטנס, האָט ער דיך טאַקע שטאַרק ליב; צווייטנס, ווייסט ער, אַז ער טאָר אַהיים נישט קומען. דאָרט, דאַרף ער אָפגעבן אַ באַריכט פון זיין טעטיקייט, און מען קאָן אים נאָך אַרויפזעצן אויפן „אמת-שטול" —וואָס כאָטש עס איז אַ דערפינדונג פון דער ערד, דאָך נוצן אים די מאַרסיאַנער מער ווי מיר, דאָ—, און אויף דעם שטול וועט ער מוזן מודה זיין, אַז ער איז פאַרליבט אין אַן ערדיש מיידל, און אַז ער איז גרייט צו טון פאַר איר אַלץ. פאַר דעם אַליין קומט אים שוין דער טויט — צעשמעטערט צו ווערן אין אַ ראָבאָט אויפן וועג צו דער ערד, אָדער צו דער לבנה. ווען ער דערציילט זיי נאָך, אַז ער האָט „געטרונקען דאָס „שטאַרקע וואַסער" —ווי זיי רופן אונדזער ווייַן—, און האָט זיך אָנגעשיכורט און נישט געוואוסט וואָס מיט אים איז געשען. איז שוין זיין שטראָף אַ גרעסערע — פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט אין אַ זודיקן קעסל פון „איקס-שטראַלן"; און, ווען ער דערציילט זיי נאָך, אַז לעצטנס איז אים דער קאָפ געווען פאַרנומען מיטן ערדישן מיידל און האָט פאַרנאַכלעסיקט זיינע פליכטן — ווי אַ שפיאָן; איז נישט געקומען אַהין וואו מ'האָט אים נויטיק געדאַרפט האָבן, און אַז ער איז אַפילו טיילווייז שולדיק אין דעם וואָס צוויי וויכטיקע הערשער פון „מאַרס" זענען

אַרויסגעפאַלן פון ראָבאָט-אַעראָפּלאַן אויפן וועג פון יאָהאַנעסבורג צום מאַרס. ווייל, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין ראָבאָט, האָט ער גע־דאַרפט אַרויסגיין און פאַרפעסטיקן די אויסערלעכע טירן פונעם פלי־אַפּאַראַט. ווען ער פאַרפעסטיקט זיי — וואָלטן אונדזערע שטראַלן זיי נישט געקאָנט אויפעפענען אַזוי לייכט, און דערווייל וואָלטן זיי געהאַט אָנגעקומען אויפן פלי־פּלאַץ. ווען ער מוז אויפן „אמת-שטול" דאָס אַלץ דערציילן, וואָלט מען גענומען זיין פאָטער, זיין מוטער, זיינע ברידער און שוועסטער און די גאַנצע פאַמיליע, און אַפילו זיינע שקלאַפן, און מען וואָלט זיי אַלעמען אומגעבראַכט אויף אַ שרעקלעכן אופן. דאָס אַלץ ווייסט ער און איך, אַ דאַנק דעם, וואָס כ'האָב קאָנטראָלירט זיין טעטיקייט און זיינע וועגן, און דאָס אַלץ ווייסטו איצט אויך!...

דער ה' קוק האָט זיך אַביסל אָפּגערוט. ס'איז אים ענג געוואָרן אין האַלדז און האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַביסל וואַסער. נאָכן אויסטרינקען דאָס וואַסער, ווענדעט ער זיך צו זיין טאָכטער:

— איך דאַרף דיך, טעכטערל, בעטן, זאָגן און וואָרענען: קיין איין לעבעדיקער מענטש —אַחוץ אונדז דריי וואָס מיר זיצן דאָ—, טאָר נישט וויסן פון אונדזער געשפרעך. ס'איז אַ שטרענגער סוד! אַ מלוכה־סוד! חוץ דעם איז פאַראַן אַ מורא, אַז אַ שפּיאָן זאָל נישט געוואויר ווערן דעם אמת וועגן לי־לין — דאַן איז זיין לעבן אין געפאַר. און עס וועט צע־שטערט ווערן אַ וויכטיקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר אונדזער ערד־זיכערקייט... כל-זמן זיי, דאָרט אויפן מאַרס, ווייסן נישט זיין לאַגע, קאָן ער אונדז זייער פיל צונוצקומען, מיט זיין ווילן, אָדער קעגן זיין ווילן...

— פאַ! און וואָס וועט זיין ווען זיי וועלן דאָרט געוואויר ווערן וועגן זיין לאַגע, ווען זיי וועלן אים אַהין רופן? ער וועט מוזן פאָרן? וועט ער קומען אַ לעבעדיקער פון דאָרט? —פרעגט סינעסיטאַ מיט אַ ציטערדיקע שטימע.

— ניין! ער וועט נישט מוזן פאָרן! ער וועט דאַרפן בעטן אַפּיציעלן שוץ פון אונדזער רעגירונג, און ווען מיר וועלן אים דעם שוץ געבן, און עס מעלדן די מאַרס-הערשער — דאַן וועט מען אים נישט וואַגן אָנ־צורירן! דער תירוץ פאַר געבן אים שוץ, איז נישט ווייל ער קומט צו־נוץ ווי אַ מאַרסיאַנער, נאָר ווייל... ער וויל חתונה האָבן מיט אַן ערד־מיידל, און דערמיט ווערט ער, אָפּיציעל, אַן ערד-בירגער אויף וועלכן די מאַרס-הערשער האָבן נישט קיין שליטה... אַזאַ אָפּמאַך האָבן מיר מיט זיי. דעם דאָזיקן אָפּמאַך האָבן זיי פאָרגעשלאָגן און מיר האָבן אים אָנ־

געגומען קענן אונדזער װילן!... דאָס אײנציקע װאָס זײ קאָנען טון, איז אומברענגען זײנע עלטערן. איך װעל מיט אים מאָרגן רעדן, נאָך אײדער עס ענדיקן זיך די 72 שעה, און פון אונדזער געשפּרעך װעט זײן געװענדעט דײן ענטפער צו אים!...

— — — — — — — — — — — — — —

24 שעה שפּעטער.

אויף דעם זעלבן אָרט. נאָר אויפן פּלאַץ װאו עס איז געזעסן הינעס, זיצט דער מאַרסיאַנער לי-לי. ער זיצט שטאַרק פאַרזאָרגט. ער איז זי־כער אַז דער ה׳ קוק װעט מיט אים רעדן װעגן זײן פאַרשלאַג צו הינע־סיטאַן. לויטן פרײנטלעכן אויסדרוק פון ה׳ קוקס פּנים איז צו גלויבן, אַז דער ענטפער װעט זײן אַ פּאָזיטיװער. מערקװירדיק! הער קוק טראָגט זײן פאָטערס זײגערל, מיטן „מוח-ראַדיאָ״-אַפּאַראַט. לי-לי פּרואװט אָנשטעלן זײן זײגערל און זוכט „קאָמוניקאַציע״ מיטן ה׳ קוקס מוח, אָבער אָן רעזולטאַט. קוקס „מוח״-אַפּאַראַט ענטפערט נישט! ער הערט בלויז דאָס קלאַפּן פון קוקס האַרץ.

װען זײ דאַרפן שוין אָנהײבן רײדן, און לי-לי זוכט נאָך אַלץ אַ „מוח-קאָמוניקאַציע״ מיטן ה׳ קוק, גיט הענרי אַ שמײכל און רופט זיך אָפּ צו אים:

— ה׳ לי-לי! פאַרליר ניש קײן צײט און מי. דו װעסט נישט קריגן קײן קאָמוניקאַציע מיט מיר!... מײן זײגערל װאָס דײן פאָטער האָט מיר געשאָנקען, איז שוין צוגעגרײט אויף אַזאַ אופן, אַז עס גיט נישט אַרויס, נאָר נעמט-אויף סודות!...

— לי-לי, אַ בלאַסער און דערשראָקענער, טאַנצט-אויף פון זײן פּלאַץ:

— װײסט איר שוין אַלץ?!

— יאָ! אַלץ! נאָך מער װיפל דו מײנסט! און כדי מיר זאָלן קאָנען רײדן פרײ און מיט צוטרוי, און כדי אונדזער שמועס זאָל דיר, און אונדז אַלעמען קאָנען ברענגען נוצן, װעסטו דאַרפן אויסהערן עטלעכע „רעקאָרד״-קאַפּיעס, װעלכע דו מוזט קאָנען.

ה׳ קוק שטעלט-אָן זײן „ראַדיאָ-קאָמבינײשן״. און לי-לי דערהערט זײן שטימע. ער הערט פריער זײן גאַנצע רעדע װאָס ער האָט געהאַלטן דאָס ערשטע מאָל, װען ער האָט זיך אָנגעשיכורט בײם ה׳ קוק אין הויז. ער הערט דערנאָך זײן רעדע אין יאָהאַנעסבורג, באַגלײטנדיק די הער־שער פון מאַרס. װען עס קומט צו די װערטער, װאו ער זאָגט, אַז „װען ער װעט קומען צוריק מיט הינעסיטאַן פון מאַרס, װעט ער העלפן אויס־

מאָרדן די איינוואוינער פון דער ערד, און הינעסיטאַס עלטערן אַריינגע־רעכט" — פאַרשטעלט ער זיך דאָס פּנים און צעוויינט זיך אויפן קול. פרוי קוק הייבט זיך אויף פון איר שטול, דערנענטערט זיך צו אים, גלעט אים איבערן קאָפּ, און... גיט אים אַ קוש אין שטערן! לי-לי ווערט נאָכמער גערירט און וויינט שטאַרקער. עס גערויערט אַביסל ביז ער באַ־רואיקט זיך.

ה׳ קוק זעצט פאַר אים „איבערלייענען" זיינע רעדעס. ער דערהערט איינעם זינגען אַ ליד. כאָטש די שטימע איז אַ געביטענע, דאָך דערקענט ער זי. דאָס איז דאָך זיין שטימע, ווען ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטימשקן און איז געקומען צו דער שימחה פון מאַקסים סמאָזשענקאָ אין דער געגנט פון גאַלאָוואַניעווסק, רוסלאַנד, וואו ער האָט באַגעגנט אַ היפּשע און וויכטיקע גרופּע „קאַלאָניסטן" — אַלע גוט אויסגעשולטע שפּיאָנען פון מאַרס, וועלכע מ׳האָט געשיקט צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אַן אַטאַקע. גאָר צום סוף, הערט לי-לי זיין רעדע צו הינעסיטאַן. ער הערט וואָרט ביי וואָרט וואָס ער האָט איר געזאָגט. ער הערט זיין... „הוילדן געלעכטער", ווען ער האָט געעפנט דעם פאָרטפעל; און לסוף הערט ער נאָך אַ זאַך: ער הערט אַלץ וואָס ער האָט... געטראַכט, ווען ער איז אַהיים געפאָרן אין זיין קליינעם גומי-פּלאַסטישן אויטאָ, מיט וועלכן ער איז געפאָרן צו הינעסיטאַן אין דער שולע, כדי זי צו נעמען. ער דערמאָנט זיך איצט, אַז אַלץ וואָס ער הערט איצט, האָט ער טאַקע געטראַכט. ער בלייבט איבערראַשט פון דעם ערד-מענטשלעכן וויסן.

ה׳ קוק האָט אים פאַרלייכטערט זיין איבערראַשונג:

— אָט, אַ דאַנק דער לעצטער „רעדע" דיינער, וואָס דיין מוח האָט „גערעדט". און וועלכן מיין אַפּאַראַט וואָס מיר האָבן אַריינגעשטעלט האָט אויפגעכאַפּט ביי דיר אין אויטאָ, אָט אַ דאַנק דער דאָזיקער „רעדע" האָב איך באַשלאָסן צו ריידן מיט דיר. איך זע אַז דו ביסט געקומען צום גלייכן פאַרשטאַנד, אַז די מאַרס-מענטשן וועלן די ערד נישט קאָנען באַזיגן; אַז זיי וועלן בלויז חרוב מאַכן אַ טייל פון דער ערד, אָבער זייער פּלאַנעט וועט תיכף צעשמעטערט און אויפגעריסן ווערן, און די מאַר־סיאַנער אויף דער ערד וועלן פאַרניכטעט ווערן. דו פאַרשטייסט עס שוין! דו, ווייסט שוין פון אַ סך דערפינדונגען אונדזערע, וועלכע זענען שוין נישט קיין סוד. אָבער, ווי אַזוי מאַכט מען אַז אויך די הויפּט-הער־שער פונעם מאַרס זאָלן עס וויסן?

פאָרנדיק אַהיים, האָט דיין מוח „גערעדט", און איצט הערסטו דיי־נע „רייד", אַז עס זענען פאַראַן צוויי וועגן אַ סוף צו מאַכן צו דער גע־

פערלעכער לאַגע אין וועלכער די מאַרס-מענטשן געפינען זיך: אָדער איינ-לאַדן צו אונדזער פּיערונג די פינף הויפּט-הערשער פונעם מאַרס, —און אויב זיי וועלן באַוויליקן צו קומען— זאָלן מיר זיי ווייזן אונדזער קראַפט, צעשמעטערנדיק אַ פּאָר פּלאַנעטן, ספּעציעל דעם „מערקור", וועלכער איז אַ סך ווייטער און גרעסער פון אונדזערן — אפשר וועט עס ווירקן אויף זיי. אַ צווייט מיטל איז, —אָבער דאָ האָט זיך דער מוח אָפּגע-שטעלט—, דו האָסט געטראַכט וועגן אַ תיכּפדיקן צעשטערן דעם מאַרס האָסט זיך אָבער דערמאָנט אין דיינע עלטערן, איבערהויפּט אין דיין מוטער, וועלכע דו ליבסט אַזוי שטאַרק און דו האָסט שוין ווייטער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם! אויף וועלכן וועג מיר, די ערד-מענטשן וועלן גיין — דאָס וועלן מיר שפּעטער זען. אַלנפאַלס, וועסטו מיט דער צייט וויסן וועגן דעם און וועסט קאָנען העלפן אי אונדז, אי דיינע לאַנדס-לייט אויפן מאַרס, און ספּעציעל — דיינע עלטערן!

וואָס אָנבאַלאַנגט דיין הויפּט-פראַגע, וועגן הינעסיטאַן, וועל איך גאָרנישט האָבן דאַקעגן אויב זי וועט דיר ענטפערן „יאָ!". איצט, פּאָר אַהיים און שלאָף רואיק. מאָרגן האָסטו אַ שווערן טאָג. בייטאָג דאַרפסטו זיך טרעפן מיט דיינע מענטשן ביי דיר אין וואוינונג. דו וועסט דאַרפן הערן אַ באַריכט און אָנגעבן ווייטערדיקע אינסטרוקציעס, וואָס דיינע שפּיאָנען האָבן צו טון; און כאָטש זיי זענען גאָרנישט חושד וועגן דעם בייט וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביי דיר, דאָך, — זיי פאַרזיכ-טיק. איינער פון זיי, ער הייסט אַ-פּע, איז אַ גרויסער הערשער און ער האָט אַן אויפטראָג יעדערן צו היטן, דיך אויך! ער איז זייער אַ ווילדער און ער געהערט צו דער גרופּע, וועלכע איז מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף תיכּף אַטאַקירן די ערד. כּדי אים צו געווינען אויף דיין זייט, דאַרפסטו מסכּים זיין מיט אים; אָבער דו דאַרפסט אים איבערצייגן, אַז איר, די שפּיאָנען פון דעם מאַרס אויף דער ערד, טאָרן נישט שטעלן אויף זיך אַליין, דערפאַר איז דיין מיינונג, אַז מען זאָל אָפּוואַרטן ביז איבער די ערד-פּייערונגען, און מען דאַרף פועלן ביי די פינף הויפּט-הערשער, אַז זיי זאָלן קומען אויף דער ערד, און ווען זיי וועלן זאָגן „יאָ" — וועט איר —אייער גרופּע— נישט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרט-לעכקייט.

לי-לי האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ אויף אַוועקצוגיין. ה' קוק האָט אים באַגלייט צו דער טיר, און פאַרן געזעגענען אים, זאָגט ער:

— נאָך צוויי זאַכן דאַרף איך דיר אָנזאָגן; ערשטנס: מאָרגן, ווען דו וועסט זיך טרעפן מיט הינעסיטאַן, רעד נישט מיט איר וועגן פּאָליטיק

און בכלל וועגן דער הערשנדיקער לאַגע. זי ווייסט אַ סך, אָבער נישט אַלץ, און ס'איז בעסער פאַר איר, אַז זי זאָל דערווייל וואָס ווייניקער וויסן; צווייטנס: אַט האָסטו דאָס פלעשעלע מיט פליסיקייט. איידער דו וועסט מאָרגן אַריין צו דער באַראַטונג, זאָלסטו זיך איינרייבן די הענט, ספּעציעל יענעם פלאַץ וואָס פאַראייניקט דעם פולס פון דיין האַנט מיטן האַרץ. אַ־פּע, וועט אין איינעם פון זיינע קעשענעס זיכער טראָגן אַ „מוח"־זייגערל און ער וועט וועלן וויסן דיינע געדאַנקען. די דאָזיקע פליסיקייט וועט נישט דערלאָזן קיין שום פאַרבינדונג און „טראַנסמיסיע". דו וועסט קוקן אויף זיין פנים, וועסטו דערקענען זיין נערוועזיטעט, צוליב דעם וואָס ער קאָן זיך מיט דיר נישט „צופרידן". ער וועט זיכער גלויבן, אַז זיין זייגערל איז נישט אין אָרדענונג. זעסטו, ווען איך זאָל זיין זיכער, אַז דו וועסט קאָנען „דיריגירן" דיין מוח און מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל „לייענען" דיינע געדאַנקען ווי דו ווילסט — וואָלט גראָד געווען בעסער פאַר דיר. עס איז זייער וויכטיק, אַז ער זאָל דיר גלויבן! דיין „מוח"־אַפּאַראַט מוז אָבער אַבסאָלוט זיין פריי פון אַנדערע, צווייפלהאַפטע פאַר אים געדאַנקען. אויב דו גלויבסט אַז דו וועסט קאָנען טראַכטן ווי דו ווילסט — דאַן לאָז זיך אים קאָמוניקירן מיט דיר! דאָס וועסטו שוין טון מאָרגן, ווי דו וועסט פאַרשטיין!...

אַ פאָר מינוט פאַרן אַריינזעצן זיך אין זיין קליינעם גומי־פלאַסטישן אויטאָ, זאָגט צו אים העגרי:

— מיין עצה איז, אַז נאָך דער באַראַטונג זאָלסטו נישט פאָרן זיך זען מיט הינעסיטאַן. מעגלעך, זייער מעגלעך, אָז זיי וועלן דיר נאָכשפּיאָנירן, און דאָס קאָן זיי אַרויפברענגען אויף אַ חשד. דו דאַרפסט זיך מיט איר דורכשמועסן דורך דער ראַדיאָ־טעלעוויזיע, דורך „דירעקטע" כוואַליעס, כדי קיינער זאָל אייער געשפּרעך נישט קאָנען אויפכאַפּן. איך וועל איר שוין מעלדן וועגן דעם; און נאָך אַ ביטע: אַ פאָר מינוט איידער דו וועסט אַריינגיין צו דער באַראַטונג, זאָלסטו זיך אָנטון דעם דאָזיקן אָנצוג וואָס דו טראָגסט איצט. תיכף נאָך דער באַראַטונג וועט קומען אַ יונגער בחור פון „ריניקונגס־הויז", וועלכער וועט נעמען דיינע זאַכן אָפּצופּרישן און רייניקן. גיב אים עטלעכע אָנצוגן און העמדער, און אויך דעם אָנצוג וואָס דו טראָגסט איצט. דאָס איז אַ באַפעל! פאַרשטאַנען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

24 שעה שפּעטער.

לי־לי זיצט ווידער אין ברייטן קאַבינעט פון ה' העגרי קוק. ער איז

זייער אויפגעלייגט און פריילעך. ה׳ קוק האָט אים געהייסן היינט קומען אהער, וואו הינעסיטאַ וועט אים, דאָ, פאַר די עלטערן אין די אויגן, געבן איר ענטפער.

ווען לי-לי האָט גערעדט מיט הינעסן דורך די „דירעקטע" כוואַליעס פון ראַדיאָ-טעלעוויזיע, האָט ה׳ קוק איבערגענומען די „אויער-העהערס" און האָט זיך מיט אים פאַרבונדן. ער האָט אים באַגריסט פאַר דעם האָבן גלענצנדיק אויסגעהאַלטן דעם „עקזאַמען" ביי דער בעראַטונג.

ה׳ קוק ווייסט שוין אַז, —ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן— האָט אַ-פּע אָנגעשטעלט זיין זייגערל וואָס ער האָט געטראָגן אין קעשענע, און ער האָט „געוואַשן" לי-לים מוח. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז לי-לי איז הונדערט פּראָצענט לאָיאַל צו די מאַרס-הערשער. ער האָט לילין געגלויבט, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט הינעסיטאַן, ווייל זי איז די טאָכטער פון אַ גאָר הויכן באַאַמטן פון „דעפענס-מיניסטעריום". און אַזוי אַרום קאָן ער אָפּט אַריינקומען צו אים אַהיים און ביי אים געוואויר ווערן מלוכה-סודות. . לי-לי האָט „דיריגירט" זיין מוח אויף אַזאַ אופן, אַז אַ-פּע איז געבליבן איבערראַשט פון דעם בחורס טריישאַפט צו די מאַרס-הערשער און איז גרייט זיך מקריב צו זיין, און שטעלט טאַקע אָפּט זיין לעבן אין סכנה, ווען די ערד-מענטשן וואָלטן געוואויר געוואָרן פון זיין שפּיאָנאַזש-טעטיקייט. לי-לי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז ער וויל פליען אַהיים, כדי אָפּצוגעבן אַ פּערזענלעכן באַריכט דעם הויפּט-הערשער. אָבער אַ-פּע, האָט פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל בעסער בלייבן דאָ, וואו מען נויטיקט זיך מער אין זיין טעטיקייט, און ער, אַ-פּע, וועט פליען צום מאַרס; ער וועט שוין אויך בייזיין די דרינגענדיקע בעראַטונג וואָס דער „שאַליט" רופט.

ווען די בעראַטונג האָט זיך געענדיקט, איז טאַקע אַ-פּע אַוועקגע-פלויגן צו זיין „פּאָסטן".

וואָס ס׳איז געווען מער פאַרדריסלעך איז, וואָס צווישן די בייוועזנ-דיקע אויף דער בעראַטונג, זענען געווען דריי לבנה-מענטשן און . . . צוויי ערד-מענטשן —פאַררעטער פון זייער היימלאַנד—, וועלכע זענען פאַר-בלענדעט געוואָרן פון די בריליאַנטן- און פּערל-מתנות, מיט וועלכע די מאַרסיאַנער האָבן זיי באַלוינט. איינער פון די ערד-מענטשן איז גע-וואָרן באַשטימט זיך צו באַמיען ביי צו זיין, אָדער זיך אונטערצוהערן די בעראַטונגען וואָס קומען פאַר אין וואַשינגטאָן פון די „פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד". ער איז טאַקע תיכף ומיד אָפּגעפלויגן אַהין, און איצט באַמיט מען זיך אים צו פּאַקן. אַ צווייטער ערד-מענטש האָט באַ-

קומען דעם אויפטראַג זיך אַריינצובאַקומען אינעם הויז פון ה׳ קוק, ווי אַ באַדינער. עס וועט הייסן, אַז ער באַדינט אויך לי-לין, און ער האָט זיין רעקאָמענדאַציע.. דער אויבנדערמאָנטער פּאַרטעטער דאַרף זיך פּרעזענטירן צום ה׳ קוק, נאָכדעם ווי לי-לי וועט שוין האָבן מיט אים גערעדט.

ה׳ קוק הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, גיט אַ דריק אַ קנאָפּ פון זיין „קאָמבינייישן״-אַפּאַראַט, און לי-לי ווערט ווידער איבערראַשט. לי-לי דערהערט אַ ווערטערלעכן באַריכט פון דער גאַנצער באַראַטונג, טאַקע, ממש, וואָרט ביי וואָרט. דער אַפּאַראַט ברענגט אַפילו אַרויס אַלע קליי-ניקייטן וואָס ס׳האָבן פּאַסירט אין משך פון דער באַראַטונג, ווי, אַ לייכ-טער הוסט, אָדער דאָס אָנגיסן פון דער וואַנט אַביסל מינעראַל-וואַסער, וואָס אייניקע האָבן געטרונקען.

לי-לי ווערט נאָך מער איבערראַשט, ווען מיט אַ צווייטן דריי פונעם קנעפּל ביים „קאָמבינייישן״-אַפּאַראַט הערט ער זיין גאַנצן געדאַנקען-גאַנג בעת דער קאָנפערענץ. ער הערט אויפן קול אַלץ וואָס ער האָט גע-טראַכט און געהאַט בדעה צו טראַכטן. דער ווייזער פונעם „קאָמבי-נייישן״-אַפּאַראַט ווייזט, אַז ער איז געווען אַבסאָלוט רואיק. דאָס איז גע-ווען זייער וויכטיק. נאָך מער ווערט לי-לי איבערראַשט, ווען ער הערט אויך דעם גאַנצן געדאַנקען-גאַנג פונעם שרעקלעכן מאַרסיאַנער אַ-פּע. דער אַפּאַראַט „דערציילט״, ווי אַזוי אַ-פּע האָט אַנגעשטעלט אין זיין קע-שענע דעם „מוח״-זייגערל, און האָט זיך באַמיט גוט, גוט צו „וואַשן״ לי-לים מוח און זיינע געדאַנקען. אַ-פּע איז געבליבן זייער צופרידן און ממש איבערראַשט פון לי-לים געטריישאַפט צו די מאַרס-הערשער. ער איז געווען אַזוי איבערראַשט און זיכער פון לי-לים לאָיאַליטעט, אַז ער האָט אין מיטן פון דער באַראַטונג אָפּגעשטעלט דאָס „וואַשן״ לי-לים מוח. דאָס איז געווען אַ גליק פאַר לי-לין, ווייל אין די לעצטע מאָמענטן איז ער שיעור נישט דורכגעפאַלן, ווען ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וואָס ער האָט איצט צו טון און צו זאָגן. וואָלט אַ-פּע נישט געווען אָפּגעשטעלט זיין „ראַדיאָ״-זייגערל, וואָלט עס אים געווען געבראַכט אויף אַ שפּור פון חשד... דער „קאָמבינייישן״-אַפּאַראַט האָט דערנאָך „אויסגערעדט״, אַז לי-לי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער... טראַכט שלעכט!

לי-לי האָט מורא געקראָגן צו פרעגן דעם ה׳ קוק, דורך וועלכע מיט-לען ער האָט דעם באַריכט געקראָגן. דער ה׳ קוק האָט פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען, און האָט אים אַליין אָנגעוויזן:

— אַלע קנעפּלעך פון דיין אָנצוג, מיט וועלכן דו ביסט דאָ לעצטנס

געוועזן. זענען עלעקטראָניש פאַרבונדן געוואָרן מיט ראַדיאָ-שטראַלן. יע־דער קנעפל, ווי קליין ער זאָל נישט זיין, האָט געהאַט אַן אַנדער פונקציע און האָט געקאָנט אויפכאַפּן צוויי טויזנט ווערטער. דער בחור פון „ריי־ניקונגס-הויז", וואָס קומט צו דיר שטענדיק, און האָט גענומען דיינע קליידער, איז אונדזערס אַן אַגענט. ער האָט זיי טאַקע גענומען דירעקט אין יענעם הויז אַריין, וואו עס קומען אַריין הונדערטער אַנצוגן אַ טאָג. עס איז געווען די מורא, טאָמער קוקט מען אים נאָך —כאָטש די מורא איז געווען אַן אומזיסטע—. און דאָרט האָט מען אַראָפּגענומען די ראַדיאָ־שטראַלן פון די קנעפלער, אויסגערייניקט דעם אַנצוג און אים אָפּגע־בראַכט צוריק.. מען האָט אונדז געבראַכט עטלעכע „רעקאָרד"-קאָפּיעס פון אייער באַראַטונג. איין קאָפּיע געפינט זיך שוין אין וואַשינגטאָן, ביי דער פעלקער-פאַרזאַמלונג.

ה' קוק געזעגנט זיך מיט לי-לין. ער וויל אים איצט איבערלאָזן אין דער קאָמפּאַניע פון הינעסיטאַן. ער רעקאָמענדירט אים רואיקייט און... פאָרזיכטיקייט. זיי וועלן זיך גאָר אין גיכן טרעפן, וועט ער אים אָנווייזן וואָס ער האָט ווייטער צו טון.

ווען דער ה' קוק האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דעם צימער, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אין אַ ווינקעלע פון דער סטעליע אַ רויטע ליכט. ה' קוק איז געבליבן שטיין אויפן פּלאַץ, און מיט אַ וואונק האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין לי-לין, אַז ער זאָל שווייגן און גאַרנישט ריידן. דער „רויטער שיין" האָט געמעלדעט, אַז ביי דער טיר שטייט אַ פרעמ־דער מענטש. אין אַ מינוט אַרום האָט די „רויטע שיין" געגעבן צו וויסן —דורך סימנים—, אַז דער פרעמדער שטרענגט אָן זיינע אויערן און וויל עפּעס הערן. אַ דריטער סימן פון דער „רויטער שיין" האָט געוויזן, אַז דער פרעמדער האָט צוגעטוליעט זיין אויער צו דער טיר.

אויף די שפּיץ-פינגער גייט צו דער ה' קוק צו אַ קליין אַפּאַראַטל וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע, גיט אַ דריק אַ קנעפל, און די טיר ביי וועל־כער דער פרעמדער שטייט, גיט זיך אויטאָמאַטיש אַן עפן-אויף. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ מענטש אין די פערציקער, האַלטנדיק אַ רעג־צעלע אין איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט — אַ בריוו. דאָס איז געווען דער נייער „דינער". וואָס די מאַרס-שפּיאָנען האָבן אים געשיקט צו דעם ה' קוק מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון לי-לין, אַז ער זאָל אים אויפ־נעמען אויף אַרבעט.

דער פרעמדער איז נישט איבערראַשט געוואָרן פון דעם, וואָס די

טיר האָט זיך אַליין געעפנט און וואָס מ׳האָט אים געטראָפן שטיין ביי דער טיר. ער האָט געזען דעם ה׳ קוק און לי-לין שטיין גרייט, ווי אויף אַוועקצוגיין, האָט ער תיכף אויסגענוצט דעם דאָזיקן תירוץ, אַז ער האָט געזוכט דאָס עלעקטראָנישע קנעפּעלע, וואָס יעדע טיר פאַרמאָגט, צו מעלדן אַז ער וויל אַריינגיין, און ער האָט עס נישט געפונען.

דער ה׳ קוק האָט דעם פרעמדן באַרואיקט און אים געזאָגט, אַז לי-לי האָט שוין מיט אים גערעדט וועגן זיין אַרבעט. און אַז ער וועט אים זיכער אויפנעמען. דעם רעקאָמענדאַציע-בריוו דאַרף מען שוין נישט. ער הייסט אים קומען אין צוויי און זיבעציק שעה אַרום, וועט ער שוין דאָ פאַרבלייבן.

דער פרעמדער איז זייער דאַנקבאַר געווען פאַרן געבן אים אַרבעט. ער האָט בלויז געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן איבערצולאָזן זיין האַנט-רענצעלע, ביז ער וועט צוריקקומען צו פאַרנעמען זיין פּאָסטן.

דער פרעמדער האָט באַקומען די דערלויבעניש אַוועקצושטעלן זיין רענצעלע אין אַ זייט. שפּעטער, וועט מען עס אַרויפטראָגן אין זיין צו-קונפטיקן צימער.

ווען דער פרעמדער איז שוין געווען אַוועק, און מ׳איז געווען זיכער אַז ער שטייט נישט הינטער דער טיר, האָט ה׳ קוק אַרויסגענומען פון טיש-קעסטעלע אַ ראַדיאָגראַפיש לעמפּעלע און מיט דעם אַריינגעקוקט אין דעם פרעמדנס פאַרמאַכטן רענצעלע. ה׳ קוק רופט דערנאָך צו לי-לין און ווייזט אים: דורכן ראַדיאָגראַפישן לעמפּעלע זעט מען אַלץ וואָס אינעווייניק געפינט זיך. אַחוץ פערזענלעכע זאַכן, זעט מען אויך איינ-געוויקלט אַ ראַדיאָ-טעלעוויזיע אַפּאַראַטל, וואָס קאָן אויפנעמען און אי-בערגעבן אַלץ וואָס מ׳רעדט... דער אַפּאַראַטל איז שוין געווען אָנגע-שטעלט און האָט שוין פונקציאָנירט. זיין מעכאַניזם איז געווען אויף אַזוי פיל אַנטוויקלט, אַז ער האָט אויפגעכאַפּט און פאַרצייכנט אויף אַ „רע-קאָרד" אַלץ וואָס מ׳האָט גערעדט אין הויז — מעג עס זיין אין וועלכן ס׳איז נישט צימער.

ה׳ קוק גיט אַ דריי אַ קנעפּעלע פון זיין „ראַדיאָ-קאָמבינייישן", און זאָגט לי-לין:

— נו, איצט מעגסטו שוין זיין רואיק! דער אַפּאַראַט, אינעווייניק, וועט טאַקע אַרבעטן, אָבער זיינע געדערים זענען שוין „סטעריליזירט"; ער קאָן שוין גאָרנישט אויפכאַפּן און גאָרנישט איבערגעבן; און אויב ער

האָט שוין געהאַט עפּעס „פאַרצייכנט”, איז דאָס שוין אויך „אויסגע־ברענט”. דער פּרעמדער וועט זיך דרייען זיין קאָפּ, פאַרוואָס זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט פונקציאָנירט נישט, אָבער ער וועט זיך נישט קאָנען העלפן. אויב דו וועסט זיך היינט זען מיט אים, פרעג אים גאָרנישט צי ער האָט צוגעגרייט אַן אַפּאַראַט. זאָל ער פריער דיר זאָגן, וועלן מיר וויסן, צי דער אַפּאַראַט איז געצילט בלויז קעגן מיר, אָדער קעגן דיר —זיין שותּף, אויך!...

נאָך בעסער וואָלט געווען ווען דו זאָלסט אים קאָנען איינרעדן אַז ער זאָל פליען צום „מאַרס” אָדער אפילו אָט דאָ נאָענט — קיין וואַשינג־טאָן אָדער מאָסקווע. מיר —דער דעפענס־מיניסטעריום— וועט שוין אַכטונג געבן, אַז זיין פלי־ראָבאָט זאָל אָנקומען אַהין אַ ליידיקער און עס זאָל זיין מיט איין מאַרס־שפּיאָן ווייניקער אויף דער ערד.
אַן אַקצידענט קאָן דאָך טרעפן!..

אויפֿן מאַרס איז אומרואיק.

הערשער פֿון פֿעלקער וואָס באַוואוינען דעם פּלאַנעט, הערשער פֿון גרעסערע און קלענערע שבטים און גרופּעס וואָס באַוואוינען די ווייטסטע געגנטן פֿונעם פּלאַנעט, האַלטן אָפּ באַראַטונגען מיט זייערע רעגירונגען. אַלץ גייט צו שטרענג געהיים, אָבער אויף די פּנימער פֿון די הערשער און פֿון זייערע מיטאַרבעטער איז צו דערקענען, אַז עפּעס ערנסטעס קומט פֿאָר אינעם לאַנד פֿון מאַרס.

ווען נישט ווען, קומען זיך צונויף עטלעכע הערשער פֿון איין געגנט, וועלכע רעדן דעם זעלבן דיאַלעקט און שפּראַך, און אין הערמעטיש-פֿאַרשלאָסענע זאַלן באַראַטן זי זיך לאַנגע שעהן און טעג.

די צייטונגען וואָס דערשיינען אויפֿן מאַרס, ווי אויך די ראַדיאָ-טעלעוויזיע-עקיפּן וואָס זיי באַנוצן שוין אַ סך יאָרן, און וואָס ברענגען, געוויינלעך, אַלע שעה — און אַמאָל אָפֿטער — נייעסן פֿונעם לעבן אויפֿן מאַרס, אויף דער לבנה און אויך אויף דער ערד — האָבן לעצטנס אָפּגעשטעלט זייער אינפֿאָרמאַציון טייל. דאָך, ווען נישט ווען, רייסט זיך דאָך דורך אַ ידיעה פֿון דער ערד. אָט האָבן די צייטונגען געמעלדעט, אַז די ערד-מענטשן מאַכן נייע פּראָבעס מיט שטראַל-באָמבעס פֿון אַזאַ פֿאַרנעם, אַז זיי קאָנען חרוב מאַכן אַ גאַנצע וועלט; און אָט האָבן זיי געמעלדעט, אַז די שטראַל-באַליסטיק-באָמבעס פֿון דער ערד האָבן פֿאַרברענט און צעמאָלט אויף זאַמד דעם פּלאַנעט „יופּיטער", אויף וועלכן ס'איז נישטאָ קיין לעבן.

אינעם זעלבן מאָמענט ווען די מאַרס-צייטונגען און ראַדיאָס האָבן דאָס געמעלדעט, האָבן זיי אויך געמעלדעט, אַז די מאַרס-וויסנשאַפֿטס-לייט האָבן דערפֿונדן נאָך שטאַרקערע שטראַלן וואָס קאָנען דערגרייכן די ווייטסטע פּלאַנעטן. אָט האָבן די מאַרס-צייטונגען געמעלדעט, אַז זייערע געלערנטע האָבן אויסגעפֿונען אַזאַ מין מאַגנעטישן שטאָף, וואָס

ווען זיי לאָזן אים אין גאַנג, קאָן עס אַוועקציען יעדן פּלאַנעט — די ערד און די לבנה אַריינגערעכנט — פון זייערע ערטער און זיי „אַוועקשלייי־דערן" נאָענטער צו דער זון, וועלכע וואָלט געשטעלט אין געפאַר דאָס לעבן פון די מענטשן פון יענעם „אַוועקגעוואָרפענעם" פּלאַנעט...

אַנדערע ציַיטונגען האָבן געמעלדעט וועגן דער אַנטדעקונג פון אַן עלעקטראָנישן „רעגן", וואָס מ'קאָן אַראָפּשיקן פונעם מאַרס אין וועלכער ריכטונג מען וויל — צו דער ערד און די לבנה אַריינגערעכנט —, און אין וויַיניקער פון עטלעכע שעה, ווערט אַלץ פאַרברענט און פאַרקוילט, און דער פּלאַנעט וועמען דער „רעגן" טרעפט, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק מאַסע, אויף וועלכן עס קאָן שוין קיינמאָל אויף אים גאָרנישט וואַקסן און גאָרנישט לעבן. די ראַדיאָ־אַקטיוויטעט פון דעם דאָזיקן „רעגן" געדויערט אַ סך הונדערטער יאָרן...

און פּלוצים, ווי דערפילנדיק אַן איינהייטלעכן באַפעל, האָבן אַלע ציַיטונגען אָנגעהויבן רעדן וועגן...

— שלום!

מען דאַרף זיך צונויפריידן מיט די ערד־איינוואוינער און שאַפן אַן אייביקן שלום! מען דאַרף פאָרן צו די ערד־רעגירער און מ'דאַרף זיי איינלאַדן אויפן מאַרס און שליסן אַן אייביקן שלום!

אומעטום, וואו מ'איז געגאַנגען און געשטאַנען, האָט מען געטראָפן די ווערטער „שלום!".

אַלע פאָלקס־שימחות, אַלע פאַרזאַמלונגען און אַפילו אַלע פּריוואַטע אונטערנעמונגען האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„און שלום זאָל הערשן אונטער דער זון!".

יונגע מענטשן, יונגע קריגער, יונגע הערשער, וועלכע מ'האָט די לעצטע ציַיט צוגעגרייט צו קריג מיט דער ערד און וועמען מ'האָט שוין איינגעטיילט און צוגעטיילט, וויפל שקלאַפן און שקלאַפינס פון דער ערד יעדער איינער וועט באַקומען נאָכן זיג איבער דער ערד, זענען אַ היפּש ביסל אַנטוישט געוואָרן פון דער „שלום־אָפענסיווע" אין וועלכן דער מאַרס — פון איין עק ביזן צווייטן — איז אַריינגעפאַלן. עס איז אָבער געווען אַ שטרענגער באַפעל פון די פינף הויפּט־הערשער וואָס האָבן גע־האַט די מאַכט איבערן גאַנצן מאַרס־פּלאַנעט, אַז מען זאָל נישט פרעגן קיין קשיות און מ'זאָל נישט דיסקוטירן, נאָר מ'זאָל פאַרזעצן די פּראָפּאַ־גאַנדע פאַר שלום!

בלויז געציילטע הערשער, פון די גאָר וויכטיקסטע און מעכטיקסטע האָבן געוואוסט דעם סוד פון דער „שלום־אָפענסיווע", און האָבן שטילער־

הייט, צוזאַמען מיט זייערע הויך-געלערנטע מענטשן, צוגעגרייט זייערע קריגס-פּלענער . . .

אין גרויסן זאַל פון „שאַליט״ (קעניג) גאַ-זאַ, קומט פאָר אַ דרינגענדיקע פאַרזאַמלונג. אַלע קריגער פון שבטים, אַלע הערשער פון די מאַרס-פעלקער און אַלע איינגעלאַדענע געלערנטע טאָרן נישט פעלן. פאַר פעלן צו דער היינטיקער באַראַטונג — אָן אַ זייער און זייער באַרעכטיקטן מאָטיוו און דערלויבעניש פונעם שאַליט —, קומט טויט-שטראָף. אין דער היינטיקער באַראַטונג פון די הערשער פונעם מאַרס, איז געווענדעט די עקזיסטענץ פון די איינוואוינער און פונעם פּלאַנעט בפרט. די באַראַטונג איז אַ געהיימע, און קיינער פון די בייוועזנדיקע טאָר נישט דערמאָנען — אָן אַ דערלויבעניש — וואָס מ׳האָט דאָרט באַהאַנדלט.

די פינף טויזנט זיצפּלעצער פונעם גרויסן זאַל, זענען אַלע געווען פאַרנומען, מיטן אויסנאַם פון די פינף הויפּט-הערשער, וועלכע זענען נאָך נישט אַריינגעקומען אין זאַל. פאַראַן אויך געצײלטע ליידיקע פּלעצער צווישן די בייוועזנדיקע — דאָס זענען די פּלעצער פון יענע הערשער, אָדער געלערנטע, ווי אויך וויכטיקע שפּיאָנען וועלכע געפינען זיך אין אַ „מיסיע״ אויף דער ערד, אָדער לבנה, און זענען דאָרט פאַרבליבן, מיט דער דערלויבענישט פון די הויפּט-הערשער.

פאַראַן אויך עטלעכע הערשער און געלערנטע . . . קראַנקע, וועלכע מען האָט געבראַכט פון די הייל-אוניווערזיטעטן פון מאַרס, באַגלייט פון זייער „הייל-טעכניקער״ (דאָקטאָר), אָדער פונעם „הייל-דינער״ (פּראַקטיקאַנט) וואָס שטייט נעבן זייער בענקל . . .

עס קומען אַריין די פיר הויפּט-הערשער. אַלע בייוועזנדיקע הויבן זיך אויף פון זייערע פּלעצער און הייבן אויף אין דער הויך ביידע הענט: דאָס איז דער סימן פון רעספּעקט פאַר זיי. ווען די פיר הויפּט-הערשער פאַרנעמען זייערע פּלעצער, זעצן זיך די בייוועזנדיקע אויך אַוועק. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, קומט אַריין דער העכסטער הויפּט-הערשער, דער „שאַליט״ גאַ-זאַ. אַלע, ווי אויך די פיר הויפּט-הערשער, שטעלן זיך ווידער אויף און האַלטן אַ ווייל די הענט אין דער הויך, ווען אפילו גאַ-זאַ איז שוין געזעסן באַקוועם אין זיין שטול.

גאַ-זאַ זעט אויס שוין גאָר אַן אַלטער מאַן. ער האָט שוין אויסגעוויזן צו זיין אַלט אַ הונדערט און אפשר מער יאָרן, אָבער ער ווייזט נאָך אויס פיזיש פעסט; זיין שטימע שטאַרק און מעכטיק. און ער ווייזט אַרויס אַ סך ענערגיע און פאַרשטאַנד.

ווען גאַ־זאַ הויבט אויף זיין האַנט, זעצן זיך אַלע אַוועק אויף זייערע פּלעצער. ער איז דער ערשטער אָנצוהייבן ריידן:

„ברידער! הערשער, געלערנטע און קריגער פונעם מאַרס:

„עס איז דאָס ערשטע מאָל פאַר די 10 טויזנט יאָר זינט דער מאַרס לעבט אונטער דער זון, אַז מיר געפינען זיך פאַר אַן ערנסטן און געפער־לעכן מאָמענט פון אונדזער עקזיסטענץ. לויט ווי אונדזערע געלערנטע האָבן אונדז געלערנט אין די שולעס, און לויט ווי אונדזערע היסטאָריקער האָבן אונדז דערציילט און איבערגעגעבן פון דור צו דור, האָבן מיר דאָ שטענדיק געלעבט אַ גליקלעכן לעבן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אי־נערלעכע שונאים, ווייל אַלע פעלקער פון אונדזער פּלאַנעט האָבן געלעבט צווישן זיך אין שלום און ברידערשאַפט. און נאָך וויניקער האָבן מיר מורא געהאַט פאַר אויסערלעכע —אויסער אונדזער פּלאַנעט— שונאים. מיר האָבן געוואוסט, אַז ערגעץ אין דער ווייטקייט זענען פאַראַן נאָך וועלטן, אויף וועלכע עס וואוינען אויך אַזעלכע מענטשן ווי מיר. אונד־זערע געלערנטע האָבן די ערשטע צייט געמיינט, אַז די דאָזיקע אומבאַ־קאַנטע מענטשן זענען אַנדערש ווי מיר, אַז זיי האָבן הערנער אויפן קאָפּ, אַז זיי זענען בכלל משונהדיק אין זייער אויסזען. ערשט, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער לבנה און שפּעטער צום פּלאַנעט וועלכן מ׳רופט־אָן „ערד", האָבן מיר געזען אַז זיי זענען ענלעך צו אונדז.

„ווען מיר האָבן אַנדעקט די ערד־מענטשן, האָבן מיר זיך איבער־צייגט, אַז טעכניש זענען זיי ווייט הינטערשטעליק קעגן אונדז. דורך אונדזערע פלי־שפּאַצירן אין אונדזערע פלי־ראַבאַטס, וועלכע זיי האָבן באַטיטלט מיטן נאָמען „פליענדיקע טעלער", האָבן מיר אָבסערווירט זיי־ער לעבן און מיר האָבן געזען, אַז זיי פאַרמאָגן אַ סך וואַסער, מינעראַלן, וואָס מיר פאַרמאָגן נישט, און גאָר ספּעציעל — רייך אין מענטשן. מיר האָבן אויך נאָכגעפּאָלגט זייער אינערלעכן לעבן און מיר האָבן געזען, ווי זיי הרגענען און מאָרדן זיך אוים איינעם דעם צווייטן. איצט, ווען מיר זענען שוין פאַרבונדן מיט זיי, ווייסן מיר, אַז זיי פּלעגן עס אָנרופן „מיל־חמות". אָבער ס׳איז שוין לאַנג ווי זיי האָבן געשאַפן אַ שלום אויף דער וועלט, און זיי זענען איצט פאַראייניקט, נישט פאַר ליבשאַפט איינער צום אַנדערן, נאָר פאַר מורא פאַר אונדז. זיי ווייסן, אַז מיר ווילן אַטאַ־קירן די ערד און זי באַזעצן. זייערע שפּיאָנען דאָ, האָבן זיי אַלץ איבער־געגעבן. טאַקע איצט, אין אָט דעם מאָמענט, זענען זיי אויך פאַרזאַמלט אין זייער גרעסטן הויז פון זייער גרעסטן הערשער און זיי באַראַטן זיך,

וואָס צו טון מיט אונדז, ווי אַזוי זיך צו פּאַרטיידיקן קעגן אונדזער אָנ-גריף, וועלכער — לויט זייער מיינונג — איז אומפאַרמיידלעך.

„מיר וואָלטן נישט געטראַכט קיין איין מינוט און וואָלטן שוין אָנגע-הויבן די אַטאַקע. לויט ווי אונדזערע שפּיאָנען מעלדן אונדז, איז איצט דער בעסטער מאָמענט צו אַטאַקירן. די ערד-מענטשן זענען איצט פאַר-נומען מיט פייערן אַ גרויסן יום-טוב, און טראַכטן אפילו גאָרנישט פון אַן אַטאַקע. זענען אָבער די לעצטע טעג געקומען אַנדערע ידיעות פון אונדזערע געלערנטע שפּיאָנען אויף דער ערד. ווייזט אויס, אַז זיי ריכטן זיך יאָ אויף אַ באַלדיקן אָנפאַל, און פונקט פאַרקערט — ערשט איצט זענען זיי גוט צוגעגרייט. זייערע „ליכט-שטראַלן" און „קלאַנג-אויפכאַ-פּערס" שוועבן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט איבער זייערע הימלען, און ווי נאָר זיי וועלן — פאַר טויזנטער מיילן ווייט — אויפכאַפּן, אַז אונד-זערע ראַבאָטס קומען אָן, דאַן וועט קיין איין ראָבאָט נישט צוקומען קיין לעבעדיקער צו דער ערד. חוץ דעם, וועלן די ערד-הערשער זיכער אָנ-הויבן אַטאַקירן אונדזער פּלאַנעט מיט זייערע טויט-שטראַלן, און מיר וועלן האָבן דעם זעלבן סוף וואָס ס'האָבן געהאַט אַנדערע פּלאַנעטן, אי-בער וועלכע די ערד-געלערנטע האָבן געמאַכט פּראָבעס".

„איצט, האָב איך אייך אַלעמען צונויפגערופן אויף צו מעלדן אייך, אַז צוזאַמען מיט די הויפּט-הערשער האָבן מיר אויסגעאַרבעט פאָלגנדי-קע פּלענער, וועלכע מיר לייענען אייך פאָר און מיר פרעגן אייער מיינונג. איר דאַרפט אויסקלייבן אויף וועלכן וועג מיר זאָלן זיך לאָזן.

„דער ערשטער וועג איז: מיר זאָלן ריזיקירן און תיכף, טאַקע שוין, היינט, אָנהייבן די אַטאַקע אויף דער ערד, און וואָס ס'דאַרף זיין, זאָל זיין!

„דער צווייטער וועג: מיר זאָלן אָפּוואַרטן מיט דער אַטאַקע אויף די טעג ווען די ערד-מענטשן וועלן פייערן זייער וועלט-שימחה, און דאַן, זאָלן מיר אָנפאַלן אויף זיי!

„דער דריטער וועג: מיר זאָלן גאָר אָפּוואַרפן דעם פּלאַן צו אַטאַ-קירן די ערד; אפשר וועט אונדז געלינגען צו קריגן גענוג וואַסער, אָדער טוען ווי אַזוי די ערד-מענטשן טוען — מיר זאָלן אויסגעפינען אַ מיטל, אַז ס'זאָל זיך גיסן וואַסער פון הימל ווען מיר וועלן וועלן. כאָטש אונד-זערע געלערנטע האָבן אונדז שוין אויפגעקלערט, אַז איבער אונדזערע ריינע הימלען הענגען נישט קיין וואָלקנס מיט וואַסער, דערפאַר קאָן זיך פון הימל נישט גיסן דאָס, וואָס די ערד-מענטשן רופן „רעגן".

„פאַראַן נאָך אַ פערטער וועג: אפשר זאָלן מיר זוכן אַ וועג שלום

צו מאַכן מיט די ערד-מענטשן, זיי אַרויסווייזן אונדזער אַבסאָלוטע לאָ־יאַליטעט, אפשר וועלן זיי דערלויבן, אַז אַ גרויסע טייל פון דער מאַרסיאַ־נער באַפעלקערונג זאָל זיך באַזעצן אויף דער ערד. און דערמיט וועט מען פאַרלייכטערן די מאָס וואַסער וואָס מיר פאַרברויכן אַלע טאָג, ביז עס וועט קומען אַ טאָג ווען אונדזערע געלערנטע וועלן פון ערגעץ אַרויס־קריגן וואַסער פאַר אונדזער פּלאַנעט.

מיר ווילן הערן, וואָס איז אייער מיינונג?”

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ הערשער האָט זיך אויפגעשטעלט. דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז ער וויל ריידן. פריער הייבט ער אויף ביידע הענט און האַלט זיי אַזוי במשך אַ פּאָר מינוט. דאָס איז אַ באַוויז, אַז ער גיט אָפּ כבוד די הויפּט־הערשער.

אַ שאַרפע ליכט הייבט-אָן באַלייכטן זיין פּנים — אַ סימן, אַז מ׳גיט אים אַ דערלויבעניש צו ריידן.

דער הערשער רעדט:

„ גרויסער „שאַליט” אונדזערער! גרויסער הערשער! איך גלויב אַז מיר האָבן שוין פאַרלוירן גענוג צייט —גראָד די בעסטע צייט— אויף צו דיסקוטירן וואָס מיר דאַרפן טון מיט די ערד-מענטשן. וואָלטן מיר זיי געווען אַטאַקירט ווי נאָר מיר האָבן זיי אַנטדעקט, וואָלט די ערד גע־ווען אונדזערס, און זיי — אונדזערע שקלאַפן! שוין אַ סך יאָרן ווי מיר ווייסן וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד. אונדזערע פלי-ראַבאָטס, וועלכע האָבן אַראָפּגענומען בילדער און מאָפּעס פון דער ערד, האָבן אונדז אַנט־דעקט די ערד פון איין עק ביזן צווייטן, אָדער, ווי די ערד-מענטשן זאָגן: „פון איין פּאָל ביזן אַנדערן”. מיר האָבן נישט געטאָרט וואַרטן ביז די ערד-געלערנטע וועלן אויסגעפינען די שרעקלעכסטע פאַרניכטונגס-וואָפן, ספּעציעל דאָס וואָס זיי רופן „שטראַל-באַליסטיק”. איצט, איז שוין אַביסעלע שפּעט, אָבער אינגאַנצן שפּעט איז נאָך נישט! איך דענק, אַז מיר דאַרפן אָפּוואַרטן ביז די ערד-מענטשן וועלן זיין פאַרנומען מיט זייע־רע וועלט-פייערונגען, און דאַן דאַרפן מיר אַלע אַרויפפאַלן אויף זיי. איך און מיינע קריגער זענען גרייט צו יעדע מינוט. איך האָב אַ גרויסע צאָל קריגער און גענוג פלי-ראַבאָטן, אַז מיין גאַנץ חייל זאָל זיך קאָנען אַריינזעצן אין זיי”.

אַ צווייטער הערשער הויבט זיך אויף. ער הייבט אויף ביידע הענט און האַלט זיי אין דער הויך. דאָס שאַרפע ליכט באַלייכט זיין פּנים.

אין געציילטע ווערטער מעלדעט ער, אַז ער און זיין פאָלק —קרי־

גער און שקלאַפֿן—, זענען גרייט צום קאַמף, אַפֿילו שוין! אין זיין לאַנד זענען פֿאַראַן מיליאָנען שקלאַפֿן וואָס זענען גרייט אַוועקצוגעבן זייער לעבן.

עס הויבן זיך כסדר אויף הערשער פֿון אַלע ווינקעלעך פֿונעם פּלאַנעט מאַרס, און מעלדן, אַז זיי וואַרטן אויפֿן באַפֿעל אָנצוהייבן די אַטאַקע.

עס הויבט זיך אויף אַן עלטערער מאַן. ער איז דער הויפּט-לערער פֿונעם גרעסטן אוניווערזיטעט פֿון מאַרס, וואו מען שטודירט פיזיק. ער הייבט אויך אויף די הענט, אָבער ער דרייט זיך אוים צו אַלע בייוועזנדיקע, מיט די הענט אין דער הויך, און דערמיט באַגריסט ער אַלע פֿאַרזאַמלטע. ווען ער לאָזט אַראָפּ די הענט, הייבן זיך אויף די פֿינף הויפּט-הערשער וואָס פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן, און נאָך זיי הייבן אויף די הענט אַלע פֿאַרזאַמלטע, ווי אַ באַווייז פֿון דעם גרויסן רעספּעקט וואָס מען האָט צו אים, ווי אַ הויך-געלערנטן. ווען די פֿאַרזאַמלטע זעצן זיך אַוועק, באַשיינט דאָס ליכט זיין פּנים און ער הייבט אָן ריידן:

„גרויסער „שאַליט", גרויסע הערשער, ברידער און קינדער!

„איך, און מיינע אַלע חברים געלערנטע פֿונעם מאַרס, זענען שטאָלץ מיט אייך; שטאָלץ מיט די פֿעלקער פֿון מאַרס. אַ סך פֿון אייך — דער גרעסטער טייל פֿון אייך — זענען געווען אונדזערע תּלמידים, און ווי איך זע פֿאָלגט איר אוים די לערע וואָס מיר האָבן אייך געלערנט: ליבע, אומבאַגרענעצטע ליבע צו אייער לאַנד, צו אייערע פֿעלקער און צו אייערע הערשער. אייער גרייטקייט מקריב צו זיין אייער לעבן איז דער בעסטער שכר פֿאַר אונדז. דאָס באַווייזט, אַז אונדזער דערציאונג וואָס מיר האָבן אייך געגעבן האָט געהאַט דערפֿאָלג. צום באַדויערן, דאָס מאָל, קינדער מיינע, קאָן אייער אומבאַגרענעצטע ליבע צו אייער היים און צו אייערע הערשער נישט געפירט ווערן ווי איר דענקט: מיט קראַפֿט און שטורעם; דאָס מאָל, מוז מען באַנוצן פֿיל געדולד און אַ סך וויסן. ס'איז לייכט צו גיין אין קריג, מען דאַרף אָבער זיין זיכער, אַז מ'וועט זיגן און מ'וועט צוריקקומען.

„מיר, די געלערנטע, וועלכע שטודירן איצט די ערד און אירע איינוואוינער; מיר, וועלכע באַקומען טאָג-טעגלעך באַריכטן פֿון די נייע דערפֿינדונגען וואָס די ערד-מענטשן האָבן אַנטדעקט כדי זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן אָנפֿאַלן, מיר זענען נישט זיכער אין אונדזער זיג. מיר לייגן פֿאָר אָפּצוּוואַרטן אַ באַשטימטע צייט, ביז מיר, די געלערנטע, וועלן אייך מעלדן, אַז אייער וועג און אַקציע איז אַ געזיכערטע".

דער געלערנטער אַלטיטשקער האָט זיך אַוועקגעזעצט. אַ טייל —

זייער אַ קליינע צאָל — פון די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און ווענדנדיק זיך צום רעדנער, אויפגעהייבן זייערע הענט. עס איז געווען צו באַמערקן, אַז די גרעסטע טייל, ספּעציעל די הערשער און קריגער, זענען נישט געווען איינשטימיק מיט אים, און ווילן בעסער שוין אָנהייבן די אַטאַקע אויף דער ערד.

איינער פון די הויפּט-הערשער וואָס רינגלען אַרום דעם גאַ-זאַ הייבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ. לויט זיין „ראַנג" דאַרף ער נישט אויפהייבן די הענט אין דער הויך. ער שטייט גלייך, אויסגעצויגן און קוקט שאַרף צום „שאַליט" גאַ-זאַ.

אַלע פאַרזאַמלטע גיבן זיך אַ הייב-אויף פון זייערע פּלעצער און בלייבן שטיין — אַ באַווייז, אַז זיי בעטן דעם „שאַליט". ער זאָל לאָזן ריידן דעם הויפּט-הערשער. זיי זעצן זיך דאַן אַוועק, ווען דאָס שאַרפע ליכט באַלייכט דאָס פּנים פונעם הויפּט-הערשער, וועלכע הייבט אָן זיין רעדע:

„ברידער, הערשער און קריגער! זייער געשעצטע געלערנטע פון מאַרס!

„איך בין נישט גייציק צו גיין אין קריג און צו פירן מיינע פעלקער און קריגער צו אַ מלחמה. איך בין נישט קיין שוואַכלינג. יעדער איינער וואָס קען מיך און האָט געקענט אַלע מיינע דורות, פון וועלכע איך קום אַרויס, ווייסט, אַז מיינע עלטערן און אור-עלטערן, ווי אויך איך, און מיינע עטלעכע צענדליק זין זענען קריגער און שרעקן זיך נישט פאַרן טויט. אייניקע פון אייך ווייסן עס: צוויי פון מיינע באַליבטסטע זין, ווען איך האָב געשיקט אויף דער ערד פאַר אינפאָרמאַציע, האָבן דאָרט גערעדט איבעריקע רייד, און די ערד-מענטשן האָבן זיך דורך זיי דערוואוסט אַ סך סודות אונדזערע — האָב איך געשיקט רופן די קינדער צוריק אַהיים, און מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך זיי אַריינגעזעצט אין אַ ראַבאָט צו פליען צו דער ערד, און דער ראָבאָט האָט געפּלאַצט אין מיטן פליען! אָט אַזוי האָט אַ פאָטער באַשטראָפט זיינע אומגעטרייע קינדער. אַזוי פיל מוט פאַרמאָג איך. דעריבער זאָג איך אייך איצט, אַז כ׳האָב גענוג מוט אויסצושרייען צו אייך אַלעמען: קומט אין קריג! אַטאַקירט די ערד! שפּעטער וועט עס זיין אוממעגלעך. מיר דאַרפן באַשטימען אַ טאָג, אַ שעה, אַ מינוט, ווען דאָס גאַנצע פאָלק פונעם מאַרס זאָל פּלוצלינג, אומגעריכט אַרויפפאַלן אויף דער ערד און דורך איבעררא-שונג זי באַזיגן. זיי, די ערד-מענטשן האָבן אָנגערופן אַזאַ קריג „בליץ-קריג"; מיר וועלן אָנרופן דעם דאָזיקן קריג „שטראַל-קריג". וואָס לענ-

גער מיר וועלן וואַרטן, אַלץ מער צייט גיבן מיר די ערד־מענטשן צוצו־גרייטן זייער פאַרטיידיקונג, אָדער זייערע פּלענער אויף צו צעשטערן דעם מאַרס״.

פון אַ ווינקעלע הייבט זיך אויף אַן עלטערער מענטש. ער הייבט אויף ביידע הענט און שטייט אויסגעצויגן.

אַ שאַרפע ליכט גיט אים אַ באַלייכט דאָס פּנים. ס׳הערט זיך די שטאַרקע, באַסאַווע שטימע פונעם „שאַליט״, וועלכער פרעגט דעם שטיי־ענדיקן אַלטיטשקן:

— וואָס פאַר אַ נייעס ווילסטו זאָגן, געלערנטער פּע־לאַ?

— איך וויל פרעגן דעם גרויסן הערשער און קריגער, וואָס האָט נאָר־וואָס געענדיקטריידן, —רופט זיך אָפּ דער געלערנטער, און ער האַלט נאָך אַלץ די הענט אין דער הויך—, איך וויל אים פרעגן, מיט וועלכע מיטלען, דענקט ער, וועלן אונדזערע מוטיקע מאַרס־קריגער קאָנען קעמפן, ווען זיי וועלן שוין אַפילו אָנקומען צו דער ערד? וואָס פאַראַ געווער וועלן זיי באַנוצן? מיר האָבן זייער פיל מינים געווער, אָבער נישט אַלע קאָנען באַנוצט ווערן אויסערן מאַרס.

דער אַלטיטשקער שטייט נאָך אַלץ מיט די הענט אין דער הויך. ער איז פון אַ נידעריקערן ראַנג געלערנטער, און ביז ער באַקומט נישט קיין דערלויבעניש, קאָן ער זיך נישט אַוועקזעצן און טאָר אויך די הענט נישט אַראָפּלאָזן.

דער גרויסער הערשער גאַ־זאַ, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, און דער הויפּט־הערשער זעצט פאָר זיין רעדע:

„דאָס איינציקע און וויכטיקסטע געווער וואָס מיר דענקען צו באַ־נוצן, זענען אונדזערע „עלעקטראָנישע שטראַלן״ וואָס אונדזערע קריגער וועלן טראָגן אויף זיך. ביז אַהער — ערשט צוריק מיט הונדערט זונען—, האָבן מיר געמיינט, אַז אונדזערע „עלעקטראָנישע אַנצוגן״ איז דאָס בעס־טע געווער וואָס אונדזערע געלערנטע האָבן אויסגעפונען. ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז זיי טויגן שוין נישט. די ערד־מענטשן זענען געוואויר געוואָרן פון זיי און האָבן שוין אויסגעפונען אַ מיטל קעגן זיי. אונדזערע הויכגעלערנטע האָבן איצט אַנטדעקט אַ שטאַרקערן „עלעקטראָנישן שטראַל״, וועלכן אונדזערע קריגער טראָגן מיט זיך, און ווען זיי לאָזן אים אין גאַנג, קאָן ער טויטן יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש, מעג ער שטיין אויף ווי ווייט, אויף אַ שטרעקע פון 20 פוס. חוץ דעם, האָט דער אַפּאַ־ראַט וואָס האַלט אין זיך די דאָזיקע שטראַלן אַן אייגנשאַפט, אַז ווען

מ׳שיקט אַנטקעגן אים אַנדערע שטראַלן, לאָזט ער זיי נישט צו צו זיך און שיקט זיי אָפּ צוריק.

„איך וויל אויך פאַרזיכערן אַלע הערשער, קריגער און געלערנטע פונער מאַרס, אַז דער דאָזיקער נייער שטראַל איז שוין אויסגעפּרואווט געוואָרן מיט דערפאָלג. און אַלס הויפּט פון קריגס-דעפּאַרטאַמענט, מעלד איך אייך, אַז אין געציילטע דרייסיק זונען האָבן מיר פאַבריצירט אַזוי פיל אַפּאַראַטן מיטן „עלעקטראָנישן שטראַל״ אַז ס׳קאָן קלעקן פאַר אַלע אונדזערע הערשער און קריגער, ווי אויך אונדזערע שקלאַפן, אויב מיר וועלן באַשטימען זיי מיטצונעמען אין קריג אַריין״.

כמעט אַלע פאַרזאַמלטע הייבן זיך אויף פון זייערע זיצפּלעצער און הייבן אויף די הענט אין דער הויך — אויף דעם אופן באַגריסן זיי דעם הויפּט-הערשער.

פון אַ ווינקעלע אינעם זאַל הייבט זיך אויף אַ יונגער, זייער יונגער בחורל. ער הייבט אויף ביידע הענט, זעצט זיך אַוועק מיט די הענט אין דער הויך און הייבט זיך ווידער אויף — דאָס באַווייזט, אַז ער וויל רעדן ריינגעגנד ריידן.

די שטימע פונעם „שאַליט״ דונערט:

— ווער ביסטו און פון וועלכן פאָלק קומסטו?

דער יונגערמאַן ענטפערט, שטייענדיק מיט די הענט אין דער הויך:

— איך בין לי-לי, דער זון פונעם הערשער באַר-מאָ. איך בין אייער שקלאַף, גרויסער „שאַליט״ און איך שטיי צו דינסט דעם קריגס-דעפּאַרטאַמענט פון אונדזער פּלאַנעט. איך געפין מיך די גאַנצע צייט אויף דער ערד און איך בין צוריק מיט עטלעכע שעה אַרויסגעפלויגן אַהער, כדי אייך צו ברענגען וויכטיקע און אומאָפּפרעגבאַרע נייעס. צו מיין באַדויערן, האָב איך נישט געהאַט קיין צייט צו קומען צו מיין עלטסטן פאַרנעם קריגס-דעפּאַרטאַמענט און אים איבערגעבן דעם באַריכט, ווייל אַלע מיינע עלטסטע זענען שוין געווען דאָ אין זאַל. איך האָב זיך געמוזט צואיילן און קומען גלייך אַהער. אַ קליינע פאַרשפּעטיקונג וואָלט אפשר פאַראורזאַכט אַן אומגליק אונדז אַלעמען. דערפאַר בעט איך זייער און זייער מחילה ביי מיינע עלטסטע און ביים הויפּט-הערשער — דער הויפּט פון אונדזער קריגס-דעפּאַרטאַמענט.

דער הויפּט-הערשער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — אַ סימן אַז ער איז אים מוחל. דאָס שאַרפע ליכט האָט באַלויכטן דאָס פּנים פון יונגנמאַן — אַ סימן, אַז ער קאָן פאָרזעצן זיין רעדע. לי-לי זעצט פאָר:

„שוין אַ שטיק צייט, ווי איך געפין זיך אויף דער ערד. מיינע עלט-

סטע און מיין פאָטער וועלכער געפינט זיך דאָ, און אַ דאַנק וועמען איך האָב געקאָנט אַריינקומען אין זאַל, זענען שטאָלץ מיט מיין אַרבעט. איך בין עס געווען דער, וועלכער האָט דאָ געמאָלדן, אַז די „עלעקטראָנישע אַנצוגן" טויגן נישט; איך בין עס געווען דער, וועלכער האָט געמעלדעט, אַז די ערד־מענטשן וויסן פון אונדזערע צוגרייטונגען.

„אויף צו קאָנען דערגרייכן מיינע צילן, האָב איך געטון זאַכן וואָס עקלען מיך: איך האָב מיך געדאַרפט אַריינקריגן אין הויז פון איינעם פון די וויכטיקסטע אָנפירער פונעם פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום פון דער ערד. איך האָב געוואוסט, אַז ער ווייסט זייער אַ סך סודות, האָב איך אים געמאַכט גלויבן, אַז איך בין פאַרליבט אין זיין טאָכטער און כ׳בין געוואָרן אַ בן־בית ביי אים אין הויז. איך האָב אַפילו אַזוי אויסגעאַר־בעט, אַז ער האָט אויך איינגעלאַדן צו אים אויף אַ שימחה מיין פאָטער און אַ צווייטן פריינט אונדזערן — אַ הערשער פון דער לבנה. און מיין פאָטער האָט אים און דאָס מיידל זיינס געשאָנקען זעלטענע בריליאַנטע־נע און דימענטענע זייגערלעך, וואָס פאַר זיי איז דאָס געווען אַ גרויסע מתנה, און מיך האָט עס פאַרלייכטערט צו „וואַשן" זייערע מוחות. ער, דער „קלוגער" שפיאָן פונעם פאַרטיידיקונס־מיניסטעריום, טראָגט אָפּט דאָס זייגערל און איך ווייס אַלץ: וואוהין ער פאָרט, וואָס ער האָט גע־רעדט און וואָס ער טראַכט.

„איך בין איצט דרינגענד געקומען אייך מעלדן, חשובע הויפּט־הער־שער, קריגער און געלערנטע, אַז די ערד־מענטשן וויסן שוין אויך וועגן „עלעקטראָנישן שטראַל" און האָבן שוין אויסגעפונען מיטלען קעגן אים. אַ סברא גאָר, אַז פון דעם „עלעקטראָנישן שטראַל" האָבן זיי שוין לאַנג געוואוסט. דאָס וואָס זיי האָבן נישט געהאַט, איז דאָס מיטל קעגן דעם דאָזיקן שטראַל; איצט האָבן זיי שוין דעם דאָזיקן מיטל אויך. איך בין נעכטן בייגעווען, מיט מיין כלהס פאָטער, וועלכער האָט מיך שטאַרק ליב און האָט גרויסן צוטרוי צו מיר, אַ פּראָבע קעגן „עלעקטראָנישן שטראַל", און איך האָב מיך איבערצייגט, אַז דער „שטראַל" איז גאָרנישט ווערט. דאָס איז געווען דער הויפּט־מאָטיוו וואָס האָט מיך געמאַכט פליען אַהיים, און כדי אויף דער ערד זאָל מען מיך נישט חושד זיין, האָב איך זיי גע־זאָגט, אַז איך פלי איינלאַדן מיינע עלטערן צום יום־טוב פון מיין חתונה האָבן פאַרן מיידל, און איך וועל, נאָך היינט, מוזן זיין צוריק אויף דער ערד.

„אויך האָב איך אייך געבראַכט נאָך צוויי וויכטיקע נייעסן: דאָס ערשטע—די ערד־מענטשן האָבן דערפונדן אַ מיטל ווי אַזוי צו ברענגען

אַ שטאַרקע פינצטערניש אויף דער ערד. מיט איין קוועטש פון אַ קנעפּל — אין מיטן טאָג, ווען די זון שיינט —, ווערט אַזוי פינצטער, אַז מען קאָן אָנטאַפּן דאָס פינצטערניש. דאָס וויכטיקסטע פון דעם איז, אַז ווען די ערד-מענטשן ווילן, טוען זיי אָן אַזעלכע אויגן-גלעזער אין דער דאָזי-קער גרויסער פינצטערנישט, און זיי זעען אַלץ. ווען אונדזערע קריגער זאָלן פלוצלינג אָנפאַלן, וואָלטן זיי געמאַכט אויף דער ערד אַ פינצטערניש, און זיי, די ערד-מענטשן, וואָלטן אונדז געזען און אונדז אויסגעמאָרדעט, און אונדזערע קריגער וואָלטן געטאַפּט אין דער פינצטער.

„די צווייטע דערפינדונג פון די ערד-מענטשן: זיי האָבן אַזאַ מין געווער וואָס שיסט מיט פּאַראַזיטן, אָנשטאָט מיט שטראַלן, און די דאָזי-קע פּאַראַזיטן קאָן מען אַרויפשיסן ביז צו דער זון. ווען ס'זאָל זיך אָנ-הויבן אונדזער אַטאַקע אויף דער ערד — וואָלט אונדזער פּלאַנעט באַלד פּאַרפולט געוואָרן מיט די דאָזיקע פּאַראַזיטן, וועלכע וואָלטן קראַנק גע-מאַכט און פּאַראַליזירט אַלעמען אויפן פּלאַנעט. אויך די דאָזיקע פּראָבע האָב איך בייגעוואוינט. מ'האָט אין איין עק וועלט אויסגעשאָסן מיט עטלעכע „פּאַראַזיטן"-אַפּאַראַטן און עס געצילט אויף אַן אַנדערער עק וועלט, וואו מ'האָט איינגעאָרדנט ספּעציעלע שטאַלן מיט חיות. אין עט-לעכע מינוט אַרום האָט מען ראַדיאָ-טעלעפאָניש אונדז געמאָלדן, אַז אַלע חיות האָבן באַקומען דעם „פּאַראַזיטן"-קאָנטאַקט און זענען אומגעפאַלן אויף דער ערד; זיי לעבן, אָבער זיי קאָנען זיך נישט רירן, זיי זענען פּאַ-ראַליזירט".

איינער פון די הויפּט-הערשער האָט זיך געגעבן אַ שטעל-אויף, מיטן פּנים צום „שאָליט". ער וויל עפּעס רײדן, אָדער פרעגן. אַ מאַך מיט דער האַנט פונעם „שאָליט", און ער באַקומט די דערלויבעניש. ער ווענ-דעט זיך צו לי-לין:

— זאָג מיר, מוטיקער בחור, מיט וואָס קאָנסטו אונדז איבערצייגן, אַז אַלץ וואָס דו זאָגסט איז ערלעך און אמת? מיט וואָס קאָנסטו אונדז איבערצייגן, אַז מיר זאָלן דיר גלויבן, און אָפּשטעלן אונדזער צוגרייטונג צו דער אַטאַקע אויף דער ערד?

— איך האָב זיך אויף דער דאָזיקער פראַגע נישט גערעכנט. —ענט-פערט לי-לי דעם הויפּט-הערשער.— איך האָב געגלויבט, אַז מיין געטרייע און מוטיקע טעטיקייט אויף דער ערד, פאַר וועלכע איך באַקום אָפּט באַ-גריסונגען פון מיינע עלטסטע, איז גענוג אַז מ'זאָל מיר גלויבן. אָבער, איך וועל עס אייך דערווייזן מיט מעשים, אַז מיינע רייד זענען ריכטיקע. ס'איז מיר געלונגען אַרויסצוגנבענען פון מיין צוקונפטיקן שווערס אַרכיוו

די סודות, ווי אַזוי מ׳גרייט-צו די דאָזיקעביידע דערפינדונגען, בעסער געזאָגט — איך האָב ביידע אַפּאַראַטן; און אָט, מיט אייער דערלויבעניש וועלן איך אייך דאָ דערווייזן, ווי אַזוי עס ווערט פינצטער, כאָטש עס וועלן ברענען אַלע טויזנטער ליכט-שטראַלן אין זאַל. איך בעט אַ דער־לויבעניש ביים גרויסן „שאַליט״!

דער „שאַליט״ גיט אַ מאַך מיט דער האַנט — אַ סימן, ער דערלויבט. אַלעמענס אויגן ווענדן זיך איצט צום ווינקעלע, וואו ס׳שטייט לי-לי.

לי-לי נעמט אַרויס פון קעשענע אַ שוואַרץ קעסטעלע, גיט אַ קוועטש דאָרט אַ קנעפּעלע, און אין זאַל ווערט אַזאַ פינצטערניש אַז מען האָט נישט געזען איינער דעם צווייטן. אַ געדיכטער, שוואַרצער טומאַן שוועבט איבערן גאַנצן זאַל. אייניקע פאַרזאַמלטע האָבן צוגעטראָגן זייערע הענט צו די אויגן, אָבער די אויגן זענען ווי פאַרשטעלטע — זיי זעען נישט קיין פינגער.

אין עטלעכע מינוט אַרום הערט זיך לי-לים שטימע:

— איך בעט אַ דערלויבעניש ביים „שאַליט״ אויף צו מאַכן ליכטיק!

אַ שאַרפע שטימע פונעם „שאַליט״ האָט געענטפערט:

— ליכטיק זאָל זיין!

לי-לי גיט אַ קוועטש אַ צווייט קנעפּעלע, און פון זאַל איז פאַר־שוואונדן געוואָרן דאָס פינצטערניש, דער טומאַן, און ס׳איז ליכטיק גע־וואָרן, ווי פריער.

דער „שאַליט״, די הויפּט-הערשער און אַלע פאַרזאַמלטע שטעלן זיך אויף און הייבן אויף די הענט אין דער הויך — דאָס באַגריסן זיי אויף אַזאַ אופן דעם יונגן, מוטיקן בחור.

לי-לי שטעלט זיך אויף, הייבט אויף אַ האַנט. ער וויל עפּעס זאָגן. ער באַקומט אַ דערלויבעניש. ער פרעגט דעם „שאַליט״:

— צי האָסטו, הער „שאַליט״, דיין שפּיז ביי דיר אויפן טיש?

ערשט איצט, האָט זיך דער „שאַליט״ געכאַפּט, אַז די גאָלדענע שפּיז, וואָס סימבאָליזירט די מאַכט פונעם „שאַליט״ — וועלכע ליגט אויף זיין טיש, ווען ער זיצט דאָרט —, אַז די דאָזיקע שפּיז איז נישטאָ!

נישט האָבנדיק די שפּיז, פאַרלירט דער „שאַליט״ זיין מאַכט, זיין ראַנג, און קאָן אָפּגעשיקט ווערן ווי אַ שקלאַף. דער „שאַליט״ איז בלייך געוואָרן. אָבער לי-לי האָט אים באַלד באַרויקט: — אָט איז דיין שפּיז —ווייזט ער אים.— אין דער פינצטערניש, בין איך צוגעגאַנגען צו דיין טיש און זי צוגענומען. איך האָב דערמיט געוואָלט באַווייזן, אַז ווען די

ערד-מענטשן וועלן אָנשיקן אויף אונדזערע קריגער ,דאָס פינצטערניש וועלן זיי טון מיט זיי וואָס זיי ווילן!...

פאַרענדיקנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט לי-לי, מיטביידע הענט אין דער הויך, צוגעטראָגן די שפּיז צום „שאַליט”. דערנאָך קערט ער זיך אום צו זיין זיצפּלאַץ, שטעלט זיך אויף, בעט דערלויבעניש, און ווענדעט זיך צום הויפּט-הערשער, וועלכער האָט אים פריער געשטעלט צום „עקזאַמען”:

— נו! הער הויפּט-הערשער! אפשר ווילסטו איך זאָל מאַכן אַ פּרואוו מיט דער צווייטער דערפינדונג — בין איך גרייט. די „פּאַראַזיטן” פון אָט דעם צווייטן קעסטעלע וואַרטן, אַז איך זאָל זיי אַרויסלאָזן און זיי אָנווייזן, וועמען זיי דאַרפן אַטאַקירן! איצט איז אין דיינע הענט מיר אָנצואווייזן אויף וועמענס שקלאַפן דו ווילסט אַז איך זאָל מאַכן אַ פּרואוו!

דער „שאַליט”, די הויפּט-הערשער און אַלע פאַרזאַמלטע שטעלן זיך אויף מיטן פּנים צו לי-לין — דאָס איז אַ באַוויז, אַז מ'גלויבט אים און אַז מ'דאַרף שוין נישט מאַכן קיין פּראָבע. אַ מאַך מיט דער האַנט פונעם „שאַליט”, און לי-לי גייט צו צום טיש פון די הויפּט-הערשער. דער „שאַליט” הויבט זיך אויף און טוט אָן אויפן קאָפּ פון לי-לי אַזאַ מין גאָלדענע קרוין. דאָס הייסט, אַז ער האָט לי-לין געגעבן דעם טיטל פון הויפּט-הערשער, און איז איינער פון די נאָענטסטע עצה-געבער פונעם „שאַליט”. לי-לי בלייבט טאַקע זיצן אויבן-אָן, נעבן דעם „שאַליט”. דער לעצטער ווענדט זיך איצט צו לי-לין:

— ווי איז דיין מיינונג, קינד. וואָס דאַרפן מיר טון? צי דאַרפן מיר אַטאַקירן די ערד, אָדער מיר דאַרפן אומקומען דאָ, אָן אַ טראָפּן וואַסער?

לי-לי איז שטאַרק עמאָציאָנירט פון אַזאַ כבוד. דאָך פאַרלירט ער זיך נישט און ענטפערט:

— וועגן אַטאַקירן די ערד, איצט, קאָן קיין רייד נישט זיין! מיר וועלן דעם קריג פאַרשפּילן, און עס וועט נישט בלייבן פון אונדז קיין זכר. איצט, אין די אומשטענדן אין וועלכע מיר געפינען זיך, קאָנען מיר קיין קאַמף נישט אָנהייבן. עס איז גערעכט דער אַלטער געלערנטער, וועלכער האָט געזאָגט: מען דאַרף האָבן געדולד! מען דאַרף צוואַרטן! מ'דאַרף וואַרטן ביז וואָנען אונדזערע געלערנטע וועלן עפּעס אַנטדעקן אַזעלכעס, וואָס זאָל פאַרזיכערן אונדזער זיג! נישט מיט כוח און נישט מיט מוט קאָן מען באַזיגן די ערד-מענטשן, נאָר מיט נייע דערפינדונגען!

און דאָס איז געווענדעט אין אונדזערע געלערנטע. דערזוויל, לייג איך פאָר, אַז מיר זאָלן אָנהייבן אַ גרויסע שלום-אָפענסיווע!... מיר דאַרפן האַלטן אין איין שרייען ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדע פאַרזאַמלונג דאַרפן מיר האַלטן אין איין שרייען: שלום! שלום מיט די איינוואוי-נער פון אַלע פּלאַנעטן! שלום אויך ביי אונדז אין דער היים! מיר זאָלן אַביסל נאָכלאָזן די שווערע קייטן פון די שקלאַפן, עס זאָל הייסן, אַז מיר טוען עס אין נאָמען פון „שלום”, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן פּרעדיקן!

— וואָס וועלן מיר געווינען מיט דער דאָזיקער „שלום”-פּראָפּאַגאַנ-דע? — שטעלט די פראַגע לי-לי, און ענטפערט: — מיר וועלן „פאַרשלע-פערן” די ערד-מענטשן מיט דעם דאָזיקן „לידל”! מיר וועלן זיי איינריידן, אַריינקלאַפּן זיי אין קאָפּ אַריין, אַז מיר ווילן שלום און בלויז שלום! דאַן, וועלן זיי אויפהערן זוכן נייע מאָרד-באָמבעס און מאָרד-שטראַלן, ווי אויך אַנדערע פאַרטיידיקונג- און אָנגריף-וואָפן. מיר מוזן זיי איבערצייגן, אַז מיר זוכן בלויז שלום; מיר מוזן זיך אָנשטרענגען זיי זאָלן אונדז גלויבן, כדי מיר זאָלן האָבן מער צייט בעסער זיך צוצוגרייטן צום קריג; כדי מיר זאָלן געבן אונדזערע געלערנטע מער צייט צו אַנטדעקן נייע אָנגריף און פאַרטיידיקונס-מיטלען, און, כדי זיי, די ערד-מענטשן, זאָלן בעסער אַנט-שלאָפן ווערן.

— דעם דאָזיקן געדאַנק, מיינע הערשער, — זאָגט ווייטער לי-לי, — האָב איך נישט אויסגעטראַכט פון מיין קאָפּ. איך האָב עס גענומען פון די היסטאָרישע ערד-ביכער. איך האָב געזוכט זיך נאָענטער צו באַקענען מיט זייער געשיכטע, כדי אויסצוגעפינען זייערע שוואַכע זייטן, און איך האָב אויסגעפונען, אַז ביי זיי האָט שוין געטראָפן — מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען זיי זענען נאָך געווען צעקריגט צווישן זיך און געפירט מיל-המות איינער מיטן אַנדערן —, אַז איין גרויסע מלוכה האָט מיט דעם דאָזיקן „לידל” פון „שלום” אַזוי „איינגעשלעפערט” אַ צווייטע גרויסע מלוכה, כדי איר קאָנען דערנאָך אָנגרייפן. אויף דעם דאָזיקן וועג, רע-קאָמענדיר איך, מיר זאָלן גיין! מיר זאָלן זיי איישלעפערן מיטן „לידל” פון „שלום”, ביז מיר וועלן פאַרשטיין אַז דער „שלום” האָט זיך שוין גע-ענדיקט.

— און, — פאַרענדיקט לי-לי, — מיט אייער דערלויבעניש וועל איך מיך צוריקציען. איך וועל שוין קיין צייט נישט האָבן צו זען מיין מוטער, מיינע ברידער און שוועסטער, ווייל איך מוז זיך שוין אומקערן צו דער ערד. מאָרגן קומט פאָר אַ וויכטיקע פאַרזאַמלונג פון די ערד-לענדער, און איך דאַרף זען זיך צו באַוואָרענען מיט אַ קאָפּיע פון זייערע שמועסן.

מעגלעך, אַז ס׳וועט מיר געלינגען איינצורײדן דעם ה׳ קוק, מײַן צוקונפ־טיקן שווער, אַז ער זאָל מיך מיטנעמען צו דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג, אַלס זיין באַגלייבונגס-מענטש און קינד...

מיט אייער דערלויבעניש צי איך זיך צוריק!

דער „שאַליט" און אַלע הערשער און געלערנטע שטעלן זיך אויף, מיטן אויסנאַם פֿונעם „שאַליט, וועלכער דאַרף עס נישט טון — הייבן אַלע אויף זייערע הענט, ווי אַ באַווייז אַז מ׳געזעגנט זיך מיט אים בכבוד. אין דרויסן וואַרט אויף לי-לין זיין ראַבאַט, מיט וועלכן ער איז געקומען. אָבער, אַנשטאָט צו נעמען זיין ראַבאַט, נעמט ער דעם פֿאַטערס ראַבאַט, וועלכער איז געשטאַנען נאָענט. ביי זיין ראַבאַט האָט לי-לי אַ דריי גע־טון אַ שרייפֿעלע, און אים געלאָזט שטיין. נאָך איידער ער איז אָפּגע־פֿלויגן פֿון מאַרס, האָט לי-לי באַמערקט, אַז אין זיין ראַבאַט האָט זיך אָנ־געצונדן אַ גרין לעמפּעלע — דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז דער ראַבאַט איז געבליבן נוצלאָז, צעשעדיקט, מען קאָן אים שוין מער נישט נוצן און אויך נישט צורעכט מאַכן...

אָט די דאָזיקע „אָפּעראַציע" האָט ער געמאַכט אויף דער עצה פֿון ה׳ קוק. אַזוי ווי מען קאָן נישט זיין זיכער צו עמיצער פֿון די פֿאַרזאַמלטע איז אים נישט מקנא געווען פֿאַר זיין דערפֿאָלג, און האָט אים עפּעס נישט אָפּגעטון אין „ראַבאַט" וואָס זאָל אויפֿרייסן אין מיטן פֿליען — איז בעסער זיך באַצייטנס באַוואָרענען.

גראַד, האָט ה׳ קוק געטראָפֿן. איינער פֿון די הויפּט-הערשער האָט פֿריער מיט אַ פּאָר מינוט, זיך געפּאָרעט ביי לי-לים ראַבאַט...

לי-לי וואַרפֿט אַ לעצטן בליק אַרום זיך. ווער ווייסט צי ער וועט נאָך אַמאָל זיך קאָנען צוריקקערן אַהיים, ווען ער וועט קאָנען זעען זיין מוטער, און

— ער פֿליט אָפּ צו דער ערד.

אינעם זאַל פון עקזעקוטיוו-פּרעזידיום פון די פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד, ווערט איצט פאַרגעזעצט אַ זיצונג. עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון די פינף וועלט-רעגירונגען, דריי פּערזאָן פון יעדער רעגירונג. יעדער איינער פון די פאַרשטייער רעדט אין נאָמען פון נישט ווייניקער ווי פינף הונדערט מיליאָן מענטשן וואָס וואוינען אין זיין קרייז און האָט אַ באַפולמעכטיקונג אָננעמען דעם וויכ־טיקסטן באַשלוס בנוגע דעם מאַרס.

צוליב דעם וואָס אין דער איינלאַדונג האָט זיך געזאָגט: „שטרענג געהיים און דרינגענד. זייער און זייער וויכטיק". האָבן די רעגירונגען געשיקט זייערע פּרעמיערס און פאַרטיידיקונגס-מיניסטאָרן. יעדע גרופּע האָט אויך מיטגעבראַכט אַ פּאָר פון זייערע וויכטיקסטע מיטאַרבעטער און עצה-געבער.

איידער די באַראַטונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די ספּעציאַליסטן פון דער געהיימער דינסט, וואָס באַדינען דאָס הויז פון „פּרעזידיום", נאָך אַמאָל גוט באַטראַכט די שמירה אַרום דעם זאַל, כדי צו באַוואָרענען אַז מ׳זאַל נישט קאָנען הערן קיין איין וואָרט וואָס מ׳רעדט דאָרט. אַז עלעקטרישער שטראָם האָט „געשמעקט" די אויסערלעכע ווענט אַרום דעם זאַל, און ווען ס׳וואָלט עפּעס נישט געווען אין אָרדענונג — וואָלט דער שטראָם באַלד „געמעלדעט".

אָט, האָט טאַקע דער עלעקטראָנישער שטראָם אָנגעהויבן צו אַלאַר־מירן. מ׳איז דורכגעגאַנגען אַ פּלאַץ וואו ס׳געפינט זיך אַ טיר וואָס פירט גאָר צו אַ צווייטן זאַל — איז דער „שטראָם" געבליבן „שטיין" און גע־רופן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער טיר. דער „שטראָם" איז געווען גערעכט. פון יענער זייט טיר, אין צווייטן זאַל, איז געזעסן אַ פרעמדער מענטש, וועלכער האָט נישט געהערט צו דעם הויז און נישט צו די דע־לעגאַציעס וואָס זיצן איצט אין הויז. דער דאָזיקער מענטש, געהערט אפילו נישט צו... די ערד-מענטשן. דאָ איז געזעסן לי-לי, וועמען ה׳ קוק האָט, מיט דער דערלויבעניש און אפילו פאָדערונג פונעם פּרעזידיום, מיטגעבראַכט צו דער באַראַטונג...

אין דעם מאָמענט ווען די באַראַטונג האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן, איז העברי קוק אַריינגעקומען צו לי-לין אין צימער, און אים, אונטערן

אָרעם, אַריינגעפירט אין דעם גרויסן זיצונגס-זאַל. ביים אַריינגאַנג —צו־ליב געוואוינהייט— האָט לי-לי אויפגעהויבן ביידע הענט אין דער הויך, אַלס צייכן פון באַגריסן די געסט מיט רעספּעקט.

ה׳ קוק האָט לי-לין אַוועקגעזעצט נעבן זיך. צוליב דעם וואָס די פּאַרזאַמלטע האָבן דאָס מאָל —לויט דער אָנגענומענער ריי— גערעדט כינעזיש, האָט ער נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, וואָס דער פאָרזי־צער האָט געמעלדעט. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די מענטשן קלאַפּן איין האַנט מיט דער צווייטער. ה׳ קוק האָט אים פאַר־טייטשט, אַז דאָס באַגריסט מען אים, ווי אַ ווירדיקן גאַסט פון די ערד־רעגירונגען.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט ער עס פאַרשטאַנען. אין זאַל איז געוואָרן שטיל, און פּלוצים האָט ער דערקענט באַקאַנטע שטימען רעדן אויף זיין שפּראַך, אויף דער שפּראַך וואָס מ׳רעדט אין זיין לאַנד און אין דער הויפּטשטאָט פונעם מאַרס. ער ווערט איבערראַשט, הערנדיק די רעדע פון זיין „שאַליט״, וועלכע ער האָט נעכטן געהערט דאָרט, אויפן מאַרס. ער הערט די שפּראַך פונעם הויפּט-הערשער און דערנאָך פון גע־לערנטן, און לסוף, הערט ער... זיין אייגענע שפּראַך.

עס גיין פאַרביי עטלעכע מינוט, און די שטים אין זאַל — זיין שטי־מע — הערט זיך ווידער. ער וויל ווייזן די „פּראָבע״, ווי אַזוי צו אַטאַ־קירן מיט „פּאַראַזיטן״ וואָס געפינען זיך אין צווייטן קעסטעלע, און מען דאַנקט אים אָפּ און מ׳וויל עס נישט. די פאַרזאַמלטע צעלאַכן זיך. ה׳ קוק זאָגט לי-לין:

— דיין גליק איז געווען, וואָס מ׳האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער צוויי־טער פּראָבע. ווען מ׳הייסט זי דיר ווייזן, וואָלסטו געווען געהאַט אַן אומגליקלעכן דורכפאַל. אַחוץ אַ ראַדיאָ-רעצעפּטאָר אויפצוכאַפּן די רע־דעס איז קיין פּאַראַזיטן דאָרט נישט געווען... אָבער, אונדזער עלעק־טראָנישן „שטראָם״ וואָס מיר האָבן דיר מיטגעגעבן און וואָס איז גע־ווען אין קאָמבינאַציע מיט דיין מוח, דערציילט אונדז, אַז ווען מ׳הייסט דיר מאַכן די פּראָבע — וואָלסטו קונציק מאַנעווירט מיטן אַפּאַראַטל און געזאָגט, אַז ערגעץ-וואו פאַלן טויזנטער שקלאַפן אוממעכטיק...

לי-לי דערמאָנט זיך, אַז ער האָט טאַקע אַזוי געטראַכט...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, הערט מען ווידער דעם „שאַליט״ ריידן, און מ׳הערט דערנאָך דעם באַשלוס וואָס זיי האָבן אָנגענומען: פּראָפּאַגאַנ־דירן אַז מ׳וויל שלום! אַן „איינשלעפערישן שלום״! — אַזוי האָט דער ה׳ קוק אָנגעזאָגט לי-לין, איידער ער האָט אים אַרויפגעזעצט אויפן ראַ־

באַט. דאָס זענען געווען ה׳ קוקס אינסטרוקציעס, ווי אַזוי לי-לי דאַרף דאָרט האַנדלען. ס׳איז געווען לי-לים פאָרשלאַג, אַז ער וויל פאָרן צום מאַרס. פון יענער מינוט אָן וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו „באַזיגן״ דעם מוח, אַז ער זאָל טראַכטן בלויז דאָס וואָס דער מענטש וויל, האָט ער פאַרלוירן די מורא צו פאָרן אַהיים; ער האָט פאַרלוירן די מורא פאַרן „אמת-שטול״. לי-לי האָט געוואוסט, אַז ער שטעלט-איין זיין לעבן; אַז איין אומפאָרזיכטיק וואָרט -- און ער קאָן פאַרניכטעט ווערן. ער האָט אָבער באַשלאָסן צו דינען די אינטערעסן פון די ערד-מענטשן, כאָטש אין דער אמתן דינט ער דערמיט מער זיינע לאַנדסלייט — די מאַרס-איינוואוינער.

הינעם איז געווען קענן זיין רייזע. זי האָט מורא געהאַט פאַר זיין גורל. לי-לי האָט אָבער געוואָלט באַצאָלן אַ חוב —אַזוי האָט ער געזאָגט -— אַט „יענעם״ חוב: זיין רעדן און טראַכטן, אַז מ׳דאַרף אויסקוילען און אויסמאָרדן די ערד-מענטשן, און הינעסיטאַס עלטערן צווישן זיי; אַט דעם דאָזיקן חוב, די דאָזיקע שאַנדע אויף זיך האָט ער, —מיט זיין רייזע— זיך געוואָלט אויסקויפן, און ער איז געווען גליקלעך, ווען הער קוק האָט אים נעכטן אַרומגענומען, אַ קוש געטון אין קאָפּ און אים שטיל-ערהייט געזאָגט: — קינד מיינס!

לי-לי איז געזעסן אין זאַל אַביסל צעטומלט. ער איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון די נעכטיקע רעדעס אויפן מאַרס, וועלכע ער האָט איצט געהערט. ער איז זיכער, אַז ווען ער וואָלט נעכטן נישט געקומען צופליען אויפן מאַרס, וואָלט געזיגט די טענדענץ אָנצוהויבן דעם קריג! וואָס וואָלט דאַן געוואָרן? ווי קאָן מען גאָר טראַכטן פון אַ זיג איבער אַזעלכע טעכניש-אַנטוויקלטע ערד-פעלקער? און אַז מ׳וועט שוין זיגן, וואָס וועט זיין?

לי-לי הויבט אָן וואָס אַמאָל מער צו פאַרשטיין, אַז אין זיין היימלאַנד לעבט מען אַ ווילד, אוממענטשלעך לעבן, און דאָ, אויף דער ערד, איז דאָס לעבן —כאָטש אַ סך קירצער—, דאָך, אַ סך אינטערעסאַנטער און טאַקע שענער...

אין מיטן לי-לים טראַכטן, ווערט אין זאַל פינצטער און אין אַ ווינ-קעלע ווערט אויף אַ וואַנט שטאַרק ליכטיק. דאָס וועט מען באַלד געבן אַ טעלעוויזיע-פּראָגראַם. ער האָט זיך נישט גערעכט, אַז די דאָזיקע פּראָגראַם וועט טאַקע זיין די נעכטיקע באַראַטונג אויפן מאַרס. ער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס צווייטע אַפּאַראַטל זיינס, וואָס האָט גע-דאַרפט אַנטהאַלטן „פּאַראַזיטן, האָט געטראָגן אין זיינע „געדערים״

אַזעלכע גוטע און קלאָרע ראַדיאָ און טעלעוויזיע „אויפכאַפּערס”, וואָס כאָטש מען האָט עס נישט געעפנט, און מ׳האָט עס בכלל נישט געקאָנט עפענען — האָט אַלץ „געזען” און „געהערט”...

ער איז געוואָרן איבערראַשט צו זען נאָך אַ זאַך: איינער פון די קריגער וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון אים, איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל פּ אַ ר אים. ער זעט „אויף דער וואַנט”, ווי דער קריגער גייט אַרויס אינדרויסן, זוכט עפּעס, געפינט עס אויס — דאָס איז געווען זיין, לילים, ראַבאָט-עראָפּלאַן, מיט וועלכן ער איז געקומען צופליען אויפן מאַרס. דער קריגער עפנט זיין ראָבאָט און לייגט אַריין אַהין אַ קליין פּעקעלע און גייט זיך שטיל אַוועק. ער קוקט זיך גוט איין אינעם קרי־גער און דערקענט אים: דאָס איז אַ־פּע, איינער פון זיינע אַרויסהעל־פערס, וואָס האָט זיך מיט אים געפונען אויף דער ערד און איז נישט לאַנג צוריק, אָפּגעפלויגן צום מאַרס נאָך נייע אינסטרוקציעס. זיי, לי־לי און אַ־פּע, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן נישט סימפּאַטיזירט. ווייל, לי־לי האָט געהאַט אַ גרעסערן ראַנג און האָט געלעבט אַ סך באַקוועמער פון אַ־פּע. לי־לי האָט שטענדיק מורא געהאַט, אַז אַ־פּע זאָל אים נישט פּאַקן ביי זיין „פּאַרראַטן” די קריגס־פּלענער פונעם מאַרס.

אָט זעט לי־לי אויפן „עקראַן”, ווי ער אַליין גייט־צו צו זיין ראָבאָט און טרעפט דאָרט אַנגעצונדן דעם סימן, אַז מען טאָר דעם ראָבאָט נישט נוצן, ווייל ס׳איז פאַראַן אַ געפאַר. נעכטן, האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַ־נען, ווי אַזוי און פאַרוואָס, און ווער עס האָט אַנגעצונדן דעם „סימן”. נאָר, אַזוי ווי ער האָט גענומען זיין פּאָטערס ראָבאָט, און מורא האָבנדיק, אַז זיין פּאָטער קאָן נעמען זיינעם און נישט באַמערקן די געפאַר — האָט ער אים עלעקטראָניש פאַרניכטעט. איצט זעט ער שוין פאַרוואָס זיין ראָבאָט איז געווען „נישט אין אָרדענונג”. ער זעט אויך דעם קריגער — זיין שונא— ווי ער גייט־צו צו זיין אייגענעם ראָבאָט, זעצט זיך אַריין אין אים אויף צו פליען צו דער ערד. מעגלעך, אַז ער האָט געהאַט גע־וויסע אינסטרוקציעס קעגן אים... ער ווייסט אָבער, אַז ער איז אויף דער ערד נישט אָנגעקומען... וואו קאָן ער זיין? ווי אַזוי קאָן ער זיך פון אים אויסהיטן.

דער ה׳קוק, טרעפנדיק לי־לים געדאַנקען, גיט שטילערהייט אַ זאָג:

— אייער חברס ראָבאָט איז אויפגעריסן געוואָרן אין דער לופטן, פליענדיק צו דער ערד. ער האָט געהאַט שלעכטע געדאַנקען און נאָך ערגערע אינסטרוקציעס...

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג מעלדעט, אַז עס באַקומט דאָס

וואָרט דער פאָרשטייער פון די „זיד-אַמעריקאַנער פּאַראַיניקטע פעל־קער‟, דער בראַזיליענער בירגער טשאַסי דאָ מאַראַמאַ. פון איצט־אָן — מעלדעט דער פּאָרזיצער — וועט מען באַנוצן די „עספּעראַנטאָ‟-שפּראַך. מיר ווילן, אַז דער יונגער, מוטיקער גאַסט אונדזערער, לי־לי, זאָל פאַר־שטיין וואָס מ׳רעדט.

עס הייבט זיך אויף אַ יונגער מענטש, פון טונקעלן אויסזען. זיינע שוואַרצע, געקרייזלטע האָר און ווייסע ציין זאָגן עדות, אַז זיינע עלטערן און אור־עלטערן זענען געווען „מענטשן פון קאָליר‟. ער רעדט פון זיין פּלאַץ. ער רעדט שטיל, אָבער דאָך הערט מען אים קלאָר, גלייך ווי ער זאָל געווען זיצן אויף אַ בענקל נעבן אייך. ער הייבט אָן מיט אַ שטאַרקן ציטער אין דער שטימע ביים ריידן:

„ברידער, פאָרשטייער פון דער וועלט, חבר און ברודער, קינד פון מאַרס!

„מיר שטייען פאַר אַ דעצידירנדיקן מאָמענט פון אונדזער עקזיס־טענץ. ווען די „מאַרס‟-מענטשן האָבן זיך מיט אונדז פאַרבונדן, האָבן מיר געמיינט אַז דאָס וועט זיין אַ ברכה פאַר אונדז אַלעמען. מיר זענען געווען גליקלעך זיך צו באַקענען מיט נייע מענטשן, נייע ברידער, וועגן וועלכע מיר האָבן געוואוסט, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין ריכטי־קע פאָרשטעלונג וועגן זיי. מיר דאַרפן מודה זיין, אַז ס׳האָט אונדז גע־פרייט וואָס מיר האָבן זיך באַפריינדעט מיט זיי. מיר האָבן פון זיי פיל געלערנט און זיי פון אונדז אויך נישט ווייניק. צום באַדויערן האָבן זיי זיך ביי אונדז נישט אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו רעספּעקטירן אַ צווייטן מענטשן. ביי זיי עקזיסטירט נאָך דאָס, וואָס ביי אונדז אויף דער ערד האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן: מענטשלעכע שקלאַפן! מענטשן, וועלכע זע־נען די זעלבע וואָס מיר, נאָר, זיי האָבן געהאַט ווייניקער מזל — זיי זע־נען געבוירן געוואָרן ביי שוואַכע און אָרעמע פעלקער, און דערפאַר פאַלן אָן די שטאַרקערע פעלקער אויף זיי, קאָווען זיי אין קייטן, פאַר־שלעפן זיי צו זיך —אַזוי טוט מען מיט מענער, פרויען און קינדער— און מ׳פאַרשקלאַפט זיי אויף אייביק! אויך זייערע קינדער וואָס ווערן גע־בוירן — ווערן געבוירן ווי שקלאַפן!

„דאָס שרעקלעכסטע פון דעם אַלעם איז, וואָס די מאַרס-מענטשן און זייערע הויכע געלערנטע האָבן די ערשטע אויסגעפונען דעם מיטל, ווי אַזוי צו באַפרוכפּערן די פרוי —אַנהויבנדיק פונעם 12-יאָריקן עלטער—, נישט באַנוצנדיק דעם נאַטירלעכן, סעקסועלן, מענערישן וועג; און זיי נוצן עס אויס אויף אַ ברוטאַלן אופן אויף צו רעפּראָדוצירן שקלאַפן,

כאָטש די פרוי וועלכע „פּראָדוצירט” אומנאָרמאַל אַזעלכע קינדער, קאָן לאַנג נישט לעבן...

„אָבער, ס׳איז נישט אונדזער חוב און אַפילו נישט אונדזער ווילן צו דערציען די מאַרס-מענטשן אין הומאַניטאַרישן זין. שוין אַ סך יאָרן, ווי די ערד-איינוואוינער האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז איין מלוכה זאָל זיך נישט מישן אין די אינערלעכע ענינים פון אַ צווייטער מלוכה. דאָס זעלבע טוען מיר בנוגע די מענטשן פון די אַנדערע פּלאַנעטן. אָבער, מיר דאַרפן גוט אין זינען האָבן, ווער עס זענען אונדזערע שכנים, בפרט ווען יענע קוקן אויף אונדז מיט זשעדנע אויגן.

„פאָלגלעך, ברענג איך די מיינונג פון אונדזערע „פּאַראייניקטע זיד-אַמעריקאַנער לענדער”, אַז אויב מירן זעען אַז מיט די מאַרס-מענטשן קאָן מען נישט אויסקומען מיט גוטן — זאָלן מיר נישט פאַרלירן קיין איין טאָג, קיין איין שעה און קיין איין מינוט, און באַלד צעשמעטערן דעם פּלאַ-נעט! צעשמעטערן, אָן רחמנות! מיר וועלן אויף אַזאַ אופן האַנדלען אין זעלבסט-פאַרטיידיקונג! פאַר דער היסטאָריע וועלן מיר באַווייזן, אַז די מאַרסיאַנער האָבן אונדז געוואָלט פאַרניכטן, נאָר מיר זענען זיי פאַר-לאָפן דעם וועג.

„מיט איין וואָרט, איך לייג פאָר, אַז מיר זאָלן באַלד אויפרייסן דעם מאַרס. מיר האָבן די נויטיקע „זונשטראַלן”, אַז פונעם מאַרס זאָל אין געציילטע מינוטן נישט בלייבן קיין זכר!”.

אַלע בייוועזנדיקע דעלעגאַטן אַפּלאָדירן אים.

עס באַקומט דאָס וואָרט דער פאָרשטייער פון די „ווייט-מיזרחדיקע פעלקער”, וועמענס הויפּטשטאָט איז כאַרבין. דער פאָרשטייער איז אַן עלטערער מענטש, טראָגט אָריענטאַלישע קליידער, און זיין אויסזען איז אַ זייער פאַרזאָרגטער. ווייזט אויס, אַז ער איז נישט געזונט, אָדער, אפשר, צוליב זיין טיפן עלטער קאָן ער לאַנג נישט שטיין אויף די פיס און מ׳דערלויבט אים צו ריידן זיצנדיק.

„ברידער און פריינט — זאָגט דער ווייט-מיזרחדיקער פאָרשטייער — איך קום פון אַ געגענט וועמענס פעלקער האָבן זיך פאַר די לעצטע פאַר הונדערט יאָר שטאַרק געליטן. מיר האָבן געליטן פון שטענדיקע מיל-חמות, פון הונגער, צרות און נויט; און כאָטש אונדזערע פעלקער זענען זייער צאָלרייך — מער פון אַ העלפט פון אַלע ערד-מענטשן, ספּע-ציעל די פעלקער פון אינדיע און כינע —, דאָך האָבן מיר געהאַט בלויז 5 פּראָצענט פון די שפּייזן וואָס די ערד האָט אַרויסגעגעבן. אַ דאַנק די לעצטע דרייסיק יאָר, ווען די וועלט איז געוואָרן אַנדערש; ווען די וועלט

האָט זיך פאַראייניקט און אַוועקגעוואָרפן דאָס וואָרט און מיטל וואָס הייסט „מילחמה", כדי צו באַהערשן איינס דאָס צווייטע, און אַ דאַנק די לעצטע דערפינדונגען פון לעבנס־מיטלען, וואָס האָט איינגאַנצן געביטן דעם סיסטעם פון פאַרזאָרגן די מענטשהייט מיט עסנוואַרג, — אַלזאָ, ערשט איצט קאָנען מיר לעבן בשלום און רואיק זאָרגן פאַרן ווייטערדיקן פראָגרעס פון דער וועלט.

„נו, איז געקומען אַ נייער אומגליק אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט ברידער־מענטשן פון אַנדערע פּלאַנעטן, מיט די לבנה־ און מאַרס־איינוואוינער; און מיר שטייען שוין ווידער פאַר אַ געפאַר פון אַ נייער מילחמה. דאָס מאָל זענען די ערד־מענטשן די געדעכטע; דאָס מאָל זענען די ערד־מענטשן קרבנות פון בייזוויליקע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע הערשער, וועלכע דענקען אַז ס'וועט זיי געלינגען אונדז צו באַזיגן און פאַרשקלאַפן.

„איך קום איצט צו אייך, ברידער, פאָרשטייער פון אַלע וועלט־רעגירונגען און מעלד אייך אָפיציעל, אין נאָמען פון אונדזערע פעלקער, וואָס האָבן איצט פופציק פּראָצענט פון אַלע ערד־איינוואוינער, אַז מיר זאָלן נישט פאַרלירן קיין צייט און שוין צעשמעטערן יענע נעסט, וואו ס'געפינען זיך די בלוטדורשטיקע חיות וואָס ווילן אויף אונדז אָנפאַלן. איך לייג פאָר, אַז נאָך היינט, זאָלן אַרויסגעשיקט ווערן די זונשטראַלן צום מאַרס און מיר זאָלן אַ סוף מאַכן צו דעם דאָזיקן פּלאַנעט. נישטאָ קיין רחמנות פאַר מענטשן וואָס באַנוצן שקלאַפן! נישטאָ קיין רחמנות פאַר מערדער, וואָס פאַרברענען נאָך היינט צו טאָג מענטשן לעבעדיקערהייט.

„ברידער! דאָס רעדט צו אייך איינער, וועמענס גלויבנס־ברידער האָבן אין משך פון פיל דורות שטאַרק געליטן, און מיר ווילן נישט ווידער אַמאָל ווערן שקלאַפן, אָדער אויסגעשאָכטן צו ווערן פון ווילדע מענטשן".

עס באַקומט דאָס וואָרט אַ פאָרשטייער פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וועמענס הויפּטשטאָט איז פּאַריז. עס הויבט זיך אויף רײדן אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. אויף זיין פּנים איז צו באַמערקן, אַז ער איז זייער ערנסט באַזאָרגט. ער הויבט אָן:

„ברידער! אַלס סעקרעטאַר פונעם פּרעזידיום איז מיין חוב אייך צו האַלטן אינפאָרמירט וועגן פאָלגענדיקעס:

„ערשטנס: — מיר האָבן געשלאָסן אַ פאַרטיידיקונגס־אָפּמאַך מיט די הערשער און פעלקער פון דער לבנה, און אויב איינע פון אונדזערע

צוויי פּלאַנעטן וועט אָנגעגריפן ווערן, וועט דער צווייטער תיכף אַרויס אים פאַרטיידיקן. איך פאַרזיכער אייך, אַז די לבנה-הערשער וועלן האַלטן וואָרט, ווייל זיי ווייסן, אַז אויב דער מאַרס זאָל אויף אונדז אָנ-פאַלן און אונדז באַזיגן — וועלן זיי נאָכדעם ווערן דער צווייטער קרבן. די לבנה-הערשער האָבן אויפן מאַרס זייער פיל שפּיאָנען און ווייסן אַלע זייערע סודות.

„איר האָט געהערט און געזען דעם באַריכט פון זייער לעצטער פאַרזאַמלונג און די רייד פון זייערע הויפּט-הערשער, ווי אויך פון זייער „שאַליט" — דאָס האָבן אונדז אונדזערע לבנה-פריינט, וועלכע זענען גע-ווען „דעלעגאַטן" צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג — דאָס האָבן זיי אונדז דערגאַנצט דעם פולשטענדיקן באַריכט. ביז איצט, האָבן די לבנה-מענ-טשן באַוויזן, אַז זיי זענען אויסערגעוויינלעך געטריי און ערלעך. זיי טוען עס נישט בלויז אונדז, נאָר אויך זיך אַליין, — אַ גרויסע טובה.

„די דאָזיקע לבנה-הערשער, מיט וועלכע מיר האָבן ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג פריער גערעדט, ראָטן אונדז אויך: תיכף צעשמעטערן דעם מאַרס. שפּעטער, ווען זיי וועלן אויך דערפינדן „זונשטראַלן", אָדער אַנדערע פאַרניכטונגס-באַמבעס, וועט זיין מיט זיי שווער צו קעמפן.

„איך וויל אייך אויך מעלדן, אַז צוליב אונדזער זיכערקייט, און מיט דער פולער איינשטימיקייט פון די לבנה-הערשער, האָבן מיר אויפגע-שטעלט באַזעס פאַר „זונשטראַלן" אויף דער לבנה. צוזאַמען מיט די דאָזיקע באַזעס געפינען זיך אונדזערע טעכניקער, וועלכע דאַרפן מיט זיי אָנפירן. נישט האָבנדיק דאָרט, אויף דער לבנה, די טעכניקער, קאָן מען פון דאָרט די „זונשטראַלן" נישט באַנוצן, ווייל מ'ווייסט נישט ווי אַזוי. חוץ דעם, אַז די „זונשטראַלן" זאָלן אויף דער לבנה אָנהויבן צו פונקציאָ-נירן, דאַרף מען געבן אַ קוועטש אַ קנעפּעלע... אויף דער ערד. דאָס איז אַזאַ מין „פאַרבינדונג", אָדער „קאָנעקסיאָן", וואָס די „שטראַלן" האָבן צווישן זיך, הן אויף דער לבנה, הן אויף דער ערד. בלויז דער פּרע-זידענט פון אונדזערע פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד" האָט דעם סוד פון דעם דאָזיקן קנעפּעלע און קאָן עס לאָזן פונקציאָנירן; אַזוי, אַז ס'איז נישטאָ קיין געפאַר, אַז עמיצער, אויסער דעם פּרעזידענט, זאָל אַ קוועטש טון דאָס קנעפּעלע און ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפע אויפן מאַרס.

„אין נאָמען פון די פאַראייניקטע פעלקער פון אייראָפּע, לייג איך פאָר, אַז מיר זאָלן נישט וואַרטן לענגער און באַפולמעכטיקן אונדזער פּרעזידענט צו „ליקווידירן" דעם מאַרס, מיט די גיפטיקע, ווילדע שלענג

וואָס געפינען זיך אויף אים — די מאַרס־קריגער, מאַרס־הערשער און מאַרס־מענטשן".

דאָס לעצטע וואָרט באַקומט דער פאָרשטייער פון די „מיטל־מיזרח פעלקער, מיטן זיצפּלאַץ אין ירושלים. זייער פאָרשטייער אינעם פּרעזי־דיום איז דער ישראלי, בר־שלום. עס הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ אַן עלטערער ייד וואָס ווייזט אויס צו זיין אַריבער די 80־ער. ער זעט אויס צו זיין זייער פאַרזאָרגט. בר־שלום הויבט אָן זיין רעדע:

„ברידער פון דער וועלט. פרידן צו אייך!

„איך קום צו אייך אין פאָרשטייערשאַפט פון פעלקער, וועלכע האָבן במשך פון טויזנטער יאָרן געליטן זייער פיל צרות. גאָר ספּעציעל, פאַר־טרעט איך אַ פאָלק, וואָס איז איינע פון די עלטסטע אויף דער ערד און וועלכעס האָט, זינט איר עקזיסטענץ —מיטן אויסנאַם פון ווייניקע גליקלעכע יאָרן אין אונדזער פרע־היסטאָרישער צייט—, געלעבט אין שטענדיקער מורא פאַר איבערפאַלן און מילחמות.

„ביי אונדז, ביי די „פעלקער פון מיטעלן־מיזרח", איז דאָס טייערס־טע און גליקלעכסטע וואָרט וואָס ווערט באַנוצט מיליאָנען מאָל אין טאָג — דאָס וואָרט „שלום". טויזנטער און מיליאָנען קינדער פון אַלע אונד־זערע פעלקער, און גאָר ספּעציעל דאָס פאָלק פון י ש ר א ל — טראָגן דעם נאָמען „שלום". ביי אונדז, ווען צוויי מענטשן באַגעגענען זיך, איז דאָס ערשטע באַגריסונגס־וואָרט: „שלום־עליכם". און דער צווייטער ענטפערט: „עליכם שלום". איך זעלבסט הייס „בר־שלום — „דער זון פון פרידן", פון שלום! דאָס אַליין באַווייזט אַן איבעריקס מאָל, ווי טייער ס'איז ביי אונדז דער שלום, דער פרידן! און דאַך, קום איך איצט, אין נאָמען פון אַלע אונדזערע „פאַראייניקטע פעלקער", און רוף אויס צו אייך:

„— מלחמה זאָל זיין!

„— נישטאָ קיין שלום פאַר רשעים!

„אונדזערע געלערנטע האָבן אונדז מיט טויזנטער יאָרן צוריק גע־לערנט: „דער וואָס קומט דיך הרגענען — שטיי אויף און הרגע אים פריער".

„מיר ווייסן שוין אויף זיכער, אַז די ווילדע, אומברחמנותדיקע מאַרס־הערשער ווילן אונדז אויסמאָרדן. מיר דאַרפן נישט וואַרטן ביז וואַנען זיי וועלן אויף אונדז אָנפאַלן און אָנמאַכן חורבות; מיר דאַרפן נישט וואַרטן אַז זיי זאָלן, מיט דער צייט, אויך דערפינדן „שטראַלן", וואָס וועלן

קאָנען אונדז אומברענגען! כל-זמן מיר האָבן די איניציאַטיוו, דאַרפן מיר זי אויסנוצן און זיך באַוואָרענען פון אַן אומגליק.

„נעמט אין אַכט, ברידער! עס רעדט צו אייך אַ פאָרשטייער פון אַ פאָלק, וועלכעס שטרעבט אייביק צו שלום און אויף וועמענס עמבלעם ס׳איז אָנגעצייכנט מיט גרויסע אותיות: „און זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך זעלבסט”; אָבער, אויב דער דאָזיקער „חבר” טראַכט נאָר דיך אומצוברענגען, דאַן — זאָל ער געטויט ווערן!”

אין זאַל הערשט אַ שטילקייט. מען וואַרט אויפן שלום-וואָרט פו־נעם פּאָרזיצער. אין וועמענס מאַכט ס׳איז צו אַנטשיידן, צי דער מאַרס זאָל תיכף אַטאַקירט ווערן. ווען ער מעלדעט, אַז ער איז מסכים מיט די פאַריקע רעדנער, אַז מ׳דאַרף לאָזן אין גאַנג די „זונשטראַלן”, וואָלט מען אין געציילטע מינוטן אַרום פאַרניכטעט דעם מאַרס, מיט אַלע זיינע איינוואוינער. ס׳וואָלטן געבליבן לעבן פונעם מאַרס בלויז געציילטע ער־לעכע מענטשן און די גרויסע גרופּע שפּיאָנען וואָס געפינען זיך אויף דער ערד און אויף דער לבנה. אָט, אָט, און דער פּאָרזיצער הויבט זיך אויף צו ריידן, און...

אין דער זעלבער מינוט, גיט זיך אַ שטעל-אויף לי-לי פון זיין פּלאַץ. ער הייבט אויף ביידע הענט — לויטן מינהג פון די מאַרס-מענטשן.

דער פּאָרזיצער פרעגט אים:

— וואָס ווילסטו, קינד?

— איך וויל עפּעס זאָגן —ענטפערט לילי. ער האַלט זיך קוים איין, נישט אויסצוברעכן אין אַ געוויין.

דער פּאָרזיצער גיט אַ בליק אויף אַלע פאַרזאַמלטע אין זאַל — דאָס בעט ער זייער מיינונג. עלעקטראָנישע גרינע ליכט, וואָס לייכטן אַרויס פון אַלע בענק, גיבן צו וויסן דעם פּאָרזיצער, אַז זיי זענען מסכים אַז לי-לי זאָל ריידן. דער פּאָרזיצער גיט אים דאָס וואָרט.

לי-לי שטייט אַ מינוט אַ געפּלעפּטער און קאָן נישט אָנהויבן ריידן. ענדלעך, קומט ער צו זיך, ער נעמט איין אַ „פּיל” וואָס דער ה׳ קוק דער־לאַנגט אים. ער ווערט מונטערער און הויבט אָן זיין רעדע:

„גרויסע הערשער! ברידער פון דער וועלט! עס רעדט צו אייך אַ פאָרשטייער פון יענעם פּלאַנעט. וועלכן איר ווילט איצט אומברענגען! עס רעדט צו אייך אַ קינד פון יענע פעלקער, וועלכע וועלן, אפשר, אין געציילטע מינוטן אַרום מער נישט עקזיסטירן און וועלן אומקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט! עס רעדט צו אייך איינער, וואָס מיט געציילטע שעהן צוריק האָט ער באַקומען דעם ראַנג פון „הויפּט-הערשער” און די

קרוין פונעם קעניג. ער האָט עס באַקומען פון די הענט פון „שאַליט״ פונעם מאַרס, אין וועמענס הענט ס'געפינט זיך דאָס לעבן און טויט פון אַלע מאַרסיאַנער איינוואוינער.

„איר האָט געזען און געהערט, ברידער, אַז די דאָזיקע אויסצייכענונג האָב איך באַקומען פאַר ריידן וועגן... שלום מיט די ערד־איינוואוינער. ס'איז נישט וויכטיק ווי אַזוי איך האָב עס זיי פאָרמולירט און אייגע־רעדט. כ'בין אומגעריכט געקומען צו אַ וויכטיקער באַראַטונג פון די מאַרס־הערשער, און ווען איך וואָלט נישט געקומען, ווען כ'וואָלט נישט געמאַכט דעם רוף פאַר „שלום״ און ווען מ'וואָלט מיין רוף נישט גענו־מען אין אַכט — וואָלט שוין די מילחמה, היינט, געווען אין פולן גאַנג. מיליאָנען מענטשן וואָלטן אומגעקומען, אַזוי אויפן מאַרס ווי אויף דער ערד, און דאָס בלוט פון אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער וואָלטן אייביק געשריען צו אייך פון דער ערד! איך האָב דאָרט, אויפן מאַרס, אָפּגעשריגן דעם „מילחמה־רוף״ און כ'וועל האָפן, אַז אויך דאָ, אויף דער ערד, וועט מיר געלינגען דעם דאָזיקן שרעקלעכן רוף איינצושטילן.

„ברידער פון דער ערד! ס'רעדט נישט צו אייך בלויז אַ קינד, וועלכער האָט עלטערן, ברידער און שוועסטער אויפן מאַרס און ציטערט פאַר זייער לעבן. אויב צוליבן שלום אויף דער וועלט צווישן אַלע פּלאַנעטן, דאַרף איך, און מיינע עלטערן, אַוועקגעבן זייערע לעבנס — זענען מיר צו יעדער מינוט גרייט! עס רעדט צו אייך פשוט אייערער אַ ווייטער ברודער, וואָס וויל פאַרמיידן אַ גרויסע עוולה, וואָס קיין שום נאָכקומענ־דיקער דור וועט עס אייך נישט מוחל זיין!

„ס'איז אמת, אַז ביי אונדז אויפן מאַרס, זענען פאַראַן אַ סך, זייער אַ סך, אפשר די גרעסטע טייל הערשער, געלערנטע און קריגער, וואָס ווילן מילחמה האַלטן מיט דער ערד; וואָס ווילן זי באַזיגן און פאַר־שקלאַפן. ס'איז אָבער אויך אמת, אַז אויפן מאַרס זענען פאַראַן הערשער — אויך איך, בין איינער פון זיי—, קריגער און געלערנטע, וועלכע זענען קעגן קריג און ווילן בעסער קריגן אייער טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע הילף אויף אַרויסצובאַקומען ביי אונדז גענוג וואַסער. און דער עיקר — קריגן גענוג געלערנטע וואָס זאָלן דערציען אונדזער פאָלק אין די מינה־גים פון די ערד־איינוואוינער.

„ס'איז אמת, אַז אייערע געלערנטע האָבן אייך טאַקע געלערנט, אַז „ווען עמיצער קומט דיך הרגענען, פעדער זיך און הרגע אים פריער״! אייערע עלטערן האָבן אייך אָבער אויך געוואָרנט, שטאַרק געוואָרנט, קעגן פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. דאַכט זיך מיר, אַז די הויפּט־באַזע פון

אייער ערד-לערע איז: „זאָלסט נישט מאָרדן"! דאַכט זיך מיר, אַז אייערע געלערנטע האָבן אייך געלערנט, אַז ס'איז בעסער צו באַפרייען צען שולדיקע, איידער צו פאַרמישפּטן איין אומשולדיקן! ס'איז אמת, אַז פיל הערשער פונעם מאַרס טראָגן זיך אַרום מיט מילחמה-פּלענער קעגן דער ערד. נו, האָבן דאָך אייערע געלערנטע אייך געלערנט, אַז „מען דאַרף נישט מישפּטן די רבים פאַר די זינד פונעם יחיד"; און אויב אַפילו די רבים, דער גרעסטער טייל פון די מאַרס-הערשער האָבן שלעכטע געדאַנקען וועגן דער ערד, וואָס-זשע זענען שולדיק די, וועלכע האָבן נישט אַזעלכע געדאַנקען? און דער עיקר — וואָס זענען שולדיק די אומשולדיקע פרויען און קינדער, וועמענס בלוט איר ווילט פאַרגיסן?

„ברידער, הערשער פון דער ערד! איך פאַרזיכער אייך, אַז אַפילו די יעניקע פון אונדזער פּלאַנעט וואָס האַלטן, אַז מ'דאַרף אָנהויבן אַ מילחמה קעגן דער ערד, זענען נאָך נישט גרייט, נישט היינט און מאָרגן, אָדער אין די נאָענטסטע טעג און וואָכן, אָנצוהויבן דעם קריג. פיל פון זיי וויסן, אַז אַ קריג מיט דער ערד, הייסט ריזיקירן מיט דער עקזיסטענץ פון אונדזער פּלאַנעט. און, לסוף: פיל פון זיי —און איך צווישן זיי— זענען דערפאַר, אַז מ'זאָל אויף אַ פרידלעכן אופן זיך איינפאַרשטיין מיט די ערד-הערשער; אַזוי, אַז ס'איז נישט קיין דרינגענדיקע נויטווענדיקייט שוין אָנצוהייבן דאָס צעשטערן אונדזער פּלאַנעט און אומברענגען אַלע איינוואוינער פונעם מאַרס. איך לייג אייך פאַר אָפּצולייגן אייער באַשלום. כ'וועל היינט ווידער פליען צום מאַרס און זיך באַמיען צו ברענגען צו אַן איינפאַרשטענדעניש צווישן די פעלקער פון אונדזערע פּלאַנעטן.

„איך אַפּעליר צו אייער גראָדן שכל, אָבער מער פון אַלעם אַפּעליר איך צו אייער רחמנות-געפיל! איך אַפּעליר אויך צו אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אייערע דורות און פאַר אייער געשיכטע!"

די רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן אין זאַל, האָבן ליי-לין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיין פאַרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן.

אינעם ספּעציעלן „שטודיר־צימער" וואָס הינעסיטאַ האָט אין איר הויז, איז איצט ליכטיק, ווי אין העלן טאָג — כאָטש ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. קיינער איז אין הויז נישט פאַראַן, אַחוץ הינעם מיט איר חתן לי־לי. זיי זיצן ביידע אַרום קיילעכדיקן טיש, אויף וועלכן עס זענען אָנגעוואָרפן פּאַפּירן, פּאַפּירעלעך און פאַרצייכענונגען. ביידע זע־נען פאַרנומען מיט אַ וויכטיקער אַרבעט — זיי דאַרפן צוגרייטן זייערע לעקציעס פאַר די עקזאַמענס צו די העכערע קורסן וואו זיי דאַרפן אַריינ־טרעטן. די טעמעס וואָס זיי דאַרפן צוגרייטן, זענען כמעט די זעלבע, נאָר אין פאַרקערטע ריכטונגען. הינעסיטאַ דאַרף צוגרייטן אַ טעזיס אויף דער טעמע: „די געשיכטע פון פּלאַנעט מאַרס, זינט זיין אַנטשטיי־אונג ביז היינט צו טאָג"; און לי־לי דאַרף צוזאַמענשטעלן אַ טעזיס פון נישט ווייניקער ווי הונדערט זייטן, אויף דער טעמע: „די ערד און דער ערד־איינוואוינער פאַר די לעצטע הונדערט יאָר"; און ס'בלייבט ביים פאַרליבטן פּאָרל, אַז זיי זאָלן זיך איינס ס'אַנדערן אַרויסהעלפן מיט זייע־רע קענטעענישן וועגן די דאָזיקע טעמעס.

הינעסיטאַ און לי־לי האָבן איצט פאַרגעסן, אַז זיי זענען חתן־כלה; אַז זיי זענען פאַרליבט. און אַז ביי זיי איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו זיין צו־זאַמען אַ פּאָר שעה און פאַרברענגען ווי געליבטע. איצט, זענען זיי ערנסט. זיי ווייסן, אַז מ'מוז זיך גוט צוגרייטן צום עקזאַמען, כדי נישט דורכצופאַלן און ברענגען צו שאַנד און שפּאָט אי זיך, אי די עלטערן.

אין אַנדערע הייזער, העלפן די עלטערן אַרום זייערע קינדער אין אַזאַ פאַל. ס'איז פּשוט אַ פליכט פון די עלטערן, צו העלפן זייערע קינ־דער לערנען און צוגרייטן די לעקציעס. ווען אַ קינד באַקומט אין דער שולע אַ שלעכטן „צייכן" פאַר אַ לעקציע, איז דער שלעכטער „צייכן" אויך חל אויפן קינדס עלטערן, און ס'ברענגט זיי נישט קיין נוצן און אויך קיין כבוד נישט ווען דאָס קינד האָט אַהיימגעבראַכט שלעכטע „צייכנס" פון דער שולע.

אין אַ סך ערטער, למשל, ווירקט דעם קינדס שלעכטער „צייכן" צום

פּאַטערס אַרבעט, צו זיין באַשעפטיקונג און פּראָגרעס אין זיין אַרבעט. עס איז שוין פיל יאָרן איינגעפירט געוואָרן אויף דער ערד, אַז ווען מען דאַרף צונעמען אַ מענטש אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן רעגירונגס-פּאָסטן, דאַרף ער ברענגען רעפערענצן פון זיין פריערדיקער אַרבעט, רעפערענצן פון געשעפטס-הייזער וואו ער איז אַ קונה אַפילו פאַר זיין פאַמיליען-גע־ברויך, ער דאַרף ברענגען רעפערענצן פון זיינע נאָענטע שכנים וואָס וואוינען מיט אים, צי ער איז אַ גוטער שכן, און צי מען איז באַלעסטיקט פון זיין האַנדלונג און באַנעמונג ווי אַ שכן, און דער עיקר — ער דאַרף ברענגען די „צייכנס" וואָס זיינע קינדער —אויב ער האָט אַזעלכע אין שול-עלטער—, נעמען אַרויס אין זייער שולע. אַ פאָטער, וועמענס קינ־דער ס'נעמען אַרויס שלעכטע „צייכנס", האָט ווייניקער שאַנסן אָנגענומען צו ווערן אויף אַזאַ פּאָסטן, ווי אַ פאָטער, וועמענס קינדער ס'צייכענען זיך אויס אין לערנען.

דער דאָזיקער „קלאַסיפיקאַציע"-סיסטעם איז שוין איינגעפירט אויף דער ערד אַ פּאָר צענדליק יאָר און האָט געגעבן דעם בעסטן רעזול־טאַט. אין דער „קלאַסיפיצירונג" איז אויך פעסטגעשטעלט, אַז אויב דאָס קינד באַקומט מיטהילף אינעם לערנען נישט פון די עלטערן, נאָר פון אַ געדונגענעם לערער, פאַרלירט דער פאָטער, אָדער די מוטער איר פּריווילעגיע ביים באַקומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע.

הינעסיטאַ, ווערט שטענדיק אַרויסגעהאָלפן אין איר שטודיום פון אירע עלטערן, ספּעציעל פון איר מוטער, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט איר בילדונג. אָבער, פאַר דער טעמע וועלכע זי דאַרף איצט צוגרייטן, האָט די מוטער אַליין רעקאָמענדירט, אַז זי זאָל אָנקומען נאָך הילף צו איר חתן, לי-לי. ער, איז זיכער באַהאַוונטער פון איר אין דער געשיכטע פּו־נעם מאַרס, און, אַזוי ווי לויטן רעגלאַמענט פון בילדונגס-מיניסטעריום דאַרף דער שילער אָנווייזן ביים עקזאַמען, צי ער האָט באַקומען עמיצענס הילף, און אַזוי ווי די עלטערן זענען באַרעכטיקט און אַפילו פאַרפליכטעט מיטצוהעלפן, איז לעצטנס אויך אַריין אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פון הילף — דער מאַן, די פרוי, אָדער חתן און כלה; אַזוי אַרום, אַז לי-לים מיטהילף וועט פאַר איר נישט זיין קיין שטערונג ביים אָנווייזן, ווער ס'האָט איר צוגעהאָלפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לי-לי הויבט-אָן אַרויסהעלפן הינעסיטאַן אין איר לעקציע. ער האָט גענומען זיך אויפן טיש ליגן עטלעכע ביכער, אין וועלכע ער גרייט זיך אַריינצוקוקן אין זיי אויב מ'וועט דאַרפן. הינעסיטאַ, האַלט אין דער

האַנט אַ דין פּלאַסטיש דרעטעלע — דאָס איז אַן אַטאָמישע פעדער וואָס וועגט ווייניקער ווי אַ גראַם און פאַרמאָגט „שרייב-שטאָף” — אַזאַ טינט, וועלכע קאָן סטייען אויף דריי יאָר. די דאָזיקע פעדער איז געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז מ׳קאָן מיט איר שרייבן אין זעקס קאָלירן, און איז אַזוי מאַגנעטיש געבויט, אַז ווען עס פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, קאָן מען עס —זיצנדיק ביים טיש—, אויפהייבן, נישט איינבויגנדיק זיך אויף איר צו געפינען. ס׳איז גענוג צו נעמען אַ וועלכע ס׳איז מטבע, אָדער מעטאַל אין דער האַנט, וואָס וועט באַלד צוציען דאָס פעדער צו זיך — מעג עס ליגן ווי ווייט פונעם טיש.

לי-לי הייבט-אָן ענטפערן אויף אירע פראַגעס:

— וויפל יאָר אונדזער פּלאַנעט מאַרס עקזיסטירט, איז נישטאָ קיין גענויע אויסרעכענונג. ביי אונדז, פונקט ווי ביי אייך, זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער לעבנס-עקזיסטענץ אויף אונדזער פּלאַנעט. אייניקע געלערנטע האָבן אויסגערעכנט, אַז דער פּלאַנעט מאַרס איז דער עלטסטער אונטער דער זון און ער עקזיסטירט שוין אַ מיליאָן יאָרן. קומען אַנדערע געלערנטע און ווייזן־אויף, אַז דער פּלאַנעט מאַרס איז אַלט אַרום צען טויזנט יאָר, נישט מערער. פאַרגעס נישט, טייערע, אַז ביי אונדז אויפן מאַרס, ווערט פאַר אַ יאָר גערעכנט פינף הונדערט זונען, ווי איר רעכנט עס אַלס טעג. און די דאָזיקע געלערנטע האָבן עס אַזוי אויסגערעכנט.

— איך וועל דיר, —זעצט פאָר לי-לי— אויך געבן אַ קליינע אויסרעכענונג וועגן אונדזער צייט-רעכענונג און וועגן די טעג וועלכע מיר רופן-אָן „פייערלעכע”. אין וועלכע מ׳אַרבעט נישט. מיר דאַכט זיך, אַז אויך אין דעם זין זענען מיר פּראַקטישער פון אייך. ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, פאַרמאָגט אונדזער קאַלענדאַר 500 טעג אין יאָר. דאָס יאָר איז איינגעטיילט אין צוואַנציק חלקים (ביי אייך רופט מען עס „מאָנאַטן”). די דאָזיקע מאָנאַטן זענען איינגעטיילט אין פינף „סעל-סי” (ביי אייך הייסט עס „וואָכן”). צו פיר טעג אין אַ סעל-סי. יעדער איינער פון אונדז —אַ שקלאַף, צי אַ הערשער— אַרבעט דריי טעג און דער פערטער איז אַ „רו-טאָג”. אין משך פון יאָר זענען פאַראַן 20 „פעסט-טעג”, אין וועלכע מ׳אַרבעט נישט, און ס׳איז אויסגערעכנט אויף אַזאַ אופן, אַז די „פעסט-טעג” זאָלן אויסקומען צוזאַמען מיט אַ רו-טאָג, אַזוי, אַז יעדער איינער רוט צוויי טעג נאָכאַנאַנד אין משך פונעם מאָנאַט. די „פעסט-טעג” האָבן פאַרשידענע נעמען, אָבער אַלע נעמען זענען באַצייכנט מיט

געשעעענישן פון וויכטיקע אַנטדעקונגען וואָס אונדזערע געלערנטע האָבן געמאַכט אויף פאַרשידענע געביטן.

— אומקערנדיק זיך צו דער געשיכטע פון אונדזער פּלאַנעט מאַרס, —זאָגט לי־לי.— לויט ווי אונדזערע געלערנטע ווייזן־אָן, איז אונדזער פּלאַנעט געווען זייער ווייט פון דער זון און דערפאַר איז אויף אים קיין לעבן נישט געווען. ביז אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט איז געקומען און האָט אַ שליידער־געטון מיטן מאַרס אויף מיליאָנען שעוועליע (קילאָמע־טער) ווייט און אונדז דערנענטערט צו דער זון, און פון די פריערדיקע קליינע ווערימלעך, דערנאָך גרויסע ווערים, און שפּעטער פון ווילדע באַ־שעפענישן האָט זיך אויסגעוויקלט דאָס, וואָס מיר זענען איצט — מענטשן.

— לויט די זעלבע געלערנטע, —אין דאָס אַלץ לערנען מיר אין אונד־זערע שולעס און אוניווערזיטעטן, זאָגט לי־לי— זענען אונדזערע ערשטע עלטער־עלטער זיידעס שוין געווען קלוגע, און פון די ערשטע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ האָבן זיי אָנגעהויבן פאָרשן דאָס לעבן און די מעג־לעכקייט צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן די עקזיסטענץ פון די איינ־וואוינער אויפן פּלאַנעט מאַרס. אונדזערע געלערנטע ווייזן אונדז אָן, אַז שוין הונדערטער יאָרן ווי מיר האָבן דערפונדן עלעקטריע, טעלעגראַף און טעלעפאָן, און דער עיקר — די מעדיצין און די סודות ווי אַזוי צו היילן אַ מענטש ווען ער ווערט קראַנק. מיר האָבן שוין מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק אויסגעפונען דאָס מיטל, ווי אַזוי צו פליען אין דער לופטן און דערפאַר האָבן מיר אַנטדעקט און אויסגעפאָרשט אַלע פּלאַנעטן אַרום דער זון. מיר האָבן אַנטדעקט דאָס לעבן אויף דער לבנה און דערנאָך — דאָס לעבן אויף דער ערד. לויט ווי מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, האָט אים נאָך זיין עלטער־עלטער פאָטער דערציילט וועגן דער „ערד" און וועגן דעם, אַז די מאַרס־איינוואוינער באַמיען זיך צוצוקומען צו דער ערד.

— די אידעע צו באַזיגן די ערד, —זאָגט ווייטער לי־לי— איז ערשט אַ נייע ביי אונדז. זינט מיר האָבן זיך איבערצייגט אַז ס'ווערן ביי אונדז וואָס אַמאָל ווייניקער און ווייניקער וואַסער־קוואַלן, און ס'קאָן קומען אַ טאָג ווען מיר וועלן בלייבן אָן וואַסער — זינט דעמאָלט האָבן אונדזערע געלערנטע און הערשער אָנגעהויבן טראַכטן צו באַזיגן די ערד. ס'איז פאַר אונדז געווען אומגלויבלעך און אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס עס זע־נען ביי אייך פאַראַן אַזעלכע גרויסן טייכן, אָדער, ווי איר רופט זיי — „ימים". מיר האָבן אַראָפּגעשיקט אונדזערע געוואַגטע פליער און מיט

גרויסע אָנשטרענגונגען האָבן זיי אונדז געבראַכט אַ „מוסטער" פון דעם דאַזיקן וואַסער, וואָס איז געווען זייער געזאַלצן. אָבער, אונדזערע געלערנטע האָבן באַלד אויסגעפונען, ווי אַזוי אַרויסצונעמען דאָס זאַלץ פונעם וואַסער, און... ס'האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט ביי אונדז דער חשק און אידעאַל צו באַזיגן די ערד און אַריינצוקריגן דאָס וואַסער פאַר אונדזערע איינוואוינער, און, דערביי האַלט עס ביז היינט צו טאָג.

לי־לי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט. דעם דאַזיקן מאָמענט האָט אויסגענוצט הינעסיטאַ, כדי אים צו שטעלן אַ פראַגע, צי די מאַרס־איינוואוינער גלויבן אין אַ גאָט.

— דו פרעגסט, הינעסיטאַ, —ענטפערט לי־לי— צי מיר גלויבן אין גאָט? אין עפּעס העכערס וועלכעס מען זעט נישט און מען הערט נישט? ניין! מיר ווייסן נישט און האָבן נישט געוואוסט וועגן דעם. אין אונדזערע אַלטע ביכער איז גאָרנישטאָ וועגן דעם. ערשט איצט, ווען ס'זענען געקומען צו אונדז אַ סך מענטשן און געלערנטע פון דער ערד און זיי האָבן אונדז אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם — האָבן פיל פון אונדזעריקע אָנגעהויבן גלויבן אין דעם. פאַראַן שוין ביי אונדז טויזנטער און טויזנטער מענטשן וואָס קוקן אַרויף צום הימל און בעטן ביי יענעם וואָס וואוינט העט־וויט, ווייטער איבער די הימלען — אַזוי האָט מען זיי אויסגעלערנט, אָדער איינגערעדט; און, אַזוי ווי ס'האָט שוין אַמאָל געטראָפן, אַז מ'האָט געבעטן אויף וואַסער און מ'האָט טאַקע געפונען ערגעץ אַ ברונים מיט וואַסער — איז דער דאַזיקער גלויבן נאָך שטאַרקער געוואָרן... וואָס אָנבאַלאַנגט אונדזערע געזעצן און אונדזערע הערשער, דערלויבן זיי יעדן איינעם צו טון מיט זיך און מיט זיין פאַרשטאַנד וואָס ער וויל. קיינער שטערט נישט קיינעם צו גלויבן, און קיינער צווינגט קיינעם נישט צו גלויבן אין דעם, אין וואָס ער גלויבט. אָט, למשל, זענען ביי אונדז פאַראַן פעלקער, וועמענס הערשער און הויפּט־הערשער גלויבן אין הימל און זייער פאָלק — די גרעסטע טייל פון זייערע איינוואוינער, גלויבן נישט אין דעם. פאַראַן אויך פאַרקערט: גאַנצע שטעט, גאַנצע פעלקער וואָס קוקן צוויי אָדער דריי מאָל אין טאָג אין הימל און זאָגן אַ געבעט און אַלע זייערע עלטסטע און הערשער גלויבן נישט אין דעם. קיינעם פון די הערשער וועט אָבער נישט איינפאַלן צו שטערן זייער פאָלק, זייערע ברידער און אַפילו שקלאַפן, נישט צו גלויבן אין דעם וואָס זיי, דאָס פאָלק, האַלט פאַר נויטיק.

הינעסיטאַ שטעלט לי־לין נאָך אַ פראַגע:

— זאָג מיר, לי־לי, ווי אַזוי ווערט רעגירט אייער פּלאַנעט מאַרס?

— ווי אַזוי איז איינגעטיילט אונדזער מאַכט? ווי אַזוי רעגירן מיר זיך?

— אונדזער גאַנצער פּלאַנעט איז נאָך נישט באַוואוינט. אַ טייל פון מאַרס איז נאָך נישט באַזעצט, ווייל דאָרט איז קיין טראָפּן וואַסער נישטאָ אין דער טיפעניש פון דער ערד. און אויף די באַזעצטע טיילן פון דעם פּלאַנעט, הערשן „עלצטע״ און „הויפּט-עלצטע״ און גאָר צום לעצט — פינף „הויפּטלינגען״ און איבער זיי — דער הויפּט-הערשער, דער „שאַליט״ (קעניג) פון אַלע איינוואוינער פון פּלאַנעט. דער דאָזיקער „שאַליט״ האָט די פולשטענדיקע און אומבאַגרעניצטע מאַכט. פאַראַן, אָבער, נאָך אַ גרעסערע מאַכט פון אים. דאָס זענען פינף „הויפּט-ריכטער״, פינף מענטשן, די געלערנטסטע און טאַקע עלצטע (אין די יאָרן) פון גאַנצן פּלאַנעט, וועמענס וואָרט און באַפעל —אין ציווילן לעבן— איז גרעסער פון דעם שאַליטס. זיי האָבן אַפילו אַ מאַכט אַראָפּנעמען ביים שאַליט דעם כבוד-באַנד פון האַלדז און אים אַנטקרוינען. מען קאָן אָבער דעם שאַליט קיין אַנדער שלעכטס נישט טון. קיין פיזישע שטראָף — אוודאי נישט. שוין אַ גענוגע שטראָף וואָס מען מאַכט אים פאַר אוים הערשער.

וועד קלויבט אוים אָט די פינף ריכטער?

דורך אַ „פּלעביציט״ פון דעם גאַנצן פאָלק פון אונדזער פּלאַנעט. עס שטימען אַלע — מענער, פרויען, קינדער פון 15 יאָר און אַפילו די שקלאַפן! דאָס איז דאָס איינציקע מאָל וואָס די שקלאַפן האָבן שטים-רעכט. און טאַקע, אָט די ריכטער זענען די איינציקע וואָס האָבן אַ מאַכט צו פאַרטיידיקן אַ שקלאַף אויב ער דערווייזט, אַז זיין בעל-הבית באַגייט קעגן אים אַן עוולה. אויב, אָבער, ער קאָן עס נישט דערווייזן — הייסט עס, אַז ער האָט געמאַכט אַ בילבול און געוואָלט פאַרשעמען זיין בעל-הבית. דאַן, דערוואַרט אים אַ שווערע שטראָף — ביז פאַרניכטעט ווערן.

אָט די פּריווילעגיע האָבן זיי, ווייל ביי אונדז איז דאָ אַ לעגענדע, אַז די גאַנצע מענטשהייט אויפן מאַרס האָט זיך אָנגעהויבן פון... די שקלאַפן. די לעגענדע ביי אונדז איז, אַז צוריק מיט טויזנטער יאָרן האָט זיך די וועלט אָנגעהויבן פון... מיקראָבן, פון די מיקראָבן איז געוואָרן גרעסערע חיהלעך און פון די חיהלעך האָט זיך אַנטוויקלט דער מענטש. אָט דער ערשטער מענטש איז פון אָנהייב אָן געבוירן געוואָרן צו... פאַרשקלאַפן דעם צווייטן. און דער ערשטער מענטש האָט שוין פאַר-שקלאַפט זיין צווייטן, דריטן און אַזוי ווייטער מענטשן!

דאָס, גלויב איך —פאַרענדיקט לי-לי— איז דאָס וויכטיקסטע פון

אונדזער געשיכטע, און ביים עקזאמען וועסטו ארויסנעמען אַ באַגריסונג פאַר דיין קענען אזוי גוט די געשיכטע פון „מאַרס". אַ האַלבע באַגריסונג —לאַכט לי-לי,— וועסטו מוזן מיר אומקערן!

איצט קומט דיין רייע. הויב מיר אָן דערציילן די וויכטיקסטע פּאַסירונגען פון דער ערד-געשיכטע, דער עיקר פון דער מאָדערנער טעכנישער אַנטוויקלונג פון דער ערד פאַר די לעצטע הונדערט יאָר.

הינעסיטאַ ווערט ערנסט און הויבט אָן איר „לעקציע":

אונדזער ערד-געשיכטע איז זייער אַ גרויסע און פאַרשידנאַרטיקע, זי איז אויך זייער... אַ בלוטיקע! ווען מיר, די קינדער פון היינטיקער צייט, לערנען אין אונדזערע שולעס די געשיכטע פון אונדזער ערד, הויבן מיר אַליין נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אזוי מיר האָבן געקאָנט דערלעבן צו דער היינטיקער פרידלעכער און גליקלעכער עפּאָכע פון אונדזער מענטשהייט.

אָנהויבנדיק פון די ערשטע דריי מענטשן אויף דער ערד —אזוי דערציילן אונדז די היסטאָריע-ביכער—, ביז צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָרן, דערציילט זיך נאָר וועגן בלוט! וועגן מאָרד און בלוט! שוין דער צווייטער מענטש אויף דער ערד, האָט דערהרגעט זיין ברודער צוליב קנאה. שפּעטער, לייענט מען בלויז וועגן מילחמות און בלוט! גאַנצע פעלקער און לענדער זענען אָנגעפאַלן איינס אויפן צווייטן און מען האָט זיך אויסגעקוילעט. ס'איז געווען גענוג, אַז איין הערשער —דעמאָלט האָבן זיי געהייסן „קעניג"— זאָל צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון ווערן אין כעס אויף אַ צווייטן הערשער און מ'זאָל זיך „דערקלערן" מילחמה און זיך מאָרדן און צעשטערן די שטעט.

שפּעטער, ווען די מענטשהייט האָט שוין אָנגעהויבן פּראָגרעסירן, —אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט— האָט מען זיך שוין געקוילעט מיט „באַרעכטיקטע מאָטיוון", צוליב מיסחר, אָדער צוליב פאַרכאַפּן דעם צווייטנס לאַנד; און כאָטש מ'האָט שוין געלעבט אין אַ געוויסער מאָדערנער צייט, האָט זיך נאָך אויף דער ערד געקאָנט געפינען אַ משוגענער מענטש, וועלכער איז געוואָרן הערשער פון אַ גרויס פאָלק און האָט אויסגעקוילעט מיליאָנען מענטשן און חרוב געמאַכט אַ האַלבע וועלט. ווען מ'באַזיגט אים נישט דעמאָלט — וואָלט די היינטיקע וועלט געווען איין גרויסער לאַגער פון מענטשלעכע שקלאַפן, טויזנטער מאָל ערגער ווי ביי אייך אויפן מאַרס.

און, אזוי ווי אונדזערע לערער דערציילן אונדז נישט קיין סך פון יע-

נע צייטן, ווייל מ׳שעמט זיך פאַר זיך אַליין, ווי אַזוי אונדזערע אַמאָליקע עלטערן האָבן געלעבט און אויסגעזען — ווייס איך דאָס אַלץ פון דעם וואָס מיין זיידעניו און מיין באָבעניו דערציילן מיר. אין די ביכער ביי אונדז, רעדט מען זייער ווייניק וועגן דער געשיכטע פון דער ערד... וועל איך דיר, טאַקע, בלויז איבערגעבן, וואָס דער זיידע האָט אונדז דער־ציילט.

איך וועל דיר דערציילן, ווי אַזוי אונדזערע זיידע און באָבע האָבן זיך פאַרגעשטעלט די היינטיקע צייט. זיי זענען שוין אויך דעמאָלט גע־ווען עלטערע מענטשן און האָבן אַפילו נישט געחלומט צו דערלעבן צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן דאָס, וואָס זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי וועט זיין; און, טאַקע, נישט קיין סך פון זיי האָבן עס דערלעבט. די מעדיצין אין יענע יאָרן — אַרום 1950—, איז נאָך געווען זייער הינ־טערשטעליק, און צוליב אַ קאַנסער, אָדער אַ שוואַך האַרץ זענען אויסגע־שטאָרבן מיליאָנען מענטשן.

אָט וועל איך דיר שילדערן עטלעכע עפּיזאָדן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך דעמאָלט פאַרגעשטעלט אונדזער היינטיק לעבן:

די בעל-הביתטע פון דער שטוב, וועלכע איז געווען אַ שקלאַף פון דער קיך ביים צוגרייטן דאָס עסן, ביים האַלטן ריין די שטוב, האָט גע־טרוימט, אַז מיר, די אייניקלעך, וועלן דערלעבן אַ צייט, ווען דאָס עסן פאַרשידענע מאכלים, ווי פיש, פלייש, גרינצייג, וועלן אָפּגעקאָכט ווערן „אַטאָמיש", אין עטלעכע מינוט. באַלד נאָכן עסן וועט מען דאָס געפעס — די טעלער און לעפל... אַרויסוואַרפן, ווייל זיי וועלן זיין פון פּאַפּיר, אָדער פון פּלאַסטישן מאַטעריאַל, און מ׳וועט פאַר זייער, זייער ביליק — קריגן אַנדערע...

די בעל-הביתטע איז געווען זייער מיד פון דער קיך, פון רייניקן די שטוב. מ׳פלעגט צונעמען אַ דינסט — אַ געהילף —, וועלכע פלעגט טון די אַרבעט פון דער בעל-הביתטע; אָבער, אין יענע יאָרן איז וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן דאָס קריגן אַזאַ דינסט. שפּעטער— איז שוין געוואָרן אוממעגלעך צו פאַרשאַפן זיך אַזאַ דינסט, און די בעל-הביתטע האָט גע־חלומט באַפרייט צו ווערן פון דער דאָזיקער שווערער שטוב-אַרבעט פון אַמאָל.

אַז מ׳זאָל אײַנגאַנצן נישט דאַרפן אַזוי פיל קאָכן און האָרעווען אין קיך; אַז מ׳זאָל נישט דאַרפן קאָכן קיין פיש און פלייש; אַז מ׳זאָל עס אַלץ פאַרוואַנדלען אין „פּילן". וועלכע האָבן דעם זעלבן טעם און די זעל־בע „וויטאַמינען" — וועגן דעם האָבן זיי נישט געחלומט.

אַז מ׳זאָל קיין טעלער נישט דאַרפן אַרויסוואַרפן, נאָר אַז מ׳זאָל אין קיך זיך באַנוצן מיטן לופט-שטראָם „בעסע״, וועלכער גיט איין בלאָז — ווערט אַלץ אויסגעוואַשן און תיכף אויסגעטריקנט — וועגן דעם האָבן זיי אַפילו נישט געחלומט.

אָט, למשל, —האָט מיר דער זיידע דערציילט—, אַז אין באָד-צימער זענען געווען צוויי קראַנען: איינער פאַר קאַלט וואַסער, און אַ צווייטער פאַר הייס וואַסער. ווען מ׳האָט זיך אָפּגעוואַשן און מ׳האָט זיך געדאַרפט אָפּטריקענען, פלעגט מען זיך באַנוצן מיט אַזאַ שטיקל „געוואַנט״, וואָס מ׳האָט גערופן „האַנטעך״. מיט אָט דעם דאָזיקן האַנטעך האָט זיך אָפּ-געטריקנט די גאַנצע פאַמיליע, און ווען ס׳פלעגט קומען אַ פרעמדער מענטש —אַ גאַסט— האָט ער זיך אויך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן האַנ-טעך וואָס איז דאָרט געהאַנגען. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַנטי-הי-גיעניש, און נישט איין מענטש, אָדער קינד האָט זיך דעמאָלט צוליב אָט דעם דאָזיקן בשותּפותדיקן האַנטעך אָנגעשטעקט מיט אַ שלאַפקייט.

היינט, אָבער, זענען ביי אונדז אין באָד-צימער אויך פאַראַן צוויי קראַנען, אָבער שוין מיט גאָר אַנדערע פונקציעס. פון איין קראַן קריגט מען אי קאַלט אי וואַרעם און הייס וואַסער. דאָס קריגט מען לויטן דריי מיט דער האַנט און לויטן נומער וואָס מ׳שטעלט-אָן. דער צווייטער קראַן איז פאַר אַ לופט-שטראָם. מיט איין דריי קריגט מען אַ ספּעציעל כעמישן וואַסער אויף צו וואַשן; מיט אַ צווייטן דריי — קריגט מען אַרויס אַזאַ לופט וואָס טריקנט אָפּ דאָס פּנים, דעם גאַנצן קערפּער, אָדער די הענט. דער דאָזיקער קראַן איז אַזוי צוגעפּאַסט, אַז ס׳קאָן אים נוצן אַ קינד פון צוויי יאָר, ווי אויך אַ גיגאַנט פון צוויי מעטער די הויך.

בכלל, אַז די לופט-שטראָמען וועלן שפּילן אַ גרויסע ראָל אין אונד-זער היינטיקער ערע — האָבן זיי זיך נישט פאָרגעשטעלט; אַז אַ דאַנק אָט די דאָזיקע לופט-שטראָמען, וועלן אונדזערע פאַרשידענע שפּייזן זיך האַלטן שטענדיק פריש; אַז אַ דאַנק אָט דעם דאָזיקן לופט-שטראָם וועלן מיר האָבן איינגעשטעלט די טעמפּעראַטור אין אונדזער הויז, אין יעדן צימער, לויטן עקזאַקטן גראַד, ווי אַזוי מיר וועלן וועלן — דאָס האָבן זיי אַפילו נישט געחלומט.

אָדער, איך וועל דיר דערציילן אַ צווייטן עפּיזאָד פון דער געשיכטע פון די ערד-איינוואוינער:

אַמאָל —ביז צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק— זענען די גרעסטע טייל הייזער פון די גרויסע און קליינע שטעט אויף דער ערד געווען געבויט אַזוי, אַז מ׳האָט זיי נישט געקאָנט רירן פונעם פּלאַץ. זיי,

דעמאָלט, האָבן אַפילו נישט געחלומט אַז ס'וועט קומען אַ צייט און מען וועט בויען די ווענט פון דער שטוב אויף אַזאַ אופן, אַז ווען מ'וויל צע־נעמט מען זיי, מ'לייגט זיי צענויף און מ'קלייבט זיך איבער מיט דער גאַנצער שטוב, מיט די ווענט און דאַך, מיט די טירן און פענצטער, מיטן מעבל און געשיר — מען קלייבט זיך אַריבער אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אין אַן אַנדער שטאָט און אַפילו אין אַן אַנדער לאַנד, און מ'שטעלט —אין צייט פון דריי טעג— צוריק צענויף די שטוב, מיט אַלע באַקוועמלעכ־קייטן, און אין וויניקער פון פופצן מינוט ווערט צו דער דאַזיקער שטוב צוגעטשעפּעט דער ראַדיאָ־טעלעוויזיע און טעלעפאָן־אַפּאַראַט, און אַלע מאָדערנע איינריכטונגען פון אַ מאָדערנער וואוינונג.

אַנדערע, מער פאַרמעגלעכע, טוען נאָך אַנדערש: זיי לאָזן איבער זייער הויז פריי פאַר יעדן איינעם וואָס וויל זי באַוואוינען, הענגען אויף אַ צעטל אויף דער טיר, אַז די שטוב איז פריי פאַר יעדן. זיי אַליין, נע־מען זייער פאַמיליע מיט די נוטיקסטע זאַכן, פליען אַרום מיט זייער ראַ־באָט־עראָפּלאַן איבער יעדער לאַנד, געפינען אויס אַ פּלאַץ וואָס געפעלט זיי, באַשטעלן אין אַ געשעפט די... ווענט פון זייער נייער וואוינונג, און ווייזן אַפילו אַן וועלכן קאָליר זיי ווילן פאַר יעדן צימער. די ווענט קומען שוין פאַרטיקע, מיט די באַשטעלטע קאָלירן. אַמאָל, —זאָגט דער זיידע— האָט מען די ווענט געדאַרפט פאַרבן לויטן קאָליר וואָס מ'האָט געוואָלט, און נישט שטענדיק איז די פאַרב אַרויס געראָטן...

גאָר ספּעציעל, זענען די ערד־מענטשן פון אַמאָל —פון ערשט נישט לאַנג— געווען הינטערשטעליק אין באַנוצן די לופט אין זייערע צימערן. זיי האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען, אַז די לופט אין אַ צימער פאַרלענגערט אָדער פאַרקירצט דעם מענטשנס לעבן. זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז אַ צימער אָן לופט —איבערהויפּט אַ שלאָף־צימער— שעדיקט דעם גאַנצן מענטשלעכן אָרגאַניזם, וועלכער ווערט שנעלער אָפּגעשוואַכט און... אָפּגעטויט. זיי, אונדזערע זיידעס, האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס'קאָן קומען אַ צייט, ווען יעדער צימער וועט האָבן אייגענע פרישע לופט, וואָס וועט אויטאָמאַטיש אַריין אין צימער, ווייל די פענצטער וועלן זיך אַליין עפענען און פאַרמאַכן — לויטן וועטער. בכלל וועט נישט זיין קיין איין צימער אויף דער גאַנצער ערד, וואָס וועט נישט האָבן קיין פענצטער. אַפילו צימערן דעפּאָזיטן וועלן אויך מוזן האָבן פענצטער.

גאָר ספּעציעל, האָט מען אַמאָל קיין אַכט נישט געלייגט אויף די באָד־צימערן, און ספּעציעל — פאַרן צימער פון מענטשלעכן געברויך.

אָפּט, זייער אָפּט זענען זיי געווען קליין און שמוציק, און נישט אין איין שלאָפּקייט זענען די דאָזיקע „צימערן" געווען די הויפּט-שולדיקע.

זיי, דעמאָלט, האָבן זיך אָפילו נישט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי די היינטיקן מאָדערנע קלאָזעטן וועלן אויסזען. מיין זיידעניו האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך אַמאָל אויסגעגליטש אין באָד-צימער און שיעור דעם קאָפּ צעבראָכן. דעמאָלט האָבן זיי נאָך נישט פאַרשטאַנען, אַז מ'קאָן דאָס באָד-צימער מאַכן מיט אַ שוואָמען-פּאָל, אַז ווען מ'גליטשט זיך אויס, בלייבט מען ליגן ווי אין אַ בעט...

נו, וואָס נאָך קאָן דיר צונויף קומען צו דיין עקזאַמען?

אונדזער מעדיצין האָט די לעצטע יאָרן שטאַרק פּראָגרעסירט. אָבער, אַ סך זאַכן האָבן מיר זיך אויסגעלערנט ביי אייך און ביי די לבנה-מענטשן. ביז צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָרן האָבן מיר נישט געוואוסט ווי אַזוי צו באַזיגן דעם הויכן בלוט-דרוק, און אַ סך מענטשן זענען דערפון געשטאָרבן יונגערהייט. מיר האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי צו פאַר־היטן דעם קערפּער פון אַ „קאַנסער", פון האַרץ-קראַנקייט. פאַראַן צענד־ליקער שלאָפּקייטן וואָס עקזיסטירן שוין היינט נישט, אָבער, אַמאָל האָבן זיי אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן אַ יאָר. אַ שטייגער, ווען איך זאָג דיר, אַז אַמאָל האָבן מענטשן „געמאָזלט", „געפּאָקט", געהאַט קינדער־פּאַראַליז, וואָלסטו געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס? איך אַליין וויים עס אויך נישט. אָבער, אַזעלכע שלאָפּקייטן זענען אויף דער ערד געווען, און... דערפון זענען געשטאָרבן מיליאָנען אַ יאָר!

צי, למשל, ווען איך דערצייל דיר וועגן אַ שלאָפּקייט אויף דער ערד, וואָס האָט געהייסן... — משוגעת.

דעם קראַנקן וואָס האָט געליטן דערפון, האָט מען גערופן „משוגע־נער", „צעדרייטער"; און כאָטש די דאָזיקע קראַנקייט איז געווען ווי אַלע חולאתן פון דער ערד, דאָך האָט מען פון אַזאַ שלאָפן מענטשן גע־לאַכט, און מ'האָט עס באַטראַכט פאַר אַ בזיון אין דער מישפּחה, ווען מ'האָט אין דער פאַמיליע אַזאַ קראַנקן געהאַט.

— אין וואָס איז באַשטאַנען די דאָזיקע קראַנקייט? — האָט לי-לי נייגעריק אַ פרעג געטון.

— דער קראַנקער, —ענטפערט הינעס— איז געווען געזונט אויפן גאַנצן קערפּער, אויסער — אויפן קאָפּ! ער האָט גערעדט נאַרישע רייד, האָט געטון זאַכן וואָס קיין נאָרמאַלער מענטש וואָלט נישט געטון, און איז בכלל געווען דער היפּוך דערפון וואָס אַ מענטש דאַרף זיין.

הונדערטער און טויזנטער יאָרן זענען געווען אַזעלכע קראַנקע און

מ׳האָט פאַר זיי קיין רפואה נישט געקאָנט געפינען, ביז, צוריק מיט צוויי צענדליק יאָר האָט אַ צפון-אַמעריקאַנער יידישער דאָקטער אַנטדעקט דעם מיקראָב וואָס מאַכט שלאָף אַזאַ מענטשן. ער האָט אויסגעפונען, ווי אַזוי דער מיקראָב קריכט אַריין, אינעם מוח פון מענטשן און ליגט דאָרט אַזוי פאַרבאַהאַלטן, אַז מיט קיין פשוטע ראַדיאָ-אַפּאַראַטן האָט מען אים נישט געקאָנט געפינען. דער דאָזיקער דאָקטער האָט פריער פּערפעקציאָנירט אַ ספּעציעלן מיקראָסקאָפּ, וואָס קאָן דורכלייכטן אַ שטיק אייזן, אָדער שטאָל פון אַ מעטער די גרעב. מיט דעם דאָזיקן מיקראָסקאָפּ האָט ער ביי אַ קראַנקן מענטשן געפונען באַהאַלטן דעם מיקראָב אין אַ ווינקעלע פונעם מוח, דערנאָך האָט ער אויסגעפונען אַ מיטל, ווי אַזוי צו פאַרניכטן דעם מיקראָב, און דער קראַנקער — דער משוגענער —, וואָס ערשט נעכטן האָט ער גערעדט נאַרישקייטן, אָדער געטון ווילדע זאַכן, איז מיט אַמאָל פולשטענדיק געזונט געוואָרן; און פון דעמאָלט אָן זענען שוין מער נישטאָ קיין משוגעים אויף דער ערד.

מער ווייניקער דאָס זעלבע איז ביי אונדז אויף דער ערד געווען דער פּראָבלעם מיט די ציין. הונדערטער און טויזנטער יאָרן האָבן די ערד-מענטשן געליטן פון ציין-ווייטיק. די ליידן האָבן זיך אָנגעהויבן פונעם ערשטן יאָר פון זייער געבוירן ווערן, ביזן לעצטן טאָג פון זייער לעבן. זעלטן, זייער זעלטן האָט געטראָפן, אַז אַ מענטש אין די מיטעלע, אָדער עלטערע יאָרן זאָל נישט ליידן פון ציין-ווייטיק; זאָל האָבן אַלע ציין אין מויל, און ביי אַ סך — זאָל פאַרמאָגן אַפילו איין צאָן אַן אייגענעם.

לויט ווי אונדזערע ביכער דערציילן אונדז, און לויט ווי דער זיידע און די באָבע האָבן אונדז דערציילט, זענען געווען ספּעציעלע דאָקטוירים וואָס האָבן... אַרויסגעריסן דעם מענטשנס ציין פון מויל — ווייל מ׳האָט זיי נישט געקאָנט אויסקורירן. געווען אויך אַנדערע מענטשן — זיי האָבן זיך גערופן „ציין-טעכניקער״—, וועלכע פלעגן פון ביינער אויסאַרבעטן קינסטלעכע ציין און די דאָקטוירים פלעגן זיי צופּאַסן צום מענטשנס מויל. דער זיידעניו און די באָבעניו אונדזערע, טראָגן נאָך ביז היינט צו טאָג אַזעלכע ציינער אין מויל, וועלכע מ׳קאָן אַרויסנעמען און... זיי אַוועק-לייגן אויפן טיש.

דאָס איז געווען אַמאָל. ביז ס׳איז געקומען אַ שוועדישער דאָקטער און האָט אויסגעפונען אַזאַ פליסיקייט, וואָס מ׳שמירט עס אָן אינעם מויל פונעם ערשט-געבוירן קינד; מען שמירט עס אין משך פון אַ חודש צייט און די ציינדלעך וואָס וואַקסן אַרויס דערנאָך, קומען אָן ווייטיק און אין משך פונעם גאַנצן לעבן פאַלן זיי נישט אַרויס און ווערן נישט קאַליע.

שפעטער איז געקומען אַ יאַפּאַנישער דאָקטער און האָט פערפעק־ציאָנירט דעם דאָזיקן מיטל. אויב אַ מענטש האָט געליטן אַן אַקצידענט און האָט צעבראָכן עטלעכע ציינער אין מויל, שמירט מען אַן מיט אַזאַ מין פלּיסיקייט, און מ׳קאָן מיט דער האַנט אַרויסנעמען דעם איבערגע־בליבענעם וואָרצל. אַ צווייטע פליסיקייט וואָס מ׳שמירט אָן — העלפט צוריק אַרויסוואַקסן אַנדערע ציינער. דאָס צוריק אַרויסוואַקסן פון די ציינער — האָט גאָרנישט וואָס צו טון מיטן עלטער פונעם מענטש!

אויפן בעסטן און שענסטן אופן האָבן אונדזערע וויסנשאַפטלייט גע־לייזט די פראַגע פון געבורט.

הונדערטער און טויזנטער יאָרן האָט די פרוי געליטן גרויסע ווייטיקן ווען זי האָט דאַרפט ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט. דער זיידע האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָס האָט גאָט אַזוי געשטראָפט די ערשטע פרוי אויף דער וועלט, ווייל זי האָט נישט געפאָלגט וואָס גאָט האָט איר גע־הייסן, אַז ביים געבוירן זאָל זי ליידן גרויסע ווייטיקן.

איז, צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָרן געקומען אַ יונגער מעדיקער פון בוענאָס־איירעס, און אויסגעפונען אַזאַ מין מיטל: אַ פשוטער גע־טראַנק, וואָס די פרוי טרינקט אוים ווען זי פילט אַז „די צייט איז געקו־מען" — און זי פילט נישט קיין שום ווייטיק, און דער געטראַנק איז אַבסאָלוט אומשעדלעך הן פאַר דער פרוי, הן פאַרן ניי־געבוירענעם קינד.

אין דער זעלבער צייט, האָט אַ בראַזיליאַנער יונגער דאָקטער אוים־געפונען דאָס מיטל, ווי אַזוי צו וויסן צי עס וועט זיין אַ זכר, צי אַ נקבה.

די גרעסטע אַנטדעקונג אויף דעם דאָזיקן געביט, האָט געמאַכט דער ישראל־פּראָפעסאָר, שמעון ערנסט. אַ דאַנק זיין דערפינדונג איז געלייזט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון עקרות. ביז זיין אַנטדעקונג זענען אויף דער וועלט געווען הונדערטער און טויזנטער פאַמיליעס וואָס האָבן קיין קינ־דער נישט געהאַט, מחמת דער מאַן, אָדער די פרוי זענען געווען קראַנק און אומפעאיק צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט.

דער דאָזיקער אַלטער פּראָפעסאָר האָט דערגרייכט דעם סוד אויף צו באַקעמפן דעם דאָזיקן קאַפּריז פון דער נאַטור. ער האָט אַנטדעקט דאָס מיטל צו באַקעמפן אָט די דאָזיקע טרויעריקע קראַנקייט, האָט פער־פעקציאָנירט אַזעלכע „פילן", וועלכע מאַן און פרוי דאַרפן איינעמען, און — זיין אַנטדעקונג איז געווען אַ פולשטענדיקער דערפאָלג.

פאַרענדיקנדיק, — זאָגט ווייטער הינעס — וועגן קראַנקייטן וואָס זענען געווען אויף דער ערד, און פון וועלכע ס׳האָבן געליטן מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, וועל איך דער דערציילן נאָך אַן עפּיזאָד.

אמאָל, אמאָל, —אַזוי האָט אונדז דער זיידעניו דערציילט—, ווען אַ מענטש האָט געליטן אַן אַקצידענט און האָט פאַרלוירן אַ סך בלוט, אָדער ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַזאַ מין חולאת, ווען ס׳האָט אים געפעלט בלוט, אָדער מ׳האָט אים —אין שפּיטאָל— אָפּערירט, צעשניטן הייסט עס, און אויסגעשניטן דאָס שלעכטס וואָס ער האָט געהאַט אין זיין קערפּער, אָבער, צוליב דער אָפּעראַציע האָט ער פאַרלוירן אַ סך בלוט —דאַן פלעגן קומען זיינע נאָענטע פריינט און מ׳האָט ביי זיי אויסגעצאַפּט אַ געוויסע מאָס בלוט. און אַמאָל האָט מען עס געדאַרפט טון עטלעכע מאָל נאָכ־אַנאַנד. און מ׳האָט דאָס בלוט אַריינגעשפּריצט, אַריינגעגעבן אינעם קראַנקנס קערפּער, וועלכער איז אַ דאַנק דעם פרישן בלוט וואָס מ׳האָט אין אים אַריינגעגעבן — געקומען צו זיינע כוחות.

געווען אָבער פאַלן, ווען דער קראַנקער האָט נישט געהאַט קיין איי־גענע וואָס זאָלן אים געבן זייער בלוט. געווען אויך פאַלן, ווען מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ סך, זייער אַ סך בלוט, ווייל ס׳איז געווען אַ גרויסער אַקצידענט, מיט אַ סך צעקאַליעטשעטע מענטשן. געווען אויך יאָרן פון מילחמה, ווען מ׳האָט אויף די שלאַכט־פעלדער געמוזט האָבן גאָר. גאָר אַ סך בלוט. דאַן פלעגט מען נעמען פרעמד בלוט. טויזנטער און מיליאָנען מענטשן פלעגן קומען פרייוויליק און זיך לאָזן אויסצאַפּן זייער בלוט. דאָס דאָזיקע בלוט פלעגט מען „פאַרקילן״ און עס געקאָנט פירן וואוהין מ׳האָט געדאַרפט, ווי אויך האָט מען עס געקאָנט האַלטן אין אַזאַ מין „אייז־קאַסטן״ וואָס די מענטשן האָבן דאַן גענוצט.

אַזאַ „פאַרקילט״ בלוט האָט געקאָסט זייער טייער און ס׳איז געווען שווער עס צו קריגן אין אַ גענוגנדיקער צאָל, ביז ס׳איז געקומען אַ צפון־אַמעריקאַנער דאָקטער, הערבערט מאַראַוועץ, און האָט אויסגעפונען אַ פּראָדוקט, פון וועלכן מ׳מאַכט „סינטעטישן״ בלוט וואָס פאַרבייט דאָס מענטשלעכע בלוט וואָס מ׳פלעגט אַריינגעבן דעם קראַנקן. שפּעטער איז געקומען אַ פאָרשער פון מדינת־ישראל און האָט נאָך מערער אויסגעבע־סערט דאָס דאָזיקע „אַרטיפיציעלע בלוט״.

היינט צו טאָג, איז שוין נישטאָ קיין פּראָבלעם פון בלוט; היינט זע־נען פאַראַן אַזעלכע „פילן״, וועלכע מ׳קריגט אין יעדער „געזונטהייט־גע־שעפט״ (אַפּטייק), און בלויז איין פילעכל וואָס מ׳שלינגט־איין ווען מ׳פילט זיך מיד אָדער שוואַך, באַקומט מען אַ פרישע פּאַרציע בלוט, וואָס גיט אַריין דעם מענטשן פרישע כוחות און מוט.

איך וועל נישט אויסרעכענען אַלע שלאָפקייטן, וואָס זענען געווען אויף דער ערד אין משך פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן. געווען

אזעלכע שלאַפקייטן, וואָס מיר, היינט צו טאָג, פאַרשטייען עס גאָרנישט ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען, אַז די געלערנטע פון דער ערד, די פאָרשער און וויסנשאַפטלייט, זאָלן תיכף נישט האָבן געפונען אַ מיטל צו דעם.

אָט, למשל, נעמט אַזאַ שלאַפקייט ווי... שלוקעכצן!

ווער פון אונדז אויף דער ערד, ווייסט היינט וואָס ס׳איז אַזוינס „שלוקעכצן”? סיידן די עלטערע מענטשן וואָס האָבן עס איבערגעלעבט. דער זיידעניו און די באָבעניו, האָבן מיר טאַקע דערציילט וועגן דער דאָזיקער קראַנקייט, וועלכע זיי פלעגן עס אַליין אָפט באַקומען. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז ס׳איז אַמאָל געווען אַ גרויסער קאַטוילישער גייסטלעכער וועלכער האָט זיך גערופן פיוס דער 12-טער, האָט ער זיך אַמאָל אַזוי צע־שלוקעכצט, אַז ס׳האָט ביי אים גענומען עטלעכע טעג, ביז ער איז געקו־מען צו־זיך. ער איז דאַן געווען אין אַ גרוים געפאַר צו פאַרלירן זיין לעבן צוליבן שלוקעכצן.

איצט, האָט מען אויסגעפונען פון וואָס עס נעמט זיך דאָס שלוקעכצן און, אין די מאכלים וואָס די וועלט עסט איצט, איז שוין פאַראַן אַזאַ מין וויטאַמין, וועלכער דערלאָזט קיינמאָל נישט אַז אַ מענטש זאָל אָנהויבן שלוקעכצן.

אַ צווייטע שלאַפקייט —כאָטש מ׳איז געווען געזונט און שטאַרק—, האָט געהייסן... „געגנעצן”.

פלוצלינג, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, האָט דער מענטש ברייט צעעפנט דאָס מויל און... געגנעצט. אין יענע יאָרן, איז געווען אַ באַ־ליידיקונג ווען מ׳איז געזעסן צווישן מענטשן —איבערהויפט אין אַ גע־זעלשאַפט פון פרויען— און מ׳האָט זיך צעגנעצט, כאָטש דער געגנעצער האָט עס געטון קעגן זיין ווילן!...

היינט, האָט מען שוין אויך אָט די דאָזיקע מחלה אויסגעהיילט! און דער זיידעניו, ווען ער וויל מיר ווייזן, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל געגנעצט, קאָן שוין אויך נישט!...

אחוץ די געוויינלעכע קראַנקייטן פון וועלכע מענטשן האָבן מיט יאָרן צוריק געוויינלעך געליטן; שלאַפקייטן, וואָס פלעגן קומען פון אי־בערעסן זיך, פון פאַרקילן זיך, אָדער פון טרינקען צו־שטאַרק קאַלטס אָדער הייס און צוליב טויזנטער אַנדערע סיבות, איז געווען דאָס ערגסטע, ווען אויף דער ערד האָט זיך פאַרשפּרייט אַ מגיפה, אָן עפּידעמיע, אַזאַ מין קראַנקייט וואָס האָט אָנגעשטעקט אַלע מענטשן, אַלע שטעט און אפילו אַלע לענדער.

וועגן איינער אַזאַ עפּידעמיע, דערציילן די געשיכטע ביכער, אַז זי האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער וועלט תיכף ווי ס׳האָט זיך געענדיקט די ערשטע וועלט-מילחמה, אין יאָר 1918; און אין דער דאָזיקער מילחמה זענען אומגעקומען אַרום זעקס, אָדער זיבן מיליאָן מענטשן; אָבער פון דער עפּידעמיע וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן און וועלכע מ׳האָט גערופן „די שפּאַנישע אינפלוענץ״, אָדער „די שפּאַנקע״ — ווייל זי האָט זיך אָנגעהויבן אין שפּאַניע — זענען אומגעקומען אַרום 15 מיליאָן מענטשן, דאָס הייסט — אין פיר חדשים זענען אומגעקומען צוויי מאָל אַזוי פיל מענטשן, וויפל אין פיר יאָר מילחמה. עס איז געווען אַ מין קללה אויף דער ערד, גאָר ספּעציעל איז געווען אַ קללה דאָס יאָר 1918, ווען „די שפּאַנישע אינפלוענץ״ האָט זיך באַוויזן. גאָר ספּעציעל איז די „אינפלוענץ״ געווען טויטלעך אינעם חודש יוני פון יענעם יאָר. הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען דאַן אומגעקומען פון איר.

דעמאָלט, האָבן די געלערנטע נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי קומט עס וואָס אָט די דאָזיקע עפּידעמיע בושעוועט אין איין און אין דער זעלבער צייט אין פאַרשידענע ווייטע איינע פון די אַנדערע שטעט און לענדער. ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין צוויי שטעט, וואָס געפינען זיך איינע פון די אַנדערע צענדליקער טויזנטער מייל די ווייט: אין דער שטאָט ברעסט, אין פראַנקרייך, אייראָפּע, און די צווייטע — באָסטאָן, וואָס האָט זיך געפונען ווייט, ווייט אין צפון-אַמעריקע, איז אין איין און זעלבן טאָג פון דער זעלבער עפּידעמיע, מיט די זעלביקע סימנים, ווי אַזוי די דאָזיקע שלאַפקייט „אָפּערירט״ און טויטעט יעדן קראַנקן, זענען אין די אויבנדערמאָנטע שטעט אין יענעם טאָג געשטאָרבן עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן.

נאָך גרויס מי, פון די גרעסטע דאָקטוירים פון יענער צייט, איז די עפּידעמיע פאַרשוואונדן סוף יענעם יאָר. שפּעטער מיט יאָרן, זענען געווען אַנדערע אַזעלכע „אינפלוענציעס״, ווי די „אַזיאַטישע״, וועלכע האָט אויך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און קראַנק געמאַכט מיליאָנען מענטשן, אָבער אַלע — די גרעסטע טייל פון זיי — זענען נאָכן אָפּליגן צוויי וואָכן אין בעט, געזונט געוואָרן.

איצט, שוין דרייסיק יאָר, ווי די ערד ווייסט נישט וואָס ס׳הייסט „עפּידעמיע״, אָדער „אינפלוענץ״. די „ק. ק. ל.״-פילן פאַרהיטן פון וועלכע ס׳איז צוקילונג און אינפלוענץ״.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מיר דאַכט זיך, טייערער לילי, — רופט זיך אָן צו אים, מיט ליבע,

הינעסיטאַ — אַז איך האָב דיר שוין איבערגעגעבן וועגן אונדזער ערד אַזוי פיל, אַז דו וועסט שוין קאָנען אַרויסנעמען אַ באַגריסונג פון דיינע לערער פאַר דיין קענטעניש פון דער ערד און איר געשיכטע. איך וועל דיר נאָר צוגעבן אַ פּאָר מינדערוויכטיקע ידיעות, וואָס דער זיידעניו האָט מיר דערציילט, למשל:

ביז צוריק מיט פופציק יאָר, האָבן פון יעדע צען טויזנט מענטשן אויף דער ערד, בלויז איינער געהאַט אַן אייגענעם אויטאָ. עראָפּלאַנען, האָבן קיין פּשוטע מענטשן כמעט ווי נישט געהאַט.

היינט, האָט יעדע פאַמיליע צוויי אָדער דריי דזשעט־עראָפּלאַנען, און אויטאָמאָבילן פאַרמאָגט יעדע פאַמיליע, ווי אָרעם זי זאָל נישט זיין.

אַמאָל — אַזוי דערציילט דער זיידעניו —, האָט מען גענוצט אַזאַ מין פליסיקייט וואָס האָט געהייסן „נאַפט", אָדער „אויל", און מיט אָט דעם דאָזיקן נאַפט האָט מען געטריבן די מאַשינען אין די פאַבריקן און די אויטאָמאָבילן מיט די עראָפּלאַנען אויף צו פאָרן און פליען.

היינט — ווייסן מיר גאָרנישט, ווי אַזוי אָט דער דאָזיקער נאַפט זעט אויס. חוץ דעם האָט ער זייער טייער געקאָסט, ווייל מ'האָט אים געדאַרפט אויסגראָבן פון דער טיפעניש פון דער ערד. היינט, האָט מען איינגעשפּאַנט די שטראַלן פון דער זון און זיי טוען פאַר אונדז די אַרבעט פונעם אַמאָליקן נאַפט. די שטראַלן קאָסטן אַ סך ביליקער, זענען פאַראַן לרוב וויפל מ'וויל און מ'דאַרף, און זיי — די שטראַלן — זענען אויך געזינטער פאַרן מענטשלעכן אָרגאַניזם. דער פריערדיקער נאַפט האָט פשוט פאַרסמט די לופט און די אַטמאָספער.

מיר, די ערד־מענטשן, באַנוצן איצט די זונשטראַלן צו יעדער קלייַנער און גרויסער אונטערנעמונג. אונדזער גאַנצע עלעקטריע, אונדזער ראַדיאָ, טעלעוויזיע, ווי בכלל דאָס גאַנצע לעבן איז געוואָרן עלעקטראָניש פאַרבונדן מיט די זונשטראַלן און פירן־אָן מיט אונדזער לעבן אויף דער ערד.

דאָס מערקווירדיקסטע איז: מיר דאַרפן נישט וואַרטן אויף אַ „שיינעם טאָג", אַז די זון זאָל שיינען און מיר זאָלן קאָנען אויפכאַפּן אירע שטראַלן. אונדזערע וויסנשאַפטמענער האָבן אויסגעפונען, ווי אַזוי צו קריגן די זונשטראַלן אין אַ פאַרוואָלקנדיקן, אָדער רעגנדיקן טאָג. די זונשטראַ קומען במילא אַריין אין דער „דעפּאָזיט", וואָס ס'איז פאַר זיי צוגעגרייט, און זיי טוען זייער נוצלעכע אַרבעט.

צווייטער טייל

אין איינעם פון די גרעסטע סאַלאָנען פון בוענאָס-איירעס — די הויפּטשטאָט פון די פּאַראייניקטע פעלקער פון די זיד-אַמעריקאַנער לענדער — גרייט מען היינט צו אַ גרויסן יום-טוב. „אָפיציעל", הייסט עס, אַז די פאַמיליע קוק פּראַוועט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן דאָס פּאַרקנסן פון זייער טעכטערל הינעס, מיטן מאַרסיאַנער סטודענט לי-לי; אומאָפיציעל, איז עס אַ יום-טוב פון דערנענטערונג און איינפאַרשטענדעניש צווישן די פּירער און רעגירער פונעם ערד-פּלאַנעט, מיט די מעכטיקע הערשער און ווימנשאַפטליים פון דער לבנה און מאַרס.

צוליב דעם, וואָס לי-לים פאָטער איז איינער פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן און הערשער אויפן מאַרס, האָט דער עקזעקוטיוו פון דער וועלט-רעגירונג באַשטימט אויסצונוצן די דאָזיקע פּריוואַטע שימחה, וועלכע מ'האָט געזאָלט פייערן אין אַן ענגן, אינטימען קרייז און זי פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן צוזאַמענקום פון הערשער און ווימנשאַפטלייט פון אַלע דריי פּלאַנעטן וואו עס וואוינען מענטשן, און פּרוווון ווירקן אויף די מאַרס-הערשער, אַז זיי זאָלן אויפהערן מאַכן פּלענער אויף צו אַטאַקירן און באַהערשן דעם ערד-פּלאַנעט.

אינעם זאַל, וואו די שימחה קומט פאָר, קאָנען גאַנץ באַקוועם זיך אויסזעצן אַרום די טישן בערך אַ צען טויזנט געסט. דער סאַלאָן איז געבויט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער איינער — וואו ער זאָל נאָר נישט זיצן — קאָן זען און הערן דעם צווייטן, ווען אַפילו דער צווייטער זיצט אין אַ צווייטן עק זאַל. דער גאַנצער זאַל — מיטן אויסנאַם פונעם פּאָל, וואָס איז אויסגעבעט מיט פיינע פּלושענע טעפּיכער — איז אויסגעבויט פון שפּיגלען, און ס'איז געווען אַז איר זאָלט ערגעץ אַ בליק טון, זעט איר יעדן איינעם, פּונקט ווי ער וואָלט געזעסן אַקעגן אייך.

דאָס זעלבע איז מיטן ריידן. די בענקלעך און די טישן זענען עלעקטראָניש אַזוי צוגעפּאַסט, אַז ס'איז געווען, ווען איר דאַרפט האַלטן אַ דרשה, אַז איר זאָלט אייער האַנט אַרויפלייגן אויפן „ריינעם" טיש (אָן דעם צודעק פון אויבן), וועט מען אייער שטימע הערן איבערן גאַנצן זאַל. די עלעקטרישע וואַרעמקייט פון אייער נאַקעטער האַנט ווערט מעכאַניש

„קאָנעקטירט״ מיט דער עלעקטריציטעט פונעם טיש, און פאַרגרעסערט הונדערט-פאַכיק דעם טאָן פון אייער שטימע.

פאַר די געסט פון דער לבנה און מאַרס, איז די דאָזיקע אַנטדעקונג געווען אַ נייעס, און מ׳האָט יעדן חשובן גאַסט געמוזט אויפקלערן ביים אַריינקומען אינעם זאַל, אַז אויב ער וויל רעדן, דאַרף ער „פאַרבינדן״ די האַנט מיטן טיש...

דאָס איינציקע וואָס די געסט האָבן נישט געוואוסט און וואָס ס׳איז געווען אַ שטרענגער סוד, איז, אַז די טישן זענען אויך עלעקטראָניש פאַרבונדן מיט אַ „גראַוויר-אַפּאַראַט״, און ווען צוויי מענטשן —ספּעציעל פון די אַנדערע פּלאַנעטן— רעדן צווישן זיך, ווערן זייערע ווערטער גראַווירט און קאָפּירט וואָרט ביי וואָרט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַרום פינף אַזייגער זענען די באַדינער און באַדינערינס פּאַרטיק געוואָרן מיטן אויסשטעלן די טישן און דעם „כיבוד״ אויף דיזעלבע. דאָס מאָל האָבן די אָרגאַניזירער פונעם יום-טוב, אַנגעשטעלט מער פרויען — און די שענסטע פון לאַנד— אַלס באַדינערינס. די קעלנער און קעלנערקעס זענען אויך געווען גוטע, ערשטקלאַסיקע אַרטיסטן און אַקטיאָרן, געשולטע אַקראָבאַטן און קונצנמאַכערס, און אַ טייל פון זיי געשולטע... דעטעקטיוון און פּראָפעסאָרן פון פּסיכיאַטרישע אוניווערזיטעטן... די לעצטע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו שטודירן די פּנימער, די שטריכן און אויסדרוקן פון די באַוועגונגען פון די לבנה- און מאַרס-געסט, און צושטעלן אַ באַריכט צום שוץ-דעפּאַרטאַמענט.

פופצן מינוטן נאָך פינף, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מענטשן אין זאַל. די ערשטע איז געקומען די גאַנצע פאַמיליע פון הערי קוק, זיידעס און באָבעס און חתן-כלה. זיי זענען געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג פונעם זאַל, כדי אויפצונעמען די געסט.

פונקט פאַרקערט ווי ס׳איז געווען איינגעפירט אויף אַלע אַנדערע אַקטן און שימחות, אַז ווען אַ גאַסט איז אָנגעקומען האָט ער, ביי דער טיר, געהערט אויסרופן זיין נאָמען און דעם נומער פונעם בענקל אויף וועלכן ער דאַרף זיך זעצן (יעדער איינער האָט געהאַט זיין באַשטימטן פּלאַץ פון פריער) — האָט מען איצט געמאַכט אַן אויסנאַם. מ׳האָט בלויז געמעלדעט דעם נאָמען פון גאַסט; זעצן זיך — האָט מען געקאָנט וואו מ׳האָט נאָר אַליין געוואָלט. דאָס האָט מען באַוואָרנט, אַז די געסט פון דער לבנה און מאַרס זאָלן זיך פריי קאָנען באַוועגן און זיצן מיט וועמען און נעבן וועמען זיי ווילן. מ׳האָט דערמיט אויך געוואָלט „באַרואיקן״

די אויבנדערמאָנטע געסט, אויב יענע וואָלטן חושד געווען, אַז זייער פון פאַרויס באַשטימטער פּלאַן האָט אַ וועלכע ס'נישט איז פאַרבינדונג מיט אַ מיקראָפאָן, און זיי וואָלטן מורא געהאַט צו ריידן צווישן זיך...

אַז מ'קאָן עלעקטראָניש פאַרבינדן דעם גאַנצן זאַל מיט אַ גראַוויר־אַפּאַראַט — דאָס וועט זיי זיין זייער שווער צו גלויבן. ספּעציעל, ווען זיי, די מאַרסיאַנער און לבנה־געסט זענען אין זאַל גאָר אַ קליינע מינאָריטעט.

דער אָפיציעלער טייל פון דער פייערונג איז געווען געמעלדעט אויף זעקס אַזייגער. אָבער, אַ האַלבע שעה פריער פאַר דער אָנגעוויזענער שעה, זענען שוין די וויכטיקסטע געסט פון דעם יום־טוב געווען אין זאַל. עס זענען געקומען אַלע שוץ־מיניסטאָרן פון די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד; עס זענען געקומען אַלע פּרעזידענטן פון די וויכטיקסטע אוניווערזיטעטן פון דער ערד; עס זענען געקומען וויסנשאַפטלייט, פאָרשער און אַנטדעקער, און גאָר ספּעציעל, זענען געקומען טעכניקער פון די לאַבאָראַטאָריעס און באַזעס פון די פאַרשידענע שטראַל־און בליץ־באָמבעס.

פון די מאַרסיאַנער און לבנה־פעלקער, זענען אויך געקומען די וויכטיקסטע הערשער און געלערנטע. זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ סך באַדינער און שקלאַפן — ווי ס'איז געווען זייער מינהג, ווען זיי פלעגן אַרויספליען אויף יאַגד און פאַרוויילונג. די פּסיכיאַטער־עקספּערטן צווישן די „דינער" און „באַדינערינס" האָבן לאַנג נישט געדאַרפט אָבסערווירן זייערע מאַרסיאַנער „קאַלעגן" און אַפילו די שקלאַפן וואָס די הערשער האָבן מיטגעבראַכט, כדי פעסטצושטעלן, אַז ס'האַנדלט זיך נישט וועגן קיין פּשוטע באַדינערס, נאָר וועגן גענייטע געלערנטע און שפּיאָנען.

צווישן די ערשטע מאַרסיאַנער געסט זענען געווען די עלטערן פון לי־לי: זיינע ברידער און שוועסטערס, נאָענטע און אַפילו ווייטע פריינט.

מיטן אויסנאַם פון לי־לים פאָטער, מוטער און עלטסטער ברודער — האָבן זיך אַלע געסט אויסגעזעצט אַרום די טישן. לי־לים עלטערן און זיין עלטסטער ברודער זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פונעם זאַל און האָבן פריינדלעך באַגריסט די אָנקומענדיקע געסט.

דאָס געבן זיך די הענט, איז שוין פון לאַנג געווען אָפּגעשאַפט צווישן די ערד־מענטשן, נאָכדעם ווי די געלערנטע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון די קראַנקייטן ווערן אַריבערגעטראָגן פון מענטש צו מענטש דורך דעם האַנט־דרוק און דורכן קושן זיך. נישט אויפן מאַרס און נישט אויף דער לבנה זענען פּראַקטיצירט געוואָרן די דאָזיקע מינה־

גים. אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ, אַ שמייכעלע אויפן פּנים, איז געווען דער בעסטער אופן פון באַגריסן און גריסן. די גאַר נאָענטע, האָבן די מאַרסיאַנער באַגריסט אַרויפלייגנדיק די רעכטע האַנט אויפן רעכטן אַקסל. האָט, אָבער, עמיצער אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויפן צווייטנס לינקן אַקסל — האָט עס געהייסן, אַז ער צעקריגט זיך מיט אים; וויל אים נישט קענען, און וואָרנט אים, אַז ער זאָל אים אויסמיידן. גלאַט אָנפאַלן אויף יענעם און אים טויטן, אָדער שלאָגן, האָט מען נישט פּראַק־טיצירט. ס'איז געווען אַ גרויסער בזיון און באַליידיקונג פאַרן אָנגריי־פער, אָנצופאַלן אויף אַ צווייטן —פון זיינס גלייכן— און אים, אָן אַ פאַר־אויסיקער וואָרענונג, אים שלאָגן אָדער טויטן.

דעם דאָזיקן מינהג, פון אַרויפלייגן די האַנט אויפן לינקן אַקסל, האָבן דערנאָך איבערגענומען אַ סך ערד־פעלקער, ספּעציעל די פעלקער פון אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע. זיי האָבן אים דערנאָך אויסגעבריי־טערט און פאַרשענערט. זיי האָבן אים רעפאָרמירט אויף אַזאַ אופן:

אויב דער קעגנער, וועלכער באַקומט אַזאַ האַנט אַרויפגעלייגט אויף זיין אַקסל לייגט אויך אַרויף זיין האַנט אויפן צווייטנס אַקסל — איז אַ סימן, אַז ער נעמט אָן די אַרויסרופונג פון „איבעררייסן די באַציאונגען"; אויב, אָבער, ער נעמט אַראָפּ יענעמס האַנט פון זיין אַקסל — איז אַ סימן, אַז ער פילט זיך אומשולדיק, און יענער איז מחויב צו גיין מיט אים צו אַן אָפיציעלן אָדער חברלעכן געריכט... אין אַ סך פאַלן פלעגט טאַקע טרעפן, אַז דער רוגז איז געווען אַן אומזיסטער, אָדער אַ נישט גענוג באַ־רעכטיקטער.

פונקט זעקס אַזייגער האָט זיך אָנגעהויבן די שימחה. מיט צען מי־נוט פריער, האָט לי־לי געמעלדעט זיין צוקונפטיקן שווער, דעם ה' הערי קוק, אַז זיינע עלטערן — ספּעציעל זיין פאָטער— איז געקומען צו דער שימחה... נישט ווי אַ פריינט! זיין פאָטער גלויבט נאָך אַלץ, אַז ער, לי־לי, שפּילט דאָ טעאַטער. זיין פאָטער, ווי אַ טייל אַנדערע געסט, זענען געקומען מיט שטרענגע אינסטרוקציעס פונעם „שאַליט", אויסצופאָרשן און אויסצושפּיאָנירן די לעצטע פּאַרטיידיקונגס־דערפינדונגען פון דער ערד און פעסטשטעלן די שוואַכע פונקטן, אויף וועלכע מ'קאָן אָנהויבן אַן אַטאַקע. לי־לי וואָרנט אויך דעם ה' קוק, אַז זיין פאָטער און כמעט אַלע הערשער־ געסט פונעם מאַרס וואָס געפינען זיך אין זאַל, טראָגן מיט זיך אין די קעשענעס —און די פרויען טראָגן אין די געדיכטע האָר פון זייע־רע קעפּ— ספּעציעלע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אויף צו „וואַשן" די געדאַנקען

פון די ערד-הערשער. אַנדערע הערשער, טראָגן בריליאַנטענע רינגען אויף די פינגער און מיליטערישע אויסצייכענונגען אויף זייערע ברוסטן, און די דאָזיקע רינגען און מעדאַלן זענען: ראַדיאָ-רעספּטאָרן, אָדער פּאָטאָ-אַפּאַראַטן. פאַראַן אַ ספּעציעלער באַפעל פונעם „שאַליט" און הויפּט-הערשער פון מאַרס, אַז מ'זאָל פאָטאָגראַפירן אַלע שוץ-מיניסטאָרן, זייערע פאַרטרעטער און געהילפן וואָס וועלן זיך געפינען אויף דער שימחה. אין אַנגריפס-פּלאַן איז פאַראַן אַ פונקט, אַז אַ פּאָר שעה פאַר דער אַטאַקע זאָל מען אומשעדלעך מאַכן, דורך סעקוועסטרירן אָדער אַנדערע מיטלען — טויטן, אַריינגערעכנט— אַלע וויכטיקע מיליטערישע און ציווילע שוץ-טעכניקער, מיניסטאָרן און מיליטער-לייט.

די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער דאָזיקער „אָפּעראַציע", איז שוין געווען טעטיק אין אַלע וויכטיקסטע הויפּטשטעט פונעם ערד-פּלאַנעט. אירע אָנפירער זענען געווען סעלעקציאָנירט צווישן די לבנה-מענטשן, סימפּאַטיזירער מיט די מאַרס-איינוואוינער און פאַררעטער פון זייער אייגן לאַנד. ס'זענען אויך געווען אין דער אָרגאַניזאַציע ערד-מענטשן, וועלכע האָבן צום גרעסטן טייל נישט געוואוסט דעם ענד-ציל פון זייער טעטיקייט פאַר דער אויבנדערמאָנטער אָרגאַניזאַציע. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע ערד-מענטשן האָבן געאַרבעט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פאַר מורא אַז ס'זאָל עפּעס נישט געשען קיין שלעכטס זייערע קינדער און אייניקלעך, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן מאַרס קעגן זייער ווילן. מ'האָט זיי אַהין אַרויפגעשיקט פאַרנאַרנדיק זיי אויף אַ שפּאַציר, און פון דאָרט האָט מען זיי געצוואונגען צו שרייבן צו זייערע עלטערן, אַז זיי זאָלן פאָלגן דאָס וואָס מ'הייסט זיי.

די ערד-רעגירונגען האָבן געוואוסט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און פון אירע טעטיקייטן; האָבן געוואוסט וועגן די מיטלען מיט וועלכע מ'צווינגט מיטצואַרבעטן מיט איר, און האָבן אַפילו געהאַט אַ פולשטענדיקע ליסטע פון די מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע... די ערד-רעגירונגען האָבן געהאַט אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זייערע אייגענע שפּיאָנען און אַ גרעסערע צאָל לבנה-מענטשן וואָס האָבן געדינט און „געאַרבעט" פאַר די מאַרסיאַנער, און... געדינט די ערד-מענטשן.

דער הויפּט-שטאַב פון אָט דער אָרגאַניזאַציע האָט עס געגעבן דעם באַפעל, אַז מ'זאָל אים צו שטעלן די פאָטאָגראַפיעס פון אַלע פערזענלעכקייטן וואָס וועלן זיך געפינען אויף דער דאָזיקער גראַנדיעזער שימחה.

צום סוף, האָט לי-לי געמעלדעט דעם ה' קוק, אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז נאָך דער שימחה זאָל מען פאַרנאַרן אויף אַ שפּאַציר אין די ראַ-

באַטס עטלעכע פאַרשער, וויסנשאַפטליט און דערפינדער. ספּעציעל, איז פאַראַן אַ ליסטע פון טעכניקער פון די זונשטראַלן־באָמבעס. וועלכע וועלן דאָ היינט זיין אויף דער שימחה און וועלכע מ׳וויל האָבן אויפן מאַרס — מיט גוטן אָדער מיט בייזן.

מיטן וויסן און מיט דער צושטימונג פון ה׳ קוק, האָט לי־לי קאָפּירט און איבערגעגעבן זיין פאָטער די נעמען פון אַלע געסט וואָס וועלן זיך געפינען אויף דעם יום־טוב — אַזוי האָט זיין פאָטער געפאָדערט. געהייסן האָט עס, אַז לויטן „גראַד״ פון די ערד־געסט וואָס קומען צו דער שימחה — וועלן קומען געסט פונעם מאַרס. לי־לים פאָטער האָט אויך פאַרגעלייגט, אַז מ׳זאָל אויסזעצן די געסט לויט זייער „גראַד״, און אַז נעבן יעדע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייט — הערשער, אָדער וויסנשאַפטמאַן — פון מאַרס, זאָל מען זעצן אַן ענלעכע פּערזענלעכקייט פון דער ערד. ער האָט שטאַרק געפאָדערט, אַז מ׳זאָל זיי אויסזעצן אויף אַזאַ אופן; אָבער, ער האָט עס נישט געקאָנט דערגרייכן און פועלן ביים ה׳ קוק, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז יעדער איינער זאָל זיך זעצן וואו ער וויל און שמועסן מיט וועמען ער וויל...

ווען לי־לי האָט גערעדט מיטן ה׳ קוק און האָט אים דאָס אַלץ דערציילט, האָבןביידע געשמייכלט און געמאַכט אַזעלכע זשעסטן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געשפּאַסט אָדער גערעדט וועגן הינעסיטאָן, אָדער וועגן דער שימחה וואָס גרייט זיך תיכף אָנצוהויבן. זיי זענען ביידע זיכער געווען, אַז פון דערוווייטנס שטודירט מען זייערע פּנימער, זייערע געזיכט־אויסדרוקן און אַפילו די באַוועגונגען פון זייערע ליפּן. דערפאַר האָבן זיי אין מיטן ערנסטן שמועס, זיך הויך צעלאַכט; און, אָט, אַזוי לאַכנדיק, האָט אים דער ה׳ קוק געדאַנקט פאַר דער אינפאָרמאַציע; האָט אים באַרואיקט און אים פאַרזיכערט, אַז אַלץ איז אין פּערפעקטער אָרדענונג. גאָר ספּעציעל זאָל ער רואיק זיין וועגן דאָס פאַרנאַרן אָדער סעקוועסטרירן עמיצן פון די געסט. קיין שום ראָבאָט־ראַקעט, מיט וועלכע די מאַרס־געסט זענען געקומען צו דער שימחה, וועט זיך נישט קאָנען אויפהויבן אָפּצופליען, אויב ער וועט אינעווייניק פירן „אַ פרעמדן״ פּאַסאַזשיר. ס׳זענען אָנגעגרייט און אָנגעשטעלט געוואָרן אַזעלכע ראַדאַרשטראַלן, וואָס וואָלטן ערשטנס: באַלד אָנגעמאַכט אַן אַלאַרם, ווי נאָר אַ פרעמדער וואָלט זיך אַריינגעזעצט אין אַזאַ ראָבאָט; צווייטנס: די טיר פון ראָבאָט וואָלט זיך נישט געקאָנט פאַרמאַכן, און דריטנס,— און דאָס וויכטיקסטע: דער ראָבאָט וועט זיך נישט קאָנען אויפהויבן פון דער ערד מיט אַ פרעמדן פּאַסאַזשיר. אין שוץ־מיניסטעריום האָט מען

באַקומען אַ ידיעה וועגן די פּלענער פון צוגרייטן אַ סעקוועסטרירונג, און מ׳האָט אָנגענומען די נויטיקע מיטלען.

וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס פאָטאָגראַפירן מיינע געסט, וועלן די מאַר־סיאַנער הערשער, נעבעך, איבערלעבן אַן אַנטוישונג ווען זיי וועלן זיך צוריקקערן אַהיים און וועלן זיך איבערצייגן, אַז זייערע פאָטאָ־אַפּאַראַטן האָבן... גאָרנישט אויפגעכאַפּט, אָדער בעסער געזאָגט: די „סינטע״ אויף וועלכער ס׳האָבן געדאַרפט פאָטאָגראַפירט ווערן די פנימער פון אונדזערע ערד־געסט, איז אין אַפּאַראַט צעשטערט און אומשעדלעך גע־וואָרן. מעגלעך, זון מיינער, — פאַרענדיקט ה׳ קוק מיט לי־לין זיין שמייכ־לענדיקן שמועס. — מעגלעך, אַז דאָס וועט זיין נאָך איין אַרגומענט פאַר דיינע מאַרסיאַנער ברידער, אַז מיר, די ערד־מענטשן זענען וויסנשאַפט־לעך, טעכניש און קריגעריש שטאַרקער און אַנטוויקלטער פון זיי, און אָנהויבן מיט אונדז אַ קריג — הייסט באַגיין זעלבסטמאָרד.

דערווייל, נעם דיין כלה, זעצט זיך אויבנאָן, וואו ס׳איז אָנגעגרייט אַ פּלאַץ פאַר אייך. כל־זמן איר וועט זיצן אויף אייערע שטולן, וועט — עלעקטראָניש — קיינער קיין שליטה נישט האָבן איבער אייך און מ׳וועט נישט קאָנען „וואַשן״ אייערע מוחות. די „אומשולדיקע״ שטולן וועלן עס שוין באַוואָרענען!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ לייכטער קלאַנג וואָס מ׳האָט געהערט איבערן גאַנצן זאַל, האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער יום־טוב הויבט זיך אָן. אויף די טישן זענען שוין געווען אויסגעשטעלט הונדערטער פאַרשידענע טעלערס מיט „מאַ־כלים״ — פילן פאַר יעדערנס געשמאַק. לויטן קאָליר פון די טעלער, און לויט די ספּעציעלע אויפשריפטן אויף זיי אין די דריי וועלט־שפּראַכן: „עספּעראַנטאָ״, „לבניש״ און „מאַרסיער״, האָט מען אויך געקאָנט אי־בערלייענען וואָס פאַראַ מאכלים ס׳געפינען זיך אין די טעלערס.

אָבער, איידער מ׳האָט זיך גענומען צו דער אכילה, האָבן די באַדי־נערס און באַדינערינס צוגעטראָגן, אויף סופּער־פּלאַסטישע טאַצן „י. ל. ק. דאָפּל — וו״ פילן, וועלכע ווערן ספּעציעל סערווירט אויף אַקטן און שימחות, אָדער אויף לענגערע קאָנפערענצן און באַראַטונגען. די דאָזיקע פילן האַלטן־אויף דעם גייסט און מונטערקייט פונעם געברויכער אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה. ווען מ׳נעמט־איין צוויי פון די דאָזיקע פילן, וויל מען נישט שלאָפן אין משך פון אַ מעת־לעת און מ׳איז מונטער און פריש, פונקט ווי מ׳זאָל ערשט זיך האָבן אויפגעהויבן פונעם שלאָף. די אויספאָרשונג פון די דאָזיקע פילן האָט אָבער באַוויזן, אַז מער ווי זעקס

אויף איין מאָל טאָר מען נישט איינגעמען, ווייל ס'קאָן געשעדיקט ווערן דער נערוון-סיסטעם. די מאַרסיאַנער, וועלכע זענען געווען די ערשטע צו דערפינדן די דאָזיקע פּילן, נעמען זיי איין אַפילו צען מיט אַמאָל, ספּעציעל טוען זיי עס ווען זיי לאָזן זיך אַרויס אויף „יאַגד", כדי צו כאַפּן פרישע שקלאַפן. אַזאַ יאַגד געדויערט אַמאָל עטלעכע טעג, און זיי ווילן זיין פריש און מונטער ביי אַזאַ „אַקציע".

דער גרויסער עולם האָט מיט פאַרגעניגן איינגענומען די צוגעטראָגענע פּילן. די ערד-געסט האָבן בלויז איינגענומען צו צוויי פּילן; די מאַרסיאַנער האָבן ווייניקער ווי צו זעקס פּילן נישט איינגענומען...

אַ גרינע שיין, וואָס האָט דורכגעבליצט איבערן גאַנצן זאַל, איז געווען דער אָנזאָג, אַז ס'דאַרף ווערן אַבסאָלוט שטיל, ווייל עמיצער וועט רעדן. דאָס שטילקייט איז געוואָרן אַן אַבסאָלוטע. די באַדינער זענען געבליבן שטיין אויף זייערע ערטער, אומבאַוועגלעך.

פיר מענטשלעכע סילועטן האָבן זיך דערנענטערט צו די צוויי שטולן וואָס זענען געשטאַנען אויף דער, מיט בלומען דעקאָרירטער בינע, וואו ס'זענען געזעסן חתן-כלה — דאָס זענען געווען דער ה' קוק און פּרוי און לי-לים עלטערן.

נאָך דעם ווי די עלטערן האָבן, לויט דער ריי, אַרויפגעלייגט די הענט אויף די קעפּ פון דעם גליקלעכן פּאָרל, ווי אַ סימבאָל פון באַגריסן און זיי בענטשן, האָט דער ה' קוק זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די געסט און געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט גערעדט אויף דער עספּעראַנטאָ-שפּראַך, אָבער, נעבן יעדן שטול איז געווען צוגעפּאַסט אַן עלעקטראָנישער הער-אַפּאַראַט, וואָס ווען מ'האָט אים אָנגעטון אויפן קאָפּ, האָט מען געהערט די רעדע אויף פופצן פאַרשידענע שפּראַכן, צווישן זיי — דריי דיאַלעקטן פון די לבנה-פעלקער און אַלע זעקס פאַרשידענע דיאַלעקטן וואָס מ'האָט גערעדט אויפן מאַרס.

„ברידער און שוועסטער, מענער און פרויען, הערשער און רעגירער פון מאַרס, פון דער ערד און פון דער לבנה!

„אויבערפלעכלעך, פּייערן מיר היינט אַ פּשוטע פאַמיליען-שימחה. צוויי קינדער גיבן זיך היינט דאָס וואָרט צו פאַראייניקן זייער לעבן און צו פאַרבינדן זייער צוקונפט פאַר די וויטערדיקע יאָרן פון זייער לעבן.

„אַזאַ שימחה, איז ביי אונדז, ביי די ערד-איינוואוינער נישט קיין נייעס; עס איז אַפילו ביי אונדז נישט קיין נייעס, אַז ס'זאָלן זיך אויף אייביק פאַרבינדן מענער און פרויען פון די פאַרשידענע פּלאַנעטן וואָס

באַוועגן זיך אַרום דער זון. ביי אונדז אויף דער ערד, און ביי אייך, אויפן מאַרס און לבנה זענען שוין אַזוי אַרום פאַראייניקט געוואָרן צענדליקער און הונדערטער אַזעלכע פאָרלעך, און עס ציט נישט קיינעמס אויפמערקזאַמקייט.

„דאָס מאָל, איז עפּעס אַנדערש, און דערפאַר האָבן מיר, די רעגירער פון די ערד-פעלקער באַשטימט צו פּראַוועזן היינטיקן יום-טוב ביי אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן. מעגלעך, אַז פון אַ פשוטן פאַמיליען-יום-טוב זאָל אַרויס אַן אמתע פאַרברידערונג צווישן די פעלקער און פּלאַנעטן!

„מיר ווילן אייך זאָגן, גרויסע הערשער פון מאַרס און לבנה, אַז כאָטש די באַפעלקערונג פון אונדזער ערד איז פאַר די לעצטע פופציק יאָר פאַרדאָפּלט געוואָרן, און ווי עס זעען פאָר אונדזערע וויסנשאַפטלייט, וועלן מיר אין די נאָענטע הונדערט יאָר פאַרפירפאַכן די צאָל איינוואוינער אויפן דער ערד, דאָך זוכן מיר נישט קיין אַנדערע פּלאַנעטן צו באַזעצן דאָרט דעם עודף פון מענטשן. מיר זוכן אויך נישט צו באַהערשן די פעלקער פונעם מאַרס אָדער לבנה און אַהין אַריבערשיקן דעם עודף פון אונדזער באַפעלקערונג. אונדזערע פאָרשער און וויסנשאַפט-מענטשן זוכן נייע פּלעצער אויף אונדזער ערד, וועלכע איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעפאָרשט. מיר זוכן מיטלען אויסצוטריקענען אַ סך אומנוצלעכע טייכן און אַפילו קליינע ימים, וועלכע ברענגען נישט קיין נוצן דער מענטשהייט און מ'קאָן זיי אויסנוצן אויפצובויען שטעט און לענדער.

„יאָ, די נאַטור, וועלכע איז אַמאָל געווען אומבאַהערשט און אויף וועלכער מיר האָבן שוין איצט אַ געוויסן קאָנטראָל — די דאָזיקע נאַטור האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן האָבן צופיל פון דעם, וואָס אייך, מאַרסיאַנער, פעלט — וואַסער, טייכן און ימים; פונקט ווי די זעלבע נאַטור האָט געוואָלט, אַז ביי אייך, אויפן מאַרס-פּלאַנעט, זאָלן וואַקסן ביימער, וועמענס פרוכטן שטאַרקן דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם און פאַרלענגערן זיין לעבן, אָדער אויף דער לבנה זאָלן וואַקסן אַזעלכע פּירות, וועז מען עסט זיי — קריגט מען געזונטע אויגן, מ'זעט זייער קלאָר און ווייט און מ'ווייסט נישט וואָס עס הייסט טראָגן אויגן-גלעזער. מיר, די ערד-מענטשן, האָפן צו באַהערשן די נאַטור אויף אַ פרידלעכן אופן און מיר זענען אויך זיכער, אַז ווען איר, די פּלאַנעטן-איינוואוינער, וועלן זוכן פרידלעכע מיט-

לען, ווי אַזוי צו לייזן אייערע שווערע פּראָבלעמען — וועט איר זיי אויך געפינען.

„איין זאַך פאַרזיכערן מיר אייך: מיט שלעכטן, מיט בייזן, מיט מילחמה און בלוט-פאַרגיסונג וועט איר גאָרנישט דערגרייכן! בלויז צעשטערונג, פאַרניכטונג; בלויז פייער און טויט! ווען מיר וועלן זיך אָבער פאַרברידערן און אויפהערן טראַכטן פון בלוט און טויט, וועלן מיר זיך איינער דעם אַנדערן העלפן און מיר וועלן קאָנען לעבן באַקוועם און אין פרידן אונדזער גאַנץ לעבן.

„דאָס אַלץ, בעטן מיר אייך, איר זאָלט איבערגעבן אייער „שאַליט", אייערע הויפּט-הערשער און אייערע בראַווע פעלקער!"

ווי נאָר דער ה' קוק האָט פאַרענדיקט זיין רעדע, האָט זיך דער גאַנצער עולם אויפגעשטעלט. די מאַרסיאַנער און לבנה-מענטשן האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט, ווי אַ באַוויז פון באַגריסן דעם רעדנער.

ווען דער עולם האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זייערע פּלעצער, האָט זיך אויפגעשטעלט, מיטן פּנים צו די געסט, דער צווייטער מחותן — לי-לים פּאַטער, און אָנגעהויבן רעדן. עס האָט גערעדט אין אַ פּליסיקער עספּעראַנטאָ-שפּראַך, נישט ערגער ווי מ'רעדט אויף דער ערד. זייער זייער ווייניק פון די פאַרזאַמלטע האָבן געוואוסט, אַז די וויכטיקסטע הערשער פונעם מאַרס האָבן באַקומען אַ באַפעל פון „שאַליט" זיך צו פּערפעקציאָנירן אין דער עספּעראַנטאָ-שפּראַך, כדי צו זיין גרייט —ווען מ'וועט באַהערשן די ערד— זאָל מען קענען די שפּראַך פון אירע איינוואוינער. ס'זענען אויפן מאַרס איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעלע קורסן אין די הויכשולן און אוניווערזיטעטן, וועלכע יעדער הערשער —גרעסערער, צי קלענערער— און אויך וויסנשאַפטליט און טעכניקער האָבן געדאַרפט קריגן אַ דיפּלאָם פון אוניווערזיטעט.

לי-לים פּאַטער, האָט נישט בלויז געקראָגן אַזאַ דיפּלאָם, נאָר ער איז שוין אויך געווען אַ לערער פון דער עספּעראַנטאָ-שפּראַך אין איינעם פון די אוניווערזיטעטן.

לי-לים פּאַטער האָט אויך גערעדט וועגן ברודערלעכקייט און פריינטשאַפט; ער האָט גערעדט וועגן פרידן צווישן וועלט און וועלט, און אַז דער בעסטער אופן פון פאַרברודערונג — איז זיך משדך צו זיין צווישן די מענטשן פון דער ערד מיט די מענטשן פון אַנדערע פּלאַנעטן. ער האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק ביים ריידן, כאָטש מ'האָט באַלד באַמערקט אַז ער איז אומרואיק און אַפילו אויפגערעגט. ער האָט זשעסטי-

קולירט מיט די הענט: אַט האָט ער זיי געהאַלטן אין קעשענע, אַט האָט ער זיי אַרויפגעלייגט אויפן האַרצן, וואו ער האָט געטראָגן זיינע מעדאַלן. מיטן אויסנאַם פון הערי קוק, פון לי־לין און פון אַ פּאָר הויכע באַאַמטע פון די שוץ־מיניסטעריומס וואָס זענען געשטאַנען נאָענט, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער דאָזיקער מאַרס־הערשער, דער פאָטער פונעם חתן, ציט אַזוי לאַנג זיין רעדע און וואַרפט זיך אַזוי מיט די הענט... בלויז זיי האָבן געוואוסט, אַז דער דאָזיקער הערשער איז אַזוי נערוועז־איש, אַזוי אומרואיק, ווייל זיינע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן וואָס ער האָט גע־טראָגן מיט זיך אין די קעשענעס און אויף דער ברוסט — האָבן נישט פונקציאָנירט, האָבן אים נישט „געענטפערט" ווען ער האָט זיי אָנגע־שטעלט קעגן זיין מחותן, קעגן זיין זון, און ער האָט זיך אפילו נישט גע־קאָנט „פאַרבינדן" מיט זיינע אייגענע מענטשן וואָס געפינען זיך אַט דאָ, נאָענט פון אים.

אַט באַמערקט ער, ווי זיינע חברים, די מאַרס־הערשער, מאַכן אים געהיימע, אָפּגערעדטע, סימנים, אַז זייערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן פונקציאָנירן נישט. אויך זיי זענען אומרואיק.

לי־לים פאָטער זעצט פאָר זיין באַגריסונג אין דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך. לסוף בעט ער אַ דערלויבעניש ביי זיינע ערד־מחותנים און ערד־געסט, צו באַגריסן זיינע מאַרס און לבנה־געסט אין זייער שפּראַך, אין זייער דיאַלעקט. אַ שאָקל מיטן קאָפּ פונעם ה' קוק, גיט אים צו וויסן, אַז ער קאָן רעדן וואָס ער וויל און ווי אַזוי ער וויל.

ער הייבט־אָן רעדן אויף אַ שפּראַך וואָס קיינער פאַרשטייט נישט. דער ה' קוק און זיינע „ספּעציעלע" געסט פאַרשטייען שוין, אַז דאָס רעדט ער אויף אַ שיפרירטער, אָפּגערעדטער שפּראַך, וועלכע בלויז זיי, די ביידוועזנדיקע מאַרסיאַנער, פאַרשטייען זי. מ'גיט זיך אָפּ חשבון, אַז דאָס רעדט זיך איבער באַר־מאָ מיט זיינע געסט פונעם מאַרס וועגן זייערע קאַליע־געוואָרענע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, און ער גיט זיי אינסטרוקציעס וואָס זיי האָבן צו טון.

ה' קוק איז רואיק. ער איז זיכער אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועט מען אין פילאָלאָגישן אינסטיטוט „צעקייען" באַר־מאָס רעדע. אין אַ פּאָר מינוט אַרום נאָך דעם ווי באַר־מאָ וועט ענדיקן זיין רעדע, וועט שוין זיך דאָרטן געפינען דער רעקאָרד פון זיין רעדע און פון זיינע געדאַנקען וואָס געטראַכט בעת ער האָט גערעדט. אַ צווייטער רעקאָרד וועט אָנווייזן די באַדייטונג פון די סימנים וואָס די הויפּט־הערשער האָבן געמאַכט צווישן זיך און באַר־מאָן.

ווען לי־לים פּאָטער ענדיקט זיין ריידן, הייבן זיך אויף אַלע מאַר־סיאַנער געסט און האַלטן די הענט אין דער הויך. די ערד־מענטשן אַפּ־לאָדירן אים אַ לענגערע צייט. ה׳ קוק און פרוי גייען־צו צו לי־לים על־טערן, נעמען זיי אַרום און דריקן זיי צום האַרצן. הענרי קוקס ראַדיאָ־אַפּאַראַט גיט אים צו וויסן, אַז לי־לים מוטער איז אויפריכטיק; איז נישט פאַרמישט אין איר מאַנס „קאָמפּלאָט״, און זי איז, באמת גליקלעך, וואָס איר זינדעלע האָט געפונען אַזאַ וואויל, שיין מיידל ווי הינעסיטאָ, און וואָס איר לי־לי איז אַזוי גליקלעך.

אין יענעם מאָמענט האָט ה׳ קוק ביי זיך באַשטימט: טון אַלעס מעגלעכעס, אַז מ׳זאָל דעם מאַרס נישט צעשטערן. אַזעלכע האַרציקע פרויען ווי לי־לים מוטער טאָרן נישט אומקומען צוליב דער ברוטאַליטעט פון זייערע מענער — די בלוטדורשטיקע הערשער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שימחה האָט זיך אָנגעהויבן. דער עולם איז זיך משמח יעדערער אויף זיין שטייגער. די ערשטע צייט האָבן די מאַרס־הערשער נישט גע־האַט קיין איבעריקן צוטרוי צו די מאכלים... ערשט, ווען זיי האָבן גע־זען אַז די ערד־געסט עסן אויך דאָס זעלבע, האָבן זיי זיך אַ נעם געטון צום עסן.

מ׳האָט, ווי אַ קוריאָז, מכבד געווען די געסט מיט מאכלים, וואָס די ערד־מענטשן האָבן געגעסן מיט 50 און 100 יאָר צוריק. מ׳האָט אַרויפ־געלייגט אויף די טישן שטיקער פלייש, פיש, ברויט און קאַרטאָפל. פון דעם וואָס מ׳האָט אויסגעשטעלט אויף די טישן וואָס וואָלט, אפשר, גע־ווען גענוג פאַר הונדערט פערזאָן — ווערט עס אין די „פילן־לאַבאָראַטאָ־ריעס״ אויסגעאַרבעט און ס׳וואָלט געקאָנט סטייען פאַר הונדערט טויזנט עסערס! אָט דער דאָזיקער כיבוד האָט געקאָסט זייער טייער, אָבער מ׳האָט עס געטון לכבוד די מאַרס־געסט.

אַרום האַלבער נאַכט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען זייער געהויבענע געסט: מיליטערישע פירער און געלערנטע פון די גרעסטע אוניווערזי־טעטן. זיי זענען געקומען באַגריסן זייערע קאָלעגן — די הערשער און געלערנטע פונעם מאַרס. דער ה׳ קוק, האָט ביים באַווייזן זיך פון יעדן איינעם אין זאַל, דורך אַ „הויכריידער״ געמעלדעט, ווער ס׳איז אָנגעקו־מען אין זיין ראַנג אינעם מיליטער, אָדער אין וויסנשאַפט.

ווען אַלע געסט זענען שוין געווען אין זאַל, האָט דער ה׳ קוק, אין דריי דיאַלעקטן פון די לבנה און מאַרס־מענטשן, געמעלדעט די בייוועזנ־דיקע פלאַנעטן־געסט, ווער ס׳זענען זיינע איינגעלאַדענע און בייוועזנדי־

קע; זייערע ראַנגען אינעם מיליטער און אין דער ציווילער, וויסנשאַפט־לעכער און רעגירונגס-אינסטיטוציעס. ווי איבערראַשט זענען געוואָרן די מאַרסיאַנער, און ספּעציעל לי-לים פאָטער, ווען ער האָט דערהערט רעדן דעם ה׳ קוק אויף יענער שיפּרירטער מאַרס-שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט זיך נאָר-וואָס געהאַט געווענדעט מיט אַ סודותדיקן באַפעל צו זיינע מאַרס-חברים. באַר-מאַ איז געבליבן ווי צעטומלט: ווי קומט עס, אַז דער ה׳ קוק זאָל קענען אָט דעם דיאַלעקט וועלכן ער, מיט זיינע מענטשן האָבן ערשט צוריק מיט דריי טעג אויסגעאַרבעט און איינגעשטודירט? ער האָט נישט געוואוסט, אַז אַ פולשטענדיקע קאָפּיע פון דער דאָזיקער רעדע איז שוין געווען אינעם פילאָלאָגישן אינסטיטוט, שוין דעשיפרירט געוואָרן און צוגעשיקט געוואָרן צוריק צום ה׳ קוק, וועלכער האָט זיך תיכף געכאַפּט, ווי אַזוי מ׳רעדט אויף דער דאָזיקער „סימנים-שפּראַך״. ווי אַ הויך-געלערנטער מענטש, האָט ער זיך תיכף אויסגעלערנט צו באַנוצן זיך מיט איר. דאָס ריידן איצט אויף דעם דאָזיקן „דיאַלעקט״ איז טאַקע געווען געצילט צו איבערראַשן זיינע מאַרס-געסט, און ספּעציעל זיין מחותן, וועלכער איז שוין במילא געווען דערשלאָגן און נערוועאיש דעם גאַנצן אָוונט, צוליב דעם, וואָס זיינע ראַדיאָ-אַפּאַראַטן האָבן נישט פונקציאָנירט.

איין טרייסט האָט באַר-מאַ געהאַט: אויפן היינטיקן יום-טוב געפינען זיך די גרעסטע און וויכטיקסטע מלוכה-מענער פון דער ערד. אָט, האָט מען אים פאָרגעשטעלט דעם הויפּט-גענעראַל פון אַלע פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד. ער האָט יעדן איינעם פון די דאָזיקע חשובע געסט געגעבן די האַנט, זיך פאַרנייגט לויטן מינהג פון די מאַרסיאַנער, און מיט צוויי פינגער אָנגערירט די „גאָלדענע קנעפּ״ פון זיינע לענדן. ביים אָנרירן די דאָזיקע „קנעפּ״, איז ער געווען זיכער אַז ער האָט שוין די פאָטאָ פון יענעם, מיט וועלכן מ׳האָט אים באַקאַנט... יעדער קנעפּל האָט געקאָנט פאָטאָגראַפירן זעקס און זעכציק מאָל. דאָס מלבוש וואָס ער האָט געטראָגן, האָט געהאַט עלף אַזעלכע „גאָלדענע קנעפּ״. חוץ דעם, זענען די „רינגען״ וואָס די מאַרס-הערשער האָבן געטראָגן אויף פיר פינגער פון יעדער האַנט, אויך געווען באַזאָרגט מיט „פאָטאָ-אַפּאַראַטן״, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסהעלפן די „גאָלדענע קנעפּ״ אין זייער אַרבעט.

— —

אַרום פיר פאַרטאָג, נאָך אַ נאַכט פון פרייד און טאַנץ, מעלדעט דער ה׳ קוק, אַז די שימחה וועט פאָרגעזעצט ווערן צוויי טעג נאָכאַנאַנד;

זוייל דאָס איז נישט בלויז אַ געוויינלעכער פאַמיליען-יום-טוב פון צוויי פאַ-מיליעס, נאָר ס'איז אַן אַקט פון פאַרברידערונג צווישן צוויי וועלטן. דער-פאַר וועט מען איצט מאַכן אַ קורצן איבעררייס אויף עטלעכע שעה. שלאָפן וויל דאָך במילא קיינער נישט, ווייל מ'האָט איינגענומען די „קעגן שלאָף און מידקייט"-פּילן. דער ה' קוק מעלדעט דעם פאָלגנדיקן פּראָג-ראַם: ביז ניין אַזייגער אין דער פרי, דאָס הייסט, די נעקסטע פינף שעה — פריי פון יעדער פאַרבינדונג. די געסט קאָנען אַרומלויפן און אויס-קוקן די שטאָט, דאָס לאַנד און די וועלט. זיי קאָנען אויך פליען צום מאַרס, אָדער צו דער לבנה און זיך דערנאָך אומקערן צו דער אָנגעווי-זענער שעה.

פונקט ניין אַזייגער, וועלן אַלע בייוועזנדיקע געסט, הן פון די פּלאַ-נעטן, הן פון דער ערד אַרויספאָרן צום נייעם סטאַדיאָן וואָס איז אויפגע-שטעלט געוואָרן אין פילאַדעלפיא, —אַ שטאָט פון די פאַראייניקטע צפון-אַמעריקאַנער פעלקער— וואו ס'וועלן לכבוד די געסט אויפטרעטן אַר-טיסטן, ספּאָרטלער און מ'וועט באַווייזן די נייע, די גאָר לעצטע דערפינ-דונגען אויפן געביט פון ספּאָרט-שפּילערייען און באַוועגונגען. מ'וועט אויך ברענגען פון די וועלט-מוזעאומס באַשעפענישן —היות און בהמות — וועלכע האָבן געלעבט אויף דער ערד צוריק מיט פופציק יאָר און איצט זענען זיי שוין נישט בנמצא. איינס אַזייגער בייטאָג, וועט מען לכבוד די געסט סערווירן אַ מיטאָג, און דריי אַזייגער וועט מען פאָרן צום מיליטערישן פּלאַץ, וואו ס'זענען אויסגעשטעלט די נייעסטע און וויכ-טיקסטע דערפינדונגען פון „פאַרטיידיקונג און אָנגריף". דאָס דאָזיקע פּלאַץ איז פאַרבאָטן פאַר זייטיקע באַזוכער, אַפילו פאַר די ערד-איינ-וואוינער, נאָר צוליב די זייער חשובע געסט פון די פּלאַנעטן, וועט פאַר זיי אויפגעעפנט ווערן אָט דער דאָזיקער פּלאַץ. מ'טוט עס אויך, ווייל מ'האָט צוטרוי צום ה' הערי קוק, צו זיינע מחותנים און צו זיינע פּלאַ-נעטן-געסט...

21 אזייגער ביינאַכט, וועט מען זיך ווידער דאָ צונויפטרעפן און מ'וועט ווידער פאַרברענגען ביזן טאָג אַריין. אויפן דריטן טאָג וועט זיין גאָר, גאָר אַן אויסערגעוויינלעכער פּראָגראַם, צו וועלכן אַלע ווערן ווידער איינגעלאַדן.

אַ שטילע שטימע הערט זיך אין דעם אויפנעם-זאַל פון גרויסן „שאַ-ליט" — הויפט-קעניג פון אַלע פעלקער וואָס באַוואוינען דעם מאַרס; דאָס רעדט איינער פון די הויפט-הערשער וואָס איז נעכטן — ביז היינט פאַרטאָג — בייגעוועזן די שימחה אין הויז פונעם ה' קוק. ער גיט אָפּ אַ געהיימען באַריכט דעם הויפט-הערשער. באַר-מאָ האָט אים ספּעציעל געשיקט. ער רעדט זייער שטיל, טרויעריק, אומרואיק. אַרום גרויסן טיש פון זאַל זענען אויסגעזעצט די וויכטיקסטע פאַרשער און געלערנטע פונעם מאַרס. עס זיצן אויך דריי, פון די פינף הויפט-הערשער וואָס רעגירן מיטן מאַרס. עס זיצן די ראַטגעבער פונעם „שאַליט" און ס'זיצן אויך די הויפט-ריכטער פונעם פּלאַנעט.

„— אַלץ איז געגאַנגען אַזוי ווי מיר האָבן פון פריער אויסגערעכנט, —מעלדעט דער הערשער וואָס גיט אָפּ דעם באַריכט. — מיר זענען זיך צונויפגעקומען מיט די וויכטיקסטע רעגירער און געלערנטע פון דער ערד. אָבער, באַלד האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז אונדזערע ראַדיאָ-אַפּאַראַטן, ווי אויך די ראַדיאָ-זייגערלעך פונקציאָנירן נישט. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט קאָמוניקירן נישט בלויז מיט די ערד-רעגירער און „וואַשן" זייערע מוחות, נאָר מיר האָבן זיך אויך צווישן אונדז נישט געקאָנט „צונויפ-ריידן"... דאָס איז געווען אונדזער ערשטע איבערראַשונג. די צווייטע איבערראַשונג האָבן מיר געהאַט, ווען אונדזער בראַווער הערשער באַר-מאָ האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ „דיאַלעקט", וועלכן בלויז צען מענטשן פון אונדז האָבן געקענט די דאָזיקע שיפרירטע שפּראַך. ער האָט אונדז — אין זיין רעדע — אָנגעגעבן וויכטיקע אינסטרוקציעס, וואָס מיר דאַרפן טון; ער האָט אונדז אָנגעוויזן, אַז מעגלעך וועלן מיר זיך דאַרפן אַרויפוואַרפן אויף די אַלע פאַרזאַמלטע הויפט-רעגירער פון דער ערד וואָס געפינען זיך אינעם זאַל; מיר וועלן זיי דאַרפן אויסמאָרדן, און אינעם מיש-מאַש וואָס ס'וועט זיך שאַפן — זאָלן מיר אייך מודיע זיין, אַז איר זאָלט אָנהויבן אַטאַקירן די ערד. צווישן די ערד-געסט האָבן זיך געפונען די וויכטיקסטע קריגס-פירער וואָס וואָלטן פון אונדז תיכף פאַרניכ-

טעט געוואָרן, און ביז זיי וואָלטן ערגעץ־וואו באַשטימט אַנדערע אויף זייער פּלאַץ, וואָלט שוין די ערד געווען אונדזערע. דאָס אַלץ האָט אונדז דער בראַווער הערשער באַר־מאָ — לי־ליס פאָטער— איבערגעגעבן אין זיין שיפּרירטער רעדע, און, ווי איבערראַשט מיר זענען געוואָרן, ווען אין אַ שעה אַרום האָט דער ערדישער מחותן, דער ה׳ קוק, זיך געווענדעט צו אונדז אויף דער זעלבער שיפּרירטער שפּראַך...הייסט עס, אַז אונד־זערע פּלענער זענען שוין נישט געווען קיין סוד פאַר די ערד־מענטשן. זיי ווייסן שוין וואָס מיר גרייטן זיך צו טון, און מיר האָבן שוין נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַן איבערפאַל.

„די לעצטע און וויכטיקסטע איבערראַשונג פאַר אונדז איז, וואָס מיר האָבן נישט קיין איין פאָטאָ פון די ערד־הערשער, כאָטש מיר האָבן זיי צענדליקער און הונדערטער מאָל פאָטאָגראַפירט מיט אונדזערע געהיימע אַפּאַראַטן. אָט ליגן פאַר אייך די אַפּאַראַטן וואָס דער בראַווער הערשער באַר־מאָ האָט מיר איבערגעגעבן. לויט ווי באַר־מאָ זאָגט —און ער איז אין דעם זיכער— האָט ער דאָ אָפּגעפאָטאָגראַפירט אַלע, אָן אויסנאָם, הערשער, קריגער, געלערנטע און מלוכה־לייט פון דער ערד. ער האָט, אומבאַמערקט פאַר עמיצן, געביטן זיין מלבוש וואו די פאָטאָס האָבן זיך געדאַרפט געפינען אין די „קנעפּ" און „מעדאַלן" און האָט עס מיר איבער־געגעבן, אַז איך זאָל עס תיכף ברענגען אַהער, כדי מ׳זאָל צוגרייטן דעם אַלבאָם בילדער פון די ערד־פירער. נו, אונדזער אַנטוישונג זעט איר איצט — קיין בילד, ממש קיין איין בילד, איז נישט אַרויס!

איצט ווייס איך שוין נישט וואָס צו טון. איך דאַרף תיכף אָפּפליען צוריק צו דער ערד. עס ווערט פאַרגעזעצט די שימחה פון ה׳ קוק, און קיינער ווייסט נישט אַז איך בין אַרויסגעפלויגן אַהער אָפּגעבן אַ באַריכט. וואָס זאָל איך זאָגן דעם בראַוון הערשער באַר־מאָ וועגן זיינע פאָטאָס? ער קאָן נאָך ווערן ווילד און אָפּטון אַ זאַך, וואָס קאָן צעשטערן אַלע אונד־זערע ווייטערדיקע פּלענער... ער וועט זיין אויסער זיך פאַר כעס!"

דער „שאַליט" דרייט־אויס זיין פּנים צו איינעם פון זיינע געלערנטע וואָס זיצן מיט אים — דאָס וויל ער הערן זיין מיינונג, וועגן דעם וואָס מ׳דאַרף טון.

דער געלערנטער, אַ גרייז־גראָער מאַן פון העכער הונדערט יאָר, הייבט זיך פּאַמעלעך אויף פון זיין שטול און וויל עפּעס זאָגן. דער „שאַ־ליט" גיט אַ מאַך מיט דער האַנט — אַ סימן, אַז ער קאָן ריידן זיצנדיק. דער אַלטיטשקער זעצט זיך צוריק אַוועק און הויבט־אָן ריידן:

„ גרויסער „שאַליט", גרויסע און בראַווע הערשער!

„איך האָב עס אייך שוין איינמאָל געזאָגט און זאָג עס אייך נאָך אַמאָל: מיר דאַרפן אויפהערן טראַכטן פון אַן אַטאַקע אויף דער ערד. מיר וועלן די מילחמה פאַרשפּילן. זיי זענען שטאַרקער פון אונדז, האָבן בעסערע און גרעסערע געווער-זאַפּאַסן ווי מיר. און לעצטנס האָבן זיי שוין אַנטדעקט אַזעלכע „שטראַלן" וואָס קאָנען צעשמעטערן אונדזער פּלאַ-נעט, נאָך איידער מיר וועלן אָנקומען צו דער ערד, כדי איר צו באַזיגן.

„וואָס איך פאַרשטיי נישט, איז אָט-וואָס: זיי, די ערד-מענטשן קאָ-נען זיכער אונדזערע פּלענער; ווייסן, אַז מיר קלייבן זיך זיי צו אַטאַקירן, און דאָס וואָס זיי האָבן לעצטנס סטערעליזירט אונדזערע ראַדיאָ- און פּאַ-טאָ-אַפּאַראַטן, איז אויך געווען, כדי אונדז צו ווייזן, אַז זיי זענען טעכ-ניש און עלעקטראָניש מער פאָרגעשריטן פון אונדז. מיר ווייסן אויך, אַז זיי האָבן שוין דערפונדן „שטראַלן" וואָס קאָנען צעשמעטערן און פאַרברענען אונדזער פּלאַנעט. טאָ, פאַרוואָס טוען זיי עס נישט? אויף וואָס וואַרטן זיי?

„מיט איין זאַך וויל איך אייך יאָ באַרואיקן: אויב זיי צעשמעטערן אונדז נישט, איז עס נישט צוליב רחמנות אויף אונדז און אויף אונדזערע פרויען און קינדער, נאָר ווייל עס פעלט דאָרט, אויף דער ערד, עפּעס אַ זיכערקייט; עפּעס האָבן זיי מורא! און אָט דעם „עפּעס" דאַרפן מיר אויספאָרשן איידער מיר טראַכטן זיי צו באַפאַלן".

אַ צווייטער אַלטער געלערנטער, בעט אויך אַ וואָרט. ער באַקומט די דערלויבעניש צו ריידן זיצנדיק. ער זאָגט פאָלגענדעס:

„מיר דאַרפן נעמען אין אַכט, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער אונטער-שייד צווישן אונדזער אַטאַקע אויף דער ערד און זייער אַטאַקירן דעם מאַרס. מיר, דאָ, האָבן דעם הויפּט-ציל, נישט צו צעשטערן דעם ערד-פּלאַנעט; מיר ווילן בלויז פאַרניכטן די מענטשן פון דאָרט, אָדער מאַכן זיי פאַר אונדזערע שקלאַפן. די ערד דאַרפן מיר האָבן אַ גאַנצע, אַ פול-שטענדיק גאַנצע, כדי מיר זאָלן קאָנען אויסנוצן אירע וואַסערן און טאַקע די ערד זעלבסט. אַזוי אַרום, אַז ווען מיר זאָלן אַפילו קאָנען פּערפעקציאָ-נירן „שטראַלן" וואָס זאָלן קאָנען צעשמעטערן אָדער פאַרברענען די ערד מיט אירע איינוואוינער, וועלן מיר גאַרנישט געווינען דערפון. פּונקט פאַרקערט, עטלעכע טויזנטער פון אונדזערע מאַרס-מענטשן וואָס געפי-נען זיך איצט אויף דער ערד, וועלן אויך אומקומען.

„פאָלגלעך, לייג איך פאָר, אַז מיר זאָלן אינגאַנצן פאַרוואַרפן דעם פּלאַן צו אַטאַקירן די ערד, און מיר זאָלן טאַקע אויפריכטיק און ערלעך זוכן זיך צו פאַרברידערן מיט זיי. אפשר וועלן זיי — מיט זייער גרויסער

חכמה און פעאיקייט—, אונדז העלפן לייזן אונדזער וואסער־פּראָבלעם, און מיר וועלן נישט דאַרפן זוכן קיין מילחמות און איינשטעלן אונדזערע לעבנס".

אַלע בייוועזנדיקע הערשערס גיבן זיך אַ שטעל־אויף פון זייערע פלעצער. אַלע בעטן דאָס וואָרט צום ריידן. עס באַקומט דאָס וואָרט דער עלטסטער אין ראַנג פון זיי. ער פאַרנייגט זיך פאַרן „שאַליט" און הויבט אָן:

„גרויסער „שאַליט"! איך פאַרשטיי גאָרנישט ווי אַזוי דו דערלויבסט דיינע געלערנטע אַזוי צו ריידן! דו ווייסט דען אַליין נישט, אַז אַט די אַלע מענטשן וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין וואָפן אין דער האַנט, וועלכע זענען זייער גאַנץ לעבן געזעסן איבער דינע און גראָבע ביכער; אַז זיי אַלע זענען נישט פעאיק צו געבן אַ מיינונג ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן מילחמה, וועגן אַטאַקירן דעם שונא און וועגן באַזיגן אַ שונא.

„ דו ווייסט גוט, גרויסער „שאַליט", אַז די איינוואוינער פון אונדזער מאַרס זענען געווען איינגעטיילט אין הונדערטער און טויזנטער פעלקער־לעך און גרופּקעלעך. יעדע גרופּע, יעדער פאָלק איז געווען אַ הערשער פאַר זיך און פלעגט זיך דאָס גאַנצע לעבן זיך שלאָגן און אַרומרייסן מיט אַ צווייט פאָלק. ביז עס זענען אויפגעשטאַנען גרויסע הערשער — דיינע עלטערן און ברידער צווישן זיי—, האָבן אָרגאַניזירט אַ גרויסע אַרמיי אַרום זיך און זיך אַרויסגעלאָזט באַזיגן די שכנותדיקע פעלקער. ס׳האָט טאַקע געקאָסט אַ סך מענטשלעכע קרבנות; מ׳האָט געמוזט קוילען און מאָרדן מענער, פרויען און קינדער, אָבער מ׳האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צום ציל: ס׳זענען איצט פאַראַן בלויז עטלעכע שטאַרקע פעלקער, מיט בראַווע הערשער און הויפּט־הערשער, און איבער זיי אַלעמען איז פאַראַן אַ „שאַליט", וועלכער איז דער הויפּטמאַן פון אונדזער גאַנצן פּלאַנעט, און וועמען יעדער איינער מוז פאָלגן.

„וואָלטן אַט די דאָזיקע געלערנטע וואָס זיצן איצט דאָ, געלעבט אין יענער צייט, וואָלטן זיי אויסגעפונען אַלערליי תירוצים, פאַרוואָס מ׳טאָר נישט מילחמה האַלטן, און אונדזער פּלאַנעט וואָלט נאָך ביז היינט צו טאָג געווען אַ מאַסע פון ווילדע, אומוויסנדיקע און שוואַכע פעלקער, און די לבנה־מענטשן וואָלטן אונדז תיכף באַזיגט.

„ניין! אויב די ערד־איינוואוינער אַטאַקירן אונדז נישט, איז עס ווייל זיי האָבן פאַר אונדז מורא, און אַט די מורא דאַרפן מיר אויסנוצן, און זיי באַפאַלן! טאַקע שוין, תיכף, באַפאַלן און באַזיגן".

אַלע פאַרזאַמלטע הערשער שטעלן זיך אויף פון זייערע פלעצער.

הויבן אויף די הענט אין דער הויך — אַ סימן אַז זיי זענען איינשטימיק מיטן רעדנער.

פון די געלערנטע — אויך אַ פּאָר הערשער — בלייבן זיצן אויפן אָרט. אַ סימן, זיי זענען נישט איינשטימיק מיטן רעדנער.

דער „שאַליט" בלייבט זיצן ערנסט פאַרטראַכט. ער ווייסט, אַז איין וואָרט זיינס באַדייט איצט: שלום, אָדער מילחמה; ער ווייסט, אַז דאָס גאַנצע לעבן פונעם מאַרס, פון די פּלאַנעט-איינוואוינער און אויך זיין לעבן הענגט אָפּ פונעם באַשלוס וואָס ער וועט איצט אָננעמען. ער ווייסט, דער „שאַליט", אַז אַזוי לעבן ווייטער, ווי מ'לעבט איצט אויפן מאַרס, קאָן מען נישט; ער ווייסט, אַז ס'איז נאָענט דער טאָג, די שעה ווען דער גאַנצער פּלאַנעט וועט בלייבן אָן אַ טראָפּן וואַסער, און דאָס הייסט דאָך אַ שרעקלעכער טויט. ער ווייסט אָבער אויך, וואָס ס'הייסט אָנהויבן אַ מילחמה מיט דער ערד, מיט די מענטשן פון דער ערד, וועלכע זענען שוין אַזוי טעכניש און קריגעריש אַנטוויקלט. ער ווייסט, אַז אַזאַ מילחמה איז איצט מער אויסגעשטעלט אויף אַ דורכפאַל, ווי אויף געווינען! וואָלטן די מאַרס-מענטשן אָנגעהויבן די מילחמה מיט יאָרן צוריק, ווען מ'האָט נאָר-וואָס געהאַט אַנדעקט די ערד, וואָלטן די מאַרס-מענטשן דעמאָלט געוועזן אַראָפּגעשיקט זייערע טויזנטער „ראָבאָטס" מיט די „פליענדיקע טעלער", מיט גוט עלעקטראָניש-באַוואָפנטע מענער, וואָלט שוין היינט די ערד געווען אַ טייל פון דער מאַרס-מלוכה. האָט מען אָבער אָנגעוואוירן אַ געלעגנהייט, און איצט איז שווער איינצושטעלן.

דער „שאַליט" קומט צום שלום: מ'וועט וואַרטן ביז באַר-מאַ — ליליס פּאָטער — וועט זיך אומקערן פון דער ערד. זיין מיינונג וועט זיין אַ דעצידירנדיקע. אויב ער וועט זאָגן אַטאַקירן — וועט מען תיכף אָנהויבן די מילחמה. דער הערשער וואָס איז איצט געקומען פון דער ערד, דאַרף עס תיכף מעלדן באַר-מאַן. ער דאַרף אים דערציילן וואָס ער האָט דאָ געהערט און דאַרף אים אָנווייזן דעם באַשלוס פונעם „שאַליט".

דערווייל, דאַרף דער שליח מיטנעמען אַ נייע „קאָלעקציע" פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, וועלכע געפינען זיך אין די שיף וואָס מ'טראָגט. זיי דאַרפן זיין צוגעגרייט אויף אַזאַ אופן, אַז קיין שום עלעקטראָנישער שטראַל זאָל זיי נישט קאָנען שעדיקן. די דאָזיקע שיף דאַרף דער שליח איבערגעבן באַר-מאַן און נאָך דריי הויפּט-הערשער וואָס געפינען זיך אויף דער ערד. מ'מוז היינט, אומבאַדינגט, אָפּפאָטאָגראַפירן נישט בלויז די רעגירונגס און מיליטערישע מענער פון דער ערד, נאָר אויך זייערע נייע דערפינדונגען וואָס זיי וועלן ווייזן פאַר די געסט פונעם מאַרס. דער

שליח פירט אויך מיט זיך אַ גראַווירטן „רעקאָרד". פון אַלץ וואָס מ'האָט דאָ, אויפן מאַרס, גערעדט. ער דאַרף עס איבערגעבן באַן-מאַן, און יענער דאַרף — באַלד ווי ער וועט אויסהערן דעם „רעקאָרד" — אים פאַרניכטן.

ער באַקומט, אחוץ דעם, אַ צוגאָב אָנזאָג: אויב ער איבערצייגט זיך, אַז לי-לי איז טאַקע ערנסט פאַרליבט אין דעם ערד-מיידל, די טאָכטער פון ה' קוק, זאָל ער אָן שום וואָרעניש, און דורך אַלע מיטלען — אים פאַרניכטן, מעג עס אפילו זיין קעגן ווילן פון זיין פאָטער באַר-מאָ...

— —

צוויי שעה שפּעטער.

אין אַ קליינעם צימער פון דעם האָטעל וואו באַר-מאָ איז איינגעשטאַנען, געפינט זיך איצט לי-לי מיט זיין פאָטער. לי-לי זיצט ביים טיש אַ פאַרטראַכטער און פאַרזאָרגטער. באַר-מאָ שפּאַנט אַרום איבערן צימער און ברעכט, ממש, די הענט.

— אָבער, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען? —רופט ער אויס צו זיין זון.— ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען?

— איך האַלט, פּאַ, אַז צווישן די הערשער און געלערנטע וואָס זענען היינט אין דער פרי געווען אויף דער באַראַטונג ביים „שאַליט", איז פאַראַן אַ פאַררעטער, וועלכער גיט זיי —די ערד-מענטשן—, תיכף איבער וואָס מיר טוען און וואָס מיר טראַכטן צו טון. ווען מיין צוקונפטיקער שווער, הערי קוק, איז היינט אין דער פרי אַריינגעקומען אין זיין צימער אַ פריילעכער און שיינענדיקער, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גוטס פאַר די ערד-מענטשן און עפּעס שלעכטס פאַר אונדז איז געשען. אַזוי ווי ער האָט פולשטענדיקן צוטרוי צו מיר, האָט ער מיך באַלד אַריינגערופן צו אים אין קאַבינעט און מיך געלאָזט הערן דעם „רעקאָרד" פון דער באַראַטונג, וואָס דער „שאַליט" האָט געהאַט מיט זיינע גאָר נאָענטע הערשער און געלערנטע. איך האָב געהערט, ווי אַזוי דער „שאַליט" האָט באַשטימט אַלץ איבערצוגעבן אין דיינע הענט. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט צו זיין רואיק, און לסוף פרעג איך אים, ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלץ אַריינגעקראָגן אין זיינע הענט, און גאָר ספּעציעל, די מלבושים מיט די נייע פאָטאָ-אַפּאַראַטן פון די שיף, וועלכע זענען געלעגן ביי אים אויפן שרייב-טיש.

— דער ה' קוק האָט מיר דערציילט, —זאָגט לי-לי צו זיין פאָטער.— אַז זיי האָבן געהאַט אַ מענטשן, אַן „אייגענעם" אויף דער דאָזיקער באַראַטונג; אַן „אייגענעם", אויף וועלכן ס'קאָן נישט פאַלן קיין שום חשד,

זוויל ער האַלט אין איין שרייען: — מילחמה! אַט דער דאָזיקער „איי־גענער" האָט זיי געגעבן צו וויסן ווען דער שליח פליט אַרויס צוריק, מיט די אַלע אינסטרוקציעס און מכשירים, האָבן זיי אָקעגן אים געשיקט פיר פון זייערע יאַגד־ראָבאָטס, וועלכע האָבן אים באַגעגנט נישט ווייט פון דער ערד — אַרום צען טויזנט מייל נישט מער, און אין דער לופטן עלעק־טראָניש פּאַראַליזירט זיין ראָבאָט. מ׳האָט אים צוגעטשעפּעט צו זייערע מאַשינען, אים עלעקטראָניש אויפגעריסן און אַרויסגענומען פון דאָרטן דעם שליח מיט זיין פּאָרטפעל. אין אַ באַזונדערן ווינקל פונעם ראָבאָט האָט מען אויך געפונען דאָס קליינע שטיקעלע „רעקאָרד", וואו מ׳הייסט אים — אויב ער וועט געפינען פאַר נויטיק — מיך צו פאַרניכטן. (און אַזוי ווי דער שליח איז קיינמאָל נישט געווען אונדזערס אַ פריינט, זינט דיין התונה מיט דער מאַ, וואָלט ער זיכער געוועז געפונען עפּעס אַ תירוץ און וואָלט מיך אומגעבראַכט...).

— און נאָך אַ זאַך האָט מיר דער ה׳ קוק דערציילט, — זאָגט וויי־טער לי־לי צו זיין פאָטער באַר־מאַ. — ווען מ׳האָט ביים שליח אַלץ צוגע־נומען, האָט מען אים צוריק אַריינגעזעצט אין זיין „ראָבאָט", וועלכער איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום אויפגעריסן געוואָרן אין דער לופטן און איז אַראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיטן שליח. דאָס איבעריקע, פּאַ, ווייסטו שוין. ס׳איז מיר געלונגען אָפּצוקאָפּירן דעם „רעקאָרד" און אים ברענגען צו דיר. די נייע פּאָטאָ־אַפּאַראַטן געפינען זיך איצט אין „פּאָטאָ־לאַבאָראַ־טאָריע" וואו זיי ווערן שטודירט. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם צוטרוי צו מיר, איז אויב דו האָסט אים נישט — קאָנסטו מיך שוין, באַלד, שיקן צום „שאַליט" פאַר אַ מישפּט...

באַר־מאַ גייט צו צו זיין זון, נעמט אים אַרום און דריקט אים שטאַרק צום האַרצן.

— וואָס־זשע, זון מיינער, איז דיין מיינונג, וואָס דאַרפן מיר טון? מאַקע וואַרטן ביז ס׳וועט שוין זיין נישט קיין געלעגנהייט צו אַטאַקירן די ערד?

— יאָ, פּאַ! וואַרטן און וואַרטן! מיר מוזן וואַרטן ביז אונדזערע געלערנטע וועלן אויסגעפינען אַזעלכע מיטלען, פאַר וועלכע די ערד־איינ־וואוינער זאָלן ציטערן! מיר מוזן בכלל נעמען אונדזערע געלערנטע אין די הענט אַריין. איך האַלט, אַז מ׳דאַרף זיין זייער שטרענג צו אונדזערע געלערנטע, און אויב זיי וועלן נישט באַווייזן עפּעס נייעס — וועלן מיר זיי איבערשיקן אין די שקלאַפן־לאַגערן. ס׳איז דאָך נישט מעגלעך, אַז מיר, די מאַרס־איינוואוינער וואָס זענען געווען אַ סך מער אַנטוויקלטער

ווי די ערד-מענטשן, זאָלן איצט זיין אַזוי אָפּגעשטאַנען קעגן זיי אין באַוואָפענונג און אין פּלי-ראָבאָטס. אַנו, זאָלן פּרואוון אונדזערע ראָבאָטס איבערכאַפּן אַן ערד-ראָבאָט און טון מיט אים דאָס, וואָס זיי האָבן געטון מיט אונדזערן? דערויף זענען מיר נאָך נישט פּעאיק. אונדזערע הערשער זענען בלויז בריה׳ם קעגן די שוואַכע פעלקער פונעם מאַרס, ווען זיי יאָגן זיך נאָך פרישע שקלאַפן.

— אָבער ווי איז עס מעגלעך, אַז אונדזערער אַ הערשער, אָדער אַ געלערנטער זאָל זיין אַ שפּיאָן פאַר די ערד-מענטשן און זיי אַלץ איבערגעבן? —פרעגט באַר-מאַ ביי זיין זון לי-לי.— ווי אַזוי כאַפּט זיך נישט דער „שאַליט״, אַז לעבן אים זיצט אַ שפּיאָן?

— און ווי אַזוי כאַפּט זיך נישט דער ה׳ קוק און אַלע גרויסע מינים-טאָרן און קריגס-פירער, אַז ביי זיי איז פאַראַן אַ וויכטיקער מאַרס-שפּיאָן? —פרעגט לי-לי, און צעלאַכט זיך אַליין.— אַזוי איז דאָס: אויף אַן אייגענעם איז שווער צו גלויבן.

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, —רופט זיך אָן באַר-מאַ זייער ערנסט.— איך קען אַלע הערשער וואָס זענען בייגעווען די באַראַטונג ביים „שאַליט״, ווי אויך אַלע געלערנטע וואָס זענען דאָרט געווען. איך וואָלט פאַר אַלע געגאַנגען שווערן, אחוץ... פאַרן „שאַליט״ אַליין! ס׳פעלט מיר אין אַ חשד אויף אים! אפשר וויל ער נישט קיין מילחמה, ווייל ער וויל נישט ריזיקירן מיט זיין מאַכט און פּאָזיציע. אָבער, אַזוי ווי ער האָט דאָס מורא צו זאָגן פריי און אָפן, כדי די הערשער און דאָס פאָלק זאָל נישט רעוואָלטירן קעגן אים — טוט ער עס שטילערהייט, מעגלעך אַז אין קאָמבינאַציע מיט עמיצן, כדי נישט אָנצוהויבן קיין מילחמה.

— יאָ! פאַ! איך האָב שוין אויך געטראַכט וועגן דעם. אָבער, מ׳טאָר עס פאַר די ליפּן נישט ברענגען; ברענגען פאַר די ליפּן אַזאַ חשד — הייסט טויט! טויט פאַר אונדזער גאַנצער פאַמיליע! וואָס מיר דאַרפן בלויז טון, איז מעלדן דעם „ענגן ראַט״ פון הערשער, געלערנטע און „שאַליט״ וועגן דער היינטיקער פּאַסירונג. און אויך דאָס וואָס דער ה׳ קוק האָט מיר דערציילט. זאָלן זיי אַליין זוכן דעם שולדיקן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א האַלבע שעה שפּעטער.

ביים ה׳ קוק אין קאַבינעט. דער ה׳ קוק זיצט אויפן דיוואַן און קוקט אין דעם טעלעוויזיע-אַפּאַראַט, ווי אַזוי מ׳גרייט- צו אין סטאַדיום דאָס

אויפנעמען די מאַרס־געסט. אַנטקעגן אים זיצט לי־לי. ביידע זענען אין אַ געהויבענער, כמעט פריילעכער שטימונג.

— יאָ! איך גלויב שוין אויך, פּאַ, אַז דאָס איז דער בעסטער און גלייכסטער וועג — אַריינברענגען אַ צעמישעניש און אומצוטרוי צווישן די הערשער און געלערנטע, צוזאַמען מיטן „שאַליט" פון מאַרס. ווען זיי וועלן פאַרלירן דעם צוטרוי איינער צום צווייטן, וועט מען נישט טראַכטן פון מילחמה. איינער דעם צווייטן וועט נישט גלויבן און מ׳וועט זיך נישט פאַרלאָזן איינער אויפן אַנדערן. נאָך איין „אָפּעראַציע" אַזעלכע,— און די פראַגע פון אַטאַקירן די ערד וועט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג ביי די מאַרס־איינוואוינער. יאָ, פּאַ, ס׳איז פאַראַן נאָך איין שוועריקייט בייצו־קומען, זייער אַן ערנסטע שוועריקייט! דאָס איז מיין פאָטער. ער איז איינער פון די איבערצייגסטע הערשער אויפן מאַרס, וועלכער האַלט, אַז מ׳דאַרף און מ׳מעג תיכף אָנהויבן די אַטאַקע. איך בין אַפילו זיכער, אַז ווען דער „שאַליט" זאָל זאָגן „שלום", וועט מיין פאָטער, מיט דער הילף פון די ווינקטיקסטע הערשער מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן אים, אים אַראָפּוואַרפן פון זיין הערשאַפט, וועט אַליין ווערן אַ „שאַליט" און וועט תיכף אָנהויבן די מילחמה; די אומגליקלעכע מילחמה, וואָס וועט אין געציילטע מינוטן אָנמאַכן אַ חורבן אויף דער ערד, אָבער וועט אויך אין געציילטע מינוטן פאַרניכטן דעם מאַרס מיט אַלע אירע איינוואוינער! מיין פאָטער איז בלינד. ער זעט עס נישט! ער זעט בלויז זיג — מעג עס אַפילו קאָסטן דאָס לעבן פון מיליאָנען מענטשן אויפן מאַרס. די מיליאָ־נען קרבנות אויף דער ערד אַרן אים נישט. בלוט איז ביי אים ביליקער פון וואַסער.

— ס׳איז אינטערעסאַנט, —זאָגט לי־לי— אַז קיין איינער פון מיינע ברידער און שוועסטער, און זיכער נישט מיין מאַ, זענען מיט דער זעל־בער מיינונג וואָס דער פּאַ. מיינע ברידער זענען דערוווייטערט פון מיר און האָבן מיך אַפילו נישט ליב, בלויז דערפאַר וואָס זיי ווייזט זיך אויס, אַז איך בין איינשטימיק מיטן פּאַ אינעם ענין מילחמה. איך האָב גע־לייענט אין אייערע פרע־היסטאָרישע ביכער, אַז ביי אייך האָט שוין אַמאָל געטראָפן, אַז אַלע ברידער זענען ברוגז געוואָרן אויף איין ברודער, ווייל ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן אַז דער פאָטער האָט מער ליב אָט דאָס ברודערל. האָבן זיי איין מאָל געכאַפּט דאָס ברודערל, ווען ער איז געווען ווייט פונעם פאָטער, אים פריער אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב און אים דער־נאָך פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף. איך האָב מורא, אַז איך וועל ערגער אָפּשניידן פון מיינע ברידער פאַר מיינע „קריגערישע" אידעען. זיי וועלן

מיך אויך כאַפּן און אַריינזועצן אין אַ ראָבאָט וואָס וועט אויפגעריסן ווערן אין דער לופטן. איך היט זיך טאַקע פאַר זיי ווען מיר זענען צוזאַמען — אָן באַשיצער.

— ביסט זיכער, אַז אַלע דיינע ברידער זענען פּאַציפיסטן?

— איך בין אַבסאָלוט איבערצייגט אין דעם. אויך מיין מאַ האָט עס מיר דערציילט און מיך באַדויערט, פאַרוואָס איך זוך בלוט. וואָס דאַרפסט איר מער, מיין טייערע מאַ האָט שטאַרק ליב באַקומען הינעסי־טאַן, און אַזוי ווי זי מיינט אַז די גאַנצע שימחה מיטן פאַרקנסן זיך פאַר איר איז בלויז אַ פּאָליטישער שפּיל און איך בין דער הויפּט-אַקטיאָר, און דער פּאַ האָט איר אַפילו געזאָגט, אַז ער וועט איר, הינעסיטאַן, געבן פאַר... אַ שקלאַפן, האָט שוין מיין ליבע מאַ אויסגעוויינט די אויגן און אָנגעהויבן מיר איינריידן, אַז... איך זאָל טאַקע באמת אָנהויבן ליב האָבן הינעסיטאַן און זי נעמען פאַר מיין געזעצלעכער פרוי און נישט ווי אַ שקלאַפן! איך האָב עס מיין גוטער מאַ „געמוזט" צוזאָגן. איצט בלייבט נאָר, צי איך וועל עס פועלן ביים פּאַ?...

ביידע מענער צעלאַכן זיך.

אין אַ שעה אַרום אין „ספּאָרט-סטאַדיום".

דער גרויסער סטאַדיום איז איבערפולט מיט מענטשן. אַלע זענען געקומען באַגריסן די מאַרסיאַנער געסט און, ספּעציעל — באַר-מאַ מיט זיין פאַמיליע. ס'איז קיין נייעס נישט געווען, אַז די ערד-מענטשן זאָלן זיך משדך זיין מיט מאַרסיאַנער, אָדער לבנה-איינוואוינער. עס איז אָבער געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז אַזאַ שידוך זאָל פאָרקומען צווישן הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן פון דער ערד מיט הערשער פונעם מאַרס. דערפאַר האָט מען עס געמאַכט אַזאַ גרויסע שימחה. דאָס איז געווען נישט בלויז הערי קוקס פאַמיליען-שימחה, נאָר אַ יום-טוב פאַר די ערד-רעגירער. אַזוי האָבן עס טאַקע פאַרשטאַנען די מאַרסיאַנער. הע־רי קוק, וועלכער איז געזעסן ביי באַר-מאַ'ס זייט, האָט אים שמייכלענ־דיק דערציילט, אַז אין דער געשיכטע פון דער ערד זענען פאַראַן אַ סך דערציילונגען וועגן „פּאָליטישע" חתונות צווישן צוויי קעניגן, הערשער פון צוויי פעלקער. אַ דאַנק אַזאַ שידוך זענען די פעלקער פאַרברידערט געוואָרן און ס'האָט צווישן זיי קיינמאָל נישט געהערשט קיין קריג.

באַר-מאַ קאָן זיך נישט קאָנטראָלירן, און גיט סאַרקאַסטיש אַ פרעג:

— ווי אַזוי איז עס געווען, ווי אַזוי? דערציילט אייער געשיכטע! האָבן ביידע פעלקער געהאַט געגוג, די זעלבע מאַס וואַסער, אָדער איין

פאָלק האָט גאָרנישט געהאַט און דאָס צווייטע פאָלק האָט געהאַט צו־פיל?...

הערי קוק האָט זיך נישט פאַרלוירן פון באַר-מאָ׳ס פראַגע און ער האָט אים געענטפערט:

— אמאָל, אמאָל, ווען די מענטשן זענען נאָך ווילד געווען און טעכניש אָפּגעשטאַנען, האָט אויף דער ערד געהערשט אַ ווילדער אוממענטשלעכער געזעץ: אָנפאַלן פון שטאַרקערן אויפן שוואַכערן, ביים אים צונעמען אַלץ — דאָס לאַנד אַריינגערעכנט — און דעם קעניג מיט אַלע זיינע עלטסטע קאָווען אין אייזערנע קייטן און זיי טרייבן צופוס הונדערטער קילאָמעטער, ביז זיי זענען געקומען צו אַ פאַרשיקונגס-לאַנד, וואו מ׳האָט זיי געמאַכט פאַר שקלאַפן. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט מיט הונדערטער און טויזנטער יאָרן צוריק. שפּעטער, ווען די מענטשן זענען שוין געוואָרן מער ציוויליזירט, זענען די פעלקער אויך אָנגעפאַלן איינס אויפן אַנדערן, אָבער שוין מיט אַ צווייטן מאָטיוו, אַן „איידעלערן" — זיי האָבן געזוכט צו פאַרכאַפּן די לענדער מיט וועלכע מ׳קאָן פירן מיסחרים. אויף דער פּאָליטישער ערד-שפּראַך האָט עס געהייסן: „פאַרכאַפּן מערק". לעצטנס, פאַר די לעצטע פופציק יאָר, זענען אויך געווען מילחמות אויף דער ערד. אָבער זיי זענען שוין געווען פּאָליטישע. איינער האָט געוואָלט אַרויפצווינגען אויפן צווייטן זיין פּאָליטישע אידעע, און אָט די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַזאַ „אידעאישע" מילחמה, זענען טאַקע באַזיגט געוואָרן, און ס׳איז געוואָרן אַ פערמאַנענטער פרידן אויף דער ערד... אָבער, אַז איין ציוויליזירט פאָלק זאָל אָנפאַלן אויף אַ צווייט פאָלק, ווייל דאָס צווייטע האָט וואַסער, אָדער עלעקטריע, און דאָס אַנדערע פאָלק נישט, דערפאַר דאַרף מען עס באַפאַלן, באַזיגן און ביי איר צונעמען אַלץ — דאָס איז נישט געשען און וועט קיינמאָל נישט געשען; און ווען ס׳זאָל געשען אַזאַ אומרעכט, וואָלט דאָס אָנגרייפעריש פאָלק באַזיגט און פאַרניכטעט געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — —

די ספּאָרט-איבונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו דער באַשטימטער מינוט. די ספּאָרטלער האָבן באַוויזן קינסטלערישע וואונדער, וואָס די מאַרסיאַנער און די לבנה-מענטשן האָבן עס נאָך נישט געזען. איין גרופּע ספּאָרטלער האָבן געמאַכט אַ „מענטשלעכן טורעם" פון פופציק שטאָק די הויך. אַזאַ קונץ איז געווען אַ נייעס פאַר די געסט. מיט דאָס איינציקע מיט וואָס די ספּאָרטלער האָבן נישט איבערראַשט די מאַרסיאַנער, איז מיט זייער שפּרינגען אין דער הויך. די מאַרסיאַנער שפּרינגען אַ סך

העכער, ווייל אַזוי ווי דער מאַרס-פּלאַנעט איז האַלב די גרויס פון דער ערד, איז די צוציאונגס-קראַפט (גראַוויטעט) פון דער ערד, דאָרט, אַ סך, גאָר אַ סך קלענער און דערפאַר קאָנען דאָרט די מענטשן שפּרינגען העכער. אגב, דאָס איז אויך דער מאָטיוו וואָס די מאַרסיאַנער האָבן אַנגעהויבן נוצן, פריער ווי די ערד-מענטשן, די עראָפּלאַנען און די ראַקעטן.

צווישן די מאַרסיאַנער געסט האָבן זיך אויך געפונען אַ היפּשע צאָל יוגנטלעכע, ווי אויך די ברידער פון לי-לי, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די יונגע ערד-ספּאָרטלער שפּרינגען אַזוי „נידעריק" — בלויז זעקס מעטער די הויך — און האָבן זיך אָנגעבאָטן צו ווייזן די ערד-ספּאָרטלער ווי אַזוי מען דאַרף שפּרינגען, ביז 25 מעטער די הויך. מען האָט אָנגענומען זייער אָנבאָט, און ווען די מאַרסיאַנער יוגנטלעכע האָבן געוואָלט ווייזן זייער קונסט אין „הויך-שפּרינגען", זענען זיי דורכגעפאַלן. זיי האָבן קיין צען מעטער אויך נישט דערגרייכט!

ה' קוק האָט עס דערציילט זיין מחותן באַר-מאַ, פאַרוואָס די מאַרסיאַנער קאָנען דאָ נישט שפּרינגען, און האָט שוין אויסגענוצט די געלעגנהייט אים צו דערציילן, אַז די ערד איז אַ ז אַ מאַגנעט, וואָס אַז מ'עלעקטריזירט געוויסע פונקטן, ציט זי אַראָפּ צו זיך אַלע פליענדיקע עראָפּלאַנען אָדער ראַקעטן, וועלכע ווערן, פאַרשטייט זיך, צעשמעטערט ביים אומווילנדיקן אַראָפּפאַלן צו דער ערד.

— — — — — — — — — — — — — —

דריי אַזייגער נאָכמיטטיק אין מיליטערישן סטאַדיום.

פונקט פאַרקערט ווי אויפן ספּאָרט-סטאַדיום, וואו ס'האָט געהערשט אַ פריילעכע, געלעכטערדיקע שטימונג, אַזוי איז דאָ, אויפן מיליטערישן סטאַדיום, געווען אַלץ ערנסט, אָן שום שמייכעלע אויף עמעצנס פּנים. די צאָל בייוועזנדיקע איז געווען זייער אַ באַגרענעצטע. עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן בלויז די מאַרסיאַנער און לבנה-געסט צו דער שימחה פון ה' קוק, און אַ טייל הויכע געלערנטע און מיליטער-לייט פון דעם מאַרס און דער לבנה וואָס זענען צופעליק געווען אויף דער ערד צוליב זייערע ספּעציפישע ענינים. עס זענען אויך איינגעלאַדן געוואָרן אַ גרויסע צאָל רעגירונגס-מענטשן און געלערנטע פון דער לבנה. אַזוי ווי מען האָט באַדאַרפט באַווייזן די נייעסטע דערפינדונגען פון די ערד-מענטשן, האָט מען געוואָלט, אַז וואָס מערער פּלאַנעט-רעגירער און געלערנטע — פריינט און שונאים — זאָלן זען, ווי אַזוי די ערד-איינוואוינער זענען צוגעגרייט צו פאַרטיידיקונג.

איידער דער אַקט האָט זיך אָפיציעל אָנגעהויבן, האָט מען צעטיילט

צווישן אַלע בייוועזנדיקע אַזעלכע אויגן-גלעזער, וועלכע מ׳האָט אַמאָל גענוצט אויף דער ערד און זיי גערופן „בינאָקלען״. די איצטיקע אויס־געבעסערטע און פערפעקציאָנירטע אויגן-גלעזער זענען געווען ענלעך צו טעלעסקאָפּן — אויף צו קוקן מיט ביידע אויגן מיט אַמאָל. יעדער טעלעסקאָפּ האָט געהאַט אַ געוויסן נומער, וועלכן מ׳האָט געדאַרפט אָנ־שטעלן — לויט דער מעלדונג פונעם אָנפירער פון פּראָגראַם, דער „ספּי־קער״, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטן סטאַדיום מיט אַ ראַדיאָ-מיקראָ־פאָן אין דער האַנט.

פּונקט צו דער מינוט, האָט דער אָנפירער פונעם אַקט געמעלדעט, אַז מ׳זאָל אָנשטעלן דעם נומער 31 פון די אויגן-גלעזער און קוקן אין זיי צום הימל. אַלע בייוועזנדיקע האָבן צוגעשטעלט די טעלעסקאָפּן צו זייערע אויגן, און זענען געוואָרן איבערראַשט, זעענדיק דעם מאַרס אַזוי נאָענט, אַז מ׳האָט אָנגעזען די הייזער, די מענטשן און אפילו די קינדער־לעך וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף די גאַסן פון די שטעט. די מאַרסיאַ־נער הערשער זענען געבליבן געפּלעפט: אַזוי נאָענט צו זען זייער פּלאַ־נעט פון אַ צווייטן לאַנד, איז פאַר זיי געווען אַן אמתע איבערראַשונג! אויך זיי, דאָרט אויפן מאַרס, האָבן טעלעסקאָפּן, אָבער אויף צו שטו־דירן די שטערן, אָדער אַנדערע פּלאַנעטן מוזן זיי באַנוצן גיגאַנטישע אינסטרומענטן, און ערשט דערנאָך זעט מען בלויז פאַרנעפּלטע סימנים פון אַ פּלאַנעט.

די שטימע פונעם „ספּיקער״ מעלדעט, אַז מען זאָל אָנשטעלן דעם טעלעסקאָפּ אויפן נומער 13. אַלע בייוועזנדיקע טוען אַזוי, און מ׳דער־זעט דעם פּלאַנעט וואָס איז באַקאַנט אַלס „לבנה״. דער לבנה-פּלאַנעט איז אַ סך, אַ סך ווייטער פון דעם מאַרס, דאָך זעט מען אַרום די שטעט, די טייכן, די ביימער און הייזער און אויך די מענטשן וואָס געפינען זיך אין די גאַסן.

דאָס דאָזיקע איבערראַשט נאָכמער די מאַרסיאַנער! ביי זיי, אויפן מאַרס, קאָנען זיי בשום אופן נישט זען —דורכן גרעסטן און פערפעקטסטן טעלעסקאָפּ— דעם לבנה-פּלאַנעט.

די שטימע פונעם „אַקט-אָנפירער״ מעלדעט: „מען וועט איצט זען איינעם פון די ווייטסטע פּלאַנעטן וואָס דרייט זיך אַרום דער זון, דער דאָזיקער פּלאַנעט הייסט „סאַטורנאָ״, און ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אַן אַבסאָלוט אַ טויטער און קיין לעבעדיקע וועזנס קאָנען אויף אים נישט לעבן אפילו קיין איין מינוט. חוץ דעם וואָס ער האָט נישט קיין

לופט, איז ער פול און איבערפולט מיט גיפטיקע גאַזן, וועלכע טויטן באַלד אָפּ יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש.

דער „ספּיקער" זעצט פאָר:

„די ערד-פאָרשער האָבן אים אַנטדעקט שוין אַ דריי צענדליק יאָר. זיי האָבן צו אים אַרויפגעשיקט ראַקעטן מיט לעבעדיקע חיהלעך. ווי נאָר דאָס חיהלע איז אַרויסגעשאָסן געוואָרן פונעם ראַקעט אויף דער „מאַסע", פון וועלכע דער „סאַטורנאַ" איז פאָרמירט — איז עס תיכף געשטאָרבן. נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט פון לעבן אויף דעם דאָזיקן פּלאַנעט.

„איצט, קוקט גוט וואָס פון אָט דעם דאָזיקן פּלאַנעט וועט ווערן. מיט איין קוועטש פון אַ קנעפּל, וואָס איינער פון אונדזערע רעגירער וועט טון, וועלן פון אַלע עקן פון דער ערד: פון זיד- און נאָרד-פּאָל, פון אַלאַסקאַ און מיאַמי-ביטש. פון מאָסקווע און ריאָ דע זשאַנעיראָ, אָנהויבן פליען שטראַלן צום „סאַטורנאַ". איצט, קוקט!...

— — — — — — — — — — — — —

די מאַרסיאַנער זענען געבליבן פאַרשטיינערט. זיי האָבן זייערע אויגן נישט געגלויבט. זיי זעען ווי פון אַלע ווינקעלעך פון דער ערד פליען שטראַלן צום „סאַטורנאַ"; זעען ווי אין געציילטע סעקונדן, ממש סעקונדן, איז דער „סאַטורנאַ" געטראָפן און צעשמעטערט געוואָרן אויף דינע שטיקעלעך; זיי זעען דורך די קליינע אויגן-גלעזער, ווי פון „סאַטורנאַ" איז שוין קיין זכר נישט געבליבן. די שטראַלן האָבן אים ממש צעמאָלן. לויט ווי די מאַרסיאַנער ווייסן, איז דער „סאַטורנאַ"-פּלאַנעט געווען אַ סך גרעסער פון זייער מאַרס. נישט ביי איינעם פון זיי האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער געדאַנק: — וויפל דאַרף געדויערן, אַז אָט די שטראַלן זאָלן אויך טרעפן דעם מאַרס?

הערי קוק, וועלכער זיצט שטול ביי שטול מיט זיין מחותן באַר-מאָ, כאַפּט אַלע ווײַלע אַ בליק צו אים. ער זעט ווי ער איז בלאַס און אָנגע-שטרענגט. ער באַמיט זיך אָבער אויסצוזען רואיק. ער, באַר-מאָ, ווייסט בעסער פון אַנדערע, פאַרוואָס מ'ווייזט זיי די דאָזיקע בילדער. זיין זונ-דעלע, לי-לי, האָט אים פריער דערציילט, אַז מ'וועט היינט אויפרייסן איינעם, אָדער מערער פּלאַנעטן, וואָס האָבן נישט קיין לעבן; מ'וויל דערמיט אָנשרעקן די מאַרס-הערשער און זיי ווייזן, וואָס מיט זיי וועט ווערן אויב זיי וועלן אַטאַקירן די ערד. באַר-מאָ איז אָבער זיכער, אַז דער מאַרס וועט פריער אַטאַקירן איידער די ערד-מענטשן וועלן האָבן צייט צו באַנוצן זייערע שטראַלן.

און אפשר —אזוי טראַכט באַר־מאַ, און ער האַלט נאָך אַלץ דעם טעלעסקאָפּ ביי די אויגן—, אפשר איז לי־לי גערעכט! מ׳דאַרף וואַרטן ביז די מאַרס־געלערנטע וועלן דערפינדן עפּעס שטאַרקערס פון אַט די דאַזיקע „זון־שטראַלן", מיט וועלכע די ערד־איינוואוינער באַנוצן זיך! מ׳דאַרף טאַקע צווינגען די מאַרס־געלערנטע צו שטודירן, צו זוכן נייע און מעכטיקערע וואָפן ווי די ערד־מענטשן האָבן.

הערי קוק כאַפּט אַלע מאָל אַ בליק אויף אים, און לייענט אַרויס זיי־נע געדאַנקען. ער „וואַשט" זיין מוח. אויף איין מינוט פאַרלירט ער דעם קאָנטראָל איבער זיך און ווענדנדיק זיך צו באַר־מאַן, גיט ער אים אַ פרעג:

— און אפשר וואָלט איר גאָר געטראַכט צו ווענדן זיך צו אונדז נאָך הילף, אַז מיר זאָלן אייך העלפן געפינען מערער וואַסער אויפן מאַרס? אפשר וואָלטן מיר געשלאָסן אַן אייביקן אָפּמאַך, אַז מיר זאָלן דערלויבן, אַז אַזויפיל און אַזויפיל מאַרס־עמיגראַנטן זאָלן זיך קומען באַזעצן אויף אונדזער ערד, אָבער, עס זאָלן זיין פּשוטע, ערלעכע קאָלאָניסטן, נישט אַזעלכע ווי איר שיקט אונדז איצט!...

— — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געווען צו־שפּעט. ה׳ קוק האָט שוין נישט געקאָנט כאַפּן זיינע ווערטער צוריק. באַר־מאַ האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז זיין מחותן ה׳ קוק ווייסט אַלץ און פאַרשטייט אַלץ. מעגלעך, אַז ער האָט לעצטנס „געוואַשן" זיין מוח און ער, באַר־מאַ, האָט זיך גאָר קיין רעכענונג נישט געגעבן...

באַר־מאַ האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ה׳ קוק האָט אים געגעבן אַ וואונק אַז ער זאָל איצט שווייגן, מען גייט ווייזן דעם לעצטן וואונדער.

די שטים פון „ספּיקער" רופט אויס:

— שטעלט־אָן אייערע טעלעסקאָפּן אויף דער ווייטקייט פון דער ערד, שטעלט־אָן נומער 21. יעדער איינער זאָל פון אָנהייב בלויז קוקן אין איין פּונקט, דערנאָך — וואו ער וויל!

אַלע געסט האָבן אויסגעפאָלגט דעם „ספּיקערס" פאַראָרדענונגען. די מאַרסיאַנער זענען שוין געווען אָנגעשטרענגט צו זען אַ נייעם וואונדער. אַנדערע טראַכטן מיט מורא:—אפשר וויל מען זיי ווייזן ווי אַזוי מ׳צעברעקלט זייער ערד?

עס האָט געדויערט ווייניקער פון אַ מינוט. די ביייוועזנדיקע וואָס האָבן געקוקט אין די טעלעסקאָפּן, זעען ווייטע, פלאַכע ערד־שטרעקעס.

פלוצים דערזעען זיי, ווי פון אונטער דער ערד האָבן זיך אַרויסגעשאָרט און אויפגעהויבן צום הימל טויזנטער און הונדערטער טויזנטער קליינע ראַבאַט-עראָפּלאַנען, וועלכע פליען אַוועק אין דער הויכקייט פון דער אַטמאָספער. פריער, ווען זיי האָבן געקוקט אויף דער ערד, האָבן זיי נישט געזען קיין סימן פון אַט די עראָפּלאַנען, איצט זענען די הימלען פול מיט זיי.

די מאַרסיאַנער הייבן-אָן קוקן מיט זייערע טעלעסקאָפּן אין פאַרשיידענע ווינקלען, אין פאַרשידענע עקן פון דער ערד, און אומעטום זעען זיי בלויז פליען ראַבאַטס. זיי, די ראַבאַטס, האָבן פאַרשטעלט די הימלען, די זון. מ׳זעט בלויז ראַבאַטס און ראַבאַטס.

ה׳ קוק זאָגט אין דער שטיל צו באַר-מאַן:

— יעדער איינער פון די מיליאָנען ראַבאַטס וואָס פליען דאָרט, האָט אייגענע „זון-שטראַלן”, וואָס ער קאָן זיך מיט זיי באַנוצן ווען ער וויל...

ה׳ קוק פאַרענדיקט מיט באַר-מאַן דעם שמועס, זאָגנדיק צו אים:

— אויף דער נאַכט, נאָך דער שימחה, וועלן מיר רעדן וועגן דעם!...

— — — — — — — — — — — — —

אין שטודיר־צימער ביי הינעסיטאַן.

אויף אַ באַקוועמען דיוואַן זיצן הינעס און לי־לי. אַנטקעגן זיי זיצט הינעסיטאַס קוזינקע אסתרל. זיי פירן אַ היימישן געשפּרעך און אַלע ווילע צעלאַכן זיי זיך אויפן קול.

לי־לי שפּילט זיך מיט הינעסיטאַס לאָקן־געקרייזלטע האָר, קוקט גאָרנישט צו די צוויי שיינע קוזינקעס און האַרציקע חברטעס, וואָס פּלאַפּלען מיידלשע טעמעס, דאָך מישט ער זיך אַלע ווילע אַריין אין זייער געשפּרעך און גיט אַ זאָג אַרויס אַ געדאַנק, אָדער אַ מיינונג, וואָס באַווייזט, אַז ער איז אַ גרויסער איגנאָראַנט אין די דאָזיקע „מיידלשע טעמעס”. און די מיידלעך, צוזאַמען מיט לי־לין צעלאַכן זיך.

אסתרקע איז ווידער געקומען צו הינעסיטאַן נישט סתם צו־גאַסט; זי איז געקומען נאָך דרינגענדיקער הילף. זי דאַרף אין עטלעכע טעג אַרום אָפּגעבן איר לעצטן עקזאַמען פון דער מיטלשול, און זי דאַרף אָנ־שרייבן אַ טעזיס אויף דער טעמע:

„די ערשטע באַגעגעניש צווישן די ערד־מענטשן מיט די איינוואוי־נער פון דער לבנה און פון „מאַרס”.

זי, אסתרקע, האָט שוין אָנגעשריבן צענדליקער בלעטלעך און זי צערייסט זיי; און אַזוי ווי הינעסיטאַ האָט אַרויסגענומען די גרעסטע „צייכענונג” אויף אַן ענלעכער טעמע, איז זי געקומען צו איר, אַז זי זאָל איר אַרויסהעלפן אין איר אויפגאַבע. זי ווייסט, אסתרקע, אַז איר קוזינ־קע איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען מיט איר חתן, אָבער זי ווייסט אויך, אַז איר קוזינקע איז זייער אַ גוטע און זי וועט שוין געפינען אַביסל צייט איר אַרויסצוהעלפן. די הילף באַשטייט אין דעם, אַז הינעסיטאַ זאָל איר דערציילן וואָס זי האָט געלערנט, אָדער געהערט פון זיידע־באָבען, ווען זיי האָבן דערציילט זייערע שיינע מעשהלעך, און זי, אסתרקע, וועט דאַן פאַרצייכענען „ראַדיאָגראַפיש” אירע רייד און וועט פון זיי שאַפן דעם נייטיקן טעזיס. גאָר ספּעציעל קומט איר איצט צונוץ, וואָס לי־לי

איז אויך דאָ, און וואָס ער סימפּאַטיזירט זייער פיל מיט איר, מיט אסתר־קען, און ער וועט אויך איר קאָנען אַרויסהעלפן מיט זיינע ידיעות.

היגעסיטאַ קאָן נישט ליידן איר קונזינקעס „צרות״. זי באַרואיקט איר, אַז זי וועט איר העלפן מיט וואָס זי וועט נאָר קאָנען; הייסט איר אָנהייבן פאַרצייכענען, און הייבט־אָן איר „הילפס־לעקציע״:

— — — — — — — — — — — — — —

פון ווען אָן, אייגנטלעך, די ערד־מענטשן זענען געקומען צום פאַר־שטאַנד, אַז עס זענען נאָך פאַראַן אַנדערע וועלטן ווי אונדזערע — קאָן מען גענוי נישט וויסן. אין די אַלטע ביכער פון אַלע ציוויליזירטע פעל־קער רעדט זיך וועגן די „הויכע וועלטן״. שוין הונדערטער און טויזנטער יאָרן ווי די מענטשן האָבן געגלויבט, אַז אויף די הימלען זענען פאַראַן נאָך וועלטן.

פאַר דער ציוויליזירטער וועלט פון אונדזער ערד איז די אַנטדעקונג, אַז ס׳איז פאַראַן אַ נייע וועלט —אַ פּלאַנעט— וועלכן מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן „מאַרס״, פאָרגעקומען ביים סוף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, גע־נויער געזאָגט: אין יאָר 1879, ווען אין אַ טונקעלער נאַכט האָט אַן איטאַליענישער אַסטראָנאָם, איינער מיטן נאָמען שיאַפּאַרעלי, דורך אַ גראַנדיעזן טעלעסקאָפּ וואָס ער אַליין האָט צוזאַמענגעשטעלט, אַנטדעקט אַז אויפן „מאַרס״ זענען פאַראַן טייכן, וועלדער און... לעבן. ער, דער דאָזיקער אַסטראָנאָם, ווי בכלל אַלע אַסטראָנאָמען פון יענער צייט, און שפּעטער מיט צענדליקער יאָרן, האָבן בלויז געזוכט לעבן אויפן פּלאַ־נעט „מאַרס״, ווייל דער דאָזיקער פּלאַנעט איז דער נאָענטסטער צו אונד־זער ערד. מ׳האָט שפּעטער אויך אַנטדעקט אַנדערע פּלאַנעטן, וועלכע מ׳האָט אָנגערופן: יופּיטער, נעפּטוניאַ, מערקוריאַ, סאַטורנאַ, און נאָך אַנדערע, אָבער אויף די לעצטע האָט מען נישט באַמערקט קיין שום זאַך וואָס קאָן באַצייכנט ווערן אַלס לעבן. דער אמת איז, אַז די דאָזיקע פּלאַנעטן זענען אַ סך, אַ סך ווייטער פון אונדזער ערד ווי דער „מאַרס״, און מ׳האָט זיי דערפאַר נישט געקאָנט שטודירן. דעם צווייטן פּלאַנעט נאָכן „מאַרס״, וואָס די ערד־מענטשן האָבן געקאָנט בעסער אויסשטודירן, איז געווען דער „ווענוס״, וועלכער איז אויך נאָענטער צו דער ערד ווי די איבעריקע פּלאַנעטן. אָבער, אויפן „ווענוס״ האָט קיין לעבן נישט געקאָנט זיין, ווייל ער איז שטענדיק באַדעקט מיט וואָלקנס, און איז שטענדיק נאַס — פונקט דער היפוך פונעם „מאַרס״, וואו קיין וואָלקנס זענען כמעט קיינמאָל נישטאָ און עס רעגנט דאָרט קיינמאָל נישט, און דערפאַר נייטיקן זיך די מאַרס־מענטשן אין וואַסער. די „קאַנאַלן״ וואָס

דער אַסטראָנאָם טשיאַפּאַרעלי האָט דאָן געזען דורך זיין טעלעסקאָפּ, זענען טאַקע געווען אַמתדיקע קאַנאַלן, וואָס די קלוגע און שוין אַנטוויקל־טע מאַרס־מענטשן האָבן אויסגעגראָבן און דורכגעפירט איבער טויזנטער קילאָמעטערס פון זייער לאַנד, כדי צו באַזאָרגן זייערע פּלאַנעט־איינ־וואוינער מיט אָט דעם לעבנסוויכטיקן עלעמענט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען וואַסער אין די דאָזיקע קאַנאַלן?

— ערשטנס, זענען אויפן מאַרס אויך פאַראַן טייכן און קליינע ימים. אַלע זייערע טייכן און ימים צוזאַמען זענען קלענער ווי אונדזער קלענס־טער ים וואָס מיר פאַרמאָגן. דאָס, וואָס די ערד־מענטשן האָבן צופיל, האָבן די מאַרס־איינוואוינער צו־ווייניק. צווייטנס, גראָבנדיק טיף אין זייער ערד און אויפרייסנדיק בערג, האָבן זיי אַרויסגעקראָגן אַביסל וואַ־סער וואָס זיי האָבן פאַרקירעוועט צו די קאַנאַלן, וואָס פליסן איבערן גאַנצן פּלאַנעט.

— איז טאַקע נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט צו ברענגען מער וואַ־סער אויפן מאַרס? — פרעגט אסתרל.

— איין האָפענונג איז פאַראַן: „צורוקן” דעם מאַרס־פּלאַנעט צו די וואָלקנס, אָדער „צורוקן” די וואָלקנס צום מאַרס־פּלאַנעט. ביידע זאַכן זענען דערווייל אוממעגלעך. איצט, דיין הויפּט־פראַגע: ווי אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט מיט די פּלאַנעט־איינוואוינער?

— אונדזערע לערנביכער דערציילן עס נישט. ווייזט אויס, אַז מען שעמט זיך מודה צו זיין, אַז די מאַרסיאַנער און לבנה־מענטשן זענען גע־ווען וויסנשאַפטלעך און טעכניש מער אַנטוויקלט פון אונדזערע ערד־מענטשן, אָבער פון מינדלעכע דערציילונגען פון מענטשן וועלכע האָבן געלעבט אין יענער צייט, און גאָר ספּעציעל פון די מאַרס־מענטשן, מיט וועלכע מיר שטייען שוין אין קאָנטאַקט צענדליקער יאָרן, ווייסן מיר, אַז זיי, די מאַרסיאַנער, האָבן אונדז פריער דערזען און אַנטדעקט, ווי מיר זיי. זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע טעלעסקאָפּן, ווי מיר, אויף צו קוקן און זוכן אין דער ווייטער ווייטקייט, נאָר זיי האָבן שוין לאַנג, לאַנג זיך באַנוצט מיט זייערע בליץ־שנעלע ראַבאָט־עראָפּלאַנען, מיט וועלכע זיי פליען שוין אַרום הונדערטער יאָרן, און אַזוי, פליענדיק, זענען זיי צוגעפלויגן נאָענט צו אונדזער ערד, און אונדז גענומען אָבסערווירן.

— דאָס שענסטע איז, —זעצט פאָר הינעסיטאַ איר לעקציע,— וואָס זיי, די מאַרסיאַנער, ווען זיי זענען געוואויר געוואָרן אַז ס'איז פאַראַן אַן ערד־פּלאַנעט מיט מענטשן און אַנדערע באַשעפענישן, האָבן זיי זיך פאָר־געשטעלט, אַז מיר זעען נישט אויס ווי זיי, מיט אַ נאָרמאַלן פּנים, העגט

און פיס, נאָר האָבן געגלויבט, אַז מיר זענען שרעקלעך הויך, פעסט־געבויטע, מיט פּנימער וואָס גיבן קיינמאָל נישט קיין שמייכל. אייניקע האָבן גאָר געגלויבט, אַז מיר האָבן הערנער אויפן שטערן. ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען די מאַרס־מענטשן האָבן שוין געוואוסט וועגן אונדזער עקזיסטענץ און וועגן אונדזערע מענטשן, האָבן עטלעכע געוואַגטע מאַרסיאַנער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, און... פאַרכאַפּט עטלעכע ערד־איינוואוינער אין זייערע ראָבאָטס. די ערשטע צייט האָבן זיי די געפאַנגענע פריער געטויט מיט עלעקטרישע שטראַלן און זיי געבראַכט טויטערהייט אויפן מאַרס. מ'האָט זיי דאָרט עקזאַמינירט און זיך איבערצייגט אין אונדזער אויסזען. שפּעטער האָבן די מאַרסיאַנער קריגער פאַרכאַפּט עטלעכע לעבעדיקע מענטשן. קיינער אויף דער ערד האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז די מענטשן האָבן נישט געסטייעט. אַזוי האָבן די מאַרסיאַנער געבראַכט צו זיך מענטשן פון אַלע קאָלירן און פון פאַרשידענעם עלטער און געשלעכט. זיי האָבן אַפילו פאַרשלעפּט אויפן מאַרס חיות און פייגלען, וואָס ביז דעמאָלט האָט מען זיי אויפן מאַרס נישט געזען.

דאָס אַלץ איז געשען בערך מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, עקזאַקט: ביזן יאָר 1978. אין איינער אַ נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד אַ גאַנצע עסקוואַדריליע (גרופּע) מאַרס־ראָבאָטן. זיי זענען געפלויגן צו אַ וואַלד, וועלכן זיי האָבן געזאָלט אונטערצינדן מיט זייערע עלעקטרישע שטראַלן. זיי האָבן עס דעמאָלט געדאַרפט האָבן פאַר זייערן אַן עקספּערימענט אויף צו אַטאַקירן די ערד. אין יענער צייט איז ביי די מאַרס־איינוואוינער געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו אַטאַקירן און פאַרשקלאַפן די ערד־איינוואוינער. זיי זענען געווען זיכער אַז מיר, די ערד־מענטשן, ווייסן נאָך גאָרנישט וועגן זיי און וועגן זייערע פּלענער. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. די מעכטיקע ערד־ראַדאַרס האָבן שוין געהאַלטן אַן אויג אויף אַט די דאָזיקע אומגעבעטענע געסט, און מיט מינוטן פריער, איידער די מאַרס־ראָבאָטן זענען צוגעקומען נאָענט צו זייער ציל, האָבן זיי אַרויסגעשיקט ערד־שטראַלן, זיי „אַנטוואַפנט", און אַלע מאַרס־ראָבאָטן „צוגעצויגן" צו דער ערד. עס זענען אַראָפּ צו דער ערד צוואַנציק אַזעלכע ראָבאָטן, און אין יעדן איינעם פון זיי זענען געווען צוויי און דריי פּילאָטן. זייער געצוואונגענע לאַדונג אויף דער ערד, האָט זיי גאָרנישט געשעדיקט. ווען זיי זענען אַרויס פון די ראָבאָטן, האָבן זיי זיך געטראָפן אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצן רעגימענט ספּעציאַליזירטע סאָלדאַטן. די מאַרסיאַנער האָבן געפּרואווט נוצן

זייער „עלעקטריש-געווער” וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך, אָבער די „עלעקטריע” זייערע איז געווען טויט. זיי האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן.

דאָס זענען געווען די ערשטע מאַרסיאַנער וואָס האָבן געלאַנדעט אויף דער ערד.

נאָך דעם ווי ס׳איז זיי אַריבער דער שרעק, האָט מען גענומען די מאַרסיאַנער און מ׳האָט מיט זיי געמאַכט אַ שפּאַציר איבער שטעט און לענדער. טויזנטער און מיליאָנען מענטשן זענען זיי געקומען אָנקוקן, ווי אויף אַ בייז וואונדער. מ׳האָט זיך אָבער באַמיט, אַז זיי זאָלן זיך פילן גוט און אַז ס׳זאָל זיי גאָרנישט פעלן. אַזוי האָט מען זיי אויפגעהאַלטן דרייסיק טעג. אין משך פון אָט דער צייט האָבן אַ גרופּע פון אונדזערע געלערנטע זיך אויסגעלערנט זייער שפּראַך און זיך שוין פריי צונויפגערעדט מיט זיי. מ׳האָט צוביסלעך שטודירט זייער לעבן, זייער באַוועגונג און אַפילו זיך צוגעקוקט, אַז זיי זענען שטאַרק זשעדנע נאָך וואַסער און ביי יעדער געלעגנהייט טרינקען זיי אַ סך. אָט דעמאָלט זענען מיר געוואויר געוואָרן אַז אויפן מאַרס פעלט אוים וואַסער.

אין אַ נאַכט — אויפן איינאונדרייסיקסטן טאָג נאָך דער ערשטער „אינוואַזיע” — האָבן די ערד-ראַדאַרס געלאָזט וויסן, אַז עס דערנענטערן זיך צו דער ערד עטלעכע הונדערט מאַרס-ראָבאָטן. דער „ראַדאַר” האָט אויך געמעלדעט, אַז די ראָבאָטן קומען מיט שלעכטע כוונות. אַלע ראָבאָטן זענען מיליטערישע, און פירן צו עטלעכע מאַן אין יעדן ראָבאָט, וואָס זענען באַוואָפנט מיט „עלעקטראָנישע שטראַלן” וועלכע קאָנען דורכלעכערן דעם שטאַרקסטן שטאָל, פון צען מעטער-קוואַדראַט די גרעב.

דער פאַרטיידיקונגס-סיסטעם פון דער ערד איז שוין געווען שטאַרק אַנטוויקלט, נאָך פון דער צייט ווען מ׳האָט זיך געגרייט צו דער דריטער וועלט-מלחמה, און די ראַדאַרן זענען געווען די הויפּט-שטיצע פון דער פאַרטיידיקונג.

אין משך פון געציילטע סעקונדן איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פאַרטיידיקונג, און קיין איין מאַרס-ראָבאָט איז נישט געלונגען צו אַנטלויפן. אַלע, אַלע זענען דורכן מאַגנעט-סיסטעם „ל. ר. ד.”, אַראָפּגעצויגן געוואָרן צו דער ערד און געוואָרן אומשעדלעך, ווען זיי זענען נאָך געווען העט ווייט אין דער לופטן.

די קריגער פון די ראָבאָטן האָבן אַליין נישט געוואָלט עפענען זייערע הערמעטיש-פאַרמאַכטע טירן. זיי האָבן זיך אינעווייניק נאָך אַלץ געבריהט אויפצוהייבן, אָבער די „ערד-שטראַלן” האָט זיי אויפגעריסן און געצוואונגען די מאַרסיאַנער זיך צו שטעלן אויף די קני — אַ סימן,

אַז זיי גיבן זיך אונטער. די צאָל זייערע איז געווען העכער פינף טויזנט מאַן. עטלעכע ערד-געלערנטע, וועלכע האָבן שוין געקענט די שפּראַך פון די מאַרסיאַנער, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף הויכע טריבונעס און גענומען רעדן צו זיי. מ'האָט אויך געבראַכט די פריערדיקע געפאַנגענע מאַרסיאַנער, וועלכע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט זייערע ברידער, און —אויף זייער שפּראַך— זיי באַרואיקט און פאַרזיכערט, אַז די ערד-מענטשן זענען גוטע מענטשן און וועלן זיי קיין שלעכטס נישט טון.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָבן די ערד-רעגירער אויך מיט די נייע געסט געמאַכט אַן עקסקורסיע איבער דער ערד און עס האָט אַזוי אַרום געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מ'האָט געפונען נייע, האַרציקע ברידער. פאַר וועמענס נאָמען און אויסזען מ'האָט אומזיסט מורא געהאַט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, זענען אַלע מאַרסיאַנער, טאַקע אין זייערע צורעכט-געמאַכטע ראַבאָטן, אומגעקערט געוואָרן צום מאַרס. מער האָט מען זיי שוין נישט געזען. מער זענען זיי אויף דער ערד נישט געקומען.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אויף דער ערד אָנגעהויבן אויפבויען אַזעלכע ראַבאָטן ווי די מאַרסיאַנער האָבן געהאַט, און אין וויינִיקער פון דריי חדשים איז אַ דעלעגאַציע פון ערד-מענטשן אָפּגעפלויגן צום מאַרס. צום ערשטן זענען געפלויגן „וואָלונטירן"-העלדן, וועלכע זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן צום מאַרס נישט צוקומען און וועלן ערגעץ-וואו צעשמעטערט ווערן אין רוים. ווען די ערשטע פליער זענען אָנגעקומען אויפן מאַרס און זענען דערנאָך צוריקגעקומען געזונטע און מוטיקע, האָט מען שוין אַוועקגעשיקט אַ גרופּע געלערנטע, וועלכע זענען דאָרט געווען עטלעכע חדשים, זיך אויסגעלערנט די מאַרס-שפּראַכן און דיאַלעקטן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרמעלע פאַרבינדונג צווישן דער ערד און די מאַרסיאַנער.

— אַזוי, אסתרל, דערציילן אונדזערע ביכער און אונדזערע ערד-מענטשן.

די מאַרסיאַנער האָבן אַן אַנדער וועדסיע, ווי אַזוי מ'האָט זיך פאַרבונדן מיט די ערד-מענטשן.

זיי, וועלכע האָבן אונדז אַנטדעקט און אויסגעפאָרשט במשך פון אַ סך יאָרן, האָבן שוין געהאַט געמאַכט ערנסטע פּרואוון אונדז צו אַטאַקירן, ווען פלוצים זענען זיי איבערראַשט געוואָרן פון „אַטאָמישע", „הידראָגענישע" און אַנדערע מינים אויפרייס-שטאָפן וואָס זענען געקומען פון דער ערד און האָבן דערגרייכט צום מאַרס. מ'האָט אָנגעהויבן

אויפנעמען אַזעלכע ראַדיאָ-שטראַלן, וואָס מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן געפּערלעך פאַר דער זיכערקייט פונעם מאַרס. דאַן, האָבן די מאַרסיאַנער באַשטימט זיך צו פאַרבינדן מיט די ערד-מענטשן, און מ'האָט געשיקט צו זיי „דעלעגאַציעס". אָט די דאָזיקע דעלעגאַציעס האָבן עס איבערגעכאַפּט די ערד-מענטשן, וועגן וועלכע איך האָב דיר פריער דערציילט.

אָבער, דאָס איז נישט וויכטיק. פון דאַן אָן, איז פאַראַן אַ פולשטענדיקע פאַרבינדונג מיט די מאַרסיאַנער.

מיט דער „לבנה" האָבן מיר זיך אַ סך פריער פאַרבונדן. אָבער בלויז מיט יענער טייל פון דער „לבנה" וואָס איז נישט באַוואוינט, נישט באַפעלקערט און וואו עס וואַקסט גאָרנישט. מערקווירדיק: מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט יענער טייל לבנה, וועלכע די לבנה-מענטשן האָבן נאָך אַליין אויך גוט נישט אויסגעפאָרשט.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פאָר צענדליק יאָר פריער, אַרום יאָר 1961. די ערד-מענטשן האָבן אויסגעפאָרשט די לבנה דורך זייערע טעלעסקאָפּן און האָבן באַשלאָסן אַרויפצושיסן אַהין זייערע „קאָהעטן", מיט מענטשן אינעווייניק. פריער האָט מען געמאַכט אַזעלכע פּראָבעס מיט חיות און פייגלען.

איינער אַזאַ „קאָהעט" האָט דערגרייכט דער לבנה און דעם מענטשן אינעווייניק איז געלונגען אויסצושטייגן פון זיין אַפּאַראַט. ער האָט דאָרט געטראָפן בלויז שטיינער און וואַסער און אַ זייער פייכטע לופט. עס האָט אים געקאָסט זייער פיל געזונט, ביז ער האָט געקאָנט אַרויסרייסן אַ שטיקל שטיין פון דאָרט, כדי עס צו ברענגען אויף דער ערד, ווי אַ באַווייז, אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לבנה. ער האָט אויך געבראַכט אַ סימן פון אַ ביימעלע וואָס האָט דאָרט ערגעץ, פון זיך אַליין געוואַקסן. דאָס וויכטיקסטע אָבער איז — ער איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער אויף דער ערד און איז געוואָרן דער פאָלקס-העלד, וועמענס נאָמען וועט אייביק בלייבן פאַרשריבן אין דער געשיכטע. ער לעבט נאָך איצט און פאַרנעמט אַ גרויסע פּאָזיציע אינעם לעבן פון די צפון-אַמעריקאַנער שטאַטן. זיין נאָמען איז דזשאָן אַדאַמס, אַ געבוירענער אין וואַשינגטאָן.

נאָך דעם אויבנדערמאָנטן שליח צו דער לבנה, האָבן שוין אויך אַנדערע געמאַכט פּרוואוון צו פליען צו דער לבנה, ביז מ'האָט דערגרייכט צוצוקומען צו יענער זייט פון דער לבנה, וואָס איז געווען באַוואוינט פון שטילע, רואיקע און זייער געלערנטע מענטשן. מערקווירדיק: אויך

די לבנה־מענטשן האָבן דעם זעלבן אויסזען ווי די ערד און מאַרס־איינוואוינער. די זעלבע פּנימער, די זעלבע גרויס אין די זעלבע הענט און פיס, ווי אויך די אַנדערע אברים.

פאַראַן אַ מיינונג ביי אונדזערע געלערנטע, אַז די ערד, דער מאַרס און די לבנה זענען צוריק מיט טויזנטער, אָדער מיליאָנען יאָרן, געווען איין וועלט, איין פּלאַנעט. ביז עפּעס אַ שטאַרקער בליץ האָט זיי „צעשפּאָלטן" און צעטיילט, און דערנאָך אַ נאָך שטאַרקערער שטורעם האָט זיי פאַרטראָגן ווייט איינער פון אַנדערן. דערפון נעמט זיך, וואָס די מענטשן פון אַלע דריי פּלאַנעטן אויף וועלכע ס'איז פאַראַן לעבן, זענען אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן. אָבער, אסתרסיטאַ, דאָס געהערט נישט צו דיין לעקציע און צו דיין טעזיס. טאָמער, אָבער, פרעגט מען דיך, — זאָלסטו וויסן וואָס צו ענטפערן.

אויף דער „לבנה" האָבן די ערד־איינוואוינער געפונען זייער וואוילע און האַרציקע מענטשן, וועלכע זענען אין אַ סך זאַכן געווען מער אַנטוויקלטער ווי מיר. גאָר ספּעציעל — אין דער מעדיצין. זיי, האָבן עס אויסגעפאָרשט דעם סוד, פאַרוואָס עס טרעפט אַז ביי גרויסע, הויכע עלטערן זאָלן געבוירן ווערן קינדער וואָס וואַקסן נישט אין דער הויך, אָדער פאַרקערט, און זיי האָבן אויסגעפונען דעם „דריז" וואָס פאַרהאַלט דאָס וואַקסן פונעם קינד, און פון דעמאָלט־אָן באַנוצן זיך די מענטשן פון אַלע דריי פּלאַנעטן מיט אָט דעם דערפינדונג, אויב עס טרעפט זיך אַזאַ פאַל וואו מ'דאַרף אינטערווענירן. זיי, די לבנה־מענטשן, האָבן אויך אַנטדעקט דאָס היילמיטל קעגן אַ „הויקער".

— האַ, יאָ, אסתרסיטאַ, דו ווייסט נישט וואָס דאָס הייסט „אַ הויקער". איך, פערזענלעך, האָב אויך אויף מיין לעבן נישט געזען קיין הויקער, אָבער דער זיידעניו האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז עס פלעגן געבוירן ווערן קינדער, וואָס אויף דער פּלייצע, אָדער פון פאָרנט אויף דעם ברוסטקאַסטן, איז זיי געוואַקסן אַ שטיק פלייש, וועלכע איז געוואָרן גרעסער אין דער זעלבער צייט וואָס דאָס קינד איז געוואַקסן. אַ מענטש מיט אַזאַ שטיק אָנגעוואַקסן פלייש האָט געהאַט אַ פאַרביטערטן לעבן אַלע זיינע יאָרן. מ'האָט אים גערופן מיט אַ בזיון־נאָמען — „דער הויקער", און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ פאַרביטערט און פאַרמיאוסט לעבן, איז אַזאַ מין מענטש שטענדיק געווען אין אַ שלעכטער שטימונג.

די לבנה־מענטשן זענען עס געווען די ערשטע —מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק—, וואָס האָבן אויסגעפונען דעם סוד, פאַרוואָס אַזאַ שטיק פלייש וואַקסט־אָן ביים קינד, און ווי נאָר דאָס קינד ווערט געבוירן,

און אויב ס׳האָט וועלכע נישט ס׳איז סימנים אַז ס׳וועט אים וואַקסן אַזאַ שטיק פלייש — ווערט ער אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע פון „באַ־באַ״־שטראַלן, און דאָס שטיק פלייש צעגייט זיך ווי וואַסער. עס ווערט טאַקע דערפון אַ וואַסער, אַ פליסיקייט, וועלכע מען ווישט אויס, און פּטור אַן עסק.

— איך וויל דיך נאָך פרעגן וועגן מאַרס, —רייסט אסתרל איבער די „לעקציע״ פון איר קוזינקע הינעסיטאַ, וועגן דער לבנה,— און אַזוי ווי דער טייערער לי־לי איז איצט דאָ מיט אונדז, אפשר וועט ער בעסער מיר קאָנען דערקלערן.

— מיר אַלע ווייסן, — פרעגט אסתרל ערנסט,— אַז אויפן מאַרס עקזיסטירט נאָך דער מיאוסער מינהג, אַז איין מענטש צווינגט אַ צווייטן ער זאָל אַרבעטן פאַר אים אומזיסט. ביי אונדז, רופט מען עס אַן „שקלאַף״. אין אונדזערע היסטאָרישע לערנביכער ווערט דערציילט, אַז אויך אויף דער ערד האָט צוריק מיט עטלעכע הונדערט יאָר עקזיסטירט אַזאַ סיסטעם: שטאַרקע האָבן געכאַפּט שוואַכע און זיי פאַרשקלאַפט. ספּעציעל ווערט באַשריבן, ווי אַזוי „ווייסע״ מענטשן פלעגן פאָרן אויף שיפן אין די געגנטן וואו ס׳זענען געוווינט „שוואַרצע״ און שוואַכע מענער; מ׳פלעגט זיי כאַפּן און זיי ברענגען אין אַנדערע לענדער און זיי פאַרקויפן אַלם שקלאַפן. איך שטעל מיך נישט פאָר, ווי אַזוי אַזאַ זאַך האָט געקאָנט געשען, אָבער, אַז מען לערנט געשיכטע — מוז מען גלויבן אין דעם וואָס מ׳לערנט. אָבער איצט, ווען מיר שטייען אויפן שוועל פון איינאונצוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס איז פול מיט דערפינדונגען און פּראָגרעס, זאָל נאָך אונטער דער זון, ערגעץ אויף אַ פּלאַנעט, הערשן אַזאַ אָרדענונג פון פאַרשקלאַפן מענטשן — דאָס פאַרשטיי איך נישט. ווי דערקלערט זיך עס?

לי־לי, וועלכער איז ביז אַהער האַלב געזעסן און האַלב געלעגן אויף דער ווייכער סאָפע, נעבן הינעסיטאַן, האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט. מ׳האָט געקאָנט דערקענען אין אים, אַז ער וואָלט צו אָט דער דאָזיקער עקלהאַפטער טעמע זיך נישט געוואָלט צורירן, דאָך האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער מוז אסתרסיטאַן ענטפערן.

— הער זיך איין, טייערע. הער מיט קאָפּ און מיט האַרץ. עס איז אמת! אויפן מאַרס עקזיסטירט דער סיסטעם פון שקלאַפן. ביי אונדז רופט מען זיי: „געצוואונגענע אַרבעטער״. דער דאָזיקער סיסטעם עקזיסטירט שוין זינט הונדערטער און טויזנטער יאָרן. די שקלאַפן גייען איבער בירושה, פון עלטערן צו קינדער, פּונקט ווי די שקלאַפן וואָלטן

געװען אַ טייל פון דער ירושה. דאָס הייסט, װען די עלטערן־שקלאַפן שטאַרבן, זענען זייערע קינדער און קינדס־קינדער װייטערדיקע שקלאַפן ביי דעם זעלבן הער.

אָבער, שרעק זיך נישט און שעם זיך נישט, אסתרקע. אויך ביי איך, אויף דער ציװיליזירטער ערד, איז ביז צוריק מיט פערציק, אָדער אפשר נאָך װייניקער יאָרן, אויך געװען אַ „שקלאַפן"־סיסטעם. ביי איך, אויף דער ערד, האָט עס געטראָגן אַ ספּעציפישן נאָמען, אַ פאַרשטעלטן נאָמען! עס האָט געהייסן „קאָנצענטראַציע־לאַגער", װאו מ'האָט קאָנצענטרירט מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן און זיי געמאַכט אַרבעטן װי שקלאַפן. אויך ביי איך, האָט אַ גרויס לאַנד אויפגעבויט ריזיקע פאַבריקן, ריזיקע טייכן און װעגן, אויסגעהאַקט װעלדער װאָס זענען אַלט געװען טויזנט יאָר, און דאָס אַלץ האָט מען געטון מיט „שקלאַפן־הענט", מיט מענטשן װעלכע מ'האָט „געזעצלעך", אָדער אומגעזעצלעך פאַרשיקט אין יענע װייטע געגנטן. אַז דו װעסט גוט לייענען אין אייערע היסטאָרישע ביכער, װעסטו אויסגעפינען אַז ס'איז פעסטגעשטעלט געװאָרן, אַז 99 מיט אַ האַלבן פּראָצענט פון די פאַרשיקטע זענען געמישפּעט געװאָרן אומגעזעצלעך און אָן שום גרונט פאַר אַ פּראָצעס. מ'האָט פּשוט, אויף אַ „געזעצלעכן" אופן געמאַכט שקלאַפן. מ'האָט געכאַפּט מענטשן אין גאַס, אָדער אין שטוב, פון זייער געלעגער אַרויסגענומען און זיי געמאַכט פאַר „געזעצלעכע" שקלאַפן.

— װען דו, אסתרקע, װעסט נאָך װייטער בלעטערן אייערע היסטאָרישע ביכער, װעסטו אויסגעפינען, אַז ערשט נישט לאַנג, װען אייערע ערד־פעלקער זענען שוין, כלומרשט, געװען פּאַראייניקט אין אַן אָרגאַניזאַציע, װעלכע זיי האָבן טאַקע גערופן „פאַראייניקטע פעלקער", זענען צװישן אַט די פעלקער אויך געזעסן פאַרשטייער פון לענדער, װאו מען האָט נאָך פּראַקטיצירט שקלאַפעריי — אַט אַזוי װי ביי אונדז אויפן מאַרס — און דאָך האָבן די איבעריקע מיטגלידער פון די פעלקער גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט פּראָטעסטירט, באשר בכן, אַט דאָס לענדעלע װאו עס האָט אָפיציעל געהערשט שקלאַפעריי, איז געװען רייך אין אַ פליסיקן מינעראַל, װעלכן מ'האָט דעמאָלט גענוצט און װאָס האָט געהייסן „נאַפט".

נו, איצט װעט מיר זיין גרינגער דיר צו ענטפערן אויף דיין פראַגע װעגן „שקלאַפן־סיסטעם" אויפן מאַרס.

דאָס אָנהאַלטן דעם שקלאַפן־סיסטעם, איז ביי אונדז אַן אָנגעװוירציקטער פּראָבלעם. איך, פערזענלעך, בין קעגן אַט דעם דאָזיקן סיס־

טעם. איך בין קענן שקלאַפעריי ערשט נישט לאַנג, זינט איך האָב מיך נאָענטער און גאָר נאָענט באַקענט מיט דער ערד און מיט די ערד-איינוואוינער, און אַזוי ווי דו קוקסט מיך אָן, אסתרל, בין איך אַליין אַ בעל-הבית פון... אַ פּאָר הונדערט שקלאַפן! דאָס איז מיין חלק פון מיין פאָטערס שקלאַפן וואָס ער פאַרמאָגט; דאָס איז מיין ירושה. זאָל עפּעס מאָרגן טרעפן מיט מיין פאָטער, ווערט אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין טויט צעטיילט זיין פאַרמעגן, און אויף מיין ירושה וואָלט אויסגעפאַלן אַ פּאָר הונדערט שקלאַפן, וועלכע דאַרפן אַרבעטן פאַר מיר, אָבער, פאַר וועלכע איך דאַרף זאָרגן אַז זיי זאָלן האָבן זייער אָרימען מאַלצייט, זייער ביסל וואַסער וואָס עס קומט יעדן איינעם, זייערע אַרבעט- און יום-טוב-בגד, און אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן.

נו, איצט, לאָמיר זאָגן, אַז איך ווער אַ גרויסער ליבעראַל און אַ מענטשן-פריינט, אָדער גאָר פּשוט — איך בלייב וואוינען אויף דער ערד און איך נייטיק זיך שוין מער נישט אין מיינע מאַרס-שקלאַפן. ווייסטו וואָס פון זיי וואָלט געוואָרן?

לויטן מאַרס-געזעץ, קאָן מען זיי נישט „כאַפּן" נאָך אַמאָל אויף אַרבעט און זיי פאַרשקלאַפן. אויב איך באַפריי מיינע שקלאַפן — ווערן זיי אויטאָמאַטיש, אַבסאָלוט פריי און טאָרן, אפילו פרייוויליק, נישט ווערן נאָך אַמאָל שקלאַפן. איז וואָס מיינסטו ווערט פון אָט דער דאָזיקער מאַסע באַפרייטע מענטשן?

אין משך פון עטלעכע מאָנאַטן שטאַרבן זיי אויס פאַר הונגער און דאָרשט. קיין ספּעציעלן פאַך האָבן זיי נישט; גיין אַרבעטן ווי לוין-אַרבעטער, וועט זיי קיינער נישט צונעמען, ווייל זיי וואָלטן אויסגעטראָגן צו-טייער — איז דאָס בעסטע מיטל: פאַר די מענער צו ווערן „קריגער" אין דער אַרמיי, און פאַר די פרויען... אויסשטאַרבן, און וואָס שנעלער.

אַ גליק איז, וואָס דאָס געזעץ האָט זיי באַוואָרנט, און ווען אַלע יורשים באַשטימען זיך נישט צו צעטיילן מיט דער ירושה — בלייבן זיי ווידער אַרבעטן קאָלעקטיוו ווי שקלאַפן ביי דער פאַמיליע פון באַר-מאָ.

איצט, שטעל דיך פאָר, ווען איך, לי-לי, ווער גאָר פלוצים דער „שאַליט" פונעם מאַרס; קיין סך, קיין סך פעלט מיר נישט, —לאַכט לי-לי,— אַלזאָ, ווען איך ווער דער „שאַליט", און מיט דער איינשטימיקייט פון אַלע הויפּט-הערשער, באַשטימען מיר צו באַפרייען אַלע שקלאַפן. אוים קנעכט! פרייהייט זאָל זיין!

דו שטעלסט זיך פאָר וואָס פאַר אַ כאַאָס עס וואָלט געוואָרן ביי אונדז? דו שטעלסט זיך פאָר, אַז העכער אַ העלפט פון' דער באַפעלקע-

רונג אויפן מאַרס — אַזוי פיל שקלאַפן זענען פאַראַן — לאָזן זיך אַרוים אין די גאַסן, אָן קיין שום מיטלען צום לעבן און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ איבערצושלאָפן די ערשטע נאַכט. וואָס פאַר אַן איבערקערעניש עס וואָלט ביי אונדז געוואָרן!

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די גרעסטע טייל שקלאַפן וואָס מיר פאַרמאָגן, זענען געכאַפּטע געוואָרן אין די ווייטסטע און ווילדסטע געגנטן פון אונדזער פּלאַנעט. זיי זענען געבליבן ווילדע, אומגעצוימטע באַשעפענישן און אָן שום מינדסטע דערציאונג אָדער קענטעניש פון לעבן.

איז, אַזוי. ווען ער אַרבעט אַלס שקלאַף, ווען ער טוט די פּשוטע אַרבעט פון טאָג-טעגלעכן לעבן, זאָרגט שוין דער בעל-הבית פאַר זיין עקזיסטענץ און פאַר זיין פאַמיליע, וועלכע וואוינט און אַרבעט מיט אים ביים זעלבן בעל-הבית. אָבער ווען ער ווערט פריי און ער האָט נישט זוער עס זאָל אים אָנגרייטן זיין שפּייז, וועט ער זיכער ווערן נאָך ווילדער און ווער ווייסט צו וואָס ער וועט דערגרייכן?...

— וואָס-זשע וואָלסטו טאַקע געטון, טייערער, ווען דו ווערסט „שאַליט” און באַשטימסט אַפּווישן אָט דעם שאַנד-פלעק פון דיין וועלט-טייל? — פרעגט אים הינעם.

— איך וואָלט טאַקע באַפרייט די שקלאַפן, אָבער ערשט אין 10 יאָר אַרום. ביז דאַן, וואָלט איך געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל די שקלאַפן צוגרייטן פאַר אַ נאָרמאַל, פריי, און נוצלעך לעבן. אין ערגסטן פאַל, וואָלט איך יעדן שקלאַף צוריק אומגעקערט צו זיין לאַנד, צו זיין שורש פון וואַנען מען האָט אים אַרויסגעריסן, און איך וואָלט אויך באַ-פוילן אַז אַ האַלב פאַרמעגן פון בעל-הבית, וואָס ער האָט געהאַט שקלאַפן, זאָל צעטיילט ווערן צווישן די, וואָס האָבן אים געהאָלפן קריגן דאָס פאַרמעגן.

— טאַקע, רעדנדיק וועגן פאַרמעגן, דערציייל אונדז, טייערער, וואָס הייסט ביי אייך „פאַרמעגן”? וויפל „פאַרמעגן” דאַרף ביי אייך האָבן אַ מענטש, אַז ער זאָל זיין רייך? וואָס פאַר אַ „מטבע” צירקולירט ביי אייך? און, צו איז די זעלבע מטבע גילטיק אויפן גאַנצן מאַרס אָדער פאַראַן ביי אייך לענדער און פעלקער וואָס האָבן אַן אַנדער מטבע און אַנדער קלאַס „פאַרמעגן”? — וויל וויסן אסתרל. און זי זעצט פאַר:

אָט, ביי אונדז אויף דער ערד, האָט מען איינגעפירט די מטבעות — לויט דער פאַראייניקונג פון די פעלקער. למשל: אַלע צפון- און צענטראַל-אַמעריקאַנער לענדער נוצן איין מטבע, וועלכע מען רופט „דאָלאַר”. אַלע

זיד־אַמעריקאַנער פעלקער נוצן אַ מטבע וואָס הייסט „פעזאָ״. די פאַר־אייניקטע אייראָפּעאישע פעלקער האָבן איין מטבע וואָס הייסט „פראַנק״. די ווייט־מיזרחשע און אַפריקאַנער לענדער האָבן אַ מטבע וואָס הייסט „פונט״. די מטבע פון די מיטל־מיזרחדיקע פעלקער, הייסט „שקל״. אַלע מטבעות האָבן איין ווערט. נישטאָ אַזאַ באַגריף, אַז איין מטבע איז גרעסער און וויכטיקער און מען קאָן פאַר איר מערער קויפן. אַלע האָבן דעם זעלבן ווערט. און ווען אַ בירגער פון איין לאַנד קומט צופליען אין אַ צווייטן לאַנד, דאַרף ער נישט גייען בייטן זיין מטבע כדי עפּעס צו קויפן וואו ער געפינט זיך, נאָר ער קאָן קויפן פאַר דער מטבע וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך.

ווי אַזוי איז ביי אייך? אויפן מאַרס?

— ביי אונדז איז נישט אַזוי! ערשטנס וועגן „מטבע״: — ביי אונדז איז פאַראַן בלויז איין טיפּ מטבע, וועלכע ווערט פאַבריקירט אין אונדזער הויפּטשטאָט פון גאַנצן פּלאַנעט, אָט דאָרט וואו עס געפינט זיך דער „שאַליט״ און דאָס זיץ־פּלאַץ פון די פינף „גרויסע הערשער״. דאָס פאַבריקירן און צעטיילן די מטבעות צווישן פאָלק, געפינט זיך אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון פאַך־קענער, געלערנטע און עס קאָן גאָרניט געטון ווערן מיט דעם — אָן דער צושטימונג פון „גרויסן שאַליט״. אָבער, די „מטבע״ איז נישט דער הויפּט־קוואַל פון „פאַרמעגן״ און אויך נישט דאָס איינציקע וואָס צירקולירט אַלס אויסטויש־מיטל.

כ׳וועל אייך אָנהויבן אויפקלערן פון צוריק:

אַ „פאַרמעגלעכער מענטש״ הייסט ביי אונדז יענער, וואָס האָט:

אַ סך שקלאַפן;

אַ סך ערד צום באַאַרבעטן;

אַ סך בריליאַנטן, וועלכע די שקלאַפן גראָבן אויס אין די בערג און טאָלן וואו זיי געפינען זיך;

אַ סך טיפע ברונעמער מיט וואַסער, וואָס מען מעג פאַרקויפן פאַר מטבעות אָדער אויסטוישן אויף עפּעס אַנדערש;

אַ סך „ראָבאָטס״ פון די בעסטע און מאָדערנסטע, וועלכע מען קאָן באַנוצן, ווען מען... לאָזט זיך אַרויס אויף יאָגד צו כאַפּן שקלאַפן.

אַ „פאַרמעגלעכער״ מענטש איז אויך דער וואָס פאַרמאָגט:

גרויסע פאַבריקן אויסצואַרבעטן שפּייז, פאַר זיך, פאַר זיינע שקלאַפן און פאַר מיסחר;

גרויסע פאַבריקן אויסצואַרבעטן עלעקטראָנישע מכשירים, וואָס

קומען צונויף פאַר שטוב-געברויך אָדער פאַר קריגס-טעכניק;
אָדער
גרויסע פאַבריקן אויף אויסצואַרבעטן מלבושים, פאַר זיך, פאַר זיינע שקלאַפן, אָדער פאַר דער פּראָדוקציע פון פּלאַנעט.

נעמט, למשל, מיין פאָטער. ער פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל שקלאַפן, אַ סך פעלדער און וועלדער. אַ גרויסע פאַבריק אויף אויסצואַרבעטן שפייז פאַר זיך און צו פאַרקויפן, און אַ גרויסע פאַבריק אויסצואַרבעטן מלבושים פאַר זיך און פאַרן פּלאַנעט. הייסט עס, אַז מיין פאָטער איז זייער אַ רייכער מענטש! דאָך?...

— וואָס, דאָך?

— דאָך, זאָל זיך עפּעס מיין רייכער און מעכטיקער פאָטער אין הערשער, וואָס האָט טויזנטער שקלאַפן באַוואָפנטע מיט די מאָדערנסטע געווער און אייגענע ראָבאָטס, זאָל זיך מיין פאָטער עפּעס פאַרזינדיקן ביים „שאַליט", רופט ער אַ באַראַטונג פון די פינף הויפט-הערשער (מיין פאָטער איז איינער פון זיי און האָט נישט קיין „שטים-רעכט" ביי אַזאַ באַראַטונג) און מיט בלויז אַ העלפט שטימען — דאָס הייסט, מיט דער צושטימונג פון בלויז 2 הויפט-הערשער — נעמט מען צו ביי מיין פאָטער זיין גאַנץ פאַרמעגן, מען לאָזט אים אַפילו נישט איבער וואָס איין מטבע האָט אַ ווערט, און ער איז נאָך גליקלעך, אויב מען זעצט אים נישט אַריין אין אַ ראָבאָט, וועלכן מען שיקט אַוועק אין דער לופט וואו ער ווערט אויפגעריסן...

פאַראַן איין „רעטונג" אין אַזאַ פאַל. אויב די קינדער פון געמישפּטן קומען צו גייען און זאָגן עדות קעגן פאָטער —וואָס העלפט אים פאַרמישפּטן— דאַן, גייט דעם פאָטערס פאַרמעגן איבער צו די קינדער.

— שוין געווען אַזעלכע פאַלן ווי קינדער האָבן עדות געזאָגט קעגן פאָטער?

— כמעט אין אַלע אַזעלכע פאַלן קומען די קינדער „ראַטעווען" זייער חלק ירושה און זאָגן עדות קעגן פאָטער.

אַ לייכטער שוידער גייט דורך דורכן לייב פון די צוויי יונגע מיידלעך. לי-לי באַמערקט עס. קענטלעך אַז עס פאַרדריסט אים, און ער רופט זיך אָן צו זיי:

— ווי איך זע, קינדערלעך, עקלט אייך אַזאַ האַנדלונג. פאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט אַזוי נישט געטון. פאַר מיינע ברידער גיי איך נישט שווערן. זיי האָבן אונדזער פאָטער, נישט איבעריק ליב. חוץ דעם, האָבן זיי א סך געהאָלפן דעם פאָטער מאַכן זיין פאַרמעגן. איך האָב אַ קליינעם

חלק אין מיין פאטערס פארמעגן. איך האב זיך אפגעגעבן מיט שטודירן און מיט — אויף מיין פאטערס פארלאנג — פאליטיק. מיינע ברידער און שוועסטער ארבעטן זייער שווער אין די פאבריקן אדער ארום די שקלאפן און האבן א רעכט צו פארטיידיקן זייער הארעוואניע. אבער, וואס איך וויל אייך זאגן, טייערע, איז, אז עס ווייזט אויס איר האט ווייניק געלערנט די געשיכטע פון דער ערד. איך האב זי שוין מער גע־שטודירט און איך האב געפונען אין אייערע היסטארישע ביכער, אז ערשט נישט לאנג — צוריק מיט א יאר זיבעציק און אפשר נאך ווייני־קער, — זענען געווען ביי אייך גרויסע לענדער פון גרויסע מעכטיקע פעלקער, וואס האבן געמישפט די עלטערן, בלויז דערפאר, וואס זייערע אייגענע קינדער האבן זיי געמסורט! און די „זינד" פון די עלטערן איז געווען, נישט אז זיי זענען נישט געטריי געווען אייער „שאליט" אדער אייער לאנד, נאר אז דער פאטער האט... געקוקט צום הימל און גע־בעטן צו דעם וואס ער האט אנגערופן — גאט! אדער גאר, אז דער פאטער האט געלערנט זיין קינד אז אזא זאך ווי גאט עקזיסטירט אויף דער ערד. נו, פלעגט אייער שאליט נעמען דעם פאטער — קעגן וועמען די קינדער האבן עדות געזאגט — צוגענומען זיין פארמעגן און אים אוועקשיקן אין ווייטע, קאלטע לענדער פאר א שקלאף! דאס הייסט: — צוויי מאל געשטראפט פאר איין זינד.

ביי אונדז, ביי די „ווילדע" מארסיאנער, שטראפט מען בלויז איין מאל. מען נעמט צו דאס פארמעגן. קיין שקלאף קאן מען אים נישט מאכן!... טא צעוואס דאס שוידערן.

און, פאר היינט, איז גענוג לעקציע. איצט וועלן מיר זיך אביסל דורכשפאצירן און פארגעסן אט די נישט־אנגענעמע רייד וואס איר האט דא געהערט!

אין פריוואַטן אויפנאַם-צימער פונעם גרויסן „שאַליט“, וואָס געפינט זיך אין דער געביידע פון רעגירונגס-הויז, אויף איינע פון די שטילסטע און רואיקסטע גאַסן פון דער הויפּטשטאָט פון מאַרס, זיצן איצט פאַר-שלאָסן אַ גרופּע מענער — די הויפּט-הערשער, די וויכטיקסטע געלערנ-טע און די הויפּט-ריכטער פונעם פּלאַנעט. עס איז אַן ענגע באַראַטונג, צו וועלכער מ׳האָט גערופן בלויז אַ צוואַנציק פּערזאָן, נישט מער; בלויז אַזעלכע, וועלכע האָבן די אויטאָריטעט פון זייערע לענדער און פעלקער פונעם מאַרס, אַנצונעמען די וויכטיקסטע באַשלוסן — מלחמה אַריינגע-רעכנט.

צווישן די פאַרזאַמלטע מענער טרעפן מיר אויך באַר-מאַ און לי-לי. זיי זיצן אויבנאָן, גאָר ,גאָר נאָענט פונעם „שאַליט“. דאָרט האָט מען זיי אָנגעוויזן, איז זייער פּלאַץ.

איידער די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען דעם צימער גוט, גוט אַרומגעקוקט, אַרומגעטאַפּט און אויסגעפאָרשט. מ׳האָט שוין מורא געהאַט, אַז אפשר האָבן די ערד-שפּיאָנען אים, דעם זאַל, עלעקטראָניש פאַרבונדן מיט וועלכער ס׳איז ראַדיאָ-סטאַנציע, וואָס גיט-איבער די רייד צו די ערד-רעגירער. ערשט, ווען מ׳איז זיכער געווען, אַז דער כאַלאַן איז איזאָלירט פון דרויסן, און ערשט נאָך דעם ווי יעדער איינער פון די בייוועזנדיקע —און דער „גרויסער שאַליט“ האָט געוויזן דעם ערשטן ביישפּיל— האָבן אין אַ פאָדערשטן צימער איבערגעלאָזט זייערע קליי-דער, מיט וועלכע זיי זענען געקומען צו דער באַראַטונג, און ביים אי-בערטרעטן די שוועל פונעם באַראַטונגס-צימער, האָבן זיי זיך אָנגעטון ספּעציעלע כאַלאַטן, אַן קנעפּ און אָן דער מעגלעכקייט אַז זיי זאָלן קאָנען האָבן אַ ראַדיאָ-קאָנטאַקט; ערשט דאַן, האָט מען געעפנט די זיצונג.

דער ערשטער הייבט-אָן ריידן דער „שאַליט“. ער דערציילט די פאַרזאַמלטע פון די לעצטע נייעס פון דער ערד; ער דערציילט זיי וואָס באַר-מאַ, לי-לי און די אַנדערע הערשער האָבן דאָרט געזען, און ער

ליגט פאַר, אַז יעדער פון די פאַרזאַמלטע זאָל זיך אַרויסזאָגן, וואָס מען דאַרף ווייטער טון?

באַר־מאַ בעט דאָס וואָרט, אָבער פאַר אים וואָרט אַ הערשער — אַ סימן, אַז ער וויל עפּעס פרעגן. דער הערשער באַקומט די דערלויבעניש. ער שטעלט זיך אויף און פרעגט, צי אַלע איינגעלאַדענע צו דער היינטיקער באַראַטונג זענען געקומען?

ער באַקומט אַן ענטפער, אַז אַלע זענען דאָ, מיטן אויסנאַם פונעם גרויסן געלערנטן, הויפּט־פירער פון דער גרעסטער און העכסטער שול (אוניווערזיטעט), באַ־קאַ.

— פאַרוואָס איז דער רעספּעקטפולער געלערנטער באַ־קאַ, נישט געקומען צו דער פאַרזאַמלונג? — פרעגט דער אויבנדערמאָנטער הערשער.

— באַ־קאַ, געפינט זיך שוין מער נישט צווישן די לעבעדיקע. מיט אַ פּאָר שעה פריער האָט ער באַצאָלט זיין שולד פאַר זיין נאַכלעסיקייט. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין ראַבאָט, אַרויסגעפלויגן מיט אים און אים אויפגעריסן אין דער לופטן.

— איז דערלויבט צו וויסן, פאַרוואָס ער האָט עס געטון?

— מען מעג און מ׳דאַרף עס וויסן, —זאָגט דער „שאַליט״.— זאָל מען זיך נעמען אַ ביישפּיל, ווי אַזוי אַזאַ געטרייער קינד פון מאַרס קאָן אַמאָל, אומווילִיק, דינען דעם שונא און ברענגען צו אַן אומגליק אויף זיין לאַנד, פאָלק און פּלאַנעט.

— דער געלערנטער באַ־קאַ, —דערציילט ווייטער דער „שאַליט״,— איז אַ סך מאָל געווען צו וויזיט ביי די ערד־מענטשן. ער פלעגט זיך טרעפן מיט די דאָרטיקע געלערנטע און צוזאַמען פלעגט מען אויספאָרשן און דערפינדן זאַכן, וואָס איז שייך דער מעדיצין. אין איינער אַזאַ רייזע, האָט ער זיך פאַרליבט אין דער פריילין, וואָס פלעגט אים באַדינען אינעם האָטעל. די באַדינערין איז געווען זייער פריינטלעך צו אים און האָט אים אויסערגעוויינלעך אָפּגעהיט; זי איז פאַר אים געווען ווי אַן אייגן קינד. שפּעטער, פלעגט ער, מיט דער דערלויבעניש פון די ערד־רעגירער, איר מיטנעמען אַהער, צו זיך אַהיים, אויפן מאַרס. ער האָט זי פאַרגעשטעלט פאַר זיין פאַמיליע, ביי וועמען זי האָט אַרויסגערופן זייער פיל סימפּאַטיע.

די לעצטע עטלעכע חדשים, האָט דער געלערנטער באַ־קאַ געאַרבעט איבער אַ גרויסער דערפינדונג אין דער מעדיצין. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרלענגערן דעם מענטשנס לעבן אויף אַ סך יאָרן, האָט ער גע־

פּועלט ביים האָטעל-אייגנטימער אויף דער ערד, און מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער ערד-רעגירונג, האָט ער מיטגענומען די דאָזיקע פרוי אַהער אויף עטלעכע חדשים. די אויבנדערמאָנטע פרוי האָט אים געדאַרפט אַרויסהעלפן אין זיין אַרבעט.

באָ-קאָ איז געווען זייער צופרידן פון אַרויסהעלפערין, און איז געווען אַזוי בלינד פאַרגליבט אין איר, אַז ער האָט נישט באַמערקט, אַז ווי אַ פּשוטע האָטעל-באַדינערין האָט זי צופיל געוואוסט פון... דער עלעקטראָנישער לערע; און ס'איז געשען דאָס, וואָס ס'האָט געדאַרפט געשען. די באַדינערין איז געווען אַ געשולטע שפּיאָנקע פון די ערד-רעגירער, און פלעגט עלעקטראָניש פאַרבינדן דעם געלערנטנס מלבושים מיט איר ראַדיאָ-אַפּאַראַט, און האָט געוואוסט אַלץ: וואוהין ער גייט, וואָס ער רעדט און וואָס אַנדערע רעדן אַרום אים. די דאָזיקע ידיעות פלעגט זי תיכף איבערשיקן צו אירע אויטאָריטעטן. אַזוי אַרום, האָט זי עלעקטראָניש פאַרבונדן דעם געלערנטנס מלבושים אויף דער לעצטער געהיימער באַראַטונג און געוואוסט אַלץ וואָס מ'רעדט און וואָס מ'דאַרף איבערגעבן באַר-מאָן. אַ דאַנק דער דאָזיקער אינפאָרמאַציע, האָט מען איבערגעכאַפּט דעם ראָבאָט פונעם הערשער ראַ-קי, ווען ער איז געפלויגן מיט אינסטרוקציעס צו באַר-מאָ, און גורם געווען זיין טויט.

— ווי אַזוי האָט מען זיך געכאַפּט וועגן איר טעטיקייט? — האָט אַ הערשער אַ פרעג געטון.

— דורך אַ צופאַל! — ענטפערט אים דער „שאַליט". — אַזוי ווי זי האָט געוואָלט האָבן אַ פולשטענדיקן באַריכט פון דער באַראַטונג, ווייל זי האָט געוואוסט אַז ס'האַנדלט זיך וועגן לעבן און טויט, וועגן מלחמה אָדער שלום מיט דער ערד — האָט זי געמאַכט טאָפּלטע עלעקטראָניזאַציע פונעם געלערנטנס מלבושים. אויב אין איין טייל פון די מלבושים וועט עפּעס קאַליע-ווערן, וועט זיין אַ צווייטע „קאָפּיע" פון די רעדעס. ווען דער געלערנטער איז דערנאָך געקומען אַהיים, האָט זיין אַרויסהעלפערין תיכף אַראָפּגענומען פון אים זיינע מלבושים, כדי צו סטערעליזירן די ראַדיאָ-אויפכאַפּערס פון זיי. זי האָט אָבער בלויז אַ טייל אַראָפּגענומען, און דעם צווייטן טייל האָט זי —ווייזט-אויס אין איילעניש— פאַרגעסן, און דעם מלבוש געשיקט אין רייניקונגס-הויז. דאָרט, האָט מען זיך תיכף געכאַפּט, אַז דער מלבוש פאַרמאָגט אַ טייל ראַדיאָ-אויפנאַם-אַפּאַראַטן. און מ'האָט דורך דער טעלעוויזיע-מאַשין אַרויסגערופן דעם פּראָפעסאָר, אָדער זיין „געטרייע" געהילפין, אַז זיי זאָלן אַראָפּנעמען די ראַדיאָ-שטראַלן פון די מלבושים. די שפּיאָנקע האָט שוין דאַן קיין צייט

נישט פאַרלוירן; זי האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט מען שוין אַנטדעקט איר אַרבעט — האָט זי געכאַפּט איר פּריוואַטן ראַבאָט און איז תיכּף פאַרשוואונדן פונעם מאַרס. אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז זי שוין געווען אַ זיכערע ביי איר אין דער היים, צווישן אירע באַשיצער.

דאָ, ביי אונדז, ווען די טעכניקער פון ריייניקונגס-הויז האָבן געזען אַז מ׳קומט נישט פון געלערנטנס הויז נאָך די מלבושים, האָט מען ווי-דער זיי אַרויסגערופן. איצט האָט מען שוין געטראָפן דעם געלערנטן באַ-קאַ אַליין. ער האָט תיכּף אָפּגענומען זיינע חפצים; האָט פעסטגע-שטעלט, ווי אַזוי ער האָט — נישט ווילנדיק — געדינט די ערד-מענטשן, און ער האָט זיך אַליין פאַרמישפּט...

איצט, האָבן אונדזערע אַגענטן אויף דער ערד באַקומען אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן אויסזוכן די איבערנדערמאַנטע בלאָנדע „אומשולדיקע" אַרויס-העלפערין פונעם געלערנטן און זי ברענגען אַ לעבעדיקע אויפן מאַרס. מיר מוזן איר דאָ מישפּטן פאַרן טויט פון אונדזער בעסטן און גרעסטן געלערנטן!...

— — — — — — — — — — — — — —

די באַראַטונג הייבט זיך אָן. באַר-מאָ גיט אָפּ אַ פולשטענדיקן באַ-ריכט פון אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט אויף דער ערד. זיין באַריכט איז אַ טרויעריקער. ער האַלט, אַז איצט איז אַבסאָלוט אומ-מעגלעך און געפערלעך צו אַטאַקירן די ערד. מ׳מוז וואַרטן און דערוויל אויסגעפינען נייע דערפינדונגען, נייע „שטראַלן". אַלנפאַלס, לייגט ער פאָר, אַז צוזאַמען מיט דער פּראָפּאַגאַנדע וועגן „שלום", זאָלן די מאַרס-רעגירער אויך פאַרשפּרייטן אַ „סוד", אַז מ׳האָט אויסגעפונען אַזאַ מין שטראַל, וואָס קאָן אין געציילטע סעקונדן, ווען מ׳שיקט אים אַרויס, פאַר-ברענען די ערד פון איין עק צום צווייטן; דאָס וועט זיין אַן אָפּשרעק-מיטל וואָס וועט צווינגען די ערד-איינוואוינער צו אונטערהאַנדלען מיט אונדז. זיי וועלן דאַרפן פאַרשטיין, אַז אויב מיר זענען פאַראורטיילט צו שטאַרבן פון דאָרשט, וועלן מיר שוין אויך זאָרגן, אַז די ערד — וואָס האָט אַזויפיל וואַסער — זאָל אויך אונטערגיין צוזאַמען מיט אונדז. פון פאַר-צווייפלטע מענטשן קאָן מען אַלץ דערוואַרטן.

ליי-לי וויל רעדן. לויטן סימן וואָס ער גיט, איז צו זען, אַז ער האָט בלויז עטלעכע ווערטער צו זאָגן. ער באַקומט אַ דערלויבעניש. ער שטעלט זיך אויף און זאָגט:

— „איך וויל בלויז באַמערקן, אַז אין די געשיכטע-ביכער פון די ערד-מענטשן דערציילט זיך וועגן אַ סך פאַלן הערשער-דעספּאָטן, וואָס

האָבן געהאַלטן אין שרעק אַ גרויסן טייל פון די ערד-פעלקער מיט אוים-געטראַכטע, נישט-געשטויגענע געשיכטעס, אַז זיי, די דעספּאָטן, פאַר-מאָגן די מאָדערנסטע וואָפן, וואָס קאָנען אומברענגען אַ האַלבע וועלט. פיל יאָרן האָט מען זיי טאַקע געגלויבט און מ׳האָט מורא געהאַט פאַר זיי. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז די ערד-מענטשן זענען בטבע שרעקעוודי-קע און גלויביקע; אַז מ׳וועט זיי „בסוד-סודות", מעשה „שפּיאָנאַזש", דערציילן אַז די מאַרס-הערשער האָבן איצט דערפונדן אַ געפערלעכן טויטלעכן שטראַל, וועלן זיי, מעגלעך, גלויבן און זיך איבערשרעקן.

— ביסטו איצט געקומען אַהיים מיטן וויסן פון דיינע באַקאַנטע און פריינט אויף דער ערד? ווייסט דיין כלה און דיין צוקונפטיקער שווער, אַז דו ביסט געפלויגן צום מאַרס? — פרעגט אים דער „שאַליט".

— יאָ! —רופט זיך אָפּ לי-לי מיט אַ שטאַרקן טאָן.— זיי ווייסן, אַז איך בין אַהער געקומען אויף דער אָנווייזונג פון מיין פאָטער. נאָכן שווערן „ספּעקטאַקל" פון די לעצטע טעג, אין וועלכע איך האָב געשפּילט די הויפּט-ראָל אַלס „חתן", בין איך געוואָרן שטאַרק מיד. מיין פאָטער האָט מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל קומען אַהיים זיך אָפּרוען. איך האָב עס אויך געמעלדעט מיין כלה.

— האָסטו געוואוסט, ווען דו ביסט געווען אויף דער ערד, פון דער היינטיקער באַראַטונג? — פרעגט אים ווידער דער „שאַליט".

— איך האָב עס נישט געוואוסט, און איך גלויב אַז אויך מיין פאָ-טער האָט עס נישט געוואוסט. איך בין געשמאַק געשלאָפן, ווען מיין פאָטער האָט מיך אויפגעוועקט און מיך גערופן צו דער איצטיקער באַ-ראַטונג.

— ביסטו זיכער אין דיין לאָיאַליטעט צו דיין פאָטערלאַנד, צו דיינע הערשער, צו דיינע מיט-מענטשן פונעם מאַרס? ביסטו זיכער, אַז דו האָסט זיך טאַקע נישט פאַרליבט אין דיין ערדישן מיידל און צוליב איר קענסטו גרייט זיין צו פאַרראַטן אונדז און זיך אַליין?

— איך באַליידיק מיך נישט פון דער דאָזיקער פראַגע, גרויסער „שאַליט! —רופט זיך אָן לי-לי.— איך גלויב, אַז אַזוי דאַרף זיין! מיר דאַרפן זיין זייער פאָרזיכטיק מיט אונדזער צוטרוי! איך וויל דאָ דער-ציילן, גרויסער „שאַליט" און הויכגעשעצטע הויפּט-הערשער און גע-לערנטע, אַז ווען ס׳איז צו אונדז, צו מיר און מיין ליבן פאָטער אָנגעקו-מען די ידיעה אויף דער ערד, אַז מ׳האָט זיי אויסגעגעבן אונדזערע סו-דות; אַז זיי האָבן סטעריליזירט אונדזערע פאָטאָ-אַפּאַראַטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיי געוואָלט פאָטאָגראַפירן; אַז מ׳האָט פאַרכאַפּט און פאַר-

ניכטעט איינעם פון אונדזערע בראַווסטע קריגער, זענען מיר געבליבן אַזוי דערשיטערט פונעם פאַרראַט, אַז מיר האָבן נישט געוואוסט וועמען פריער חושד צו זיין אינעם פאַרראַט. מיר האָבן חושד געווען יעדן איינעם, אַפילו אייך, גרויסער „שאַליט"! אַזוי, אַז איך פיל מיך נישט געטראָפן פון אייער פראַגע, און איך דאַנק אייך פון גאַנצן האַרצן פאַר דער דאָזיקער פראַגע. וואָס אַנבאַלאַנגט מיין ענטפער — בין איך שטאָלץ צו זאָגן, אַז איך בין אַבסאָלוט זיכער אין זיך! איין וואָרט אייערס, איין וואונק, און איך בלייב שוין אויפן מאָרס און פאָר מער נישט צו די ערד-מענטשן.

איינער פון די הויפּט-הערשער הויבט זיך אויף און גיט אַ פרעג:

— ווער גאַראַנטירט דיין ערלעכקייט? ווער גאַראַנטירט דיין געטריישאַפט צו אונדז?

— איך! —גיט זיך אַ שטעל-אויף באַר-מאָ, לי-לים פאָטער.— איך שטעל-איין מיינע אויגן, מיין צונג, מיינע הענט און פיס פאַר זיין אויפריכטיקייט! פאַר זיין געטריישאַפט!

— און ווער גאַראַנטירט פאַר דיר, באַר-מאָ? — פרעגט דער זעלבער הויפּט-הערשער.

— איך! —גיט אַ מאַך מיט דער האַנט דער גרויסער „שאַליט".— איך צווייפל נישט איןביידן.

— גרויסער „שאַליט"! צוליב זיכערקייט-סיבות בעט איך, מען זאָל זעצן דעם יונגן לי-לי אויפן „אמת-שטול"!

— לי-לי (אויפשפרינגענדיק פון זיין פלאַץ): איך בין גרייט, גרויסער „שאַליט". אָבער איך בעט דרינגענד, אַז איידער מ'זעצט מיך אויפן שטול, זאָל פריער דער דאָזיקער הויפּט-הערשער וואָס איז אַזוי שטרענג צו מיר, זאָל ער זיך זעצן אויפן „אמת-שטול", כדי אים צו שטעלן צוויי פראַגעס. איך בעט, איך בעט זייער נאָכצוגעבן מיין פאַרלאַנג!

דער גרויסער „שאַליט" גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז ער באַוויליקט לי-לים ביטע. מיט אַ צווייטער האַנט-באַוועגונג, הייסט ער דעם הויפּט-הערשער זיך זעצן אויפן „אמת-שטול" וואָס שטייט דערנעבן.

ווען דער הויפּט-הערשער איז שוין געזעסן אויפן שטול, און זיינע הענט מיטן קאָפּ זענען עלעקטראָניש געוואָרן פאַרבונדן מיט דער שטול, גייט-צו לי-לי נאָענט צו אים, קוקט אים גלייך אין די אויגן און שטורעמט אַרויס מיט דער ערשטער פראַגע:

— איז אמת, גרויסער הערשער, אַז צוריק מיט עטלעכע יאָר האָסטו

געהאַט אַ שאַרפֿן אינצידענט מיט מיין פאָטער, און פון דאַן־אָן רעדט איר ביידע נישט?

— ס'איז אמת!

לי־לי פרעגט ווייטער:

— איז אמת, הויפט־הערשער, אַז דו האָסט געשוואוירן זיך נוקם צו זיין אין מיין פאָטער און אין זיין גאַנצער פאַמיליע, ביזן פערטן דור? איז אמת, אַז דו האָסט אַמאָל געטראַכט, אַז ווען ס'קומט אייך ביידן אוים צו פליען מיט אייערע ראַבאָטס אין דער לופטן, אָדער אַפילו אין אַ שליחות צו דער ערד, אָדער ווען איר וואָלט זיך ביידע געטראָפן אויפן שלאַכט־פעלד, וואָלסטו דאָס ערשטע געזוכט צו פאַרניכטן מיין פאָטער, אָדער זיין פאַמיליע?

— יאָ! ס'איז אמת!

לי־לי ווענדט זיך צום גרויסן „שאַליט" און זאָגט אים:

— איך האָב מער נישט וואָס צו פרעגן. איך בין גרייט זיך צו זעצן אויפן „אמת־שטול".

דער „שאַליט", גערירט פון לי־לים האַנדלונג, גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און רופט־אוים:

— מ'דאַרף נישט! דו ביסט אַן ערלעכער, געטרייער, בראַוועך קריגער און זון פונעם מאַרס.

— —

די באַראַטונג ווערט פאַרגעזעצט. יעדער איינער זאָגט זיך אַרוים זיין מיינונג, וואָס מ'דאַרף איצט טון. קיינער רעדט שוין נישט פון אַ תיכפדיקער אַטאַקע אויף דער ערד. יעדער איינער איז איבערצייגט, אַז היינט־צו־טאָג האָט די ערד מער שאַנסן צו געווינען אַ מילחמה קעגן איר, ווען אַפילו אַ טייל פון איר זאָל חרוב ווערן. אַלע פאַרזאַמלטע זענען איבערצייגט, אַז די ערד וועט נישט זיין די ערשטע אויף צו אַטאַקירן. די מענטשן אויף דער ערד זענען צופיל הומאַניסטיש אויף חרוב צו מאַכן אַ וועלט. מ'מעג זיין זיכער מיט זיי.

אויפן פאַרשלאַג פון לי־לי ווערט באַשטימט אָנצוגיין מיטן „שפיל" צו זוכן „פאַרברידערונג" מיט די ערד־מענטשן, און אויב ס'וועט אָנקומען אַן איינלאַדונג פאַר אַ גרעסערער דעלעגאַציע פונעם מאַרס צו די פייע־

רונגען פונעם צוויי-טויזנטסטן יובל פון דער ערד, זאָלן פאָרן אַלע הער-שער, אַלע הויפּט-הערשער, אַלע וויכטיקסטע געלערנטע און אַפילו דער „שאַליט" פּערזענלעך אויך. ווי אַ קאַנדיציע פאַר דעם גרויסן שאַליטס רייזע צו די פייערונגען דאַרף זיין, אַז פינף העכסטע פירער פון די ערד-רעגירונגען זאָלן פּערזענלעך קומען אויפן מאַרס אים איינצולאַדן. מיר מוזן אָבער קומען אַהין מיט עפּעס פּאָזיטיוועס. אונדזערע געלערנטע מוזן זיך אָנשטרענגען און דערפינדן אַזעלכעס, וואָס זאָל איבעראַשן די ערד-מענטשן און עס זאָל זיי צווינגען צו בייגן פאַר אונדז זייערע קעפּ.

אַ זיצונג אינעם שוץ־מיניסטעריום פון די „פּאַראייניקטע פעלקער" פון דער ערד. די זיצונג איז אַ שטרענג־געהיימע. עס זענען אַנגענומען געוואָרן אַלע פּאַרזיכט־מיטלען, אַז קיין שום זייטיקער, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו דער באַראַטונג, זאָל נישט אויפכאַפּן קיין איין וואָרט פון דעם וואָס ס'וועט דאָרט גערעדט ווערן.

צו דער באַשטימטער מינוט זענען שוין געזעסן אויף זייערע פּלעצער די פאָרשטייער פון אַלע לאָקאַלע שוץ־מיניסטעריומס פון דער ערד, די פאָרשטייער פון אַלע אוניווערזיטעטן און טעכנישע הויכשולן פון דער ערד און די „ספּעציעלע דעלעגאַטן" פון די פּרעמיער־מיניסטאָרן פון אַלע „פּאַראייניקטע ערד־רעגירונגען". אַלץ איז גרייט צו דער דערעפענונג. אָבער די זיצונג ווערט נישט געעפנט. מ'וואַרט אויף צוויי וויכטיקע — די וויכטיקסטע — איינגעלאַדענע צו דער היינטיקער באַראַטונג. מען וואַרט עס זאָלן קומען הערי קוק און לי־לי.

זיי האָבן פאַרשפּעטיקט. זיי האָבן שוין דאָ געדאַרפט זיין מיט 23 מינוט פריער. אַזוי איז עס געווען אויסגערעכנט. זייער פאַרשפּעטיקונג האָט אַרויסגערופן גרויס אומרו, ספּעציעל ביי די, וואָס ווייסן וואָס פאַר אַ ראָל אָט די דאָזיקע צוויי מענטשן שפּילן איצט אין דער וועלט־פּאָליטיק, צווישן דער ערד און דעם מאַרס.

נישט אַלע ווייסן און קענען לי־לין. אָבער די וואָס קענען אים און ווייסן ווי וויכטיק ער איז איצט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער ערד — ציטערן אָבער איבער זיין גורל. דורך דער ראַדיאָ־טעלעוויזיע האָט מען אָנגעפרעגט ביים הער הערי קוק דעם מאָטיוו פון זיין פאַרשפּעטיקונג, און מ'האָט באַקומען אַ טרויעריקן ענטפער:

— לי־לי איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון מאַרס. ער האָט שוין פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע צוועלף שעה. אונדזערע אַגענטן אויפן מאַרס ענטפערן, אַז לי־לי געפינט זיך אין זיין פאָטערס הויז. אָבער ס'איז נאָך אוממעגלעך זיך צו פאַרבינדן מיט אים. אַנדערע אַגענטן האָבן גע־

מעלדעט, אַז ס׳קומען כסדר אָן גרויסע הערשער צום הויז פון באַר־מאַ, וואו לי־לי געפינט זיך; זיי זאַמען זיך דאָרט אַ קורצע צייט און גייען גלייך אַוועק. וואָס מ׳האָט יאָ באַמערקט איז, אַז אַלע מאָל קומען צו באַר־מאָס הויז הערשער מיט אַ גרעסערן ראַנג, ווי די וואָס זענען פריער אַרויסגעגאַנגען. ס׳זענען אויך געקומען צו באַר־מאַ הויכע געלערנטע און באַרימטע טעכניקער.

—ענדלעך. —מעלדן די אַגענטן אויפן מאַרס,— אַז צו באַר־מאָס הויז איז צוגעפלויגן אַ ראַבאָט פון וועלכן ס׳האָט אַרויסגעשטיגן דעם „שאַליטס" ערשטער געהילף. דער ראַבאָט טראָגט דעם עמבלעם פונעם „שאַליט", דאָס הייסט, אַז ס׳איז דעם „שאַליטס" פּערזענלעכער פלי־אַפּאַראַט. דער געהילף איז אַריינגעגאַנגען צו באַר־מאַ, זיך געזאַמט אַ פּאָר מינוט, און ווען ער איז אַרויס פונעם הויז, האָט ער געלאָזט שטיין דעם ראַבאָט מיט וועלכן ער איז געקומען, צוגערופן אַ „טאַקסי־ראַבאָט" און מיט אים אַוועקגעפלויגן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן די אַגענטן געמעלדעט, אַז לי־לי איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין הויז, באַגלייט פון זיין פאָטער און מוטער, רע־ווידירט דעם ראַבאָט פונעם „שאַליט", צי ער איז „אין אָרדענונג", זיך אַריינגעזעצט אין אים און אַפּגעפלויגן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט געמעלדעט דער הער קוק, אַז לי־לי איז אָנגעקומען אַ שמייכלענדיקער און צופרידענער. ווי נאָר ער איז אַרויסגעקומען פון זיין ראַבאָט, האָט ער אים —דורך די „קאָנטראָלירטע שטראַלן"— אַליידיקן צוריק אַפּגעשיקט צום פּריוואַטן לופט־פּאָרט פונעם „שאַליט". ער וואַרט דאָ אַ פּאָר מינוט, כדי צו באַקומען אַ באַשטעטי־קונג, אַז דער ראַבאָט איז בשלום אָנגעקומען אויף זיין פּלאַץ. חוץ דעם, מוז דער הער קוק ברענגען אין אָרדענונג דעם באַריכט, וועלכן מ׳וועט באַלד הערן אויף דער באַראַטונג. זיי וועלן ערשט אָנקומען אין אַכצן מינוט אַרום.

— —

צו דער אָנגעוויזענער מינוט, איז הערי קוק אַריינגעקומען אין זאַל, פירנדיק אונטערן אָרעם זיין צוקונפטיקן איידעם — דעם מאַרסיאַנער הויפּט־הערשער לי־לי. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אַקלאַמירט זייער אַריינ־קומען; און לי־לי האָט זיך שוין אויסגעלערנט דעם מינהג פון די ערד־מענטשן, און האָט זיך טיף פאַרנויגט. אַ גרינגע ליכט מיט אַ צייכן, ווייזט זיי אָן זייער פּלאַץ צום זיצן.

איידער די באַראַטונג הייבט זיך אָן, שטייט אויף דער הער קוק פון

זיין פלאַץ, נעמט זיין פּאָרטפעל, מיט וועלכן ער איז געקומען, און גיט עס איבער דעם פּאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג; יענער רופט-צו אַ באַ-דינער, גיט אים דעם פּאָרטפעל, מיט וועלכן דער באַדינער גייט אַריין אין אַ זייטיקן צימער.

דער פּאָרזיצער ווענדט זיך צו די פאַרזאַמלטע און מעלדעט זיי, אַז איידער מ'וועט, אָפיציעל, אויסהערן די באַריכטן פון די פאָרשטייער פון די ערד-רעגירונגען, וועט מען זען אויפן „לייוונט" —מיט דער הילף פון אַ טעלעוויזיע-אַפּאַראַט— אַ בילד, און מ'וועט הערן וואָס ס'איז פאָרגע-קומען נעכטן אויפן מאַרס.

אַלע אויגן ווענדן זיך צום ווייסן לייוונט, וואָס ווערט אַראָפּגעלאָזן אויף אַ טייל וואַנט פונעם זאַל. אין אַ מינוט שפּעטער, בלייבט לי-לי פאַרשטיינערט פון איבעררעשונג. ער דערזעט אויפן „עקראַן" דאָס גאַנצע בילד וואָס ס'איז נעכטן פאָרגעקומען ביי דער באַראַטונג פון די מאַרס-הערשער; ער הערט יעדעס וואָרט וואָס מ'האָט נעכטן גערעדט. אָט זעט ער דעם הויפּט-הערשער, וואָס האָט אים געוואָלט נעמען אויפן „אמת-שטול", און אָט זעט ער זיך אַליין, ווי ער שטייט נעבן הערשער, וועלכער זיצט אַליין אויפן „אמת-שטול".

אַלע פאַרזאַמלטע אין זאַל צעלאַכן זיך פון לי-לים חכמה און פעאי-קייט, זיך נישט צו פאַרלירן.

עס ענדיקט זיך דער ערשטער טייל פונעם „פילם" און אָט זעט לי-לי אויפן „לייוונט" דעם צווייטן טייל פילם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען ביי אים אין הויז. ער זעט זיך, ווי ער זיצט אויף אַ דיוואַן, און איז מודיע דעם פאָטער, אַז... ער פאָרט מער נישט צוריק צו דער ערד! ער קאָן מער נישט שפּילן די מיאוסע ראָל פון אַ „געליבטן" און „חתן"; ער וויל מער גאָרנישט וויסן פון פּאָליטיק און שפּיאָנאַזש; ער וויל זיך אָפּ-געבן מיטן פאָטערס ווירטשאַפט, ווי עס טוען עס זיינע ברידער; ער וויל זיין גליך מיט זיי!

לי-לים ברידער געפינען זיך אויך אינעם זיצונגס-זאַל. עס טוט זיי הנאה, וואָס לי-לי איז סוף-כל-סוף געקומען צום שכל און וויל ווערן אַ „זייעריקער". זיי בעטן טאַקע זייער פאָטער, אַז ער זאָל דערלויבן לי-לין בלייבן אין דער היים.

אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג, שרייט לי-לי אויס:

— איך האָב פיינט די ערד-מענטשן, כ'האָב נישט ליב דאָס נאַרישע ערד-מיידל, וואָס מ'האָט מיר אויפגעהאַנגען אויפן האַלדז! מיין לעבן ווערט מיר נמאס, ווען כ'דאַרף צוריקפאָרן צו דער ערד און זיך טרעפן

מיט אירע נאַרישע און פּחדנישע רעגירער!

אין זאַל הייבט זיך אָן אַ שטיל מורמלען, אָבער דאָס בילד ווערט פאַרגעזעצט.

לי-לי זעט אויפן בילד, ווי זיין פאָטער שטייט נעבן אים און בעט אים, אַז ער זאָל פאָרזעצן זיין הייליקע אַרבעט צו דינען די מאַרס-מענטשן.

יאָ, עקזאַקט! אַזוי איז עס טאַקע געווען — זאָגט לי-לי צו זיך אַליין.

— ווען נישט דו, —הערט מען ווי דער פאָטער זאָגט אים,— וואָלטן מיר שוין לאַנג אַטאַקירט געוואָרן פון דער ערד און ס'וואָלט שוין פון אונדז אַפילו קיין זכר נישט געבליבן. דו ביסט עס געווען יעניקער, וועלכער האָט אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג, פון פאַריקן מאָל, אונדז אָפּגעשטעלט אַ מינוט פאַר דעם, ווי מיר האָבן שוין געזאָלט אַרויספליען צו דער ערד. איצט —זעצט פאָר דער פאָטער,— מוזטו פאָרזעצן דיין קלוגע און זייער נוצלעכע אַרבעט! דו מוזט ווידער פאָרן צו די ערד-מענטשן; דו מוזט אַלע טאָג זיין ביי דיין צוקונפטיקן שווער אין הויז, און —אויסנוצנדיק זיין צוטרוי— ביי אים געוואויר ווערן וועגן אַלע פּלע-נער. ווען דו קושסט דיין כלה, פאַרמאַך די אויגן און שטעל זיך פאָר, אַז דו קושסט אַ קינד פונעם מאַרס, כאָטש דעם אמת זאָגנדיק, האָב... איך זי אויך ליב באַקומען, און כ'זאָג דיר פּייערלעך צו, אַז ווען מיר וועלן באַזיגן די ערד — און זי וועט בלייבן צווישן די לעבעדיקע— וועסטו זי מעגן נעמען אַלס דיין פרוי, אָדער אַלס אַ שקלאַפין — ווי אַזוי דו וועסט אַליין וועלן!...

אין זאַל הערט זיך אַ שטילער געלעכטער. לי-לי לאַכט אויך פון זיין פאָטערס נאַאיווקייט.

לי-לי איז אָבער איינגעשפּאַרט! ער וויל מער נישט צוריקפאָרן צו דער ערד. זאָל אַ צווייטער ברודער פאָרן. ער וויל בלייבן אויפן ברו-דערס פלאַץ אין פאַבריק, אָדער אין דער ווירטשאַפט. זיין פאָטער זעט, אַז ער קאָן מיט גוטן ביי אים נישט פּועלן, און מיט שלעכטן האָט ער מורא, אַז פליענדיק צו דער ערד זאָל ער נישט אויספּרייסן זיין ראַבאַט, באַשטימט ער דערפאַר מודיע צו זיין דעם „גרויסן שאַליט" פון זיין זונס באַשלוס. דער „שאַליט" הויבט אָן שיקן צו אים שליחים. מ'זעט און מ'הערט די שליחים קומען און רעדן, און לי-לי גיט נישט נאָך. ערשט, ווען דער „שאַליט" שיקט אים זיין פּערזענלעכן ראַבאָט, דאָס הייסט דאָס זעלבע, ווי דער „שאַליט" אַליין, בכבודו ובעצמו, זאָל אים האָבן געקו-

מען בעטן — דאַן זעט מען, ווי לי לי געזעגנט זיך מיט זיינע עלטערן און זעצט זיך אַריין אין ראַבאַט.

מיט דער לעצטער סצענע, פאַרענדיקט זיך דער פילם וואָס ס'איז אויפגעכאַפּט געוואָרן אויפן מאַרס.

ס'איז פאַראַן נאָך אַ דריטער טייל, זייער אַ קורצער.

לי-לי קומט צופליען צו הערי קוקס הויז. מ'זעט ווי ער שטעלט זיך אַפּ אויפן דאַך פון קוקס הויז. דער הער קוק איז דאָרט געשטאַנען, אים דערוואַרט, זיך מיט אים צעקושט און אים אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט. מ'זעט אויפן לייוונט, ווי הערי קוק פירט-צו לי-לין צו אַ ווינ-קעלע פון גרויסן צימער, טוט-אָן אויף זיין קאָפּ אַ גרויסן הוט, און גיט אים צו האַלטן אין דער האַנט צוויי עלעקטראָנישע דראָטן, און...

אין זיצונגס-זאַל ווערט ליכטיק. מ'זעט מער גאָרנישט. מ'זעט נאָר, ווי הערי קוק שטייט מיט לי-לין אַרומגענומען און קושט אים. ער, לי-לי, האָט אויסגעפירט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט די אינסטרוקציעס וואָס הערי קוק האָט אים אָנפאַרטרויט. ער האָט געשפּילט זיין ראָל ווי אַ גענייטער אַקטיאָר. אַלע ווערטער וואָס ער האָט גערעדט, הן אויף דער באַראַטונג פון די הויפּט-הערשער, הן ביי זיך אין הויז, זענען מיט אים פריער גוט איינגעשטודירט געוואָרן. איצט איז ער שוין זיכער מיט זיינע ברידער, וועלכע האָבן אים פריער שרעקלעך פיינט געהאַט, און איצט האָט ער שוין פאַרטריבן יעדן חשד, אַז ער איז צופיל פריינט מיט די ערד-מענטשן.

וואָס לי-לי האָט אַליין נישט געוואוסט איז, אַז אין זיין גרויסן קאָפּ שוואַרצע האָר טראָגט ער אַ גאַנצן אַפּאַראַט פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע. די האָר זיינע, זענען פּשוט געווען עלעקטראָניזירט אַזוי, אַז יעדער האָר פון זיין קאָפּ האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פונקציע. הער קוק האָט זיך גע-ריכט, אַז מ'וועט נישט האָבן קיין צוטרוי צו דער הלבשה פון די פאַר-זאַמלטע, האָט ער גענומען לי-לים האָר צו הילף, און ס'איז פולשטענדיק געלונגען.

ווען לי-לי איז צוריקגעקומען פונעם מאַרס, האָט אים דער הער קוק אָנגעטון אַ „הוט" — אַ קאָפּיר-אַפּאַראַט, וועלכער האָט איבערגענומען — אַ דאַנק אַ ספּעציעלן קאָנטאַקט מיט דער עלעקטריע וואָס ער האָט גע-האַלטן אין זיינע הענט — אַלץ וואָס די האָר האָבן „פאַרצייכנט" אין לי-לים לעבן אין די לעצטע פאַר טעג.

ה' קוק האָט געפונען פאַר נויטיק צו בעטן אַנטשולדיקונג פאַר די נישט-פּאַסיקע אויסדרוקן, וואָס לי-לי האָט —לויט זיינע אינסטרוקציעס

— זיך אויסגעדריקט אויפן חשבון פון די רעגירונגס-מענער פון דער ערד...

אין זאַל האָט זיך געהערט אַ לייכטער געלעכטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שטימונג צווישן די מלוכה-פאָרשטייער אין זאַל, איז שוין נישט אַזאַ שאַרפע און קריגערישע קעגן מאַרס. מ׳איז שוין איבערציייגט, אַז דערווייל וועלן די מאַרס-קריגער נישט וואַגן צו אַטאַקירן און ס׳איז נישט פאַראַן קיין מורא פאַר אַ סורפריז-אַנפאַל. דאָך, פאַרשטייען זיי, אַז מען מוז שטיין אויף דער וואַך.

אין די דעבאַטעס שיילן זיך אויס צוויי קאָנקרעטע מיינונגען: איין מיינונג איז, אַז מ׳זאַל זיך באַמיען מיט אַלע כוחות, אַז די וויכטיקסטע הויפּט-הערשער, און גאַר ספּעציעל — דער „שאַליט", זאָלן בייזיין די הויפּט-פייערונגען פון דער ערד לכבוד דאָס אָנקומען פונעם נייעם יאָר-הונדערט. אויב מ׳וועט דאַרפן, זאָל אַ דעלעגאַציע פון אַלע פּרעמיער-מיניסטאָרן פליען צום מאַרס און אים פאַרזענלעך איינלאַדן. אַ צווייטע מיינונג איז שוין אַ שאַרפערע: מ׳זאָל טאַקע איינלאַדן אַהער אַלע הויכע און וויכטיקע הערשער און קריגער, אין ספּעציעל — דעם „שאַליט", און ווען זיי וועלן דאָ אַלע זיין אויף דער ערד — זאָל מען זיי אַלעמען... אומברענגען, און אַזוי אַרום אַ סוף מאַכן צו דער מיליטערישער קליקע, וואָס הערשט אויפן מאַרס.

די דאָזיקע וועלכע זענען פאַר דער לעצטער מיינונג, האַלטן אַ״יך, אַז ס׳זאָל מיט דער צייט געשאַפן ווערן דאָ, אויף דער ערד, אַ ציווילע „גלות"-רעגירונג פון מעסיקע און שלום-זוכנדיקע מאַרס-מענטשן, וואָס וועלן, תיכף נאָכן האָבן פאַרניכטעט די קריגערישע הערשער, געשיקט ווערן צום מאַרס, כדי איבערצונעמען די מאַכט, באַפרייען די שקלאַפן און אָנהייבן אַ פרידלעכע, ציווילע הערשאַפט אויפן מאַרס-פּלאַנעט, ווי ס׳איז אויף דער לבנה און אויף דער ערד.

די גאַנצע צייט פון די דעבאַטן, איז לי-לי געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטער אויף זיין באַנק. מיט די הענט האָט ער זיך אָפט פאַרשטעלט דאָס פּנים. קענטיק אַז טרערן זענען געפלאָסן פון זיינע אויגן. הערי קוק האָט אים געהאַלטן פעסט אַרומגענומען און אָפט, אָפט, האָט ער אים געגלעט איבערן קאָפּ, כדי אים צו באַרואיקן. ענדלעך, גיט זיך לי-לי אַ שטעל-אויף און הויבט אויף ביידע הענט. ער בעט דרינגענד אַ וואָרט. מען דערלויבט אים צו ריידן. מיט אַ ציטערדיקער שטימע הייבט לי-לי אָן:

— „גרויסע הערשער און געלערנטע פון דער ערד! ווייזט אויס, אַז אַזוי איז שוין מיין גורל. קום איך אויף אַ באַראַטונג פון די מאַרס־הערשער, מוז איך זיין דער, וואָס זאָל האַלטן אין איין לעשן דאָס פייער וואָס מ׳וויל אָנצינדן; קום איך אויף אַ באַראַטונג פון די ערד־הערשער, מוז איך אויך טון דאָס זעלבע! אָבער, גרויסע מענער! ביז וואַנען וועט מען זוכן אויסגאַנגען פון שלעכטע אומשטענדן נאָר דורך בלוט און טויט טויט און בלוט!

„ מילא, מיר, אויפן מאַרס, זענען פאַרצווייפלט, ווייל מיר זען פאַר זיך אַ שרעקלעכן טויט — דורך דאַרשט, זוכן מיר זיך צו ראַטעווען, און „בלוט און טויט" זענען צווישן די מיטלען פאַר רעטונג. אָבער, איר, גרויסע מענער פון דער ערד! וועמען ס׳פעלט גאָרנישט, און וועלכע ווייסן גוט אַליין, אַז זיי דאַרפן קיין מורא נישט האָבן פאַר אַן איבערפאַל, — פאַרוואָס רעדט איר מיט אַזאַ לייכטן געמיט וועגן בלוט און טויט?

„איר רעדט אַזוי לייכט וועגן אומברענגען דעם „שאַליט" מיט אַלע קריגער פונעם מאַרס. צי ווייסט איר אָבער, אַז דער „שאַליט" און די קריגער האָבן טויזנטער און טויזנטער אייגענע, פריינט און סימפּאַטיזי־רער, וואָס וועלן עס אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין, און אַנשטאָט שלום, וואָלט זיך ערשט אַנטוויקלט די אמתע מילחמה מיט אייך! אַ מילחמה אויף לעבן און טויט —מער טויט ווי לעבן— און בלוט וואָלט זיך געגאָסן מער וויפל איר פאַרמאָגט וואַסער.

איך וויל אייך זאָגן, גרויסע הערשער פון דער ערד, אַז ווען איך וואָלט געווען זיכער, אַז אומברענגענדיק די הערשער פונעם מאַרס — און מיין פאָטער צווישן זיי— וואָלט דערנאָך געהערשט אַן אייביקער שלום צווישן די פּלאַנעטן — וואָלט איך אַן וואַקלענישן צוגעשטימט צו דעם דאָזיקן פּלאַן, כאָטש מיין ליבע צו מיין פאָטער איז אומבאַגרענעצט. איך גלויב אָבער נישט, אַז דאָס זאָל זיין דער וויכטיקסטער מיטל צו פאַרזיכערן שלום און רואיקייט צווישן די פּלאַנעטן. איך, ווידער, האָב אַן אַנדער פּלאַן. איך האַלט, אַז אייערע געלערנטע זאָלן נעמען ערנסט שטודירן, ווי אַזוי צו באַקומען וואַסער אויפן מאַרס. אונדזערע מאַרס־געלערנטע האָבן זיך שוין מייאש געווען צו געפינען אַ לייזונג פאַר דעם דאָזיקן פּראָבלעם. אייערע ערד־געלערנטע זענען נאָך פריש און נישט פאַרצווייפלט, ווי אונדזערע. מעגלעך, אַז זיי וועט גיכער געלינגען צו געפינען אַ מיטל, אַז די מאַרס־איינוואוינער זאָלן האָבן גענוג וואַסער. ווען דאָס זאָל זיי געלינגען — וואָלט אַראָפּ די פראַגע פון מילחמה צווישן דעם מאַרס און די ערד".

לי-לי האָט פאַרענדיקט זיין רעדע און האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין שטול. אַ לענגערער אַפּלאָוז פון אַלע פאַרזאַמלטע גיט אים צו פאַרשטיין, אַז מ׳איז מסכים מיט זיינע אויספירן און מיט זיין פאַרשלאַג, און ס׳זוערט אים אַ סך לייכטער אויפן האַרץ.

— — — — — — — — — — — — — —

אין אייניקע שעה אַרום, ביים הער קוק אין הויז.

די גאַנצע פאַמיליע קוק, צוזאַמען מיט לי-לין, עסן צוזאַמען מיטיק. הינעסיטאַ איז ברוגז, זי האָט שוין אַפּילו אויך געוויינט. זי האַלט אין איין טענהן, אַז זי האָט זיך פאַרליבט אין לי-לין, דעם שיינעם, סימפּאַטישן סטודענט, און נישט אין אַ פּאָליטיקער, וועמען מ׳זעט אַזוי זעלטן און וואָס לערנט אַזוי ווייניק. זי האָט זיך אָנגעפרעגט אין אוניווערזיטעט וואו לי-לי קורסירט זיינע סטודיעס, האָט מען איר אינפאָרמירט, אַז פאַר דעם לעצטן חודש איז לי-לי געקומען בלויז איין מאָל אויף אַ לעקציע, און אַ פּאָר מאָל האָט ער באַזוכט די ביבליאָטעק.

— מיט אַזאַ לערנען, —טענהט הינעסיטאַ,— וועט ער קיינמאָל נישט ענדיקן זיין שטודיום.

דער פאָטער, ה׳ קוק, בארואיקט איר. שמייכלענדיק גלעט ער איר איבערן קאָפּ. ער פאַרזיכערט איר, אַז לי-לי האָט לעצטנס אויפגעטון אַזוי פיל פאַר דער וועלט, אַז זיין נאָמען וועט פאַרבלייבן פאַראייביקט אין דער געשיכטע; און אַזוי, שמייכלענדיק, זאָגט ער איר:

— וואַרט אויס! ווער איצט נישט ברוגז! אָט וועסטו באַלד זען אַ בילד, פון וועלכן דו וועסט ערשט קאָנען ברוגז ווערן...

באַלד נאָכן עסן, זעצן זיך זיך אויס אַקעגן דעם טעלעוויזיע-אַפּאַראַט. הער קוק גיט אַ דריי אַ קנעפּל, און עס הייבט זיך אָן באַווייזן דאָס בילד וואָס זיי האָבן נעכטן געזען אין שויץ-מיניסטעריום. הינעסיטאַ טאַנצט אַזש אויף פאַר פאַרדרוס. זי האָט נישט געוואוסט, אַז לי-לי איז געפלויגן צום מאַרס. דאָס איז געווען פאַר איר סוד. ווען זי וואָלט געוואוסט, אַז דער פאָטער האָט אים, לי-לין, געשיקט אין אַזאַ געפערלעכער שליחות, וואָלט זי אים נישט געלאָזט אַפּפליען.

אָט זעט און הערט זי, ווי דער „שאַליט" פרעגט לי-לין, צי ער האָט מודיעה געווען זיין כלה אַז ער פליט אַפּ צום מאַרס, און ער, לי-לי, ענטפערט: יאָ!

— אָה! —שרייט אויס הינעסיטאַ,— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו ביסט אַחוץ אַ פּאָליטיקער אויך אַ פּעאיקער... ליגנער!

— וואַרט, וואַרט! וועסט נאָך עפּעס געוואויר ווערן. קוק און הער! — זאָגט איר דער פֿאָטער, לאַכנדיק.

זיי קוקן ווייטער אינעם טעלעוויזיע-אַפּאַראַט; מ׳קוקט און מ׳לאַכט. און מ׳קומט צו יענער טייל, וואו לי-לי „מאַכט אַ רעוואָלוציע" ביי זיך אין דער היים און וויל זיך מער נישט אומקערן צו דער ערד. ווען זי הערט ווי לי-לי שרייט-אויס: —„איך האָב פֿיינט די ערד-מענטשן און האָב נישט ליב דאָס נאַרישע ערד-מיידל", קאָן שוין הינעסיטאַ מער נישט אויסהאַלטן און הייבט זיך אויף פֿונעם פּלאַץ מיט אַ געוויין.

איר פֿאָטער און לי-לי באַרואיקן זי, גלעטן איר און... לאַכן. ס׳איז איר שווער זיך פֿאַרצושטעלן, אַז לי-לי זאָל אַפּילו אויף אַ „באַשטעלונג" קאָנען אַרויסלאָזן אַזעלכע שרעקלעכע רייד. ענדלעך, זעצט זי זיך צוריק אויף איר פּלאַץ, און אַ רואיקע זעט זי און הערט-אויס די גאַנצע „פּראָגראַם".

ווען דער טעלעוויזיע-אַפּאַראַט איז פֿאַרלאָשן געוואָרן, איז הערי קוק איבערגעבליבן אַליין מיט זיין טעכטערל. זיי האָבן גערעדט אַ לענגערע צייט. הינעסיטאַ, ווי אַ קלוג פֿאַרשטענדלעך מיידל, האָט גוט באַנומען די לאַגע אין וועלכע די מענטשהייט לעבט איצט איבער; זי פֿאַרשטייט אויך די גרויסע ראָל וואָס איר חתן לי-לי שפּילט איצט, אויף צו העלפֿן לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן. הערי קוק דערקלערט איר, אַז אַלץ וואָס זי האָט געזען און געהערט, איז אַ שטרענגער, גאָר אַ שטרענגער מלוכה-סוד; זי טאָר פֿאַר קיינעם עס נישט דערמאָנען -- אַפּילו דורך אַ סימן. כדי איר צו באַרואיקן, גייט ער צו צו זיין ראַדיאָ-עלעקטראָניק, גיט אַ דריי אַ קנעפּל, און זי, הינעסיטאַ, הערט ווידער לי-לים שטימע. דאָס איז זיין רעדע, וועלכע ער האָט נאָר-וואָס געהאַלטן אין שוץ-מיניסטעריום. זי הערט זיין פֿאָרשלאָג, אַז די ערד-געלערנטע זאָלן אָנהויבן זוכן וואָסער אויפֿן מאַרס, און אפשר, דערמיט, פֿאַרמיידן מילחמה.

הינעסיטאַ ווערט איבערראַשט, ווען זי הערט ווי לי-לי זאָגט, אַז ווען ס׳זאָל בלויז זיין געווענדעט אין דעם וואָס מ׳וועט אויסמאָרדן און פֿאַרניכטן אַלע עלטסטע הערשער פֿונעם מאַרס —זיין פֿאָטער אַריינגערעכנט--, אַבי ס׳זאָל הערשן שלום צווישן די פּלאַנעטן, וואָלט ער נישט געוועזן קעגן!...

טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. זי דערמאָנט זיך, אַז ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פֿריער האָט זי געזינדיקט קעגן אים אין די געדאַנקען. זי וועט אים שוין גיין איבערבעטן.

איר פּאַטער, הערי קוק, לאָזט איר אָבער נישט אָפּ:

— ערשט איצט, טעכטערל, —זאָגט ער צו איר,— מוז איך דיר זאָגן, אַז לי־לי וועט נאָך אַמאָל מוזן פליען צום מאַרס מיט אַן ערנסטער מיסיע. ער וועט מיט זיך פירן אַ פילם, און ער וועט דאַרפן האָבן אַ סך מזל און גליק, און נאָך מער — פעאיקייט, זיך אויסצודרייען, אַז מ'זאָל אים נישט חושד זיין. איך לייג אַ סך האָפענונג אויף זיין חכמה און פעאיקייט. אָבער, איך געפין פאַר נויטיק דיר מודיעה צו זיין און אפילו בעטן דיין דערלויבעניש, אַז לי־לי זאָל אַהין פליען, ווייל ער האָט שוין דאָרט, אויפן מאַרס, זייער פיל שונאים, און זיין לעבן קאָן שטיין אין געפאַר.

אַ שטילער געוויין איז געוועזן היגעסיטאַס ענטפער.

— איך גיב אים אַ דערלויבעניש, ער זאָל טון ווי ער אַליין פאַר־שטייט. אָבער איין זאַך פאַרזיכער איך דיר, פּאַטער: אַן לי־לין וועט מיר זיין אוממעגלעך צו לעבן! איך וואָרן דיך וועגן דעם... איצט, טו ווי דו פאַרשטייסט! שיק אים וואוהין דו ווילסט און דאַרפסט אים שיקן! דו שיקסט נישט בלויז אים אַליין, נאָר מיך אויך! דאָרט וואו ער וועט זיין — דאָרט וועל איך אויך זיין! זיין לעבן — איז מיין לעבן! זיין אומקום — איז מיין אומקום! דאָס זאָלסטו וויסן!

אַ נייע, דרינגענדיקע באַראַטונג אויפֿן מאַרס.

די באַראַטונג קומט פֿאַר נישט אינעם געוויינלעכן פּאַלאַץ פֿונעם „שאַליט", וואו ס'קומען זיך שטענדיק צונויף די מאַרס־הערשער, נאָר אויף אַ צווייטן פּלאַץ — אויך אַ רעגירונגס־געביידע, וועלכע מ'נוצט זייער זעלטן, ווייל זי איז שוין מער נישט צוגעפּאַסט צו די לעצטע טעכנישע דערפינדונגען מיט וועלכע אַ געביידע פֿון אַזאַ פֿאַרנעם באַשטייט איצט.

דעם דאָזיקן בייט פֿונעם פֿאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, האָט געפֿאָדערט לי־לי, ווען ער האָט ראַדיאָ־טעלעפֿאָניש מודיע געווען זיין פֿאָטער, אַז ער קומט תיכף צופֿליען אויפֿן מאַרס און ער בעט אים, אַז דער „שאַליט" זאָל פֿאַררופֿן אַ דרינגענדיקע באַראַטונג, ספּעציעל פֿון אַלע געלערנטע פֿונעם פּלאַנעט. לי־לי האָט אויך געמעלדעט דעם פֿאָטער, אַז אין זיין איצטיקער רייזע באַגלייט אים זיין כלה, הינעסיטאַ. זי פֿאָרט זיך באַקענען מיטן מאַרס און מ'דאַרף איר זייער פֿריינטלעך אויפֿנעמען, כדי זי זאָל זיך נישט אָנשטויסן אויפֿן אמת וועגן אים. אגב, הינעסיטאַ פֿירט מיט זיך אַן אָפֿיציעלן בריוו פֿונעם הויפּט פֿון די ערד־רעגירונגען צום „שאַליט". כאָטש די בריוו איז פֿאַרמאַכט, שטויסט ער זיך אָן, אַז אין דער דאָזיקער בריוו געפֿינט זיך די ערשטע איינלאַדונג צום „שאַליט", אַז ער זאָל באַזוכן דעם ערד־פּלאַנעט.

לי־לי האָט אויך געפֿונען פֿאַר נויטיק אויפֿמערקזאַם צו מאַכן זיין פֿאָטער, אַז הינעם פּליט מיט אים קעגן זיין ווילן. ער האָט זי נישט געוואָלט מיטנעמען אויפֿן מאַרס, ווייל, ווי אַ טאָכטער פֿון איינעם פֿון די וויכטיקסטע רעגירונגס־מענער פֿון דער ערד, און גאָר ספּעציעל — ווי אַן אָפֿיציעלע פֿאַרשטייערין איבערצוגעבן אַ „מעסעדזש" פֿון איין רעגירער צו אַ צווייטן, קאָן יעדע אומאָנגענעמלעכקייט וואָס זיין כלה קאָן צופֿעליק האָבן אויפֿן מאַרס, פֿאַרשאַרפֿן די באַציאונגען צווישן ביידע פּלאַנעטן, און אפֿשר נאָך ערגער, און דאָס טאָר מען איצט פֿאַר קיין פֿאַל נישט דערלאָזן...

און, אזוי ווי לי־לי האָט מורא פאַר אַ „קאָמפּלאָט" קעגן אים מצד דעם הערשער רי־ווע, וועמען ער האָט געמאַכט צום נאַר, און כדי רי־ווע, —ווען ער וועט געוואויר ווערן אַז לי־לי קומט צופליען,— זאָל נישט אָר־גאַניזירן אַ גרופּע ראָבאָטס וואָס זאָלן אים אַנטקעגנפליען און אים וועלן אומברענגען אין דער לופטן, מעלדעט לי־לי זיין פאָטער, אַז ער וועט נישט פליען דירעקט פון דער ערד צום מאַרס. נאָר וועט מאַכן אַן אומ־קרייז און וועט פריער פליען צו דער לבנה, צו וועמענס הויפּט־הערשער זיין כלה פירט אויך אַן אָפיציעלן בריוו, און פון דאָרט וועלן זיי קומען צופליען צום מאַרס...

בכדי צו זיין נאָך מער זיכער, אַז ס'וועט לי־לין מיט זיין כלה גאָר־נישט געשען, זאָל ער, זיין פאָטער, זיך באַמיען, אומדירעקט, צו וויסן געבן רי־ווען וועגן זיין קומען צופליען, אָבער אים אָנווייזן אַ שפּעטער־דיקע שעה, און אַז ער קומט מיטן דירעקטן לופט־וועג, „ערד — מאַרס".

וועגן דעם, פאַרוואָס ער בעט אַז מ'זאָל זיך פאַרזאַמלען אויף אַ צווייטן פּלאַץ — וועט ער עס דאָרט מעלדן.

— — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין דריי מינוט פאַרן אָנהויבן די זיצונג. לויטן מינהג, קומט דער „שאַליט" נישט אַריין אינעם זיצונגס־זאַל ביז אַלע הערשער און געלערנטע געפינען זיך אין זאַל. איצט, נאָך דער געמעלדעטער שעה, פעלן נאָך צוויי וויכטיקע הערשער און איין געלערנטער — דער הויפּט פונעם „מאַגנעטישן אינסטיטוט" פון מאַרס, און דערפאַר קאָן דער „שאַליט" נישט אַריינקומען. ווען ס'זענען פאַריבער נאָך עטלעכע מינוט, און די הערשער מיטן געלערנטן זענען נישט געקומען, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז מיט זיי געשען, און מ'לאַדט־איין דעם „שאַ־ליט" צו דער זיצונג.

ווען דער „שאַליט" איז שוין געזעסן אויף זיין שטול, גרייט אָנצו־הויבן די זיצונג, קומט אַריין אַ שליח און איז מודיע, אַז 10 ראָבאָטן וואָס האָבן געהערט צו די קריגס־קרעפטן פונעם הערשער רי־ווע, האָבן זיך אָראָפּגעלאָזן פון הימל אויפן פלי־דאַך פון רי־וועס וואוינונג. די ראָבאָטן האָבן קיינעם נישט געבראַכט; זיי זענען געווען הערמעטיש פאַרשלאָסן, און... ליידיקע. נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג איז פעסט־געשטעלט געוואָרן, אַז אין די ראָבאָטן זענען, פריער מיט אַ פּאָר שעה, אַרויסגעפלויגן צו דער ערד דער הערשער רי־ווע, זיין געהילף, דער הויפּט פונעם „מאַגנעטישן אינסטיטוט" און עטלעכע קריגער. זיי זע־נען געפלויגן אין קריגס־פאָרמאַציע און נישט מעלדענדיק דעם „שאַליט",

אַדער די קריגס-פירער. ס'איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ווען רי-ווע איז אַרויסגעפלויגן מיט זיינע ראַבאָטן, האָט ער שוין געוואוסט אַז מ'האָט גערופן אויף אַ דרינגענדיקער באַראַטונג צום „שאַליט", און אַז לי-לי וועט אויך קומען.

לי-לי, וועלכער איז געזעסן נעבן זיין פאָטער, האָט אים אַ ריר געטון מיט דער האַנט, און דער פאָטער האָט אים געגעבן אַן ענטפער-ריר. זייער שפיל איז זיי געלונגען. ווי נאָר רי-ווע איז געוואויר געוואָרן אַז לי-לי פליט צום מאַרס, איז ער אַרויסגעפלויגן אַנטקעגן, כדי אים צו „באַגעגענען" און אין אַ שלאַכט אים, לי-לין, אומברענגען.

שטילערהייט האָט לי-לי דערציילט זיין פאָטער, אַז דעם מאַרשרוט ווי אַזוי צו פליען צום מאַרס, האָט אים צוגעגרייט זיין צוקונפטיקער שווער, הערי קוק, און ער, קוק, האָט שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז רי-ווע מיט זיינע באַגלייטער זאָלן שוין מער אַהיים נישט קומען קיין לעבעדיקע. פון וואַנען האָט געוואוסט הערי קוק וועגן די באַציאונגען פון רי-ווען צו לי-לין? — אָט וועט ער באַלד זען.

ווייזט אויס, אַז פאַרן „שאַליט" איז אויך עפּעס געווען אויפפאַלנדיק דאָס געשעענע מיט איינעם פון זיינע הערשער, וועלכן ער האָט איצט פאַרלוירן. דער „שאַליט" ווענדעט זיך טאַקע צו לי-לין מיט אַ פראַגע, צי ער האָט נישט אָנגעטראָפן רי-ווען אויף זיין פליצוג אַהער...

לי-לי שטעלט זיך אויף און מעלדעט:

ערשטנס, חשובער „שאַליט" און געערטע פאַרזאַמלטע: ווען רי-ווע איז אַרויסגעפלויגן צו דער ערד, בין איך שוין געווען אין מיין פאַטערס הויז; צווייטנס, רי-ווע איז געפלויגן אויף דער לופט-ליניע צו דער ערד און איך בין אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט — פון „לבנה-וועג". ווי אויך, וויל איך דאָ מעלדן, גרויסער „שאַליט", אַז אַזוי ווי מיין כלה איז מיטגעפאָרן אין אַן אָפיציעלער רעגירונגס-מיסיע, האָבן איר אַ גרופּע קריגס-ראַבאָטן פון דער ערד באַגלייט ביז דער לבנה. פון דער לבנה ביז אַהער, האָבן איר באַגלייט אַ קריגס-גרופּע לבנה-ראַבאָטן, אַזוי איז דער מינהג אויף דער ערד. אונדזערע באַגלייטער זענען נאָך פאַראַן אויפן מאַרס און זענען די געסט פון מיין פאָטער.

— ווען וועט קומען דיין ערד-מיידל מיר אָפּגעבן די בריוו? — האָט דער „שאַליט" געפרעגט לי-לין.

— נאָך דעם, ווי איך וועל דאָ באַריכטן און אייך ווייזן אַ פילם.

— קאָנסט אָנהויבן דיין באַריכט! — באַפעלט דער „שאַליט".

לי-לי שטעלט זיך אויף. ער זעט אויס ווי ער וואָלט געווען שטאַרק

אויפגערעגט. דאָך, באַהערשט ער זיך און זאָגט:

— „גרויסער „שאַליט", גרויסע הערשער און הויכע געלערנטע. איך האָב דרינגענד געבעטן אויף היינט אַ זיצונג פון הויכן ראַט, צוליב צוויי מאָטיוון: ערשטנס, ווייל מיין צוקונפטיקער שווער האָט מיר מודיע געווען, אַז עס פאַרט אַרויס די ערשטע דעלעגאַציע צום מאַרס, כדי איינ־צולאַדן די גרויסע הערשער מיטן גרויסן „שאַליט" צו די ערד־פייערונ־גען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז לויטן מינהג פון דער ערד, וועלן זיין דריי דעלעגאַציע־גרופּעס: די ערשטע, וועלכע קומט איצט; נאָכדעם וועט מען שיקן אַ דעלעגאַציע פון פינף הויכע און וויכטיקע באַאַמטע פון דער ערד, צווישן זיי, הער הערי קוק; לסוף, וועט קומען אַ דעלעגאַ־ציע פון די העכסטע רעגירונגס־מענער, צווישן זיי — דער הויפּט־הער־שער, אָדער, ווי זיי רופן אים „דער פּאָרזיצער" פון דער הויפּט־רעגירונג פון די „פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד", אָט דער דאָזיקער וואָס האָט אין זיין מאַכט אַ קוועטש צו טון אַן עלעקטראָניש קנעפּל, און אונדזער מאַרס קאָן צעשמעטערט און פאַרניכטעט ווערן...

„שפּעטער האָט מיר דער הער קוק געמעלדעט, אַז די ערשטע דע־לעגאַציע באַשטייט פון זיין טעכטערל — מיין כלה, און... איך. די ערד־רעגירונגען ווילן דערמיט סימבאָליזירן די אייניקייט וואָס ס'הערשט איצט צווישן אַלע פּלאַנעטן. איך האָב נישט געוואָלט, אַז דאָס ערד־מיידל זאָל פליען צום מאַרס. איך האָב מורא געהאַט פאַר קאָמפּליקאַ־ציעס וואָס זענען איצט, אין דעם מאָמענט, נישט געוואונטשן, אָבער, איך האָב געמוזט צושטימען.

„דער מאָטיוו, פאַרוואָס כ'האָב געבעטן אַז מ'זאָל בייטן דעם זי־צונגס־זאַל, איז אויך אַ זייער וויכטיקער. איך גלויב, אַז דער גרויסער זאַל וואו מיר קומען זיך געוויינלעך צונויף איז עלעקטראָניש פאַרבונדן מיט דער ערד דורך טעלעוויזיע. און, מיט דער דערלויבעניש פון גרויסן „שאַליט", וועט איר עס באַלד זען..."

אין זאַל ווערט פינצטער. אויף איינע פון די ווענט באַווייזט זיך דער ערשטער טייל פונעם פילם, וואָס לי־לי האָט געזען אויף דער ערד, וועגן דער לעצטער באַראַטונג פון די מאַרס־הערשער.

אַלע פאַרזאַמלטע זענען געוואָרן איבערראַשט. זיי האָבן פאַר זיך אַ פולשטענדיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס ביי זיי איז פאָרגעקומען. אָט זעען זיי, ווי דער הויפּט־הערשער רי־ווע זיצט אויפן „אמת־שטול" און ענטפערט לי־לין אויף זיינע פראַגעס. איצט איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער הערשער רי־ווע איז געווען אויף דער ליסטע פון די ערד־שפּיאָ־

נען פאַרניכטעט צו ווערן, ווי אַ שאַרפער קעגנער פון דער ערד און ווי אַ פאַרטיידיקער פון באַלדיקן קריג מיט דער ערד.

ווען דאָס בילד ענדיקט זיך, זעצט פאָר לי־לי זיין באַריכט:

— „ווען כ'בין נאָר אָנגעקומען אויף דער ערד, האָט מיך מיין צו־קונפטיקער שווער אַריינגעפירט אין זיין קאַבינעט און, שמייכלענדיק, מיר געוויזן אָט דעם דאָזיקן בילד. זיי וויסן דאָרט אַלץ! ווער האָט דאָס פילמירט די באַראַטונג? ווער האָט זיי אָפּגעשיקט דעם פילם? מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, —זעצט פאָר לי־לי,— אַז איידער מיר זענען אַריינגעקומען אין גרויסן באַראַטונגס־זאַל האָבן מיר זיך געביטן די קליידער, און מיר זענען אַריינגעקומען אין זאַל אין נייע, פרישע מלבו־שים, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין איין מעטאַליש קנעפּעלע, אָדער שפּילקעלע וואָס זאָל עלעקטראָניש קענען פאַרבונדן ווערן מיט די טע־לעוויזיע־שטראַלן.

„סיידן איך זאָל גלויבן, —פאַרענדיקט לי־לי זיין באַריכט,— אַז עפּעס אַ „הימל־מענטש”, אָט, איינער פון די, פון וועלכע פיל מיליאָנען מענטשן אויף דער ערד און אויף די אַנדערע פלאַנעטן גלויבן אין זיי — אַז איינער פון זיי, וועמען מיר קאָנען מיט אונדזערע פּשוטע אויגן נישט זען, שוועבט אַרום איבערן זאַל, הערט אונדזערע רייד, זעט אונדזערע פּנימער, נעמט־אַראָפּ אַ פילם און שיקט אים איבער צו דער ערד. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין עטלעכע מינוטן אַרום וועלן שוין די ערד־מענטשן וויסן, זען און הערן וואָס מיר רעדן דאָ. אויב ס'זאָל אַזוי געשען — גיב איך מיך אונטער, און הייב־אָן גלויבן, אַז די ערד מענטשן זענען אומ־באַזיגבאַר”.

— ווען וועט קומען דאָס ערד־מיידל, דיין כלה, מיר אָפּגעבן דעם בריוו? — פרעגט דער „שאַליט”.

— ווי נאָר דו וועסט באַפעלן, גרויסער „שאַליט”! זי געפינט זיך איצט אין מיין פאָטערס הויז, אין דער געזעלשאַפט פון מיין מוטער, וועלכע איז באַאויפטראַגט זי אָפּצוהיטן.

איינער פון די הויכע געלערנטע, אַט־לאַ, בעט אַ דערלויבעניש צו ריידן. ער באַקומט דאָס וואָרט, און, כאָטש עס ווערט אים דערלויבט צו ריידן זיצנדיק —צוליב זיין טיפן עלטער— שטעלט ער זיך אויף, האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט ביי זיין שטול און רופט זיך אָן:

— „גרויסער „שאַליט”, גרויסע געלערנטע און הערשער. איך גלויב, אַז נישט מיין אייביקער פריינט באַר־מאַ, נישט זיין זונדעלע לי־לי, נישט קיינער פון אייך אַלע ביייוועזנדיקע קאָנען מיך חושד זיין, אַז

איך האָב עפּעס קעגן דער פאַמיליע פון אונדזער בראַוון קריגער באַר-מאַ, קעגן זיין זייער קלוגן, זייער בראַוון און זייער געטרייען מאַרס-קינד לי-לי. אָבער, גרויסער „שאַליט", עפּעס איז דאָ נישט גלאַט! עפּעס לייגט זיך מיר נישט אויפן שכל די אַלע געשעענישן וואָס קומען דאָ פאָר. דאָס איינציקע וואָס פאַר מיר איז קלאָר איז, אַז די ערד-מענטשן זענען זייער און זייער אינטעליגענט; זענען איצט אַ סך מער אַנטוויקלטער פון אונדז אין אַלע הינזיכטן, און גאָר ספּעציעל — אין עלעקטריע-ראַדיאָ און טע-לעוויזיע קענטענישן. און נאָך אַ זאַך איז פאַר מיר קלאָר: די ערד-מענטשן אַטאַקירן אונדז נישט, נישט צוליב זייער גוטהאַרציקייט, נאָר ווייל זיי ווייסן, אַז נישט בלויז מיר וועלן אומקומען פון אַזאַ אַטאַקע, נאָר זיי, די ערד-איינוואוינער וועלן אויך גאַנץ נישט אַרויסגיין פון אַזאַ מילחמה.

„וואָס פאַר מיר איז נישט קלאָר און נישט פאַרשטענדלעך, איז די ראָל וואָס אונדזער לי-לי שפּילט דאָ. נאָך ווייניקער איז מיר קלאָר — און איך גלויב עס אַבסאָלוט נישט — איז, אַז די ערד-רעגירער בכלל און הערי קוק בפרט, זאָלן נישט ווייסן און זיך נישט כאַפּן, אַז דער יונגער לי-לי שפּילט אַזאַ וויכטיקע דאָפּלטע ראָל אין אונדזער איצטיקער צווישן-פּלאַנעטן פּאָליטיק.

„איך גלויב נישט, איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז דער קלוגער, פיפיקער הערי קוק, האָט שוין נישט „אויסגעוואַשן" —נישט איין מאָל, נאָר צען מאָל— לי-לים מוח, און ער ווייסט נישט, אַז ער האָט נישט ליב זיין טעכטערל, נאָר אַז ער שפּילט דאָ אַ געצוואונגענע ראָל, ווי אַ שפּיאָן.

„עס וואָלט געווען פאַר מיר די גליקלעכסטע מינוט אין מיין לעבן, ווען כ'זאָל זיך קאָנען איבערצייגן, אַז לי-לי נאַרט זיי דאָרט אַלעמען אָפּ, אַז זיי לאָזן זיך פון אים אָפּנאַרן, און אַז לי-לי איז טאַקע אויפריכטיק מיט אונדז. איך וויל אַז לי-לי זאָל מיך איבערצייגן אין דעם, אָדער זאָל מיר אויפקלערן די האַנדלונג פון זיינע ערד-פריינט.

„דערוויל, דערווייל לייג איך פאָר, אַז אַ דעלעגאַציע זאָל גיין ברענגען אונדזער גאַסט — דאָס ערד-מיידל, אַהער. אין דער דעלעגאַציע זאָל לי-לי נישט אַריינגענומען ווערן... ווען דאָס ערד-מיידל וועט קומען מיטן בריוו, זאָל מען זי אַוועקזעצן אויפן „אמת-שטול". אָן דעם אַז זי זאָל אַפילו חושד זיין אין דעם, ווייל די „שטול" וועט שטיין נעבן דעם גרויסן „שאַליט", וועלכער וועט האַלטן די גאַנצע צייט זיין האַנט אויף דער שטול, און אַזוי אַרום וועלן מיר דאָס מיידל קאָנען עלעקטראָניש פאַרבינדן מיט איר מוח.

„איך בין נישט זיכער, אַז דורך דעם דאָזיקן מיטל וועלן מיר שוין זיך קאָנען דערוויסן אַלע סודות וואָס בויערן אונדזער מוח, אָבער, עפּעס, עטוואָס וועלן מיר, אפשר, זיך יאָ דערוויסן! און איידער מיר גייען ברענגען דאָס ערד-מיידל, מיט איר בריוו, וואָלט איך זייער געבעטן דעם גרויסן „שאַליט”, אַז ער זאָל דערלויבן אונדזער יונגן לי-לי מיר אויפקלערן, —אויב ער קאָן,— מיינע פראַגעס”.

דער „שאַליט” גיט אַ וואונק צו לי-לין, אַז ער זאָל רעדן. לי-לי הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, הויבט אויף ביידע הענט אין דער הויך, לאָזט זיי תיכף אַראָפּ, און אַ רואיקער, מיט אויסערגעוויינלעכער רואיקייט הויבט ער אָן רעדן:

— „גרויסער „שאַליט”, הערשער, געלערנטע און פּאָטער מיינער: פאַר אַלעם, וויל איך פעסטשטעלן אַז נישט נאָר איך בין נישט ברוגז אויף אונדזער גרויסן געלערנטן אַט-לאַ, פאַר זיין פראַגע, וועלכע קאָן שטעלן אין קאָן מיין לאַגע, מיין אַרבעט און אַפילו מיין לעבן, נאָר איך בין אים דאַנקבאַר וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס, וועגן וואָס איך האָב שוין לאַנג געוואָלט רעדן.

„ווירקלעך, גרויסער „שאַליט”. נישט איין מאָל האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע: ווייסט טאַקע נישט דער הער קוק מיין אמתע לאַגע? גלויבט ער מיר טאַקע, אַז איך האָב ליב זיין טאָכטער? נוצן מיך נישט אויס די ערד-מענטשן בכלל און דער הער קוק בפרט, מער ווי איך נוץ זיי אויס? און עפּעס נאָך האָב איך געטראַכט: ווען וועט קומען דער טאָג, ווען הערי קוק וועט באַשטימען אַז ער דאַרף מיך שוין נישט מער, און ער וועט מיך פאַרניכטן — נישט אויף דער ערד, נאָר אויפן מאַרס. זיינע שפּיאָנען אויפן מאַרס וועלן זיך שוין זאָרגן וועגן דעם!

„נאָך פיל נאָכקלערענישן און שטודירן מיין לאַגע, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז... דער הער קוק גלויבט מיר אויף אַלע הונדערט פּראָצענט! ער גלויבט מיר, אין פּונקט ווי זיין טעכטערל, איז ער פאַרליבט און פאַרגלויבט אין מיר. ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי פאַרגלויבט אין מיר, וואָלט ער מיר נישט דערציילט אַזוי פיל סודות; ער וואָלט מיך נישט מיטגענומען צו די זיצונגען פון זייערע שוין-מיניםטעריומס און וואָלט מיר נישט געוויזן די לעצטע, מאָדערנסטע דערפינדונגען פון די ערד-געלערנטע; אין, גאָר וויכטיק, ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי פאַרגלויבט אין מיר, וואָלט ער מיר נישט אָנפאַרטרויט זיין איינציק קינד, וועלכע איז ביי טייערער ווי זיין אייגן לעבן. אָט דאָס איז מיין מיינונג אין איבערצייגונג.

„וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס ברענגען אַהער דאָס ערד-מיידל, און איר זעצן אויף דעם „אמת-שטול", בין איך מסכים, אַבסאָלוט מסכים! וואָס איך גלויב נישט איז, אַז זי וועט וועלן אַרויסגיין פון דער שטוב אָן מיר; סיידן, מיין מוטער — צו וועלכער זי האָט זייער פיל צוטרוי — זאָל איר באַגלייטן".

עס הערט זיך אַ שטילע מורמלעריי צווישן די פאַרזאַמלטע. איי-ניקע קריגער און געלערנטע זענען מיט דער מיינונג, אַז מ'דאַרף האָבן צוטרוי צו לי-לין; אַנדערע, דענקען פאַרקערט. אַלע זענען איינשטימיק, אַז מ'זאָל דאָס ערד-מיידל זעצן אויף דעם „אמת-שטול". צווישן די וואָס פאָדערן עס אַמשטאַרקסטן, איז לי-לי און זיין פאָטער באַר-מאָ. דער „שאַליט" באַשטימט אַ דעלעגאַציע, וועלכע זאָל פליען ברענגען דאָס ערד-מיידל. צווישן זיי געפינט זיך אויך דער געלערנטער אַט-לאָ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פופצן מינוט שפּעטער.

הינעסיטאַ ווערט מיט גרויס כבוד אַריינגעפירט אין זיצונגס-זאַל. ס'באַגלייטן איר ביז דער שטול פון „שאַליט" די חשובע דעלעגאַציע און לי-לים מוטער. ווען הינעסיטאַ זעצט זיך נעבן „שאַליט", אויף דער באַ-קוועמער שטול, טרעט די דעלעגאַציע אָפּ צוריק. אויך לי-לים מוטער ציט זיך צוריק פון זאַל. איצט איז שוין הינעסיטאַ אין לי-לים באַשי-צונג, וועלכער — אויפן וואונק פונעם „שאַליט" — קומט-צו און שטעלט זיך הינטער זיי.

הינעסיטאַ איבעראַשט אַלעמען מיט איר שיינקייט און הנוודי-קייט. ביי די אַנוועזנדיקע געלערנטע און הערשער, לייגט זיך גאָרנישט אויפן געדאַנק, אַז אָט די דאָזיקע שיינע ערד-קינד קאָן זיין פּעאיק פּאַר שפּיאָנאַזש, אָדער אינטריגע-אַרבעט.

דער „שאַליט" ווענדט זיך צו איר און באַגריסט איר אין זיין נאָ-מען, אין נאָמען פון אַלע פאַרזאַמלטע און אין נאָמען פון אַלע מאַרסיאַ-נער פעלקער.

— „דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער געשיכטע, — זאָגט דער „שאַליט", — וואָס אַזאַ שיין, גראַציעז ערד-מיידל באַטרעט אונדזער מאַרס-פּלאַנעט. איך האָב פּשוט מורא, — שמייכלט זיך אונטער דער „שאַליט", — אַז איצט, דערזעענדיק דיך, וועלן אונדזערע הערשער און געלערנטע וואַרפן אַן אַ-מחן אויף זייערע פרויען און מיידלעך, און וועלן זיך טאָקע אַלע לאָזן פליען צו דער ערד, כדי צו פּרואוון, אפשר וועלן האָבן אַזאַ מזל, ווי אונדזער בראַווער לי-לי..."

אַלע הערשער און געלערנטע הויבן זיך אויף פון זייערע פּלעצער, הויבן אויף די הענט אין דער הויך — אַ סימן, אַז זיי זענען מסכים מיט דער מיינונג פונעם „שאַליט", און באַגריסן הינעסיטאַן.

באַר-מאָ גיט אַ דריק זיין זונס האַנט, און שטילערהייט זאָגט ער אים:

— אַ שאָד וואָס הינעס איז אַן ערד-מיידל. אָבער, אויך ווי אַזעלכע קאָן מען זי נישט פיינט האָבן.

לי-לי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך זיין פאָטער הייבט-אָן ליב צו קריגן הינעסיטאַן. איצט, וועט עס אים אַ סך פאַרלייכטערן זיין טעטי-קייט פאַר אַ פּערמאַנענטן שלום צווישן די פּלאַנעטן.

הינעסיטאַ הויבט זיך אויף פון איר פּלאַץ, פאַרנייגט זיך פאַר אַלע-מען —לויטן מינהג אויף דער ערד—, און מיט אַ קלאָרער, זיכערער שפּראַך ווענדט זי זיך צום „שאַליט":

— „גרויסער „שאַליט" פון מאַרס, זייער חשובע געלערנטע און בראַווע הערשער. איך קום צו אייך אין נאָמען פון אונדזערע ערד-רעגירער, באַגלייט פון מיין ליבן און זייער אינטעליגענטן חתן לי-לי; איך קום מיט אַ דאָפּלטער מיסיע. דאָס ערשטע איז: מיר דאַרפן זיין די ערשטע אייך איינצולאַדן צו די גרויסע פייערונגען, וואָס די ערד-פעל-קער און רעגירער וועלן פראַווען לכבוד דאָס באַגעגענען אַ נייעם יאָר-הונדערט פון אונדזער צייט-רעכענונג.

„די רעגירונג פון די „פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד" האָט פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע פון די דריי דעלעגאַציעס וואָס וועלן פליען צו די רעגירער פון די איבעריקע פּלאַנעטן, זיי איינצולאַדן אויף דער גרויסער שימחה, דאַרפן זיין: אַ קינד פון דער ערד און אַ געטריי קינד פונעם מאַרס. דערמיט סימבאָליזירן מיר, אַז מיר באַטראַכטן אַלע לע-בעדיקע מענטשן אויף אַלע פּלאַנעטן פאַר אייגענע ברידער.

„עס איז דער ווילן פון אונדזערע פעלקער און ערד-הערשער, אַז אין אונדזערע פייערונגען זאָלן אָנטיילנעמען די ווichtיקסטע הערשער און געלערנטע פון מאַרס און פון דער לבנה, אין זייערע קלוגע און בראַווע „שאַליטן". אָט דאָס שרייבט זיך אין דעם בריוו, וועלכן איך דערלאַנג אייך דאָ. אָט דאָס דאַרף איך אייך זאָגן מינדלעך און אָט דאָס וועלן איך איבערגעבן די איבעריקע דעלעגאַציעס וואָס וועלן קומען נאָך אונדז.

„איך האָב נאָך אַ צווייטע מיסיע מיט זיך: איך בין באַאויפטראַגט געוואָרן אייך מינדלעך איבערצוגעבן, אַז די ערד-הערשער האָבן באַ-

שטימט גרופּע — אַ קאָמיסיע פון די ווייכטיקסטע געלערנטע, וועלכע וועלן דאַרפן שטודירן, ווי אַזוי צו געפינען אַ מיטל, אַז די מאַרס-איינוואוינער זאָלן —אויפן מאַרס— האָבן גענוג און איבערגענוג וואַסער, פּונקט ווי מיר האָבן עס אויף דער ערד".

אַלע פּאַרזאַמלטע הערשער און געלערנטע הויבן זיך ספּאָנטאַן אויף פון זייערע פּלעצער און הויבן אויף די הענט אין דער הויך. ווען דער עולם האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, האָט זיך אויפגעשטעלט דער „שאַ-ליט" און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. דאָס איז געווען אַ באַזונדערע באַגריסונג און דאַנק-אויסדרוק פונעם „שאַליט" צו די ערד-הערשער.

נאָך דער דאַזיקער ספּאָנטאַנער באַגריסונג, האָט הינעסיטאַ פאָרגעזעצט איר רעדע:

— „די ערד-רעגירער האָבן מיר געהייסן, אַז איך זאָל אייך דאָ דערקלערן: אונדזער זאָרג, אַז די מאַרס-איינוואוינער זאָלן האָבן גענוג וואַסער, נעמט זיך נישט דערפון, וואָס מיר טראַכטן-איבער, אָדער האָבן מורא, אַז ווען די מאַרס-איינוואוינער וועלן ווערן פאַרצווייפלט צוליבן מאַנגל אין וואַסער, זאָלן זיי נישט האָבן קיין שלעכטע געדאַנקען בנוגע דער ערד און איר איבערפלוס אין וואַסער. די ערד-מענטשן און די ערד-רעגירונגען זענען שוין אויף אַזויפיל אַנטוויקלט און צוגעגרייט, אַז מ'האָט שוין פאַר קיינעם קיין מורא נישט! די סיבה פון האָבן באַשטימט אַזאַ קאָמיסיע אויף דער ערד איז, ווייל מיר ווילן אונדזערע מאַרס-ברידער צוטראָגן אונדזער מתנה לכבוד דער דאָזיקער פייערונג און דאַנק. מיר האָבן אויך צוגעגרייט אַ מתנה פאַר די לבנה-איינוואוינער: אַזוי ווי ביי זיי געפינען זיך מיליאָנען העקטאַרן ערד וואָס ווערן פון זיי נישט באַאַרבעט, ווייל, אָדער דער באָדן איז שטיינערדיק, אָדער פּ'איז באַדעקט מיט אייביקן שניי, האָבן איצט די ערד- געלערנטע אויסגעפונען אַ מיטל קעגן יענעם טייל — דער גרעסטער טייל פונעם פּוסטן באָדן פון דער לבנה, וואָס איז באַדעקט מיט שניי — און וועלן דעם שניי צעלאָזן, ברענגען אַהין וואַרעמקייט, פּונקט ווי מיר האָבן עס געטון מיט די געגנטן וואָס הייסן: אַלאַסקאַ, אַנטאַרטידאַ, זיד- און נאָרד-פּאָל און אַנדערע געוועזענע קאַלטע, נישט באַזעצטע לענדערייען פון דער ערד.

„אונדזערע געלערנטע האָפן, אַז אינעם טאָג פון אונדזערע פייערונגען, וועט אויף דער לבנה זיין וואַרעם און ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך פונעם לבנה-פּלאַנעט, און אויפן מאַרס וועט מען זיך באָדן אין וואַסער, ווי מיר טוען עס אויף דער ערד".

הינעסיטאַ, נאָכן פאַרענדיקן איר רעדע, זעצט זיך צוריק אויף איר שטול. אַלע פאַרזאַמלטע הויבן זיך אויף, האַלטן לאַנג, לאַנג די הענט אין דער הויך. דער „שאַליט" גייט־צו צו הינעסיטאַן, נעמט איר אַרום און דריקט איר שטאַרק צו זיך. באַר־מאָ טוט אויך דאָס זעלבע.

ווען די פאַרזאַמלטע לאָזן זיך ארויסגייען פון זאַל, האָבן אייניקע הערשער און געלערנטע אַרומגערינגלט לי־לין און אים וואַרים באַגריסט. מען האָט אים באַגריסט אַלס אויסדרוק פון צוטרוי צו אים און נאָך מער האָט מען אים באַגריסט צוליב זיין אויסגעפונען און זיך אויסקלויבן אַזאַ שיין מיידל ווי הינעסיטאַ איז.

אייניקע האָבן אים געזאָגט:

בלויז צוליב אזעלכע שיינע און קלוגע מיידלעך וואָס געפינען זיך אויף דער ערד, לוינט זיך צו לעבן מיט די ערד־מענטשן בשלום...

ס'איז מיטיק-צייט.

דאָס גרויסע הויז פון באַר-מאַ איז פול מיט געסט. דער הויפּט-הערשער פּראַוועט היינט אַ יום-טוב אין זיין הויז. דער יום-טוב איז לכבוד זיין זון, זיין זונס כלה און דער כלהס עלטערן, וועלכע זענען ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן. כאָטש די שימחה איז אַ ריין-פאַמיליערע, דאָך זענען די הויפּט-געסט מאַרס-קריגער און הויך-געלערנטע פון די הויכשולן פונעם מאַרס. מעגלעך, אַז צום סוף פון דער שימחה זאָל אויך קומען דער „שאַליט".

הונדערטער און הונדערטער באַדינער שטייען גרייט צו באַדינען די געסט. אַלע באַדינער זענען באַר-מאַס שקלאַפן. צווישן זיי זענען פאַראַן אַ סך וואָס זיי און זייערע עלטערן זענען געווען שקלאַפן ביי באַר-מאַס פאָטער...

ביים אַריינקומען פון יעדן גאַסט, צינדט זיך אָן אין אַ ווינקעלע אַ גרין עלעקטריש לעמפּעלע, און אַ הויכריידער מעלדעט, אַז ס'איז געקומען די און די פּערזענלעכקייט.

ה' קוק נעמט אָפּ אַרויס זיין זייגערל פון קעשענע און קוקט דערויף. שטילערהייט זאָגט ער לי-לין:

— צווישן די אַלע געהויבענע געסט, אַלע פריינט פון אייער פאַמיליע, זענען פאַראַן צוויי שונאים, צוויי מיט שלעכטע געדאַנקען... מען דאַרף עס מודיע זיין דיין פאָטער, כדי ער זאָל זיין פאָרזיכטיק...

— איך גלויב, —ענטפערט אים שטיל לי-לי,— אַז מיין פאָטער ווייסט דערפון. ער האָט זיי ספּעציעל איינגעלאַדן אַהער. דאָס איז אַן אַלטער, בראַוועער קריגער און זייער אַ רייכער מאַן, וואָס האָט מיך געוואָלט פאַר אַן איידעם. ער איז געקומען אַהער מיט זיין טעכטערל. איר מעגט זי אָנקוקן די „שיינהייט". דער דאָזיקער קריגער איז קעגן דעם, אַז איך זאָל זיך געפינען אויף דער ערד; ער וויל, אַז איך זאָל בעסער איבערנעמען זיינע געשעפטן מיט זיינע טויזנטער שקלאַפן און פאַבריקן, און ער וואָלט זיך געקאָנט יאָגן נאָך יונגע מיידלעך.

— איך האָב אויף מיין לעבן נישט אויסגערעדט קיין צוויי ווער־טער, נישט מיט אים און נישט מיט זיין טעכטערל, —דערציילט ווייטער לי־לי. זעענדיק ווי דער הער קוק אָבסערווירט אים אַביסל פאַרוואונדערט פון לי־לים רייד.— מיר האָבן זיך ביידע קיינמאָל נישט צונויפגעטראָפן אונטער איין דאַך, אָדער אויף אַ וועלכן ס'איז נישט אַנדער פּלאַץ. דאָך, האָט ער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן זיינע באַקאַנטע און קריגער, אַז איך בין דער חתן פון זיין טאָכטער. ווייזט אויס, אַז מיט מיין פאָטער האָט ער יאָ גערעדט וועגן דעם, און ס'קאָן גאַנץ מעגלעך זיין, אַז מיין פאָטער האָט אים געגעבן האָפענונגען. זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס מיין פאָטער האָט מיך געוואָלט באַוואָרענען מיט אַ רייכער צוקונפט, אָדער, מיין פאָטער האָט, פשוט, מורא געהאַט צו פאַרטשעפּען מיט אים און מיט זיינע צאַלרייכע קריגער...

— איז צוליב וואָס־זשע האָט אים היינט דיין פאָטער איינגעלאַדן צו דער שימחה? — פרעגט ה' קוק.

— געווי, פאַרוואָס, ווייס איך אויך נישט. וואָס איך ווייס יאָ איז, אַז מיין פאָטער האָט שטאַרק ליב געקראָגן אונדזער הינעסיטאַן און האָט מיר שוין אָנגעהויבן איינריידן, אַז איך זאָל טראַכטן ערנסט וועגן הי־נעסיטאַן און איר נעמען אַלם פרוי. בכלל, דאַכט זיך מיר, אַז אַ דאַנק הינעסיטאַן האָט זיך עפּעס ביי מיין פאָטער געביטן אין זיין אַרט דענ־קען...

— פון וואַנען נעמסטו עס?

— אָט האָט איר עטלעכע סימנים: מיין פאָטער האָט אָנגעהויבן מיט מיר איינטענהן, אַז אפשר וואָלטן מיר טאַקע אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אַ מילחמה מיט דער ערד און בעסער אָנגעהויבן זוכן אַן אויפריכטיקע דערנענטערונג צו זיי... מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גע־לונגען אונדזער פּראָגראַם פון איבערראַשן און איבערשרעקן אָט די דאָ־זיקע „מילחמה־זוכער". דער פילם וואָס איך האָב זיי געוויזן, ווי אַזוי פאַר די ערד־מענטשן איז נישט פאַראַן קיין סודות — איז פאַר זיי גע־ווען נאָך אַ באַווייז, אַז ביי די ערד־איינוואוינער וועט מען קיין מילחמה נישט קענען געווינען.

— זייער איבערראַשונג וועט ערשט זיין היינט, —זאָגט הער קוק, — ווען זיי וועלן זען דעם פילם, ווי אַזוי הינעסיטאַ שטייט און רעדט פאַרן „שאַליט" און פאַר די הערשער. אָבער, מער איבעראַשט פון אַלעמען — וועסטו זיין!...

— דעם אמת געזאָגט, —זעצט פאָר ה' קוק,— איז „נישטאָ קיין

נייעם אונטער דער זון". די געשיכטע פון איבערשרעקן פעלקער און לענדער; זיי האַלטן אין מורא, איז שוין ביי אונדז, אויף דער ערד, אַן אַלט מיטל. ס'איז אַמאָל געווען אַ גרויס מעכטיק לאַנד, מיט שלעכטע הערשער וואָס האָבן מיט דעם דאָזיקן מיטל „אָפּערירט" צענדליקער יאָרן; האָבן געהאַלטן אין שרעק אַ האַלבע וועלט, ביז מען האָט אויסגעפונען זייער בלאָף. אין דעם איצטיקן פאַל איז די געשיכטע פאַרקערט: רואיקע, שטילע פעלקער און רעגירער מוזן אָנקומען צו דעם דאָזיקן מיטל, כדי אָפּצושרעקן און אָנצושרעקן יענע פעלקער, וועלכע ווילן — אויף כוח — אַרויפציען אַ מילחמה און בלוט-פאַרגיסונג.

עס קומט-צו באַר-מאָ. לי-לי דערציילט אים, אַז דער ה' קוק האָט געכאַפּט אַ בליק אויף זיין קעשענע-זייגערל. האָט ער דאָרט אויסגעפונען, אַז אינעם זאַל, צווישן די הונדערטער געסט, פריינט און פאַמיליערע געפינען זיך צוויי שונאים, מיט שלעכטע געדאַנקען.

באַר-מאָ ווערט איבעררעשט. ער בעט ביים ה' קוק ער זאָל אים ווייזן דאָס זייגערל. ער באַטראַכט עס און זעט גאַרנישט קיין אויסערגעוויינלעכעס — אַ פּשוט, געוויינלעך זייגערל. ה' קוק, אַ שמייכלענדיקער, ווייזט אים דעם „סוד" פונעם זייגערל. ער גיט אַ קליינעם דריק אַ שרייפעלע פונעם זייגערל און ס'באַווייזט זיך אַ רויטער ציפער — אַ 2, און אַן אָנווייזער, וואוהין די דאָזיקע צוויי געפינען זיך איצט...

צווישן די געסט געפינט זיך אויך דער געלערנטער אַט-לאַ, וועלכער האָט געפאָדערט אַז מ'זאָל הינעסיטאַן זעצן אויפן „אמת-שטול", און וועלכער האָט בכלל געצווייפלט אין לי-לים געטריישאַפט צום מאַרס. אָבער דאָס זייגערל פאַרצייכנט אים נישט אַלס שונא. ווייזט אויס, אַז ער האָט טאַקע געהאַנדלט ערלעך און אויפריכטיק.

באַר-מאָ פרעגט איבער צוויי מאָל דעם ה' קוק, צי אין זאָל זענען נישט פאַראַן מער קיין שונאים. הערי קוק באַטראַכט זיין זייגערל און ענטפערט פּאָזיטיוו: —מער ווי צוויי פּערזאָנען, וואָס שטייען לינקס אין אַ ווינקעלע, זענען אין זאָל נישט פאַראַן.

באַר-מאָ לאָזט איבער הערי קוק מיט לי-לי, דערנענטערט זיך צום געלערנטן אַט-לאַ, נעמט אים האַרציק אַרום און דאַנקט אים פאַר זיין קומען. גלייכצייטיק דערציילט ער אים וועגן הערי קוקס זייגערל. אַט-לאַ בעט ביי באַר-מאָן, ער זאָל אים צופירן צום ה' קוק, ער וויל זיך מיט אים באַקענען און וויל טאַקע זעען דאָס זייגערל.

ביידע מאַרסיאַנער דערנענטערן זיך צום ה' קוק, וועלכער שטייט איצט באַגלייט פון צוויי פרויען: זיין פרוי און לי-לים מוטער — זיין

מחותנסטע. ה׳ קוק איבערצייגט זיך, אַז לי־לים מוטער איז שטאַרק איינגעליבט אין הינעסיטאַן און איז גרייט צו קומען וואוינען אויף דער ערד, מיט, אָדער אָן איר מאַן — אַבי צו זיין נאָענט פון הינעסיטאַן. זי, לי־לים מוטער, דערציילט זיי, אַז ווען ס׳איז פאַרגעקומען די זיצונג פון די מאַרסיאַנער הערשער, איז הינעסיטאַ געזעסן ביי זיך אין צימער, מיט אַ קליינעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַטל אין דער האַנט און האָט אַלץ געזען און געהערט. ווען די דעלעגאַציע איז געקומען פאַרבעטן איר צו דער זיצונג, איז זי שוין געשטאַנען גרייט צו גיין מיט זיי.

ה׳ קוק וויל וויסן, צי זי, לי־לים מוטער, האָט אויך אַריינגעקוקט אינעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט, צוזאַמען מיט הינעסיטאַן.

— ניין! —רופט זיך אָפּ לי־לים מוטער.— הינעסיטאַ האָט מיר געבעטן, אַז זי וויל זיין אַליין אין צימער און אַז מ׳זאָל איר נישט שטערן. איך האָב צופעליק און אומוויליק געעפנט די טיר פון איר צימער, און איר געזען קוקן אינעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט.

באַר־מאָ מיט אַט־לאַ דערנענטערן זיך צום ה׳ קוק מיט די פרויען. באַר־מאָ באַקענט זיינע ערד־געסט מיט זיין מאַרס־חבר און פריינט אַט־לאַ, פאַרנייגט זיך טיף —לויטן ערד־מינהג— פאַרן פאַרפאַלק קוק. ער זאָגט אויך עטלעכע לויב־ווערטער אויפן אַדרעס פון הינעסיטאַן. אינמיטן געשפּרעך בעט ער דעם ה׳ קוק, אַז ער זאָל אים ווייזן זיין וואונדערלעכן זייגערל, מיט די „רויטע נומערן". הערי קוק נעמט אַרויס דאָס זייגערל, ווייזט עס אַט־לאַן און באַר־מאַן, און אַנשטאָט אַ ציפער 2 — זעען זיי שוין דעם ציפער 3.

— ס׳איז צוגעקומען נאָך אַ שונא! —זאָגט דער ה׳ קוק.

— ווייזט אויס, אַז דאָס מיינט מען מיך! — רופט זיך אָן אַט־לאַ.

— ניין, נישט אייך! די ווייזערס פון זייגערל ווייזן־אָן, אַז דער נייער שונא שטייט אויך אין זעלבן ווינקעלע וואו די ערשטע צוויי שונאים שטייען.

מען כאַפּט אַ בליק אַהין, וואו ס׳זענען געשטאַנען דער רייכער קריגער מיט זיין טעכטערל. נעבן זיי איז איצט געשטאַנען נאָך אַ הויכער בחור, ממש אַ ריז. דאָס איז דער „בלהם" אַ ברודער, וועלכער איז דאָ פּאָפּולער אַלס שטאַרקער און בראַוווער קריגער. ער האָט איין מאָל, ביי אַן אויפשטאַנד פון אַ גרופּע שקלאַפן וועלכע ער האָט זייער שלעכט און ווילד באַהאַנדלט, דערהרגעט מיט די בלויזע הענט עטלעכע צענדליק פון זיי, וואָס זענען געווען באַוואָפנט מיט שטיקער אייזנס.

— ער איז געקומען אַהער מיט זייער שלעכטע געדאַנקען, — זאָגט

דער הער קוק. — זיינע אויגן און זיין מוח „רעדן" און טראַכטן וועגן בלוט.

באַר-מאָ ווערט ערנסט. ער שטויסט זיך אָן וועגן דעם מאָטיוו פון „בלוט", וואָס הערי קוקס מוח-זייגערל ווייזט-אָן. די פאַמיליע פון דעם דאָזיקן רייכן קריגער, מיט זייער ווילדן זון, זענען גרייט צו פאַרוואַנדלען די שימחה אין אַ בלוט-באָד, ווען באַר-מאָ זאָל אָפיציעל פּראָקלאַמירן לי-לי מיט הינעסיטאַן ווי חתן-כלה. ער, דער רייכער קריגער, האָט עס אים נעכטן געזאָגט און געוואָרנט. ער וויל אויף כוח האָבן לי-לין פאַר אַן איידעם. באַר-מאָ האָט עס אים צוגעזאָגט מיט עטלעכע יאָרן צוריק, ווען ער איז געגאַנגען צו אים נאָך אַ גרויסער טובה. איצט, וויל ער, אַז באַר-מאָ זאָל באַצאָלן דעם חוב.

באַר-מאָ איז פאַרצווייפלט. זיין קעגנער איז איינער פון די שטאַרק-סטע און רייכסטע מענער פונעם מאַרס. מ'זאָגט אַפילו, אַז אויך דער גרויסער „שאַליט" ציטערט פאַר אים. מ'ציטערט פאַר זיינע טויזנטער געדונגענע קריגער און צענדליקער טויזנטער שקלאַפן, וועלכע זענען גרייט זיך צו וואַרפן אין פייער פאַר אים. דאָס איינציקע גליק פונעם מאַרס איז, וואָס דער דאָזיקער רייכער קריגער מישט זיך נישט אין פּאָ-ליטיק און וויל גאָרנישט וויסן דערפון; ער קומט קיינמאָל נישט אויף די באַראַטונגען וואָס דער „שאַליט" רופט, כאָטש ער טראָגט דעם טיטל „הויפּט-הערשער". מ'האָט נישט קיין מורא אַז ער זאָל פּראָוואָצירן אַ קריג מיט די ערד, אָדער לבנה-מענטשן, ווייל, זינט ער לעבט איז ער נאָך נישט אַרויסגעפלויגן פון די לופט-גרענעצן פונעם מאַרס. ער וויל גאָרנישט וויסן וועגן אַנדערע פּלאַנעטן. זיין ווילדקייט האָט גאָר קיין גרענעץ נישט.

— צוריק מיט אַ שטיקל צייט, —אַזוי דערציילט באַר-מאָ זיין צו-קונפטיקן מחותן, ה' קוק,— האָט אָט דער ווילדער קריגער צונויפגע-רופן אַלע זיינע אַלטע און שוואַכע שקלאַפן —צווישן זיי פיל פרויען— און האָט זיי אַלעמען אומגעבראַכט, כדי זיי זאָלן נישט נוצן דאָס וואַסער וואָס מ'דאַרף האָבן פאַר די יונגע און געזונטע שקלאַפן. די דאָזיקע גע-שעעניש האָט דעמאָלט אויפגערודערט דעם גאַנצן מאַרס, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָגט צו שטעלן דעם דאָזיקן ווילדן קריגער פאַר אַ מישפּט. אויך דער שאַליט און די ריכטערס פונעם מאַרס האָבן דעם ענין פאַרשוויגן.

באַר-מאָ דערציילט אויך, אַז ער האָט דעם דאָזיקן ווילדן קריגער נישט איינגעלאַדן צו דער שימחה. זיי זענען געקומען אַליין... און אַז

ער האָט שוין מורא דאָ צו פּראָקלאַמירן לי־לין מיט הינעסיטאַן ווי חתן־כלה.

הערי קוק גיט אַ שמייכל און רופט זיך אָן צו מאַר־מאַ:

— ניין, מיין פריינט. איר וועט דאָ קאָנען טון וואָס איר ווילט. זיי וועלן אייך קיין שלעכטס נישט טון. וואָס איר דאַרפט טון, איז: מיך צופירן צו זיי און מיך באַקענען מיט די דאָזיקע „חשובע געסט" אייערע. דאָס איבעריקע, וועל איך שוין אַליין פאַרזאָרגן.

— אָבער, ה' קוק, איר זענט זיכער, אַז ווען איר וועט זיך דערנענטערן צו זיי, וועט נישט געשען קיין אומגליק?

— מעגלעך, אַז ס'וועט יאָ געשען. אָבער נישט מיט מיר און נישט מיט אייך און אויך נישט מיט קיינעם פון אונדזערע פריינט. פירט מיך שנעל צו זיי! ס'קאָן ווערן שפּעט!

באַר־מאַ, הערי קוק און דער געלערנטער אַט־לאַ, לאָזן זיך גיין צום פּלאַץ וואו ס'שטייען דער רייכער קריגער מיט זיין ווילדן בחור און זיין טעכטערל, די „שיינהייט". זיי גייען לאַנגזאַם, און ה' קוק לאָזט נישט אַרויס דאָס זייגערל פון זיין לינקער האַנט.

ווען די גרופּע מענער האָט זיך דערנענטערט צו די „געסט", זענען זיי אַביסל איבערראַשט געוואָרן פון דער פּלוצימדיקער באַגעגעניש מיט די דריי מענער. ווייזט אויס, אַז דער בחור האָט זיך שוין געקליבן אויף עפּעס. ווייל, ווען באַר־מאַ האָט זיי פאָרגעשטעלט זיינע געסט, און הערי קוק האָט זיי אויסגעשטרעקט זיין האַנט, האָט דער בחור זיך נישט געהאַט דעצידירט אַרויסצונעמען זיין האַנט פון דער קעשענע, וואו ער האָט עפּעס געהאַלטן פעסט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בחור האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַזאַ מין שפּיציק און פאַרשאַרפט שטיקל שטאַל...

הערי קוק איז געבליבן שטיין מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט. דער בחור האָט אים זיין האַנט נישט געגעבן. אַנשטאָט דעם, האָט ער עפּעס אַ ציטער געטון, און מיט דער האַנט אָנגעהויבן רייבן די אויגן. אויך דער פאָטער זיינער האָט זיך געגעבן אַ טרייסל און אָנגעהויבן רייבן די אויגן: זיי זענען ביידע בלינד געוואָרן.

ה' קוק מיט זיינע באַגלייטער האָבן זיך געגעבן אַ רוק אַוועק אין אַ זייט. קוק האָט פאַרשטאַנען, אַז די צוויי פּלוצים בלינד־געוואָרענע מענער וועלן זיך וואַרפן אויף זיי, אויף יעדן איינעם וואָס וועט שטיין נאָענט פון זיי. אַזוי איז טאַקע געשען. דער בחור האָט אָנגעהויבן רע־ווען ווי אַ ווילדע, פאַרוואונדעטע חיה וואָס פלעגט זיך אַמאָל געפינען

אין די אוראַלטע וועלדער. דער בחור האָט אָנגעהויבן טאַפּן מיט די הענט אַרום זיך. ער האָט געזוכט הערי קוקן און באַר-מאָן. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט דאָס שאַרפע שטיקל שטאָל און איז שוין געווען גרייט זיך צו וואַרפן אויף יעדן איינעם וואָס וועט שטיין נאָענט פון אים. אויך זיין פאָטער איז געשטאַנען אין אַ פּאָזיציע פון וועלן הרגענען יעדן איינעם וועמען ער וועט אָנטאַפּן מיט די הענט. אַ דינער, רויטער „שטראַל", וואָס איז אַרויס פון הערי קוקס זייגערל, האָט זיי ביידן גע־טראָפן און זיי אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זיי זענען ביידע אומגעפאַלן אויפן פּאָל. אויף אַ וואונק פון באַר-מאָ זענען צוגעקומען עטלעכע שקלאַפן און זיי געוואַלט אויפהויבן, אָבער זיי זענען געווען אויסערגעוויינלעך שווער. אַ צענדליק שטאַרקע שקלאַפן האָבן זיך געמוטשעט, כדי צו קאָנען אַרויסנעמען פונעם זאַל די צוויי געפאַלענע און זיי אָפּשיקן — צוזאַמען מיט זייער טאָכטער— צו זיך אַהיים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַר-מאָ, לי-לי און הערי קוק שטייען אין אַ ווינקעלע און רעדן צווישן זיך. באַר-מאָ קאָן נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך פון שרעק.

— הייסט עס, —זאָגט באַר-מאָ צו זיין צוקונפטיקן מחותן, הערי קוק,— אַז ווען איר וואָלט צופעליק נישט געכאַפּט אַ קוק אויף אייער „וואונדער-זייגערל", וואָלט דאָ געווען פאָרגעקומען אַן אומגליק, אַ בלוט-באָד !

— איך האָב אויף מיין זייגערל געקוקט נישט „צופעליק". ווען איך קום אין אַ פרעמדן אַמביענט און וויים נישט און קאָן נישט די אַלע מענטשן וואָס רינגלען מיך אַרום — איז מיין זייגערל מיין בעסטער באַ־שיצער. פאַראַן, דערוויל, זייער ווייניק אַזעלכע זייגערלעך ביי אונדז אויף דער ערד, אָבער —זאָגט דער ה' קוק שמייכלענדיק,— ביז אייערע מאַרס-קריגער וועלן באַשטימען אָנצופאַלן אויף אונדז, וועלן מיר שוין האָבן פאַבריקירט טויזנטער און מיליאָנען אַזעלכע זייגערלעך, און אייע־רע מאַרס-אָנפאַלער וועלן האָבן דעם זעלבן, אָדער נאָך אַן ערגערן סוף. ווי אָט דאָס פּאָרל: טאַטע און זון.

באַר-מאָ פאַרבייסט מיט די ליפּן און שווייגט. אָט-לאָ ענטפערט אים אָבער:

— איידער אָנצופאַלן אויף די ערד-איינוואוינער, איז בעסער צו באַגיין זעלבסטמאָרד !

— יאָ ! אָבער נישט אַלע זענען מיט אייער מיינונג, ה' אָט-לאָ !— באַמערקט אים קוק, זייטיק.

— די, וועלכע זענען נישט מיט מיין מיינונג, וועלן זיך מיט דער צייט מוזן איבערצייגן, אַז מיין מיינונג איז די ריכטיקסטע.

באַר-מאָ האָט אויך געפונען פאַר נויטיק זיך אָנצורופן:

— ס'איז גאָר קיין פראַגע נישט, אַז אָנפאַלן אויף דער ערד הייסט באַגיין זעלבסטמאָרד און פאַרניכטן פרווי און קינדער און אַלע אייגענע. ס'איז אָבער אויך נישט גוט צו ציילן די טראָפּנס וואַסער וואָס מ'מעג נוצן אַלע טאָג. מ'מוז וואַרטן און האָפן, אַז אַ ליכטיקע שיין וועט זיך באַווייזן אין די קעפּ פון די געלערנטע פון אַלע פּלאַנעטן, און זיי וועלן עפּעס א יסגעפינען, אַז מיר זאָלן נישט דאַרפן אומקומען.

— איך שטעל מיך פאַר, —רופט זיך אָן ה' קוק,— אַז דער „עפּעס אויסגעפינען" מיינט נישט עפּעס אַזאַ מין „שטראַל", אָדער אַן אויפרייס-מאַטעריאַל, וואָס זאָל קאָנען באַזיגן, אָדער איבערשרעקן די ערד-איינ-וואוינער, וועלכע זאָלן זיך לאָזן פאַרשקלאַפן. מסתמא מיינט איר, מיטן „עפּעס אויסגעפינען", אַזאַ מיטל אַז די מאַרסיאַנער זאָלן קריגן גענוג און איבערגענוג וואַסער. אויב איר מיינט דאָס — פאַרזיכער איך אייך, אַז אונדזערע געלערנטע וועלן נישט רוען, ביז זיי וועלן האָבן דערפּאָלג אין אָט דער דאַזיקער וואַסער-זוכעניש...

— אויב ס'איז נישט קיין מילחמה-סוד, וועל איך פרעגן, —רייסט-איבער באַר-מאָ דעם שמועס,— צי וועלן נאָך מיינע בלינדע צוויי שונ-אים צוריק זעעוודיק ווערן?

— ניין! —ענטפערט ה' קוק,— זיי וועלן שוין קיינמאָל די ליכטי-קע שיין נישט זען, און... זיי לעבן שוין בכלל נישט. אַ פּאָר שעה נאָך דעם ווי מ'האָט זיי אַהיימגעבראַכט, זענען זיי פּאַראַליזירט געוואָרן אויפן גאַנצן קערפּער און געשטאָרבן. זיי האָבן אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אָנצוזאָגן זייערע פריינט און נאָענטע, אין וועמען מ'דאַרף זיך נוקם זיין פאַר זייער טויט. זייער מיאוסע און נאַרישע מויד, האָט זי-כער נישט פאַרשטאַנען וואָס ס'איז פאָרגעקומען אַרום איר בשעת מיר זענען צוגעקומען צו איר טאַטן און ברודער. איך בין אַפילו נישט זי-כער צי זי האָט באַמערקט, ווען איך האָב אין זיי געשיקט די טויט-שטראַלן פונעם זייגערל.

— שוין לאַנג ווי איר האָט דערפונדן אָט דאָס זייגערל? — פרעגט באַר-מאָ.

— נישט מיר האָבן דערפונדן דאָס זייגערל, נאָר איר! מיר האָבן עס בלויז פערפעקציאָנירט. אָט דאָס זייגערל, האָט איר מיר און מיין הינעסיטאַן געשאָנקען, כדי צו „וואַשן" אונדזערע מוחות. מיר האָבן

באַלד אַנטדעקט דעם סוד פון מעכאַניזם פונעם זייגערל, און עס איבער־געאַרבעט אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל אונדז דינען ווי מיר ווילן. דער־נאָך האָבן מיר עס פאַרוואַנדלט אין אַ דעפּאָזיט פון טויט-שטראַלן. אויך די „רויטע וויזערס", וואָס ווייזן-אָן די פּאָזיציע און צאָל פון די נאָענ־טע שונאים, האָבן מיר אַרויסגעשטודירט פון אייער מעכאַניזם פון זיי־גערל.

— דאָס זייגערל האָט נאָך אַ מעלה, —זאָגט ה' קוק,— איידער דער שונא דערנענטערט זיך צו אייך, הייבט עס אָן קלינגען! עס רופט אייער אויפמערקזאַמקייט ווענן געפאַר וואָס ס'שטייט אייך פאָר, און דערפאַר איז לי-לי געווען אַזוי רואיק. ווייל ער, הינעסיטאַ און מיין פרוי האָבן מיט זיך אַזעלכע זייגערלעך-באַשיצערס; און, וואָס דאַרפט איר מער — אַפילו איר אַליין טראָגט אויך אין אייער קעשענע אַזאַ באַ־שיץ-זייגערל. איך האָב זיך אויף עפּעס גערוכט און האָב אייך אין זאַל באַצייטנס אַריינגעלייגט אַזאַ זייגערל אין קעשענע. ווען דער שונא וואָלט זיך דערנענטערט צו אייך, מיט שלעכטע כוונות — וואָלט דאָס זייגערל תיכף רעאַגירט און אים פּאַראַליזירט. מיר דאַכט זיך, אַז אייער זייגערל האָט עס געשיקט די טויט-שטראַלן צום אַלטן, ווילדן קריגער. ער האָט זיך אויף אייך געוואָלט אַרויפוואַרפן און אייך טויטן, האָט אייער זייגערל אייך באַשיצט. איך וועל שפּעטער שטודירן די דאָזיקע פראַגע און כ'וועל אייך עס מודיע זיין.

באַר-מאָ און אַט-לאַ זענען געבליבן פאַרשטיינערט פון איבעררא־שונג. אין באַר-מאָס מוח גריבלט זיך אַלץ די פראַגע: און מיט אָט די אויבערמענטשן גלוסט זיך אונדז מילחמה האַלטן? זיי וועלן דאָך אונדז פאַרניכטן נאָך איידער מיר וועלן זיך אויפהויבן מיט אונדזערע ראַבאָטן אויף צו פליען צו זיי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ „גרינער צייכן" וואָס באַווייזט זיך אין זאַל, ווייזט-אָן אַז ס'קומען געהויבענע געסט. הערי קוק כאַפּט אַ בליק אויף זיין זייגערל און זאָגט באַר-מאָן, אַז צווישן די אָנגעקומענע געסט זענען פאַראַן אויך „נישט-פריינט", אָבער מ'דאַרף פאַר זיי קיין מורא נישט האָבן, זיי וועלן קיין שלעכטס נישט טון.

דער מוזיק-אָרקעסטער שפּילט-אויף דעם „שאַליטס"-מאַרש. אַזוי איז דער מינהג ווען דער „שאַליט" באַווייזט זיך ערגעץ. ער איז גע־קומען באַגלייט פון אַ גרויסער גרופּע קריגער און הויפּט-הערשער. זיי זענען פריער געווען אין הויז פון דעם טויטן קריגער און זיין ווילדן בחור.

װי אײנער פון די מעכטיקסטע און רײכסטע פאַמיליעס אױפן מאַרס, האָט דער „שאַליט" געפונען פאַר נױטיק צו קומען אין זײן הױז און אים אָפּגעבן דעם לעצטן כּבֿוד, אײדער ער װערט פאַרברענט, און זײן אַש װערט צעװאָרפן אױפן װינט.

הונדערטער און טױזנטער מענטשן האָבן שױן באַזוכט דאָס „טױטע צימער", װאו בײדע מתים זענען געלעגן. מ'האָט גערעדט זײער פיל װעגן זײער פּלוצימדיקן טױט, אָבער קײנער האָט נישט געװאוסט פון װאָס זײ זענען אומגעקומען. צוליב זײער הױכער קריגערישער פּאָזי־ציע, האָבן די מאַרס־דאָקטױרים נישט געטאָרט אָנרירן זײערע קערפּערס, כּדי פעסטצושטעלן פון װאָס דער טױט איז געקומען. ס'איז געװען גענוג דער אײנציקער דיאַגנאָז — טױט!

זײער טעכטערל און שװעסטער איז די גאַנצע צײט געזעסן נעבן זײערע טױטע קערפּערס און האָט אױך נישט געװאוסט װאָס צו ענט־פערן, װען דער „שאַליט" האָט איר געפרעגט, װי אַזױ און פון װאָס זײ זענען בײדע געשטאָרבן. זי איז געװען אַזױ צעטומלט, אַז זי האָט זיך אַפילו נישט אױפגעשטעלט װען דער „שאַליט" איז צו איר צוגעקומען. בײ אַ צװײטן פאַל אַזאַ, איז עס געװען אַ גרױסע זינד קעגן „שאַליט", פאַר װעלכן מ'װערט האַרב באַשטראָפט. איצט, האָט איר דער „שאַ־ליט" מוחל געװען.

נאָכן בײזײן דאָס פאַרברענען זײערע קערפּערס, איז דער „שאַליט" מיט זײנע באַגלײטערס געקומען צו באַר־מאָס שׂימחה. ס'האָט געהײסן, אַז ער קומט אָפּגעבן כּבֿוד דער ספּעציעלער און דירעקטער פאַרשטײ־ערין פון די ערד־רעגירער — הינעסיטאַן.

צװישן די באַגלײטער פונעם „שאַליט" האָבן זיך געפונען עטלעכע קריגער, קרובֿים און פרײנט פון דעם נאַר־װאָס פאַרשטאָרבענעם קרי־גער און זײן זון, און כאָטש אַ סך — און צװישן זײ, דעם „שאַליט" — האָט שטאַרק הנאה געטון, װאָס די װילדע געפינען זיך שױן נישט מער צװישן די לעבעדיקע, דאָך האָט עס בײ זײ אַרױסגערופן אַ חשד, װאָס גראַד בײ באַר־מאָ אין הױז און בײ דער אָנװעזנהײט פון זײנע ערד־געסט האָט געטראָפן דער דאָזיקער פאַטאַלער פאַל. אײניקע פון די קריגער און הערשער האָבן פּשוט מקנא געװען באַר־מאָן, װאָס בײ אים אין הױז האָט זיך געטראָפן דער אומגליק מיט די צװײ שטאַרקסטע, מעכטיקסטע — װען אַפילו ערגסטע — מענטשן פונעם מאַרס.

צי קלײבט זיך נישט באַר־מאָ אַראָפּצושטױסן דעם „שאַליט" פון זײן שטול און פאַרכאַפּן די הערשאַפט? — אָט די דאָזיקע פראַגע האָט

אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די מוחות פון די הויפּט־הערשער און אַפילו ביים „שאַליט" זעלבסט, .וועלכער האָט מורא באַקומען פאַר דעם דאָזיקן קריגער זיינעם וואָס איז אַזאַ נאָענטער מחותן און פריינט פון די ערד־איינוואוינער.

ווי נאָר דער „שאַליט" האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן אָנגעגרייטן שטול פאַר אים, האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע, לויטן שטייגער פון די מאַרס־איינוואוינער: אויבנאָן זענען געזעסן באַר־מאָ און זיין פרוי און הערי קוק מיט זיין פרוי. פון צווייטן עק זאַל האָט זיך באַוויזן לי־לי וואָס האָט געפירט געאָרעמט הינעסיטאַן. לי־לי איז געווען ערנסט און הינעסיטאַ האָט געשמייכלט, און דאָס האָט איר פּנימל צוגעגעבן נאָך מער חן און שיינקייט, און שפּאַנענדיק זיך געגריסט איןביידע זייטן.

ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אין זאַל, האָט זיך דער גרויסער עולם,— מיטן אויסנאַם פון „שאַליט"—, אויפגעשטעלט און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך — דאָס האָט מען זיי אויף אַזאַ אופן האַרציק באַגריסט.

חתן־כלה גייען־צו געאָרעמט צום חתנס עלטערן, צו באַר־מאָ און פרוי. זיי בלייבן שטיין אַקעגן זיי און דערנאָך לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויף איין קני: דאָס בעטן זיי ביים חתנס עלטערן אַ דערלויבעניש זיך צו פאַר־איייניקן. באַר־מאָ און פרוי לייגן אַרויף זייערע הענט אויףביידנס קעפּ: דאָס איז אַ סימן, אַז זיי זענען איינשטימיק און גיבן זיי זייער ברכה.

חתן־כלה הויבן זיך דערנאָך אויף, גייען־צו צו דער צווייטער שטול — צו הערי קוק און פרוי, און ס'ווערט איבערגעחזרט די פריערדיקע צערעמאָניע. לסוף, גייען זיי צו צו דעם שטול פון גרויסן „שאַליט", און קניענדיק בעטן זיי אויך זיין דערלויבעניש. דער „שאַליט" הויבט זיך אויף פון זיין שטול, לייגט אויך אַרויף זיינע הענט אויף זיי, און דערנאָך הייבט ער זיי אויף פון זייער קניען. ער נעמט אַן הינעסיטאַס קאָפּ און גיט איר אַ קוש אין שטערן — דאָס איז גאָר אַן אויסערגעוויינלעכער כבוד פאַר די מאַרס־איינוואוינער. אַ מאַן, אָדער אַ פרוי, וועמען דער „שאַליט" האָט עפּנטלעך געגעבן אַ קוש, איז באַשיצט דאָס גאַנצע לעבן, און קיינער — אַפילו די הויפּט־ריכטערס, קאָנען מער אָט דעם דאָזיקן מענטש קיין שלעכטס נישט טון. נאָכן „שאַליטס" קוש, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט —די עלטערן פון חתן־כלה צווישן זיי— און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך — דאָס האָט מען הינעסיטאַן באַגריסט פאַרן גרויסן כבוד וואָס דער „שאַליט" האָט איר אָפּגעגעבן.

דער „שאַליט" שטעלט זיך דערנאָך אויך אויף, נעמט אַרויס אַ בריוו פון זיין קעשענע, גיט אים איבער הינעסיטאַן און זאָגט איר:

— „גיב איבער דעם דאָזיקן בריוו, מיין ענטפער אויף זייער בריוו, צו די בראַווע רעגירער, הערשער און געלערנטע פון דער ערד. זאָג זיי, אַז כ׳וועל מיט פאַרגעניגן באַטראַכטן דאָס אָננעמען די איינלאַדונג פון די ערד־רעגירער, אַז איך און מיינע הערשער זאָלן אָנטיילנעמען אין די ערד־פייערונגען וואָס מ׳גרייט־צו. זאָג זיי אויך, אַז די מאַרס־הערשער און די מאַרס־געלערנטע נעמען־אויף מיט גרויס פרייד די ידיעה, אַז אַ גרופּע ערד־געלערנטע וועלן אונדז העלפן לייזן דאָס וואַסער־פּראָבלעם. אַזאַ לייזונג וואָלט געווען אַ גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט פון אַלע פּלאַנעטן. זאָג זיי, אַז מיר, די מאַרס־איינוואוינער זענען שטאַרק פאַרצווייפלט וואָס מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אַליין צו געפינען וואַסער, וואָס זאָל גענוג זיין פאַרן גאַנצן פּלאַנעט. און מיט מורא און אַנגסט זעט מען אָנקומען אַ שרעקלעכן טויט פאַר די אויגן, דורך דאַרשט, וואָס קאָן ברענגען צו אַן אומגליק פאַר אַלע וועלטן און פאַר אַלע זייערע מענטשן.

„זאָג זיי אויך, שיין טעכטערל, אַז כל־זמן איך וועל לעבן און הערשן, וועל איך טון אַלעס מעגלעכעס אָנצוהאַלטן דעם שלום צווישן די מאַרס, ערד און לבנה־איינוואוינער. איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז אַ שלום איז דאָס זעלבע וואָס אַן וואַסער, און אפשר נאָך ערגער!

„און, לסוף: דערמיט וואָס מיר גיבן אַוועק די ערד־איינוואוינער איינעם פון אונדזערע בעסטע קינדער און בראַווסטע קריגער, איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר ווילן זיך פאַראייניקן מיט די ערד־מענטשן אויף היינט, אויף מאָרגן און אויף שטענדיק!

„ און איר, טייער פּאָרל, זייט אייביק גליקלעך, און איר און אייערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן לעבן אין אַ עפּאָכע פון שלום אויף אַלע וועלטן.

„איצט, אַ פּאָר ווערטער צו דיר, קינד לי־לי: פאָר מיט דיין כלה צוריק צו דער ערד, בלייב מיט זיי וואוינען, און זאָלסט דיינע כוחות, דיינע פעאיקייטן און דיין לעבן אַוועקגעבן פאַר אַ שלום צווישן אַלע מענטשן".

אַלע פאַרזאַמלטע הויבן אויף בײדע הענט אין דער הויך און האַלטן זיי אַזוי אַ לענגערע צייט. דער „שאַליט" גייט אַרויס מיט זיין גרופּע, מיט וועלכער ער איז געקומען. לי־לי דערנענטערט זיך צו הערי קוק, און רוימט אים אַריין אַ סוד:

— איך בין מיט דער מיינונג, אַז מ׳דאַרף איצט נישט ווייזן דעם פילם וואָס איר האָט, וועגן דער לעצטער באַראַטונג פון די מאַרס־הער־

שער — עס קאָן נאָך קאַליע מאַכן די פרידלעכע שטימונג וואָס הערשט איצט.

— איך בין אויך מיט דער זעלבער מיינונג, קינד מיינס; אָבער פּריוואַט — פאַר דיין פאָטער און פאַר אַ פּאָר בייוועזנדיקע געלערנטע, וועלן מיר שפּעטער דעם פילם ווייזן. זאָלן זיי זיך, צום הונדערטסטן מאָל, איבערצייגן, אַז מיר זענען טעכניש מער אַנטוויקלט פון זיי!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף די גאַסן פון בו־ע, די הויפּטשטאָט פון די מאַרסיאַנער פעלקער. עס שפּאַצירט אַרום, איבער די דאָזיקע גאַסן, דאָס פּאָרעלע — לי־לי און הינעסיטאַ. הינעסיטאַס עלטערן זענען שוין אָפּגעפלויגן צו דער ערד, און זי האָט שוין אַפילו באַקומען אַ ראַדיאָ־עלעקטרישע טעלעגראַמע. אַז זיי זענען בשלום אַהיימגעקומען. זי איז נאָך פאַרבליבן עטלעכע טעג אויפן מאַרס, כדי צו פאַרברענגען מיט איר חתנס פאַמיליע, וועלכע האָבן זי שטאַרק ליב באַקומען. נישט בלויז לי־לים מוטער און באַר־מאָ האָבן זיך שטאַרק צוגעבונדן צו הינעסיטאַן, נאָר אויך לי־לים ברידער און שוועסטער, ווי אויך אַפילו די שטוב־שקלאַפן ווייזן איר אַרויס אַ סך ליבשאַפט.

די ראַדיאָס, טעלעוויזיעס און צייטונגען פונעם מאַרס, וועלכע דערשיינען יעדע האַלבע שעה, האָבן שוין געמעלדעט וועגן קוש אין שטערן, וואָס דער גרויסער „שאַליט" האָט געגעבן הינעסיטאַן, און אַלע האָבן שוין אויך — דורך טעלעוויזיע און ראַדיאָ־גראַפישע אַפּאַראַטן געזען איר שיין בילד. און וואו נאָר הינעסיטאַ האָט זיך באַוויזן אין די גאַסן — האָבן איר הונדערטער און טויזנטער מאַרסיאַנער פאַרבייגייער פרייַנטלעך באַגריסט.

כאָטש לי־לי האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שום איבערפאַל, דאָך, האָט ער —אויף דער עצה און אָנזאָג פון הערי קוק—, געטראָגן מיט זיך דאָס „שטראַל־זייגערל", וועלכער האָט אים און הינעסיטאַן געדאַרפט באַשיצן. לי־לי האָט איבערגעטראַכט —אויך הערי קוק האָט אים וועגן דעם געהאַט געוואָרנט—, אַז אויפן מאַרס קאָן זיך געפינען אַ פאַנאַטיקער, אַן אומוויסנדיקער, וואָס וויל פאַר יעדן פּרייז — מילחמה מיט דער ערד; ווייל ער דענקט אַז מ'קאָן די ערד לייכט באַזיגן און באַקומען אַ סך פרישע שקלאַפן און וואַסער; אַז אַזאַ מין אומפאַראַנטוואָרטלעכער קריגער קאָן באַטראַכטן הינעסיטאַן ווי אַ „שלום־פאַרבינדערין", אָדער, ער זאָל דענקען אַז דורך שלעכטס טון הינעסיטאַן קאָן קומען צו

אַ קאָנפליקט, און אפשר אַ מילחמה צווישן דעם מאַרס און דער ערד; דערפאַר זאָל ער וועלן איבערפאַלן לי־לין מיט הינעסיטאַן און פאַראור־זאַכן דעם געגאַרטן קריג.

דערפאַר האָט לי־לי אַזוי אָפט אָבסערווירט זיין זייגערל, וואָס ער האָט איצט געטראָגן אָנגעטון אויף דער לינקער האַנט. הינעסיטאַ האָט פון גאָרנישט געוואוסט און גאָרנישט חושד געווען; זי האָט אַפילו נישט באַמערקט די נערוועזע אָפטע בליקן פון לי־לין וואָס ער וואַרפט אַרום זיך.

דאָס פאַרעלע שפּאַצירט איבער די ברייטע, ריינע און רייכע גאַסן פון דער הויפּטשטאָט. זיי באַקוקן די נייע מאָדערנע געביידעס, ספּעציעל געבויט אויף צו קאָנען דינען ווי אָפּשטעל־סטאַנציעס פאַר אַלערליי ראָ־באָטן, וואָס רופט זייער שטאַרק די אויפמערקזאַמקייט פון הינעסיטאַן. דאָ אויפן מאַרס, איז מען אין דעם דאָזיקן הינזיכט זייער ווייט אַוועק פאָרויס. זייערע אָפּשטעל־סטאַנציעס, אויף די דעכער, זענען געבויט אויף עטלעכע שטאָק. אָנהייבנדיק פונעם דאַך, וואו עס ענדיקט זיך די געביידע, הויבן זיך אויף עטלעכע „לופט־פּלאַטאַפאָרמעס" (פּלאַססטשאַט־קעס) פאַר יעדן שטאָק — אַ באַזונדער „פּלאַכט", און די ראָבאָטן רוקן זיך אומגעשטערט אַריין, יעדער איינער אויף זיין פּלאַץ. פונקט ווי עס טוט עס אַ גייענדיקער מענטש.

נאָך אַ נייעס איז פאַר הינעסיטאַן געווען: אַלע מאָדערנע הייזער זענען געבויט פון אַזאַ מין „פּלאַסטיק" ווי גלאָז. אין דער גאַנצער גע־ביידע זעט מען נישט קיין איין שטיקעלע האָלץ, אָדער אייזן — אַלץ איז געמאַכט פון דעם דאָזיקן גלאָז. אויך די אינעוויינקסטע ווענט פון די מאָדערנע הייזער, אָדער קלייטן, זענען פונעם זעלבן מאַטעריאַל גע־בויט געוואָרן.

און, לסוף, האָט הינעסיטאַ באַמערקט נאָך אַ נייעס, וואָס ביי זיי, אויף דער ערד, האָט זי עס נישט געזען: אין די טירן געפינען זיך שלע־סער אויף זיי צו פאַרשליסן.

— וואָס, —רופט אויס הינעסיטאַ מיט פאַרוואונדערונג,— דאָ זע־נען פאַראַן אָט די שלעסער, וואָס מיין זיידעניו האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן עס אַמאָל געהאַט, און וואָס פלעגט זיי דינען זיך צו באַוואָרע־נען קעגן גנבים?

— ניין, —דערקלערט איר לי־לי.— די שלעסער פון די טירן זענען געמאַכט געוואָרן צוליב די... שקלאַפן. ס'פלעגן טרעפן פאַלן, ווען געזונטע, שטאַרקע שקלאַפן האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פונעם הויז ווען

קיינער איז נישט געווען. האָבן פאַרכאַפּט אַ ראַבאַט וואָס יעדער שקלאַף קאָן ביי אונדז אָנפירן, און זענען אַנטלאָפן צו זייערע ווייטע לענדער. האָבן איצט די רייכע מענטשן, מיט אַ סך שקלאַפן, אויפגעבויט זייערע הייזער אויף אַזאַ אופן, אַז די שקלאַפן זאָלן נישט קאָנען עפענען די טירן און אַנטלויפן. מ'פאַרשליסט זיי הערמעטיש, אַז בלויז די אייגענע פאַ־מיליע-מענטשן ווייסן דעם סוד, ווי אַזוי די טיר צו עפענען.

— איז שוין ביי אייך געווען פאַלן, אַז די שקלאַפן זאָלן מאַכן אַן אויפשטאַנד? — פרעגט אים היגעסיטאַ.

— יאָ! אַ סך פאַלן, און אין יעדן פאַל האָבן די אויפשטענדלער פאַרשפּילט און מ'האָט זיי פאַרניכטעט.

— און ווי אַזוי איז ביי אייך מיט אייערע הערשער און רעגירער? איז שוין אַמאָל ביי אייך געווען אַן אויפשטאַנד קעגן אַ „שאַליט", וועלכן מ'זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיין הערשאַפט, ווי ס'פלעגט זיך פירן ביי אונדז אויף דער ערד?

— ניין! לויט ווי אונדזער געשיכטע דערציילט אונדז, האָט ביי אונדז קיינמאָל אַזעלכעס נישט געטראָפן. דאָס איינציקע וואָס פלעגט ביי אונדז טרעפן איז: ווען אַ „שאַליט" האָט שלעכט געהערשט, אָדער שלעכט באַהאַנדלט זיין פאָלק, קריגער און געלערנטע, פלעגט ער... פלוצים שטאַרבן. ער פלעגט אַמאָל קראַנק זיין אַ טאָג צי צוויי און אַמאָל דאָס אויך נישט, און — פלוצים געשטאָרבן...

—ווי אַזוי-זשע האָט מען באַשטימט אַ צווייטן אויף זיין פלאַץ?

— עס קומען זיך צונויף די הערשער פון גאַנצן פלאַנעט, עס קומען אַלע גרויסע געלערנטע און אַלע ריכטער; מען פאַרמאַכט זיך אין אַ גרויסן זאַל אויף דריי טעג און דריי נעכט, און ווען מ'גייט אַרויס פון דאָרט — איז שוין פאַראַן אַ באַשטימטער הערשער.

— גייט ביי אייך נישט איבער בירושה אַזאַ הערשאַפט?

— ניין! פאַרוואָס זאָל זיין ירושה? דער שאַליט וואָס שטאַרבט, קאָן זיין אַ זייער קלוגער און פעאיקער מאַן און זיין יורש זאָל זיין אַ ווילדער, נאַרישער און אומפעאיקער בחור. פאַרוואָס-זשע זאָל אַזאַ פערזאָן הערשן איבער אונדז?

— וואָס יאָ! —זעצט פאָר לי-לי.— ס'איז אַ מינהג ביי אונדז, אַז דער „שאַליט" זאָל ביי זיין לעבן רעקאָמענדירן וועמען צו זעצן אויף זיין שטול. אַזאַ רעקאָמענדאַציע האָט אַ גרויסע באַדייטונג און ווערט זייער שטאַרק גענומען אין אַכט. אָט זאָגט מען ביי אונדז, אַז אונדזער גרויסער „שאַ־ליט" האָט שוין געמאַכט אַזאַ מין „רעקאָמענדאַציע", ווייל ער פילט זיך

לעצטנס זייער שוואַך. ווער דער רעקאָמענדירטער איז — ווייסט דער־
וויל קיינער נישט!

לי־לי רייסט איבער זיין געשפּרעך און לייגט־צו זיין רעכטע האַנט צום אויער. ערשט איצט האָט זיך הינעם אַרומגעקוקט, אַז אויף דער דאַזיקער האַנט טראָגט לי־לי עפּעס אַ קליין בראַסלעטל. לי־לי גיט צו איר אַ וואונק, אַז זי זאָל שווייגן, און ער הויבט־אָן... ריידן מיט דעם דאַזיקן בראַסלעטל. הינעסיטאַ הערט קלאָר, ווי דאָס בראַסלעטל רעדט צו לי־לין, און לי־לי רעדט אַריין אינעם בראַסלעטל. זי האָט פאַרשטאַ־נען, אַז לי־לי טראָגט אויף דער האַנט אַ באַוועגלעכן טעלעפאָנישן אַפּאַ־ראַטל. ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט טאַקע געהערט, ווי ס׳האָט עפּעס אָנגעהויבן „זשומען" אויף דער רעכטער האַנט איידער לי־לי האָט אויפגעהויבן די האַנט צום אויער.

הינעסיטאַ איז אַביסעלע איבעראַשט. אויך ביי זיי, אויף דער ערד, איז דער טעלעפאָן־סיסטעם שטאַרק אַנטוויקלט, וועדליק איר זיידע האָט איר דערציילט, אַז אַמאָל פלעגט דער טעלעפאָן־אַפּאַראַט זיין עפּעס אַ שוואַרץ אָדער ווייס קעסטעלע, צוגעטשעפּעט צו דראָטן, און אין דעם דאַזיקן קעסטעלע האָט מען געדאַרפט אַריינריידן — איז איצט שוין אַ גרויסע דערגרייכונג וואָס מ׳רעדט שוין טעלעפאָניש אָן גרויסע אַפּאַ־ראַטן און אָן דראָטן — בלויז דורך לופט־שטראַל פאַרבינדונגען. דאָ, אָבער, זעט זי, ווי לי־לי טראָגט דעם טעלעפאָן אויף דער האַנט, און ווען ער האָט געענדיקט ריידן, האָט ער אַ קוועטש געטון אַ שרייפעלע, אַ קוק געטון אויפן בראַסלעטל, און אינעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט האָט זיך געוויזן אַ בילד, אַ קאָפּ פון אַ מענטשן וואָס האָט גערעדט צו לי־לין. לי־לי ווייזט טאַקע הינעסיטאַן, ווער ס׳האָט צו אים גערעדט — דאָס איז זיין פאָטער. זי זעט אים, ווי ער שמייכלט צו איר און גריסט איר מיט אַ נויג מיטן קאָפּ.

לי־לי האָט באַמערקט הינעסיטאַס איבעראַשונג, און געבנדיק איר אַ גלעט מיט דער האַנט איבערן קעפּל, זאָגט ער איר:

— וואָס קומט אַרויס פון דעם וואָס אונדזערע געלערנטע האָבן אַזוי אַנטוויקלט די עלעקטריע מיטן טעלעפאָן, אַז זיי קאָנען נישט געפינען קיין מיטל, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן אַביסל וואַסער פאַר אונדז. וואָס שייך דעם טעלעפאָן, האָבן מיר זייער ווייט איבערגעשטיגן די ערד־מענטשן מיט זיין פּערפעקציאָנירונג. אָבער, איידער איך וועל דיר געבן אַ לעק־ציע וועגן אונדזער טעלעפאָן, וויל איך דיר זאָגן וואָס מיין פאָטער האָט מיך אָפּגערופן: ערשטנס, האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך דיר און וויל אַז

מיר זאָלן וואָס שנעלער קומען אהיים און פאַרברענגען צוזאַמען, ספּעציעל בעט עס מיין מאַ; צווייטנס, וויל ער וויסן, ווי אַזוי עס גייט אונדזער שפּאַציר. צי דיר געפעלט אונדזער שטאָט, אונדזערע הייזער און אונדזערע מענטשן? און דריטנס: ער האָט פאַר דיר אַ סורפּריז! מען האָט אים מודיע געווען, אַז ס'פאָרט אַרוים אַהער אַ דעלעגאַציע פון ערד־סטודענטן, ייִנגלעך און מיידלעך. זיי קומען ווי אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע אויף צו פאַרבעטן זייערע חברים —באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע— סטודענטן פון די היגע אוניווערזיטעטן, אַז זיי זאָלן קומען צו די ערד־פייערונגען. צווישן די סטודענטן־געסט זענען פאַראַן דיינע צוויי קוזינען: גראַסיאַ און זוסי. אַזוי ווי די יוגנט־דעלעגאַציע וועט דאָ פאַרבלייבן איניקע טעג, האָט מיין פּאַ געבעטן דעם היפּט־געלערנטן פונעם אוניווערזיטעט, וועלכער דאַרף באַשטאַטן די ערד־דעלעגאַציע מיט באַקוועמע און בכבודיקע וואוינונגען, אַז די דאָזיקע צוויי דעלעגאַטקעס זאָלן זיין די געסט פון אונדזער הויז. אַזוי אַרום, אַז מאָרגן וועט זיך אויף אונדזער דאַך אַראָפּלאָזן אַ ראַבאָט, פון וועלכן עס וועלן אַרויסקומען דיינע צוויי קוזינקעס. נו, ביסטו צופרידן?

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט היגעסיטאַ אַרומגענומען לי־לין און אים אָפּגעדריקט אַ הייסן קוש.

— איצט, —זעצט פאָר לי־לי זיין געשפּרעך,— ווילסטו וויסן ווי אַזוי אונדזערע טעלעפאָנען האָבן זיך אַנטוויקלט. איך דערקען אין דיינע אייגעלעך און איך הער ווי דיין מוחל פיבערט, כדי עס צו וויסן. וועל איך דיר איבערגעבן אויף אַזאַ אופן, אַז דו זאָלסט קאָנען אַנשרייבן אַ טעזיס פאַר דיין שולע.

— — — — — — — — — — — — —

— „זינט איך געדענק, —הויבט־אָן לי־לי זיין לעקציע,— ווייס איך, אַז דער טעלעפאָן־סיסטעם איז ביי אונדז געווען גוט אַנטוויקלט. אין אונדזערע שולעס פלעגט מען אונדז לערנען, אַז די עלעקטריע און דער טעלעפאָן עקזיסטירן שוין טויזנטער יאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז אויך ביי אונדז איז ער לעצטנס שטאַרק מאָדערניזירט געוואָרן. נישט שטענדיק איז ער געווען אַזוי ווי ער איז איצט; אויך ביי אונדז האָט מען אַמאָל געדאַרפט דרייען נומערן, ביז מ'האָט געקראָגן דעם נומער מיט וועלכן מ'האָט געוואָלט ריידן. היינט, איז גענוג אַ קוועטש צו טון מיט די פינגער אויפן האַנט־אַפּאַראַטל, אַזוי, אַז דו זאָלסט דירעקט טרעפן צו ריידן מיט דעם, מיט וועלכן דו ווילסט ריידן.

„גאָר ספּעציעל האָבן אונדזערע געלערנטע אַנטוויקלט דעם טעלע־

פאַן פאַר דער שטוב-אַרבעט און הויז-באַקוועמלעכקייטן. ס׳איז ביי אונדז אַ טאָג-טעגלעכע דערשיינונג, אַז דער מאַן זאָל ערגעץ פון וועג רעדן צו זיין פרוי אין קיך אַריין, אָדער זי, די פרוי זיינע, זאָל אים דורכן קיך-טעלעפאָן מעלדן, — ווי וויט ער זאָל זיך נישט געפינען, אָבער בלויז אויפן פלאַנעט —, אַז דער מיטיק איז שוין פאַרטיק און ער זאָל אַהיים-קומען.

„ביי אייך, אויף דער ערד, זאָגט אייך דער טעלעפאָן אָן, וואָס פאַר אַ שעה עס איז. דאָ, ביי אונדז, האָט מען דעם טעלעפאָן אַזוי פּערפעקציאָנירט, אַז מיט איין קוועטש זאָגט דער טעלעפאָן אָן, וואָס פאַר אַ וועטער ס׳איז איצט און וואָס פאַר אַ וועטער ס׳וועט זיין אין די קומענדיקע 24 שעה. אויב דו ליגסט אין בעט און קאָנסט נישט אַנטשלאָפן ווערן, איז גענוג אַז דו זאָלסט אַ ריר טון אַ קנעפּעלע פונעם טעלעפאָן וואָס הענגט איבער דיין בעט, וועסטו פּלוצים דערהערן אַ שטילע און שיינע מעלאָדיע, אַ שיינעם ליד, אָדער מוזיק, און ווי נאָר דו וועסט אָנהייבן דרימלען — וועט די מוזיק ווערן שטילער און שטילער, ביז זי וועט פאַרשווינדן ווערן.

„געווען אַמאָל אַ צרה מיטן טעלעפאָן: דו האָסט גערופן צו אַ פריינט אָדער צו זיך אַהיים —דו האָסט זייער נייטיק געדאַרפט עפּעס מעלדן—, און די „ליניע”, דער טעלעפאָן איז געווען פאַרנומען. אָפט, זייער אָפט, האָבן נאָר קינדער גערעדט צווישן זיך עפּעס נאַרישקייטן, און דו ביסט אַרומגעגאַנגען נערוועאיש און זיך גאַרנישט געקאָנט העלפן: — פאַרנומען!

„האָבן אָבער אונדזערע געלערנטע פּערפעקציאָנירט דעם טעלעפאָן אויף אַזאַ אופן, אַז ערשטנס: באַווייזט זיך אַ רויטע שיין אויפן טעלעפאָן-אַפּאַראַטל און ווייזט-אָן, אַז אַ צווייטער רופט אויך, און, צווייטנס: ווי נאָר „יענער” באַפרייט דעם טעלעפאָן וועלכן דו דאַרפסט האָבן — אַזוי ווערט דיין טעלעפאָן אויטאָמאַטיש פאַרבונדן מיט אים, און ער מעלדעט דיר דורך אַ קלונג, אָדער דורך אַ גרינער שיין, אַז דו קאָנסט שוין ריידן.

— „ס׳איז פאַראַן ביי אונדז נאָך אַ זאַך, —זעצט פאָר לי-לי זיין לעקציע.— אויב דו רעדסט צו איינעם דורכן טעלעפאָן און יענער איז נישטאָ אין דער היים, און אויב דו דאַרפסט אים בלויז זאָגן, און נישט פרעגן — דאַרפסטו קיין יסורים נישט האָבן רעד אַריין אין טעלעפאָן אַלץ וואָס דו ווילסט אים זאָגן, און ווי נאָר ער וועט קומען אַהיים, וועט אים זיין

טעלעפאָן מעלדן, ווער עס האָט גערעדט, וויפל אַזייגער מ׳האָט גערעדט און וואָס מ׳האָט אים געזאָגט.

„פאַרשטייט זיך, אַז אויב דו ווייסט מער־וויניקער אין וועלכער ריכטונג יענער — צו וועמען דו האָסט געוואָלט רעדן —, געפינט זיך, רעדסטו דורך דיין האַנט־אַפּאַראַטל, וועלכער „שמעקט“־אָן וואו „יענער“ געפינט זיך און פאַרבינדט דיך מיט אים. אָט, למשל, האָט מיין האַנט־אַפּאַראַטל מיר געמעלדעט — דורך אַ לייכטן קלונג —, אַז מ׳וויל צו מיר ריידן, ווייל מיין פאָטער האָט געוואוסט אין וועלכער ריכטונג איך בין געגאַנגען, און ער האָט אַהין געקאָנט שיקן די שטראַלן.

„אָבער, מיט איניקע זאַכן האָט איר, די ערד־מענטשן, מער פּערפעקציאָנירט דעם טעלעפאָן; זאַכן, וואָס ביי אונדז האָבן מיר עס נאָך נישט. ווען איך בין געווען אויף דער ערד — נישט ווי דיין חתן, נאָר ווי אַ שפּיאָן פון אונדזער מיליטערישן שטאָב —, האָב איך שטודירט אָט דאָס נייעם אינעם טעלעפאָן־סיסטעם.

„ביי אייך, למשל, דאַרף מען נישט מעלדן די פייערלעשער, אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ פייער אין אַ הויז און מ׳פאָדערט זייער הילף. ביי אייך, ווי נאָר עס ברעכט אויס אַ פייער אין אַ הויז, אַזוי הויבן־אָן אויטאָמאַטיש קלינגען די טעלעפאָנען צו די פייערלעשער־אָפּטיילונגען. פאַראַן ביי אייך אַזאַ אויטאָמאַטישע עלעקטראָנישע פאַרבינדונג צווישן דעם טעלעפאָן פון הויז, פייערלעשער־אָפּטיילונג, און... דער שריפה וואָס ברעכט אויס אין הויז. דאָ, ביי אונדז, האָבן מיר עס נאָך נישט.

„אַ צווייטע פּערפעקציאָנירונג פון דער ערד: ביי אייך, אַז איר ווילט שיקן אַ מעלדונג וועגן אייער געשעפט, וועגן אייער סחורה, אָדער אַנדערע ענינים, פלעגט איר אַמאָל אָנשרייבן אַזעלכע בריוו, וועלכע איר האָט גערופן „צירקולאַרן“, איר פלעגט זיי שיקן אָפּדרוקן און דערנאָך זיי אַריינגעלייגט אין קאָנווערטן און צעשיקט מיט דער פּאָסט. אַזאַ מין אַרבעט — ווי איך האָב עס אויסשטודירט אין אייערע ערד־אַרכיוון, האָט אייך געקאָסט אַ סך געלט, אַרבעט, און ס׳האָט געדויערט ביז ס׳איז אָנגעקומען אין די הענט פון יעניקע וועלכע האָבן עס געדאַרפט באַקומען.

„ היינט, מאַכט איר אָט דעם זעלבן ,צירקולאַר“ דורכן טעלעפאָן. איר גיט אַ דריי אַ קנעפּל, און אין טויזנטער, צענער טויזנטער און מיליאָנען היימען — אין יענע און בלויז אין יענע אין וועלכע איר האָט אָן אינטערעס —, הערט מען וואָס איר ווילט זאָגן. און אַ ספּעציעלער גראַוויר־אַפּאַראַט וואָס שטייט נעבן טעלעפאָן, לאָזט איבער אַ קאָפּיע

פון אַלע אייערע רייד; און ווידער דאָס זעלבע: אויב ביי אייך איז קיינער אין הויז נישטאָ, איז, אַז ווען איר קומט — טרעפט איר אַ ווייסן שנור, אויף וועלכן ס'איז אָפּגעגראַווירט אַלץ וואָס עמיצער, אָדער ער־גענץ־וואו האָט אייך פאַרגעלייגט צו קויפן, אָדער געהייסן, אַז איר זאָלט עפּעס טון.

„דאָס, אָט דעם סיסטעם, האָבן מיר נאָך נישט פּערפעקציאָנירט. דערפאַר איז טאָקע ביי אונדז שטאַרק אַנטוויקלט דער פאַרבינדונגס־סיסטעם פון טעלעפאָן מיט טעלעוויזיע. אויך ביי אייך איז דאָס שוין פאַראַן, אָבער ביי אונדז איז עס אַ סך בעסער; ביי אונדז איז נישטאָ קיין אויסנאָם: רעדט איר מיט איינעם טעלעפאָניש, הערט איר זיין שטימע — מוזט איר אויך זען זיין פּנים.

„די דאָזיקע לעקציע וועגן טעלעפאָן, מעגסטו דערציילן דיינע לע־רער. טו עס וואָס פריער, ווייל איך קלייב זיך אין די נאָענטסטע טעג צו געבן ביי אייך, אינעם הויפּט־אוניווערזיטעט, עטלעכע לעקציעס אויף דער טעמע: „צי וואָלט די מענטשהייט געקאָנט עקזיסטירן אָן דעם טעלעפאָן?".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לי־לי מיט הינעסיטאַן שפּאַצירן נאָך איבער די גאַסן פון בו־ע, די הויפּטשטאָט פונעם מאַרס. זיי גייען געאָרעמט, רעדן צווישן זיך, קוקן אין די שויפענצטער, און אָפט, זייער אָפט צעלאַכן זיי זיך פון עפּעס אַ וויץ וואָס לי־לי אָדער הינעסיטאַ האָט געזאָגט.

דער האַנט־טעלעפאָן ביי לי־לי גיט אים צו וויסן, דורך אַ לייכטן קלונג, אַז מ'רעדט צו אים. ער לייגט־צו זיין האַנט צום אויער — יאָ, דאָס רעדט ווידער זיין פאָטער. ער זאָגט אים, אַז אַ דעלעגאַציע פון געלערנטע פּר־נעם טעכנישן אוניווערזיטעט איז געקומען בעטן הינעסיטאַן, אַז זי זאָל זיי אָנטון דעם כּבוד און באַזוכן זייער אוניווערזיטעט; זיי בעטן איר אויך אַז זי זאָל זיי באַווייליקן אַ לעקציע אויף אַ וועלכער ס'איז טעמע וואָס איז איר באַקוועמער; זיי האָבן געהערט, אַז זי איז אַ געלערנטע און אַ פיינע לעקטאָרין.

לי־לי גיט איבער הינעסיטאַן דעם געשפּרעך מיט זיין פאָטער, און ער וואַרט אויף איר ענטפער. הינעסיטאַ ווערט רויט, און שאָקלט־צו מיטן קאָפּ אויף „יאָ". ווען לי־לי פאַרענדיקט זיין געשפּרעך דורכן האַנט־טעלעפאָן, נעמט ער אַרום הינעסיטאַן און גיט איר אַ הייסן קוש.

— דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ כּבוד דו האָסט מיר אָנגעטון מיטן צושטימען צו האַלטן אַ לעקציע פאַר אונדזערע געלערנטע, און

נאָך ווייניקער ווייסטו, וואָס פאַראַ נוצן פאַר אונדזער, אַזוי געגאַרטן, שלום דיין לעקציע וועט האָבן! איך ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ טעמע דו וועסט רעדן, אָבער, אויב מעגלעך — רעדט צו זיי וועגן מוט און האָפענונג, וועגן אויסדויער און וועגן שלום!... דיינע רייד וועלן האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג! מ'האָט דיך אומעטום ליב באַקומען!... איך... איך אויך!

ביידע צעקושן זיך.

— — — — — — — — — — — — —

אויפן צווייטן טאָג.

אינעם גרויסן זאַל פון טעכנישן אוניווערזיטעט זיצן אויסגעזעצט עטלעכע טויזנט מענטשן. די מערהייט פון זיי זענען געלערנטע און פּראָפעסאָרן פון אַלע מאַרס און לבנה-אוניווערזיטעטן. פאַראַן אויך איניקע געלערנטע פון דער ערד — צווישן זיי עטלעכע איצטיקע און געוועזענע הינעסיטאַס לערער. דאָס האָט דער הויפּט-געלערנטער פונעם טעכנישן אוניווערזיטעט ראַדיאָגראַפיש אַרויסגערופן געסט און דעלעגאַציעס פון אַלע אוניווערזיטעטן און פון אַלע פּלאַנעטן.

צווישן די געסט געפינען זיך אויך אַ סך מיליטער-לייט, הערשער און הויפּט-הערשער, ווי אויך ספּעציעלע איינגעלאַדענע.

אין ספּעציעלע צוויי לאָזשעס, אויבנאָן, זיצן די סטודענטישע דעלעגאַציעס פון דער ערד, וועלכע זענען נעכטן געקומען מיט דער אָפיציעלער מיסיע איינצולאָדן זייערע יונגטלעכע חברים פונעם מאַרס צו די ערד-פייערונגען. צווישן די דעלעגאַציעס געפינען זיך הינעסיטאַס חברים און קוזינקעס: אסתרקע, גראַסי און זוסי. זיי שיינען פאַר פרייד זיך צו קאָנען טרעפן דאָ מיט זייער ליבער קוזינקע הינעסיטאַ. אין אַ צווייטער לאָזשע, טאַקע בשכנות מיט הינעסיטאַס קוזינקעס, זיצט באַר-מאָ, זיין פרוי —לי-לים מוטער—, און לי-לים דריי ברידער. זיי קענען זיך שוין מיט הינעסיטאַס קוזינקעס; זיי זענען שוין באַפריינדעט געוואָרן מיט זיי און שוין, היינט אַפילו, אַרומגעשפּאַצירט צוזאַמען און זיי באַקענט מיט דער שיינער הויפּטשטאָט פון די מאַרסיאַנער.

איניקע מינוט פאַרן דערעפענען דעם אַקט, ווערט שטאַרק ליכטיק אין זאַל. ווייזט אויס, אַז ס'איז געשען עפּעס אַן איבעררעאַשונג פאַר יעדערן. אַלע פאַרזאַמלטע שטעלן זיך אויף פון זייערע בענק און בלייבן שטיין אויף די פיס. אויף דער בינע, וואו עס זענען געזעסן די הויפּט-געלערנטע פונעם טעכנישן אוניווערזיטעט, ווערט אַ שטיקל מהומה! מ'הייבט-אָן רוקן די שטולן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווערט אַלץ קלאָר.

ס'איז געקומען הערן היגעסיטאַס לעקציע דער גרויסער „שאליט". עס איז פאַר אַלעמען געווען אַן איבעראַשונג. קיינער פון די אָרגאַניזירער פונעם אַקט, האָבן זיך אויף אַזאַ כבוד נישט געריכט!

נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג איז געווען פאַר יעדן איינעם אין זאַל, ווען דער גרויסער „שאליט" איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע, זיך באַגריסט מיט יעדן איינעם באַזונדער, און אַנשטאָט אַוועקצוזעצן זיך אויף דער אָנגעגרייטער שטול פאַר אים — איז ער אַראָפגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי, וואו עס זיצן די געסט, דעלעגאַציעס און סתם געלערנטע. די דאָזיקע האַנדלונג פונעם „שאליט" האָט ממש עלעקטריזירט אַלע פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך, —ווי אַ סימן פון באַגריסן—, און זיי געהאַלטן עטלעכע מינוט צייט אין דער הויך.

ענדלעך, האָט זיך דער עולם געזעצט אויף די פלעצער, אָבער, לאַנג איז מען נישט געזעסן: אין אַ פאָר מינוט שפעטער האָט זיך באַוויזן היגעסיטאַ אויף דער בינע. זי איז אַריינגעפירט געוואָרן אונטער דער האַנט פונעם הויפט-געלערנטן פון טעכנישן אוניווערזיטעט פון איין זייט, און פונעם הויפט-געלערנטן פון דער פעדעראַציע פון אַלע אוניווערזיטעטן פונעם מאַרס, פון דער צווייטער זייט.

ס'איז געווען זייער אימפּרעסיאָנירנד צו זען, ווי די צוויי אַלטע, גאָר אַלטע מענער, האָבן געפירט ביי דער האַנט אַ קליין יונג קינד פון דער ערד, וועלכע וועט האַלטן פאַר זיי אַ לעקציע.

היגעסיטאַ האָט פריער מודיע געווען די טעמע, אויף וועלכער זי וועט רעדן: „ווען די ערד-איינוואוינער האָבן מורא באַקומען פאַר צופיל מענטשן אויף זייער פּלאַנעט".

— — — — — — — — — — — — — — — —

„גרויסער „שאליט", גרויסע געלערנטע, הערשער, ברידער און פריינט. איך דאַנק אייך פאַרן גרויסן כבוד וואָס איז האָט מיר צוגעטיילט, אַז איך זאָל רעדן פאַר אייך. דאָס איז נאָך אַמאָל אַ באַוויז, — און אונדזערע ערד-הערשער וועלן עס אויך אַזוי פאַרשטיין—, אַז אַלע מענטשן פון אַלע פּלאַנעטן זענען ברידער און אינטערעסירן זיך מיטן לעבן פון יעדן איינעם וואָס לעבט אונטער דער זון.

„איך וויל צו אייך, גרויסע געלערנטע, רעדן וועגן אַ שטיקל געשיכטע פון די ערד-איינוואוינער, פון יענע יאָרן, ווען מיר אַלע, פאַרשטייט זיך, איך מיין אונדזערע עלטערן און זיידעס זענען געווען שטאַרק פאַר-

זאָרגט און פאַרצווייפלט וועגן די עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט אויף דער ערד.

„דאָס איז געשען בערך מיט אַ 50 יאָר צוריק. אונדזערע געלערנטע האָבן זיך פּלוצים אַרומגעקוקט, אַז ... די מענטשהייט אויף דער ערד האָט אַזאַ גרויסן צואוווקס, אַז במשך פון די נאָענטסטע 50 יאָר, דאָס הייסט, היינט־צו־טאָג, וועט זיין אַזויפיל מענטשן אויף דער ערד אַז עס וועט נישט זיין גענוג פּלאַץ פאַר יעדערן, וואו זיך צו לייגן שלאָפן. אונדזערע געלערנטע, מיט דער פען אין דער האַנט, האָבן נישט גערעדט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין; זיי האָבן געהאַט פאַר זיך סטאַטיסטישע ציפערן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן, און האָבן אויסגערעכנט פאָלגענדעס: ביז דעם יאָר 1900, דאָס הייסט ביז מיט הונדערט יאָר צוריק, איז דער צואוואוקס פון די מענטשן אויף דער ערד געווען אַ נאָרמאַלער, דאָס הייסט — ס'זענען געבוירן געוואָרן אַזוי פיל מענטשן וויפל ס'זענען געשטאָרבן. פון יאָר 1900 ביז שפּעטער מיט פופציק יאָר, דאָס הייסט, ביזן יאָר 1950, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. די באַפעלקערונג אויף דער ערד האָט זיך פאַרטאָפּלט.

„פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען?

„דער חשבון איז געווען אַ קלאָרער: ביזן יאָר 1900, ביז צוריק מיט 100 יאָר, איז די מענטשהייט פון דער ערד געווען זייער הינטערשטעליק אין דער מעדיצין. מ'האָט נישט געהאַט קיין מיטלען אויף צו באַקעמפן אַזעלכע קראַנקייטן וואָס זענען געווען געפערלעך פאַרן מענטשלעכן לעבן, און ווי נאָר איינער איז קראַנק געוואָרן —ספּעציעל קינדער—, זענען זיי אויסגעשטאָרבן מאַסנווייז. דערפון האָט זיך גענומען וואָס דער צואוואוקס פון דער מענטשהייט האָט זיך אויסגעגליכט מיט דער שטערבלעכקייט.

„פון יאָר 1900 ביז צוריק מיט פופציק יאָר, דאָס הייסט ביזן יאָר 1950, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין משך פון דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט זענען פאָרגעקומען מילחמות און שחיטות צווישן די פעלקער פון דער ערד; נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אין משך פון אָט דער צייט זענען פאָרגעקומען צוויי גרויסע וועלט־מילחמות, וואָס האָבן פאַרניכטעט מיליאָנען מענטשן אויף דער ערד, דאָך, האָבן אונדזערע געלערנטע אויסגעפונען, אַז אין משך פון די דאָזיקע פופציק יאָר האָט זיך די ערד־באַפעלקערונג פאַרטאָפּלט, פּשוט און פּראָסט — פאַרטאָפּלט, אָדער כמעט ווי פאַרטאָפּלט!

„אָט, מיינע ליבע חברים און הערן, וועל איך ברענגען אייניקע

ציפערן: אין יאָר 1900 האָבן זיך אויף דער ערד געפונען אַנדערהאַלבן ביליאָן מענטשן, און אין יאָר 1950 זענען שוין געווען צוויי מיט אַ האַלבן ביליאָן נפשות. און אין יאָר 1960 זענען שוין געווען דריי ביליאָן מענטשן.

„אונדזערע ערד־געלערנטע האָבן דאַן אויסגערעכנט, אַז אין יאָר 2000, דאָס הייסט היינטיקס יאָר, וועט די ערד פאַרמאָגן גאַנצע זעקס (6) ביליאָן מענטשן, און אַזוי וועט עס גיין אויך אויף ווייטער.

„שוין צוריק מיט פופציק יאָר האָבן די ערד־מענטשן אָנגעהויבן אויסגעפינען אַ סך ווירקזאַמע מעדיצינישע מיטלען, כדי צו פאַרלענגערן דעם מענטשלעכן לעבן, און דער שרעק איז געוואָרן נאָך גרעסער: אי ס׳וועלן זיין מער מענטשן אויף דער ערד, אי מ׳וועט לעבן לענגער, און ס׳וועט פיזיש נישט זיין וואוהין זיך אַהינצוטון; ס׳וועט פשוט ווערן אַ געפאַר פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענץ אויף דער ערד.

„געווען געלערנטע, וואָס זענען געגאַנגען נאָך ווייטער אין זייערע פאַרשונגען און סטאַטיסטיק. זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז אין פינף הונדערט יאָר אַרום, דאָס הייסט אין יאָר 2500, — לויט דער ערדס צייט־רעכענונג —, וועלן זיין אַזוי פיל מענטשן אויף דער ערד, אַז... מ׳וועט מוזן שלאָפן שטייענדיק און מ׳וועט נישט קאָנען גיין אין די גאַסן — אַזוי ענג וועט זיין...

„וואָס פאַראַ מיטלען האָבן מיר אָנגענומען? וואָס האָבן מיר געטון אויף נישט צו קומען צו קיין קאַטאַסטראָפע?

„דאָס ערשטע האָט מען געטראַכט וועגן אַנטדעקן נייע פּלאַנעטן. אונדזערע עלטערן האָבן שוין געוואוסט פון די פּלאַנעטן: מאַרס, ווע־נוס, יופּיטער, לבנה, סאַטורנאַ און אַנדערע, אָבער זיי האָבן געגלויבט אַז אויף די דאָזיקע פּלאַנעטן זענען נאָך נישטאָ קיין לעבעדיקע באַשע־פעניש, און זיי האָבן אויך געגלויבט, אַז מ׳קאָן דאָרט לעבן, פּונקט ווי מיר אויף דער ערד. האָבן זיי — אונדזערע ערד־מענטשן —, געשטרעבט צו אַנטדעקן און צוצוקומען צו די דאָזיקע פּלאַנעטן און דאָרט אָנהויבן באַזעצן אונדזערע ערד־איינוואוינער.

„מיט יאָרן שפּעטער, האָט מען זיך פון דעם דאָזיקן פּלאַן געמוזט אָפּזאָגן. מ׳האָט זיך איבערצייגט, אַז אויף אַלע פּלאַנעטן — אחוץ אויפן מאַרס און אויף דער לבנה —, איז נישט פאַראַן און ס׳קאָן נישט זיין קיין לעבן. גאָר שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך שוין פאַרבונדן מיטן מאַרס און מיט דער לבנה, האָבן מיר אַפילו קיין איין מינוט נישט געטראַכט פון וועלן דערלאָזן די דאָזיקע צוויי פּלאַנעטן, אויסהרגענען די איינוואוי־נער און באַזעצן דאָרט די ערד־מענטשן. אונדזערע געלערנטע האָבן זיך

גענומען זוכן פרידלעכע מיטלען אויף צו באַזאָרגן די ערד-מענטשן מיט עקזיסטענץ, און דווקא אויף דער ערד.

„דאָס ערשטע וואָס מ'האָט געטון איז, אויסגעפינען שפּייז, אויסגעפינען מיטלען, אַז אַלע מענטשן זאָלן האָבן וואָס צו עסן. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אויב די מענטשהייט וועט זיך פאַרגרעסערן אויף אַזאַ אופן, וועט קיין שפּייז פאַר יעדערן נישט קלעקן. דעמאָלט האָבן אונדזערע געלערנטע אויסגעפונען די „פּילן", וואָס פאַרבייטן אַלע שפּייזן און זענען נאָך נאַרהאַפטיקער ווי די אַמאָליקע עסנס: פלייש, ברויט, פיש און גרינוואַרג. די דאָזיקע „פּילן" האָט מען פּערפעקציאָנירט אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס וואָס איין מענטש האָט אַמאָל אויפגעגעסן אין איין טאָג — קלעקט עס היינט אויף 150 טעג. דערמיט האָט מען פאַרזאָרגט שפּייזן פאַר אַ באַפעלקערונג פון 75 ביליאָן מענטשן.

„שפּעטער, האָבן אונדזערע געלערנטע גענומען גוט אויספאָרשן די ערד און די אומבאַזעצטע געגנטן, ווי אויך די קליינע טייכן, גאָר, ספּעציעל, קליינע, אומנוצלעכע ימים, פון וועלכע די מענטשהייט האָט קיין נוצן ניט געהאַט. מיר האָבן זיי אויסגעטריקנט און זיי פאַרוואַנדלט אין גוטער ערד וואָס גיט אַרויס די בעסטע שפּייז-פּראָדוקטן. מיר האָבן אויפן גרונט פון אָט די אויסגעטריקנטע ימים, געפונען אַזעלכע מינעראַלן פון וועלכע אונזער ערד האָט קיינמאָל ניט געחלומט אפילו. אין משך פון עטלעכע געציילטע יאָרן האָבן מיר געשאַפן אַזוי פיל פּלאַץ אויף דער ערד, אַז די מורא איז באַדייטנדיק קלענער געוואָרן. דאָך, האָט מען נאָך געמוזט אָנקומען צו דראַסטישע מיטלען — צום געבורט-קאָנטראָל. אַזוי ווי אין איטיקע לענדער, וועלכע מיר רופן אָן: „אַזיע", „אַפריקע", און „אויסטראַליע" איז דער געבורט געווען 15 מאָל גרעסער ווי די טויט-פאַלן, האָט די „וועלט-רעגירונג" דורך מעדיצינישע מיטלען געמוזט באַגרענעצן די דאָזיקע געבורטן, און היינט-צו-טאָג איז עס שוין אַזוי אַריין אינעם לעבן אויף דער ערד, אַז ס'איז זעלטן דאָרט צו געפינען אַ פאַמיליע וואָס זאָל באַשטיין פון מער ווי 5 נפשות, דאָס הייסט: פאָטער, מוטער און דריי קינדער...

„איך וויל אייך דערמיט זאָגן, גרויסע געלערנטע, אַז די ערד-איינוואוינער זענען געשטאַנען פאַר אַ גרויסער עקזיסטענץ-סכנה. אָבער, מיר האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט צו קאָנען די געפאַר פאַרמיידן מיטן אַטאַקירן עמיצן און פאַרגיסן בלוט, נאָר מיר האָבן געזוכט פרידלעכע מיטלען, און געגעבן פּלאַץ צום לעבן און זיך באַוועגן.

„היינט-צו-טאָג פאַרמאָגט טאַקע די ערד קרוב צו פינף ביליאָן איינ-

וואוינער. דער געבורט־קאָנטראָל האָט אַ סך געהאָלפן צו פאַרקלענערן דעם צוּוואוּקס, און אַלע איינוואוינער פון דער ערד האָבן גענוג שפּייז־מיטלען.

„איך וויל אייך אויך פאַרזיכערן, אין נאָמען פון די ערד־רעגירער, אַז אונדזערע געלערנטע גיבן איצט אָפּ זייער אַ סך צייט אויף צו אַנטדעקן אַ מיטל ווי אַזוי צו קריגן גענוג וואַסער פאַרן מאַרס. מען האָט לעצטנס געמאַכט אַ סך עקספּערימענטן, וועלכע זענען נישט געלונגען, אָבער, די געלערנטע פאַרלירן נישט די האָפענונג אַז עס וועט זיי געלונגען צו קריגן וואַסער פאַרן מאַרס, אַפילו ווען מען זאָל מוזן דעם מאַרס־פּלאַנעט „איבערוקן" פון זיין „טרוקענעם" פּלאַץ וואו ער געפינט זיך און אים „אַריינשטופּן" אין דער „נאַסער" אַטמאָספער וואוהין עס קומען צו וואָלקנס ווי ביי אונדז אָדער צו דער לבנה.

„איך בין אויך זיכער, אַז אויך דאָ, אויף אייער שיינעם פּלאַנעט מאַרס, וועלן אייערע געלערנטע ענדלעך אויסגעפינען די מיטלען אויף צו קאָנען פרידלעך פאַרזעצן אייער לעבן און אייער עקזיסטענץ, און נישט דאַרפן אָנקומען צו עקסטרעמע מיטלען וואָס זאָלן שטעלן אין געפאַר אייער לעבן, דאָס לעבן פון אייערע פרויען און קינדער און די עקזיסטענץ, בכלל, פון אייער שיינעם פּלאַנעט.

אין דער הויפּטשטאָט פון די פעלקער וואָס באַוואוינען די לבנה, איז היינט אַ גרויסער יום־טוב. דאָס נעמט מען אויף די גרויסע דעלעגאַציע יוגנטלעכע געסט פון דער ערד, וועלכע קומען היינט צופליען מיט אַ ספּעציעלער מיסיע איינצולאַדן זייערע חברים — יוגנטלעכע און סטו־דענטן — צום גרויסן אַניווערסאַר־פעסטיוואַל וואָס מ׳פייערט אויף דער ערד לכבוד דעם אָנהייב פונעם 21־סטן יאָרהונדערט.

די דעלעגאַציע קומט צופליען פון מאַרס, וואוהין זי איז געפלויגן דירעקט פון דער ערד, און ווערט אָנגעפירט פון דער הויפּט־פאַרשטייערין פון דער דעלעגאַציע — הינעם קוק. עס באַגלייטן הינעסיטאַן איר חתן לי־לי, אירע קוזינקעס: אסתר, גראַסיאַ און סוסי, ווי אויך פאַרשטייער און פאַרשטייערינס פון די הויפּט יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון דער גאַנצער ערד.

צוליב העפלעכקייט, און אויפן באַפעל פון דעם מאַרס־שאַליט, באַ־גלייטן די ערד־דעלעגאַציעס אַ גרויסע גרופּע יוגנטלעכע פונעם מאַרס, מיט לי־לים ברידער אין דער שפּיץ.

די דעלעגאַציעס זענען אַרויסגעפלויגן פון מאַרס אין „ראַבאַט־טראַנספּאָרטן״ — דאָס זענען אויסערגעוויינלעכע גרויסע ראַבאַט־עראָפּ־לאַנען, וואָס קאָנען אַריבערפירן מיט איין מאָל דריי הונדערט פּאַסאַ־זשירן אין יעדן עראָפּלאַן; און כאָטש זיי זענען שווערער אָנצופירן, דאָך זענען זיי זיכערערע ווי די קליינע ראַבאָטן וועלכע זענען אויסגעשטעלט אַן אַן אַטמאָספערישער שטורעם זאָל זיי ערגעץ פאַרטראָגן.

פאַר די דעלעגאַציעס זענען שוין צוגעגרייט געוואָרן די שענסטע האָ־טעלן פון דער שטאָט, מיטן אויסנאַם פון הינעסיטאַן און לי־לין, וועלכע זענען די פּריוואַטע געסט פונעם הויפּט־הערשער פון די לבנה־פעלקער, און פאַר וועמען עס זענען צוגעגרייט געוואָרן רייכע וואוינונגען אינעם פּאַלאַץ פון הערשער.

די אָפיציעלע אויפנאַמע דאַרף ערשט פאַרקומען מאָרגן, היינט איז

די דעלעגאַציע פֿריי אַרומצופֿאָרן איבערן פּלאַנעט, אָדער שפּאַצירן אי־בער דער שטאָט און זי באַוואונדערן. דאָס — טוען זיי טאָקע.

אָט אַזוי שפּאַצירנדיק, גייען זיי פֿאַרביי אַ הויז, וואָס איז געבויט אַנדערש ווי די אַנדערע הייזער. דאָס הויז איז זייער גרויס און איז גע־בויט קיילעכדיק. אַרום די קיילעכדיקע ווענט זעט מען נישט קיין פֿענצ־טער. ווען מ׳קוקט זיך אָבער גוט צו, זעט מען, אַז דער דאַך פֿונעם הויז איז פֿון אַ פּלאַסטישן גלאָז, דורך וואַנען עס קומען אַריין אין הויז די זון־שטראַלן.

אַ סטודענט פֿונעם לבנה־אוניווערזיטעט, וועלכער האָט זיי באַגלייט, האָט זיי אָנגעוויזן אויפֿן הויז און געזאָגט אַז דאָ געפֿינט זיך דער היס־טאָרישער מוזעאום פֿון די לבנה־פֿעלקער.

זיי גייען אַלע אַריין אינעווייניק. ביי דער טיר ווערן זיי באַגעגנט און אויפֿגענומען פֿון אַן עלטערן מענטש, וועלכער שטעלט זיך פֿאָר, אַז ער איז „פּראָפֿעסאָר פֿון היסטאָריע און נאַטור־וויסנשאַפֿט פֿון דער לבנה״. ער מעלדעט די געסט, אַז ער וועט זיין זייער באַגלייטער איבער די רייכע זאַלן פֿונעם מוזיי. היינט איז זיין „ריי״ צו זיין דער וועג־ווייזער פֿאַר די באַזוכער פֿונעם מוזיי.

הינעסיטאַ ווינקט זיך איבער מיט אירע קוזינקעס און חברטעס. זיי באַמערקן דעם אונטערשייד צווישן די לבנה־מענטשן און די ערד־איינוואוינער. ביי זיי, אויף דער ערד, זענען אויך פֿאַראַן מוזייען; אויך דאָרטן זענען פֿאַראַן וועגווייזערס וואָס פֿירן אַרום די געסט וואָס באַזוכן דעם מוזיי און ווייזן זיי אָן די באַדייטונג פֿון יעדער זאַך וואָס זיי זעען דאָרט. אָבער די ערדישע וועגווייזערס זענען פּשוטע באַאַמטע, אָן אַ שום ספּעציעל העכערער בילדונג. פּשוט, פּראַקטישע מענטשן וואָס קענען אָט דאָס פֿאַך פֿון וועגווייזערס.

אמת, ס׳זענען פֿאַראַן אויף דער ערד ספּעציעלע שולעס פֿאַרן פֿאַך פֿון וועגווייזערס, אָבער, דאָס זענען געוויינלעכע טעכנישע שולעס, ווי ס׳זענען די שולעס פֿון אַנדערע פֿאַכן.

דאָ, אויף דער לבנה, זענען די וועגווייזערס פֿונעם מוזיי געהויבענע געלערנטע פֿון אוניווערזיטעט, פּראָפֿעסאָרן וואָס גיבן קאַטעדרע, פּראָ־פֿעסאָרן מיט סטאַזש פֿון דערפֿינדער, פֿיזיקער, מאַטעמאַטיקער און הויך־געלערנטע אין דער מעדיצין — און אָט די דאָזיקע מענטשן זענען עס אויף דער לבנה די וועגווייזערס פֿאַר טוריסטן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זיי קלאָר געוואָרן, פֿאַרוואָס דאָס גע־שעט אַזוי דאָ, אויף דער לבנה. ווי נאָר זיי האָבן געענדיקט זייער באַזוך,

זענען זיי פאַרבעטן געוואָרן אינעם הויפּט-זאַל פון מוזיי. מ׳האָט זיי געבעטן זיך צו זעצן אויף די רעזערווירטע פלעצער פאַר זיי, און דער פּראָפעסאָר-וועגווייזער האָט פאַר זיי און פאַר נאָך אַ פּאָר הונדערט ביי-וועזנדיקע טוריסטן, וואָס האָבן זיך צופעליק געפונען אין זאַל, געגעבן אַ לעקציע, פּונקט ווי ער טוט עס אין זיין פאַקולטעט פאַר זיינע סטודענטן-צוהערער.

— „איר האָט דאָ, מיינע ליבע געסט, —זאָגט דער פּראָפעסאָר-וועגווייזער,— געזען פאַרשידענע זאַכן. אַ סך פון זיי געהערן צו דער געשיכטע פון אונדזער לבנה-פּלאַנעט פאַר די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָר. אַ סך פון זיי זענען ערשט אַלט עטלעכע הונדערט יאָר. פאַראַן דאָ זאַכן וואָס איר האָט געזען, וואָס זענען ערשט אַלט עטלעכע... חדשים. מיר האָבן זיי אַריינגעגעבן אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן בנין, טאַקע כדי, אַז ווען עס קומען צו אונדז געסט, טוריסטן פון אַנדערע פּלאַנעטן, אָדער טוריסטן פון אַלע ווינקעלעך פון אונדזער אייגענעם פּלאַנעט, זאָלן מיר זיי באַקענען מיט די דאָזיקע נייעסן וואָס מיר האָבן אויסגעפונען און זיי געבן אַ געלעגנהייט, אַז זיי זאָלן עס איבערגעבן צו זייערע פעלקער און געלערנטע, וואָס זיי האָבן דאָ געזען.

„איצט טאַקע, וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט און אייך באַקאַנט מאַכן מיט אַ לעצטער אַנטדעקונג וואָס מיר האָבן געמאַכט, און עס וועט פאַר אונדז, לבנה-מענטשן, זיין אַ פרייד אויב איר וועט עס באַקאַנט מאַכן אויף אייערע פּלאַנעטן, צו אייערע פעלקער און צו אייערע הויך-געלערנטע, אַז זיי זאָלן אויך געניסן פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג. איר האָט געזען אין מוזיי סקעלעטן פון חיות, בהמות און עפות, וואָס שטייען דאָרט אויסגעשטעלט, און גאָר ספּעציעל פון עטלעכע חיות וואָס ביי אייך, אויף דער ערד, רופט מען זיי: „בערן”, „הינט”, „מאַנקים”, און אַנדערע. — וועגן זיי וועל איך אייך רעדן.

„מיר, דאָ אויף דער לבנה, האָבן אויך די דאָזיקע מינים חיות, און שוין לאַנג, לאַנג האָבן זיך אונדזערע געלערנטע אָפּגעגעבן מיט שטודירן די פאַרשידענע טיילן פון קערפּער פון יעדער חיה. מיר האָבן געמאַכט זייער פיל עקספּערימענטן מיט זיי און מיט די טיילן פון זייערע קערפּערס וועלכע מיר האָבן אויסגעשניטן און שטודירט, און מיר זענען געקומען צו דער מסקנה, אַז דער בער און דער הונט האָבן אַ געוויסן טייל פון זייער מאַרך אינעם קאָפּ פאַרבאָרגן אין אַ ווינקעלע. און ער איז נישט אַנטוויקלט. מיט דעם איבעריקן טייל פונעם מאַרך האָבן זיי אַביסעלע פאַרשטאַנד, אויף אַזוי פיל, אַז זיי פאַרשטייען וואָס מען רעדט צו זיי,

און זיי ווילן ענטפערן — נאָר דער טייל פון זייער רייד־אַפּאַראַט איז נישט אַנטוויקלט.

„מיר האָבן געמאַכט אַן עקספּערימענט און אַרויסגענומען פון צוויי פאַרשטאַרבענע מענטשן ייער מארך, זייער שטים־אַפּאַראַט און האָבן זיי איבערגעפלאַנצט אין אַ בער און אין אַ הונט. און מיר האָבן באַקומען אַ וואונדערלעכן רעזולטאַט: ביידע חיות האָבן אַבסאָלוט פאַרשטאַנען און באַקומען דעם שכל פון די פאַרשטאָרבענע מענטשן, און ביידע חיות האָבן אָנגעהויבן... רעדן מיט דער זעלבער שטים וואָס די פאַרשטאָר־בענע מענטשן האָבן געהאַט ביי זייער לעבן.

„און אָט האָט איר פאַר אייך אַזעלכע צוויי חיות, מיט וועמען איר קענט רעדן און וועלכע וועלן אייך ענטפערן”.

דער פּראָפעסאָר־וועגווייזער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און עס קו־מען אַריין אינעם זאַל צוויי חיות — אַ בער מיט אַ הונט; זיי גיבן זיך אַ נויג פאַר די פאַרזאַמלטע און שטעלן זיך נעבן פּראָפעסאָר...

און נאָך איידער די ערד־דעלעגאַציעס זענען געקומען צו זיך פון איבערראַשונג, האָט דער פּראָפעסאָר פאָרגעזעצט:

— „ווען מיר האָבן שוין פעסטגעשטעלט, אַז די חיות קענען באַקו־מען הילף פון מענטשלעכע אברים, האָבן מיר אָנגעהויבן שטודירן דאָס פאַרקערטע. מיר האָבן געוואָלט וויסן, צי די מענטשן קאָנען אויסנוצן וועלכע ס'איז אברים פון די דאָזיקע חיות? נאָך מערערע עקספּערי־מענטן פון פיל טעג און נעכט שטודירן, איז אונדז געלונגען פעסטצו־שטעלן, אַז דער דריז פונעם בער וואָס גיט אים כוח, און אַ צווייטער דריז וואָס איז ענלעך צום מענטשלעכן האַרץ, קען מען איבערפלאַנצן אין מענטשלעכן קערפּער. פון דעם הונט, קאָן מען בלויז אויסנוצן זיינע אויגן, וועלכע זענען שאַרפערע און געזונטערע פון מענטשלעכע אויגן בכלל, און וואָס ווערן כמעט קיינמאָל נישט קראַנק.

„אויף דער דאָזיקער עקספּערימענט איז אונדז געלונגען. איר וועט באַלד זען פאַר זיך אַן עלטערן מענטש, וואָס איז געווען קראַנק אויפן האַרץ און דערפון האָט ער פאַרלוירן זיינע כוחות. איצט, וועט איר זען — ער איז אַבסאָלוט געזונט געוואָרן און קאָן אויפהייבן אַ וואָג וואָס וועגט צוויי מאָל אַזוי פיל וויפל ער אַליין וועגט. איר וועט זען אַ צווייטן מענטש, וואָס דורך אַן אומפאָרזיכטיקייט ביי זיין אַרבעט איז ער אַבסאָלוט בלינד געוואָרן. מיר האָבן אים אַריינגעשטעלט אויגן פון אַ יונגן הונט, און ער זעט איצט בעסער ווי פריער”.

דער פּראָפעסאָר גיט אַ הייב מיט דער האַנט, און ס'קומען אַריין

אין זאַל צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט לעבן פּראָפעסאָר. פון דער צווייטער זייט, האָבן פיר געזונטע, פעסטע מענטשן אַריינגעטראָגן אַ פיר־קאַנטיק גרויס שטיק שטאָל און עס אַוועקגעלייגט לעבן פּראָפעסאָר. מ'האָט געקאָנט באַמערקן, אַז די פיר מענטשן טראָגן קוים דאָס דאָזיקע שטיק שטאָל. מען האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ גרויסע וואָג און מ'האָט מיט שווערער מי אַרויפגעלייגט דאָס שטיק שטאָל אויף דער וואָג. יעדער בייוועזנדיקער אין זאַל האָט געזען, אַז דאָס „צינגל" פון דער וואָג ווייזט, אַז דאָס שטיק שטאָל וועגט אַריבער דריי הונדערט קילאָ.

די מענטשן וואָס האָבן געבראַכט דאָס שטיק שטאָל, האָבן עס געלאָזט ליגן אויף דער וואָג. עס דערנענטערט זיך צום וואָג דער מענטש מיטן „בערישן כוח" און „בעריש האָרץ", און אָן גרויסע שוועריקייטן הייבט ער אויף דאָס שטיקל שטאָל, נעמט עס אַראָפּ פון דער וואָג און טראָגט עס אַרום אין זאַל.

ביים צווייטן מענטש, מיט די הינטישע אויגן אין זיך, איז גאָרנישט געווען וואָס צו באַמערקן. ווען דער מענטש האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אין זאַל און ווען מ'האָט זיך נענטער אַריינגעקוקט אין אים, האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז זיינע אויגן בלישטשען אויסערגעוויינלעך. און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער בינע, וואו דער פּראָפעסאָר איז געשטאַנען, און זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים, האָט זיך אינעם צווייטן ווינקל זאַל אָפּגעדעקט אַ פאָרהאַנג און ס'האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצער טאָוול, וועלכן מען נוצט, געוויינלעך, אין שולעס. דער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגערופן הינעסיטאַן און איר געבעטן, אַז זי זאָל עפּעס אָנשרייבן אויפן טאָוול. הינעסיטאַ איז צוגעגאַנגען צום טאָוול און אָנגעשריבן:

„איך בין שטאַרק איבעראַשט פון דעם וואָס איך האָב דאָ היינט געזען. אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיינע קאָלעגן פון דער דעלעגאַציע, ווי בכלל אין נאָמען פון די ערד־מענטשן, באַגריס איך ענטוזיאַסטיש די געלערנטע פון דער לבנה, וועלכע זענען די גרעסטע געלערנטע און פאַרגייער פון דער מאָדערנער מעדיצין פון אַלע פּלאַנעטן אונטער דער זון־סיסטעם".

הינעסיטאַ האָט עס אָנגעשריבן מיט זייער קליינע אותיות. מ'האָט געדאַרפט שטיין זייער נאָענט כדי מ'זאָל קאָנען איבערלייענען, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. צווישן טאָוול און דער בינע איז געווען אַרום דריי הונדערט מעטער. דער קאָנפערענצן־זאַל איז געווען זייער גרויס און האָט געהאַט זיצפּלעצער פאַר עטלעכע טויזנט מענטשן.

דער פּראָפעסאָר האָט געגעבן אַ וואונק צום מענטש מיט די „הינ־טישע אויגן“, און יענער, שטייענדיק אויף דער בינע, האָט אָן שום שוועריקייטן איבערגעלייענט אַלץ וואָס הינעסיטאַ האָט אָנגעשריבן. ער האָט געלייענט, גלייך ווי דאָס פּאַפּיר זאָל זיין אונטער זיין נאָז.

נאָכן איבערלייענען, איז ער צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר, זיך גע־שטעלט אויף אַ קני און אים אַ קוש געטון אין דער לינקער האַנט — דאָס איז געווען דער גרעסטער אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט, וואָס מ'האָט פּראַקטיצירט אויף דער לבנה, — דאָס הייסט, ער האָט געדאַנקט די גע־לערנטע פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן אים געראַטעוועט פון בלינדקייט.

עס ווערט געמאַכט אַן איבעררייס אויף עטלעכע מינוט. די ביי־וועזנדיקע קאָמענטירן גרופּעסווייז די וואונדער פון מענטשלעכן וויסן, וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס געזען, און צווישן די געשפּרעכן זאָגט הינעסי־טאַ צו לי־לין:

— דו ווייסט פאַרוואָס ביי אונדז, אויף דער ערד, האָבן אונדזערע געלערנטע נישט געקאָנט אויסגעפינען און אַנטדעקן אָט דאָס גרויסע וואונדער פון דער נאַטור, פון דער מעדיצין? — ווייל ביי אונדז זענען די געלערנטע געווען פאַרנומען במשך פון צענדליקער יאָרן מיט זוכן, שטודירן און אויסגעפינען נייע מיטלען, נייע וועגן ווי אַזוי צו... פאַר־ניכטן איין פאָלק דעם אַנדערן. און וואָלט נישט געקומען די דריטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט אויף אַ גליקלעכן אופן אַ סוף געמאַכט צו אַלע מלחמות און צו אַלע שחיטות צווישן פעלקער און ברידער, וואָלט שוין היינט קיין ערד נישט געווען; קיין ערד־מענטשן וואָלטן שוין נישט עקזיסטירט און עס וואָלט נישט געקומען צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע פעלקער, ווי עס איז איצט ביי אונדז, אויף דער ערד.

— און, — זעצט פאָר הינעסיטאַ, — ווען מיר וועלן נאָך פּטור ווערן פונעם שרעק און פון דער מורא, אַז די מאַרס־רעגירער זאָלן נישט... משוגע ווערן און אונדז אָנהייבן אַטאַקירן — וועט נאָר קומען צו אַן אמתער ברודערשאַפט צווישן פּלאַנעטן און פעלקער; וועלן מיר, אויף דער ערד, זיך אויך קאָנען אָפּגעבן מיט פאָרשן, כדי צו פאַרבעסערן און פאַרלענגערן דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס זאָל דערגרייכן ווי אַמאָל — אין די ביבלישע צייטן — צו טויזנט יאָר!

לי־לי הערט איר ערנסט אויס און רופט זיך אָן:

— און דו מיינסט, אַז מיר, אויפן מאַרס, זענען בעסער פון אייערע ערד־מענטשן? אויך ביי אונדז זיצן די געלערנטע און האַלטן אין איין זוכן און פאָרשן, כדי צו געפינען נייע... טויט־מיטלען, כדי מיט זיי

און דורך זיי צו באַהערשן די ערד מיט אירע רייכע טייכן, ימים און ערד־שטחים. אין יענעם טאָג — און דער טאָג איז נאָענט — ווען מיר וועלן אַוועקוואַרפן די „שטראַל״־וואָפן; ווען מיר וועלן אַוועקוואַרפן די אידעע פון מאָרד, פון זוכן און געפינען שקלאַפן, פון דעם ברוטאַלן באַהאַנדלען זיי, און מיר וועלן אָנהייבן שטודירן מעדיצין און כעמיע — וועלן מיר אָניאָגן און אַריבעריאָגן די ערד־איינוואוינער און אַפילו די לבנה־געלערנטע, וועלכע זענען די גרעסטע מומחים אין דער מעדיצין.

אַ סיגנאַל פון ליכט־קאָלירן האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער „אינטער־וויל״ האָט זיך געענדיקט, און מען בעט יעדן איינעם פאַרנעמען זיין זיץ־פּלאַץ.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען שוין אַלע געזעסן אויף זייערע צוגע־גרייטע שטולן, און דער פּראָפעסאָר־וועגווייזער האָט פאָרגעזעצט מיט זיין קאָנפערענץ:

— „מיר האָבן אייך פריער באַקאַנט געמאַכט מיט אונדזערע דער־גרייכונגען אויפן געביט פון דער מעדיצין. איצט וועלן מיר אייך וויזן אונדזערע דערגרייכונגען אויף אַ צווייטן געביט. ביי אייך, אויף דער ערד, וואָלט מען די דאָזיקע דערגרייכונגען אַ נאָמען געגעבן „כעמיע״, אָדער „פיזיק״; ביי אונדז רופט מען עס פשוט: נאַטור־דערגרייכונגען.

„ווי אייך איז באַוואוסט, ליבע געסט, איז אונדזער פּלאַנעט, די לבנה, נישט אינגאַנצן צוגעפּאַסט פאַרן מענטשלעכן לעבן. פאַראַן ביי אונדז געגנטן וואָס זענען נאָך אַפילו נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן, ווייל קיין לעבעדיק וועזן קאָן אַהין נישט צוקומען.

„נו, אַז ביי אונדז אויף דער לבנה איז קיינמאָל נישט געווען דאָס, וואָס ביי אייך רופט מען „נאַפט״, „אויל״, אָדער אַנדערע ברענשטאָפן — דאָס ווייסט איר דאָך שוין, ווייל מען לערנט עס ביי אייך אין אייערע לערן־ביכער. לויט ווי אונדזער געשיכטע דערציילט אונדז, האָבן מיר אַ סך הונדערטער און טויזנטער יאָרן — זינט ס׳איז פאַראַן לעבן אויף דער לבנה — גענוצט קוילן און האָלץ וואָס מיר פאַרמאָגן לרוב.; ביז אונדזערע געלערנטע, וועלכע האָבן שטענדיק געזוכט ווי אַזוי צו פאַר־גרינגערן דעם מענטשלעכן לעבן, האָבן דערפונדן, ווי אַזוי די זון און אירע אייביקע שטראַלן קאָנען דינען ווי אַן אומאויסשעפּלעכן און ביליקן הייץ־מאַטעריאַל. עס האָט געקאָסט יאָרן אַרבעט, אָבער מיר האָבן אונדזער ציל דערגרייכט. שוין יאָרן און יאָרן, טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, אין אַרבעטס־טעג אָדער אין רו־טעג, אַרבעטן די אויפנאַם־אַפּאַראַטן, וואָס זאַמלען אַריין די שטראַלן אין די דערצו אָנגעגרייטע

דעפּאָזיטן און פּאַרוואַנדלען זיי אין טרייב-קראַפט פאַר אונדזערע מאַשי-נען, פאַר אַלץ וואָס באַוועגט זיך אויף אונדזער פּלאַנעט.

„ביי אייך, אויף דער ערד, הייסט עס „אַטאָם"-קראַפט; ביי אונדז רופן מיר עס „שטראַלן"-קראַפט. מיט די דאָזיקע שטראַלן דערגרייכן מיר אַלץ וואָס מיר ווילן. אַז מיר נייטיקן זיך אין וואַסער, איז גענוג „אַוועקצושיקן" אונדזערע שטראַלן אין די הויכע הימלען — וועלן זיי אונדז צונויפנעמען אַ גענוגנדיקע צאָל כמאַרעס און ס'וועט זיך אַ גאָס טון אַ רעגן. דאַרפן מיר שוין מער נישט קיין וואַסער — „שיקן" מיר אַרויס די דאָזיקע „שטראַלן", וועלכע צעטרייבן די כמאַרעס; ווילן מיר אויסטריקענען די געגנט וואו ס'האָט גערעגנט — טוען עס פאַר אונדז די שטראַלן; ווילן מיר, אַז די פייכטקייט זאָל אָנהאַלטן אַ פאָר טעג — איז ווידער די שטראַלן!

„אַז אַ דאַנק די שטראַלן, וועלכע מיר נוצן מיטן גרעסטן דערפאָלג ביים היילן אַ מענטשלעכן קערפּער, האָבן מיר דערגרייכט גרויסע דערפאָלגן אויפן דאָזיקן געביט — ווייסט איר עס שוין. קומט צו אונדזערן אַ דאָקטער אַ קראַנקער, איז דאָס ערשטע וואָס דער דאָקטער טוט, איז, — אַריינשטעלן אים אין שטראַל-אַפּאַראַט, וועלכער ווייזט-אָן קלאָר און דייטלעך, ווי אַזוי דעם מענטשנס קערפּער, און ווי אַזוי יעדער אבר זיי-נער אַרבעט. אין משך פון געציילטע מינוטן ווייסט דער דאָקטער וועל-כער „שרייפעלע" אַרבעט נישט גוט! אין אַ סך פאַלן קאָן מען, טאַקע ווידער דורך די דאָזיקע שטראַלן, צורעכט מאַכן דעם פעלער, און דער קראַנקער גייט אַרויס פון דאָקטער אַ געזונטער.

„דאָס גרעסטע וואָס אונדזערע „שטראַלן" האָבן דערגרייכט, איז אויפן געביט פון מענטשלעכער באַפרוכפּערונג. פּונקט ווי ביי אייך אויף דער ערד, האָבן מיר דאָ, אויף דער לבנה געהאַט פאַלן, וואָס פאָר-פעלקער האָבן זיך פאַרליבט, חתונה געהאַט און עס האָט זיך אַרויסגע-וויזן, אַז קיין קינדער קאָנען זיי נישט האָבן, ווייל, אָדער ער, אָדער זי, זענען געווען קראַנק אויף אַ געוויסן דריז, וואָס האָט נישט דערלאָזט אַז דאָס פאָרפאָלק זאָלן האָבן קינדער.. די אויבנדערמאָנטע „שטראַלן" האָבן טאַקע אויסגעהיילט דעם קראַנקן דריז, און פון דאַן אָן איז ביי אונדז נישט פאַראַן קיין שום קינדערלאָזע פאַמיליע.

„אויב דאָס פאָרפאָלק ווילן נישט זיין קיין טאַטע-מאַמע, איז, לויט אונדזערע געזעצן, נישטאָ קיין שום מאָטיוו און קיין שום מעגלעכקייט זיי דערצו צו צווינגען. זיי קומען צום דאָקטער, שרייבן ביי אים אונטער אַ דעקלאַראַציע, און — ווידעראַמאָל — דורך די דאָזיקע שטראַלן און אָן

שום זוייטיק, אָדער צייט-פאַרלוסט ווערן זיי באַוואָרנט נישט צו האָבן קיין קינדער. דער איינציקער געזעץ אויף דעם דאָזיקן געביט, וואָס זאָגט יאָ אַ דעה וועגן דאָזיקן ענין, איז: כאָטש מיטן „באַשטראַלן" בלויז איינעם פון זיי — דעם מאַן אָדער דער פרוי — איז שוין גענוג אַז זיי זאָלן קיין קינדער נישט האָבן, און ווען אפילו זיי זאָלן פאָדערן, אַז בלויז איינער פון זיי זאָל „באַשטראַלט" ווערן, דאָך איז —לויט אונדזער געזעץ — אַ „מוז" אַז ביידע, אי דער מאַן, אי די פרוי, זאָלן באַקומען דעם „קעגן-קינדער-שטראַל". די פּראַקטיק האָט אונדז באַוויזן, אַז אַ דאַנק דעם דאָזיקן געזעץ האָבן אַ סך, זייער אַ סך „פּאָרפּאָלקן" אויפגעהערט זיך צו באַנוצן מיט אָט דעם מיטל.

„איך וויל פאַרענדיקן מיין לעקציע פאַר איך, מיינע ליבע געסט, און אייך אָנוויזן אויפן גרעסטן וואונדער וואָס די זונשטראַלן האָבן אויפגעטון פאַר אונדז.

„ווי איר ווייסט, האָבן מיר פאַרמאָגט און פאַרמאָגן נאָך איצט אויך זייער פיל ריזיק-הויכע בערג; בערג, וואָס פאַרשטעלן די זון; בערג, אויף וועלכע עס וואַקסט גאָרנישט אחוץ שטיינער; בערג, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אין זייערע „געדערים" די ריינסטע מינעראַלן, ווי גאָלד, זילבער, איידלשטיינער און אַנדערע זאַכן וואָס מען קאָן נוצן פאַרן מענטשלעכן לעבן און געזונט. בערג און בערג וואָס האָבן פאַרנומען דעם גרעסטן טייל פון אונדזער ציוויליזירטן און באַזעצטן לבנה-פּלאַנעט, פּונקט ווי ביי אייך האָבן עס פאַרנומען די גרויסע ימים און טייכן.

„די צווייטע צרה פון די בערג זענען געווען די טאָלן צווישן די זעלבע. אָט די טאָלן, זענען אויך געווען אומפּרוכטבאַרע. עס איז אויף זיי גאָרנישט געוואַקסן און מען האָט זיי נישט געקאָנט באַנוצן אויף צו באַזעצן זיי מיט מענטשלעכע ישובים, ווייל די בערג וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט האָבן פאַרשטעלט די זון און ליכט פון טאָג. חוץ דעם, זענען די טאָלן, ביים קלענסטן רעגן, פאַרטרונקען געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומנוצלעכע און אפילו שעדלעכע טייכן, אין שטייענדיקע וואַסערן. ביז, ס'איז געקומען די צייט, די „ערע פון די שטראַלן". נאָך פיל טעג און יאָרן שטודירן, האָבן אונדזערע געלערנטע „איינגעשפּאַנט" די שטראַלן אין „ברעכאייזנס", און דער וואונדער האָט אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן — די בערג זענען צעריבן געוואָרן און זייערע שטיינער, זאַמדן און ערד זענען אַריינגעפאַלן אין די טאָלן וואָס זענען אָנגעפּולט און אויסגעגליכט געוואָרן צוגלייך מיט דער ערד אויף אַזאַ אופן, אַז מ'וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן וואו ס'האָט זיך גע-

פונען דער טאָל און וואו דער באַרג. ביים צעמאָלן די בערג האָט מען דאָרט אַנטדעקט אַזעלכע אוצרות וואָס וועלן צונוץ קומען אונדזער פּלאַנעט אין משך פון די קומענדיקע פינף הונדערט יאָר".

— — — — — — — — — — — — — —

דער באַזוך אין מוזיי און די קאָנפערענץ האָט זיך שוין געענדיקט. הינעם האָט זיך געקליבן צו מאַכן אַ גרעסערן און לענגערן באַזוך פון די לבנה-שטעט. לי-לי האָט זי אַ ריר געטון ביי דער האַנט און מיט אַ וואונק זי אָוועקגערופן אָן אַ זייט אין איר געמעלדעט, אַז זיין „טעלעפאָן-זייגערל" זאָגט אים, אַז ער מוז דרינגענד זיך אומקערן אַהיים, אויפן מאַרס. דאָס מעלדעט אים זיין געטרייער אַסיסטענט, זיין געהילף, וועמען ער האָט מיטגענומען פונעם מאַרס און אים איבערגעלאָזט אין האָטעל פון דער לבנה-הויפּטשטאָט, כדי צו האָבן דורך אים אַ פאַרבינדונג מיטן מאַרס, אָדער מיט דער ערד ווען ער וועט אַרומפאָרן איבער די לבנה-שטעט, אָדער ווען ער וועט זיין פאַרנומען אין אָפיציעלע אַקטן.

לי-לים „טעלעפאָן-זייגערל" קאָן בלויז אַקטואירן אויפן זעלבן פּלאַנעט. זיין געהילף האָט אָבער מיט זיך אַ „שטראַל-ראַדיאָ-טעלעפאָן", דורך וועלכן ער שטייט די גאַנצע צייט אין פאַרבינדונג מיטביידע פּלאַנעטן — די ערד און דער מאַרס. דורך אָט דעם „שטראַל-טעלעפאָן", און מיט אַ שיפרירטער שפּראַך, האָט מען נאָר-וואָס דרינגענד אַרויסגערופן לי-לין, ער זאָל זיך אומקערן אַהיים. מען רעקאָמענדירט אים אויך צו קומען אָן הינעסיטאַן; ער זאָל זי אָפּשיקן צו דער ערד, אָדער ער זאָל זי לאָזן אויף דער לבנה. ער קאָן טון ווי ער פאַרשטייט. ער ווערט אויך געוואָרנט צו האַלטן בסוד זיין אַרויספליען, און זאָל נישט פליען דירעקט פון דער לבנה, נאָר זאָל מאַכן אָן אומקרייז און אָנקומען מיטן ערד-וועג צום מאַרס. די איינציקע, וועמען ער מעג דערציילן וועגן זיין דרינגענדיקער נסיעה, איז זיינע צוויי ברידער. עס לוינט זיך אָבער אויך אַז ער זאָל מעלדן זיין צוקונפטיקן שווער, דעם ה' קוק, אַז ער פליט דורך די ערד אויפן וועג צום מאַרס. ער זאָל אים מעלדן, אַז ס'איז אַ שטרענגער סוד זיין רייזע, און ה' קוק זאָל אים אָפּוואַרטן ביים פלי-פּלאַץ וואו ער וועט אָנקומען...

הינעסיטאַ פאַרלאָזט איר קאָמפּאַניע און באַגלייט לי-לין צום האָטעל. זי איז גאָרנישט חושד און זי רעדט נאָך אַלץ וועגן דער קאָנפערענץ און וועגן די דערגרייכונגען פון די לבנה-מענטשן.

אַ פּאָר מינוט פאַר זיין פאַרלאָזן דעם האָטעל, כדי אַריינצוזעצן זיך

אינעם ראָבאָט וועלכער וועט אים פירן צו דער ערד, און פון דאָרט — צום מאַרס, לאָזט זיך לי־לי גיין צום „שטראַל־טעלעגראַף", כדי צו מעלדן דעם ה' קוק זיין אָנקומען. אָבער, נאָך איידער ער עפנט די טיר פון זיין האָטעל־צימער, עפנט זיך די טיר אַליין און עס קומט אַריין אין זיין צי־מער דער הער העגרי קוק.

— — — — — — — — — — — — —

הער קוקס ערנסט פנים האָט געגעבן צו פאַרשטייען לי־לין, אַז עס געשעעט עפּעס וויכטיקעס. ער האָט זיך געשראָקן פאַר א שלעכטער ידיעה. אפשר האָבן עפּעס א פּאָר וואַנזיניקע הערשער אָנגעהויבן אַטאַ־קירן די ערד? אפשר האַלט עס ערב אַ מילחמה צווישן די פּלאַנעטן?

ה' קוק האָט פאַרשטאַנען זיין אומרואיקייט און אים באַלד, פון אָנ־הויב אָן געזאָגט:

— שרעק זיך נישט! מעגלעך אַז פון דיין איצטיקער רייזע וועט אַרויסקומען דאָס גרעסטע און בעסטע וואָס מיר ווינטשן זיך. קום מיט מיר אין „ראָבאָט" און אויפן וועג וועלן מיר רעדן און איך וועל דיך עצהן וואָס דו דאַרפסט טון.

אין דער הויפּטשטאָט פון מאַרס איז היינט אַ אויסערגעוויינלעכע באַוועגונג. גאָר ספּעציעל באַמערקט זיך די באַוועגונג נעבן פּאַלאַץ פון „שאַליט" — דער הויפּט-הערשער פונעם פּלאַנעט. יעדע מינוט, יעדע רגע קומען צופליען קלענערע און גרעסערע ראָבאָטן. עס שטייגן פון זיי אַרויס הערשער און ציווילע געלערנטע, ריכטער און אוניווערזיטעט-פּי-רער. עס זענען שוין אויך געקומען צופליען אַלע הויפּט-הערשער פון מאַרס, וועלכע גייען תיכף אַריין אין שאַליטס פּאַלאַץ, וואו ס'קומט פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכעס.

ווען לי-לי איז געקומען צופליען און איז צוגעקומען צום שאַליטס פּאַלאַץ, האָט ער זיך געגעבן רעכענונג וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זיין צוקונפטיקער שווער, הערי קוק, וועלכער איז אַזוי פּלוצים צו אים גע-קומען אויף דער לבנה, האָט אים שוין געהאַט דערציילט. וואָס עס קומט פאָר אויפן מאַרס. ער, הערי קוק, איז טאַקע צוליב לי-לין געקומען צו-פליען, כדי אים צו נעמען צום ערד-פּלאַנעט און פון דאָרט אים אַרוים-שיקן צום מאַרס. ער, הערי קוק, האָט נישט געוואוסט, אַז לי-לי האָט שוין געוויסע אינסטרוקציעס וועגן פּאַרזיכטיקייט באַקומען פון זיין פאָטער.

אין די רייכע סאַלאָנען פון פּאַלאַץ האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער מענטשן. עס איז אָבער געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן דאָס אָטעמען פון יעדן איינעם. מ'האָט זיך צונויפגערעדט מיט די אויגן, אויף „שטום-לשון". ווען לי-לי איז אַריינגעקומען אין זאַל, האָבן אַ סך פאַרזאַמלטע אים באַגריסט. אייניקע פון זיי — גאָר, גאָר פריינטלעך; אַנדערע, האָבן פאַרדרייט דעם קאָפּ און זיך געמאַכט נישט-זעענדיק. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ זייט אַרומגערינגלט פון פריינט און הערשער, און שטיל, אומבאַוועגלעך גע-וואַרט אויף עפּעס. מ'האָט געוואַרט אויף דער מינוט ווען אַ סיגנאַל פון אַ רויטער ליכט וועט מעלדן די פאַרזאַמלטע, אַז די דאָקטוירים וואָס באַ-האַנדלען דעם שטאַרבנדיקן „שאַליט", זאָלן דערלויבן אַריינצוגיין צו אים

און זיך געזעגענען מיט אים, איידער ער פאַרלאָזט די שטערבלעכע וועלט.

שוין עטלעכע טעג ווי דער „שאַליט" איז געווען ערנסט קראַנק. לויטן מינהג פון די מאַרס-איינוואוינער, האָט מען עס נישט געטאָרט מו־דיע זיין אין דער עפנטלעכקייט, ביז די לעצטע שעהן פון זיין לעבן. דאָס מאָל איז מען געוואויר געוואָרן פריער ווי געוויינלעך. דאָס איז געווען דער ווילן פון גרויסן „שאַליט", אַז דאָס פאָלק זאָל וויסן וועגן זיין צו־שטאַנד און זאָל קומען צום פאַלאַץ זיך געזעגענען מיטן גרויסן הערשער; ס'איז געווען דער ווילן פון „שאַליט", אַז מ'זאָל דרינגענד אַרויסרופן צו אים דעם יונגן און פעאיקן הערשער לי-לין, מיט וועמען ער וויל רעדן פאַר זיין אַוועקגיין פון דער לעבעדיקער וועלט. כאָטש, אָפיציעל ווייסט מען עס נישט, אָבער מ'גיט איבער פון מויל צו מויל, אַז אין זיין „שטערבלע־כער רעקאָמענדאַציע" — די אַזוי גערופענע צוואה פון גרויסן „שאַליט" — רעקאָמענדירט ער זיין פאָלק און באַפעלט זיינע הערשער, אַז אויף זיין אָרט זאָל מען אויסוויילן... לי-לין אַלס „שאַליט".

אָט די דאָזיקע שריפטלעכע רעקאָמענדאַציע דאַרף ער איצט אי־בערלייענען פאַר זיינע הערשער און געלערנטע, וועלכע האָבן זיך פאַר־זאַמלט אויף צו באַגלייטן זייער הערשער אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. עס איז אויך דער מינהג פון די מאַרסיאַנער, אַז אויב דער הער־שער איז פיזיש נישט אימשטאַנד צו לייענען, אָדער ער איז אויסגעגאַנ־גען פריער איידער מ'איז זיך צונויפגעקומען אים צו געזעגענען, — דאַן לייענט די צוואה דער עלטסטער ריכטער פונעם מאַרס.

די דאָזיקע „שטערבלעכע רעקאָמענדאַציע" (די צוואה) איז נישט אָבליגאַטאָריש פאַר די מאַרס-איינוואוינער. עס איז נישט קיין „מוז" זי אויסצופאָלגן. אָבער, פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָרן האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז אויפן מאַרס-פּלאַנעט זאָל מען נישט אויספאָלגן די דאָזיקע „רעקאָמענדאַציע". די צפון-פעלקער פונעם מאַרס-פלאַנעט, ווי פאַרגעשריטן זיי זאָלן נישט זיין, האַלטן זיי נאָך אַלץ זייער דערוויילטן „שאַליט" ווי אַ געטלעכן מאַן, וועמענס ווילן מ'טאָר נישט ווידערשפּע־ניקן. און, וואָלט מען נישט אויסגעפאָלגט די דאָזיקע „רעקאָמענדאַציע", וואָלט קיין שום אַנדער „שאַליט" נישט געזעסן רואיק אויף זיין טראָן, אַז אַ וועלכער נישט איז פאַנאַטיקער זאָל אים נישט טויטן ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

ווייסנדיק אַז ל-לי האָט זייער פיל שונאים און נישט-פאַרגינער צווישן די הערשער און געלערנטע, און מורא האָבנדיק פאַר אַן אומגעריכטן

אַטענטאַט אין דער לופט. ווען ער וועט פליען צום מאַרס, האָט דער פּאַ־טער אָנגענומען די פּאַרזיכטס-מיטלען, אַז לי־לי זאָל אָנקומען בשלום צום מאַרס. דער פּאַטער האָט שוין געזאָרגט דערפאַר אַז די ידיעה וועגן דעם שאַליטס „רעקאָמענדאַציע” זאָל, אומאָפיציעל, שנעל באַוואוסט ווערן אויפן גאַנצן מאַרס-פּלאַנעט... דערמיט האָט ער אין אַ גרויסער מאָס פאַרזיכערט לי־לים פּערזענלעכן שוץ אויפן מאַרס.

הערי קוק איז דערפון געוואויר געוואָרן דורך זיינע שפּיאָנען אויפן מאַרס. ער האָט אַפילו געוואוסט, ווער ס'האָט רעקאָמענדירט דעם „שאַ־ליט” אַז ער זאָל עס נישט טון. און אַזוי ווי ער, הערי קוק, האָט אויך מורא געהאַט פאַר לי־לים לעבן, איז ער געקומען אויף דער לבנה, כדי אים צונעמען אונטער זיין שוץ און אים —אויף אַן אומדירעקטן אופן— טאַקע ברענגען אויפן מאַרס. דאָרט, אין האָטעל, האָט ער שוין געמעלדעט לי־לין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און אים געגעבן די געהעריקע אינסטרוק־ציעס, וואָס צו טון און ווי אַזוי צו ריידן — אויב מ'וועט אים באַלד פּראָק־לאַמירן אַלס „שאַליט”.

— — — — — — — — — — — — —

אַ רויט ליכט האָט זיך באַוויזן — דער צייכן אַז מ'קאָן אַריינגיין אין אינעם זאַל וואו דער „שאַליט” ליגט. ווען דער גאַנצער עולם איז שוין געווען אינעווייניק, האָבן אַלע ספּאָנטאַן אויפגעהויבן און אַראָפּגע־לאָזט דריי מאָל זייערע הענט. צום סוף האָבן זיי צוריק אויפגעהויבן די הענט און זיי נישט אַראָפּגעלאָזט, ביז דער „שאַליט” האָט מיט זיינע שוואַכע הענט נישט געגעבן קיין צייכן.

מיט דער הילף פון צוויי דאָקטוירים וואָס זענען געשטאַנען אין ביי־דע זייטן, האָט זיך דער „שאַליט” אויפגעזעצט אויפן בעט און מיט אַ שוואַכער שטימע אָנגעהויבן ריידן צו די בייוועזנדיקע:

— „מיינע טייערע ברידער, מיינע ליבע קינדער. ס'איז געקומען די צייט, ווען איך מוז פאַרלאָזן אונדזער וועלט. איך האָב אָפּגעלעבט צווישן אייך הונדערט מיט פיר און פערציק יאָר, מיט דרייסיק יאָר מער פון מיין פאָטער און מיט פערציק יאָר מער פון מיין עלטער-פאָטער. דאָס איז צו פאַרדאַנקען די גרויסע דערגרייכונגען וואָס אונדזערע געלערנטע האָבן געמאַכט אויפן געביט פון דער מעדיצין, פון דער קונסט פון היילן אַ מענטש.

„מיינע עלטערן, מיינע זיידעס און עלטער-זיידעס זענען נישט גע־שטאָרבן רואיק, ווייל זיי האָבן געוואוסט פון אונדזער גרויסן אומגליק,

אַז ס׳וועט בײַ אונדז וואָס אַמאָל ווייניקער וואַסער און ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען די מאַרס-מענטשן וועלן אויסשטאַרבן פון דאָרשט; עס וועט בײַ זיי פּאַרטריקנט ווערן די צונג נאָך אַביסל וואַסער.

„ברידער מײַנע, קינדער מײַנע. איידער איך פּאַרלאָז אײַך אויף אייביק, וויל איך אויסנוצן די געלעגנהייט און רעדן צו אײַך וועגן צוויי וויכטיקע זאַכן. איך וויל אויך אויסנוצן מײַנע רעכטן און אונדזער טראַ-דיציע, און צו ביידע זאַכן וועגן וועלכע איך וועל אײַך רעדן — אײַך אויך געבן מײַן רעקאָמענדאַציע.

„די ערשטע זאַך: איר זענט אַלע עדות, איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך פּערזענלעך בין געווען פון די ערשטע מאַרסיאַנער וואָס האָבן אַנט-דעקט, אַז אויף דער ערד זענען פאַראַן מענטשן, און אַ גאַנצע, אַ גרויסע וועלט. איך בין געווען צווישן די ערשטע פליער מיט אונדזערע אַלט-מאָדישע ראַקעטן, וועלכע די ערד-מענטשן האָבן אַ נאָמען געגעבן „פליִ-ענדיקע טעלער”, און איך האָב געבראַכט פולשטענדיקע באַווייזן פון עם לעבן פון די ערד-מענטשן. איר געדענקט אויך, אַז איך בין געווען דער ערשטער מאַרסיאַנער, וואָס האָט געפאַנגען און געבראַכט אַהער לעבע-דיקע מענטשן פון דער ערד. איך האָב אײַנגעשטעלט מײַן לעבן און איך בין גרייט געווען אַלע מינוטן און אַלע שעהן אײַנצושטעלן מײַן לעבן פאַר מײַן פאָלק און פאַר אונדזער פּלאַנעט.

„און צום סוף, איך האָב געהאַט דאָס גליק אין מײַנע לעבנס-יאָרן זיך צו פאַרבינדן מיט די ערד- און לבנה-מענטשן, און כ׳האָב געהאַט דאָס גליק זיך צו באַקענען נאָענטער מיט זייער לעבן און מיט זייער אַרט דענקען. ווען איך בין געוואָויר געוואָרן, וויפל וואַסער און ליידיקע ערד-שטחים די ערד-אײַנוואוינער פאַרמאָגן, בין איך געווען פון די ערש-טע צו רעקאָמענדירן, אַז מיר זאָלן זײַן גרייט צו אַן אינוואַזיע אויף דער ערד. די לעצטע פופציק יאָר פון מײַן לעבן, האָב איך מיך אָפּגעגעבן בלויז מיט אָט דעם פּלאַן, און מײַן אײַנציקער חלום און האָפענונג איז געווען — צו שטאַרבן אַלס „שאַליט” אויך... פון דער ערד. און איר ווייסט עס גוט, אַז איך האָב עס געוואָלט, נישט צוליב האָבן אַ גרעסערן כבוד, אָדער אַ גרעסערן פאַרמעגן, איך האָב דאָס געשטרעבט, ווײַל איך האָב געגלויבט אַז אַזוי אַרום וועל איך פאַרזאָרגן אונדזער מאַרס-פּלאַנעט מיט אַלעם אין וועלכן מיר נייטיקן זיך.

„וואָס כ׳האָב געענוי נישט געוואוסט, איז, אַז אין דער צײַט וואָס מיר, דאָ, האָבן זיך געגרייט צו אַטאַקירן די ערד, האָבן זיי, דאָרט, די ערד-מענטשן זיך נאָך מער געגרייט צו דער פאַרטיידיקונג. און פּונקט

ווי ביי אונדז איז דאָס געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט, אַזוי איז דאָס ביי זיי — ביי די ערד־מענטשן — די פּאַרטיידיקער, אַ פראַגע פון לעבן און טויט.

„און איצט, איצט דאַרף איך אייך דערקלערן און אייך וואָרענען:
— ס'איז שוין צו־שפּעט פאַר אונדז. די ערד־מענטשן האָבן אַזעלכע פּאַרטיידיקונג־מיטלען, אַז ביז מיר וועלן זיך רירן כדי זיי צו אַטאַקירן, וועט שוין פון אונדזער פּלאַנעט, פּונעם מאַרס, קיין זכר נישט בלייבן. איך האָב אומדיסקוטירבאַרע ידיעות, אַז אויב זיי, די ערד־מענטשן האָבן שוין ביז היינט אונדז נישט פאַרניכטעט — און זיי האָבן עס געקאָנט טון אָן שום שוועריקייטן, און נישט דאַרפנדיק איינשטעלן קיין איין מענטש פון דער ערד —, אויב זיי האָבן עס ביז איצט נישט געטון, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען צוויי אומשטענדן: ערשטנס, וואָס אויף דער ערד איז מען איצט ווייניקער קריגעריש און מער הומאַניטאַריש געשטימט. מען וויל דאָרט נישט קיינע בלוט־פאַרגיסונגען — ווען מ'קאָן עס אויסמיידן. דער צווייטער אומשטאַנד איז דער וויכטיקסטער: מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אונדזער לעבן און די עקזיסטענץ פון אונדזער פּלאַנעט אונדזער יונגן העלד. וועלכן מיר האָבן געשיקט אויף דער ערד ווי אַ שפּיאָן, און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרויסער דיפּלאָמאַט און אַלס גרויסער פּאַטריאָט.

„ס'איז געווען אַ מאָמענט, ברידער און קינדער מיינע, ווען אונדזער לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר. ס'האָט אינעם ערד־פּאַרלאַמענט געדאַרפט אָפּגעשטימט ווערן, צי מ'זאָל אַ קוועטש טון דאָס פאַרכישופטע קנעפּעלע, וואָס וואָלט אָנגעהויבן שיקן טויט־שטראַלן אויף אונדזער פּלאַנעט און וואָלט אים פאַרניכטעט אין געציילטע מינוטן, פּונקט ווי זיי האָבן עס געטון מיט אַנדערע, אומבאַוואוינטע פּלאַנעטן. און ווען מען שטעלט צום אָפּשטימען — וואָלט געווען אַ מערהייט פאַר... פאַרניכטן אונדז. זיי האָבן געוואוסט, אַז מיר גרייטן זיך זיי צו פאַרניכטן.

„אָט אין יענע טראַגישע מינוטן פאַר אונדזער פּלאַנעט, האָבן מיר געהאַט דאָס אויסערגעוויינלעכע גליק, וואָס אונדזערס אַ קינד, אַ יונג קינד, איז בייגעווען יענע זיצונג. נישט וויכטיק ווי אַזוי ער האָט די דאָזיקע זיצונג געקאָנט בייזיין; אַ זיצונג, אַ געהיימע און פאַרטרויליכע פון די ערד־פּאַרלאַמענטן. דער פאַקט איז — ער איז זי בייגעווען!

און אַ דאַנק זיין חכמה, אַ דאַנק זיין טאַקט און אַ דאַנק זיין מוט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטן אַ רעדע פאַר די פירער פון

דער ערד און ער האָט אָפּגעשריגן דעם טויט-אורטייל אויף אונדזער פּלאַנעט.

— „פון יענער מינוט-אָן, זינט איך בין געוואויר געוואָרן און זיך גוט איבערצייגט, אַז די ערד-מענטשן זענען אומבאַזיגבאַר, בין איך געקומען צו דער מסקנה, אַז מיט גוטן און בלויז מיט גוטן, קאָן מען קריגן הילף פון די ערד-רעגירער און ערד-געלערנטע, צו געפינען די נייטיקע מיטלען, אַז אונדזער פּלאַנעט מיט זיינע מענטשן זאָלן קאָנען עקזיסטירן. איך בין געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז ווען אפילו מיר זאָלן אַטאַקירן די ערשטע — וואָלטן מיר אין אייניקע מינוטן צעשטויבט געוואָרן פון די טויט-שטראַלן פון דער ערד. עס וואָלט נישט געבליבן קיין סימן פון אונדזער פּלאַנעט, און דאָס ביסל קריגער וואָס וואָלטן אפשר באַטראָטן לעבעדיקערהייט די ערד — וואָלטן דאָרט באַלד אומגעקומען.

„פונעם שטאַנדפונקט פון די ערד-מענטשן און לויט זייער געזעץ — זענען זיי געווען גערעכט. זייערע לערער האָבן זיי געלערנט, אַז: „ווען מ'קומט דיך הרגענען, שטיי-אויף און הרגע יענעם". זיי האָבן געוואוסט אַז מיר ווילן זיי אַטאַקירן, האָבן זיי געהאַט דאָס רעכט אונדז פריער צו אַטאַקירן און אונדז פאַרניכטן. דער יונגער העלד אונדזערער, האָט מיט זיין קלוגן פאַרשטאַנד און ברענענדיקן פּאַטריאָטיזם זיי געקאָנט איבערצייגן, אַז מ'דאַרף אונדז נישט פאַרניכטן; מ'דאַרף אונדז בעסער העלפן אויף צו קאָנען עקזיסטירן אונטער דער זון, און... עס איז אים געלונגען. אָט דער יונגער מענטש געפינט זיך איצט צווישן אונדז. ער הייסט לי-לי און איז דער זון פון אונדזער גרויסן און העלדישן הערשער באַר-מאַ. זאָל ער איצט צוקומען נאָענט צו מיין בעט!"

אַלע פאַרזאַמלטע, אָן אויסנאַם, האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פּלאַץ וואו לי-לי איז געשטאַנען און האָבן אויפגעהויבן די הענט און זיי נישט אַראָפּגעלאָזט, ביז דער „שאַליט" האָט געגעבן אַ צייכן. ווען לי-לי איז צוגעקומען נאָענט פון „שאַליט", האָט ער זיך געשטעלט אויף די קני און די הענט אַרויפגעלייגט אויף זיין קאָפּ, — ווי אַן אויסדרוק פון אונטערטעניקייט. דער „שאַליט" האָט אים צוגעצויגן צו זיך און אים אַ קוש געגעבן אין שטערן. אַלע בייוועזנדיקע האָבן ווידער אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך, באַגריסנדיק לי-לין מיט אָט דעם גרויסן כבוד פון אייביקער אומבאַרירלעכקייט.

„ און דאָ קום איך צו צו מיינע צוויי רעקאָמענדאַציעס, וועלכע איך געפין פאַר נייטיק אייך איבערצולאָזן פאַר מיין פאַרמאַכן די אויגן אויף אייביק:

„ערשטנס: פאַרלאָזט און פאַרוואַרפט דעם פּלאַן און די פּראָיעקטן פון אַטאַקירן די ערד. עס איז שוין צו־שפּעט; עס איז זעלבסטמאָרד;

„צווייטנס: איך רעקאָמענדיר, איך לייג אייך פאָר און איך בעט אייך פאַרן וואַיל וואָס ס׳קאָן אַרויסקומען פאַר אונדזער פּלאַנעט און צוליבן צוטרוי וואָס די ערד־רעגירער האָבן צו אים, אַז איר זאָלט אויסקלייבן אויף מיין אָרט, ווי אייער „שאַליט״, דעם יונגן העלד, דעם גרויסן פּאַטריאָט, אָט יענעם מענטש, אַ דאַנק וועמען מיר לעבן נאָך איצט — איך לייג אייך פאָר דעם יונגן הערשער לי־לי״.

אַ ראַשנדיקע באַוועגונג פונעם פאַרזאַמלטן עולם אין זאַל האָט איבערגעריסן די טויטע שטילקייט וואָס האָט געהערשט ביז איצט. כּאָטש אַלע, אָדער כמעט אַלע פאַרזאַמלטע האָבן שוין געוואוסט, אַז לי־לי איז דער קאַנדידאַט פון הויפּט־„שאַליט״ אויף זיין טראָן, דאָך איז די אָפּיציעלע און קלאָרע ווענדונג פון שטאַרבנדיקן „שאַליט״, און גאָר ספּעציעל — זיינע מאָטיוון, געווען אַ געוויסע נייעס פאַר אַ סך הערשער מיט מילחמה־אַנשויאונגען. אָבער דאָך, האָבן אַלע בייוועזנדיקע ספּאָנטאַן אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט דריי מאָל זייערע הענט, און ווענדנדיק זיך צום יונגן לי־לי מיטן פּנים, זענען זיי געבליבן מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין דער הויך, ביז לי־לי האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, און מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. לי־לי איז תיכף אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער גרופּע הערשער און געלערנטע. אַ צווייטע טייל פאַרזאַמלטע זענען געבליבן שטיין אין אַ זייט. דאָס זענען געווען די קעגנער פון דער דאָזיקער קאַנדידאַטור. אָבער, ווען דער עלטסטער ריכטער, מיט זיינע סוויטע פון פינף הויפּט־ריכטער האָבן זיך דערנענטערט צו לי־לין, אים געגעבן אַ קוש אין שטערן — איז שוין זיין גורל געווען באַשטימט. דאָס האָבן די עלטסטע ריכטער געגעבן זייער צושטימונג צו זיין קאַנדידאַטור און אים אפילו אויסגעדריקט אָנערקענונג. אויף וויפל די רעקאָמענדאַציע פונעם שטאַרבנדיקן „שאַליט״ איז בלויז אַ רעקאָמענדאַציע, איז דער קוש פונעם הויפּט־ריכטער, נאָך אַזאַ מין רעקאָמענדאַציע — אַן אָפּיציעלע באַשטעטיקונג אויפן אמת, וועגן וועלכן קיינער פון די הערשער וועט שוין נישט וואַגן זיך קעגנצושטעלן.

מיט אַלע כּחות וואָס דער שטאַרבנדיקער „שאַליט״ האָט נאָך געהאַט, האָט ער צוגערופן לי־לין נאָענטער צו זיך און מיט אַ וואונק צו זיין הויפּט־דאָקטער, האָט אים יענער געבראַכט די „קעניגלעכע״ סימנים פון „שאַליט״, וועלכע ער האָט אָנגעטאָן לי־לין און אים געגעבן אין די הענט אַריין דעם „שאַליט־צייכן״.

אין הויז פון באַר־מאַ, אין דער הויפּטשטאָט פונעם מאַרס, קומט איצט פאָר אַ פאַמיליע־באַראַטונג. עס באַטייליקן זיך אין דער דאָזיקער באַראַטונג: באַר־מאַ מיט זיין פאַמיליע, הערי קוק מיט זיין פרוי און הי־נעסיטאַ, לי־לי און זיינע ברידער. עס זענען אויך געקומען צו דער דאָ־זיקער באַראַטונג היגעסיטאַס זיידעס און באָבעס. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן וואָס זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון דער ערד־אַטמאָס־פער און וואָס זענען בכלל געפאָרן אויף אַ „ראָבאָט". זיי האָבן איצט געמוזט קומען צו דער באַראַטונג, ווייל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּ־שטימען און טאַקע דורכפירן היגעסיטאַס חתונה.

די לאַגע האָט זיך געביטן אויף אַזאַ אופן, אַז לי־לי קאָן שוין מער נישט פליען צו דער ערד ווען ער וויל. ער איז שוין אָפּיציעל געוואָרן דער „שאַליט" פון מאַרס. דער אַלטער „שאַליט" איז שוין טויט זינט עטלע־כע טעג און דער נייער — לי־לי, קאָן נאָך נישט איבערנעמען זיין אַמט און זיין שטול. לויט די געזעצן פון מאַרס, דאַרף די שטול פון „שאַליט" בלייבן אין טרויער גאַנצע צען טעג. קיינער טאָר זיך אויף איר נישט אַוועקזעצן במשך פון די דאָזיקע צען טרויער־טעג. דער נייער „שאַליט" —אויב מ'האָט שוין אַפילו אַזעלכן אויסגעקליבן— בלייבט מיט אַלע רעכטן ווי אַ „שאַליט, אָבער זיין „קעניגרייך" פראַוועט ער ביי זיך אין דער היים. ער טאָר נאָך צום פּאַלאַץ נישט צוקומען, ווייל דעם אַלטן „שאַליטס" גייסט שוועבט נאָך דאָרט אַרום — אַזוי איז פאַרשריבן אין די אַלטע ביכער פון די מאַרס־מענטשן, און אַזוי איז ביי זיי די טראַדיציע זינט טויזנטער יאָרן.

באַר־מאַ און זיין פרוי, ווי בכלל די גאַנצע פאַמיליע פון דעם מאַרס־הערשער זענען איבערגליקלעך פון דער געשעעניש. באַר־מאַ האָט אַפילו פון אַזאַ גליק נישט געחלומט: עפּעס אַ קלייניקייט — דער פאָטער פון „שאַליט". אמת, עפּעס געפעלט אים נישט וואָס זיין זונדעלע האָט עפּעס אָנגעהויבן רעדן נייע דיבורים וועגן די... שקלאַפן. ער רעדט וועגן

אַנדערע אַרבעט-באַדינגונגען פאַר זיי; אַז מער פון צען שעה אין טאָג און פיר טעג אין דער וואָך וועט ער נישט לאָזן אַז זיי זאָלן אַרבעטן. עפּעס האָט ער געהערט ריידן זיין זונדעלע וועגן שאַפן שולעס פאַר די שקלאַפן; וועגן לערנען זיי פּאַכן, און מיט דער צייט, ווען ס'וועט שוין זיין וואַסער לרוב אויפן מאַרס און די שקלאַפן וועלן שוין קאָנען אַליין פאַרדינען זייער ברויט — זיי אינגאַנצן באַפרייען פון שקלאַפערייַ. ער גלויבט, באַר-מאָ, אַז דאָס זענען דערוויילל קינדערשע רייד, וועלכע ער, לי-לי, האָט זיך אָנגעהערט און אָנגעזען אויף דער ערד. ווען ער וועט זיך אָבער באַגעגענען מיט דער אמתער ווירקלעכקייט, וועט ער אַנדערש האַנדלען.

באַר-מאָ האָט היינט געכאַפּט אַ שמועס מיט זיין זון וועגן דעם. דאָס איינציקע וואָס ער האָט ביי אים געקאָנט פועלן, איז געווען, אַז די אַלע פּלענער וועגן די שקלאַפן זאָל ער אָנהייבן איינפירן ווען ער וועט שוין זיצן פעסט אויף זיין טראָן, און ווען עס וועט שוין זיין... געגוג וואַסער פאַר אַלע איינוואוינער פונעם מאַרס. לי-לי האָט עס אים צוגעזאָגט. באַר-מאָ האָט געמיינט, אַז דאָס האָט ער ביי אים געפועלט, אָבער אין דער אמתן איז דאָס אויך געווען די עצה פון הער קוק, וועלכער האָט מיט אים פריער גערעדט וועגן דעם און אים אפילו אָנגעזאָגט, אַז אין זיין טראָן-רעדע וואָס ער דאַרף מאַרגן האַלטן, זאָל ער דעם ענין שקלאַפן נישט באַרירן.

ריידנדיק וועגן דער חתונה-צערעמאָניע וואָס לי-לי און הינעסיטאַ דאַרפן דורכמאַכן, איז געבליבן בייביידע פאַמיליעס, אַז פריער וועט מען פראַווען די חתונה אויפן מאַרס, לויט אַלע טראַדיציאָנעלע מנהגים פון די דאָרטיקע איינוואוינער און מושלים, און דערנאָך, ווען לי-לי וועט זיין דער גאַסט פון דער ערד, ווי דער „שאַליט" פונעם מאַרס צו די פייערונגען פון די ערד-איינוואוינער, זאָל מען פראַווען די חתונה לויטן מינהג ווי עס פירט זיך ביי די ערד-מענטשן.

— אָבער מיר דאַכט זיך, —גיט לי-לי אַ שמייכל,— אַז מען וועט דאַרפן צוגרייטן עטלעכע חתונה-צערעמאָניעס אויף אַמאָל. מיינע ברידערלעך זענען אויך אַריינגעפאַלן אין די „נעצן" פון די ערד-מיידלעך, און סיי אסתרקע, סיי גראַסיאַ, און סוסי — אוודאי און אוודאי, זענען זיי אַזוי טיף אַריין אין האַרצן, אַז זיי וועלן זיי שוין נישט אַרויסלאָזן פון דאָרט...

דער פאַרזאַמלטער עולם פאַרוויילט זיך זייער גוט. אַלע מינוט קו־מען אָן פרישע געסט, קרובים און פריינט פון באַר-מאָ'ס פאַמיליע. עס

קומען אויך געהויבענע געסט פונעם הויפּט־אוניווערזיטעט און מיליטער־לייט. עס ווערט סערווירט אַ שיינער כיבוד. צווישן די געריכטן געפֿינען זיך אַ סך מאכלים געבראַכטע פון דער ערד, און צווישן זיי — סערווירט מען די „פילן" קעגן שלאָף. אַ פּאָר פילן אַזעלכע, וועלכע זענען אַבסאָלוט אַ־משעדלעך פאַרן געזונט, זענען גענוג אַז מ׳זאָל נישט ווילן שלאָפן במשך פון 48 שעה. מ׳האָט אויך געבראַכט די פילן „ס. ס. א.", וועמענס אויפגאַבע ס׳איז אַריינצוברענגען דעם מענטש אין אַ פרייליכער און דערהויבענער שטימונג, ווען ער האָט אפילו אַ סך מאַטיוון צו זיין טרויעריק און אפילו צו וויינען. די דאָזיקע פילן בייטן איבער ראַדיקאַל די שטימונג פונעם מענטש און האַלטן אים אין אַ געהויבענער שטימונג אין משך פון אַ פאָר טעג.

אַרום האַלבער נאַכט, ווען ס׳זענען אָנגעקומען אַלץ מער פרישע געסט, איבערהויפּט הערשער און מיליטער־לייט, איז הער קוק פלוצים ערנסט געוואָרן און האָט תיכף צוגערופן דעם מחותן באַר־מאָ און זיין חתן, דעם נייעם „שאַליט" לי־לי. נאָך איידער הערי קוק האָט זיי גע־וואָלט עפּעס זאָגן, האָט אים לי־לי פאַרכאַפּט די ווערטער:

— מיר ווייסן שוין. ס׳איז געקומען אַהער איינער פון די הערשער באַגלייט פון אַ הויך־געלערנטן, אַ כעמיקער פונעם הויפּט־אוניווערזיטעט, און ביידע זענען געקומען מיט שלעכטע כוונות. מיר האָבן שוין געהאַט מיט אַ פּאָר טעג צוריק ידיעות, אַז אָט דער דאָזיקער הערשער איז נישט צופרידן מיטן באַשטימען לי־לין אַלס „שאַליט" —זאָגט באַר־מאָ.— אונד־זערע געהיים־אַגענטן האָבן אונדז מודיע געווען, אַז במשך פון די לעצטע טעג האַלט ער אָפּ פאַרזאַמלונגען מיט נאָך אייניקע אומצופרידענע, און גאַר ספּעציעל, מיט די אייגנטימער פון די גרויסע פאַבריקן וואו עס אַר־בעטן אַ סך שקלאַפן און וואו מ׳אַרבעט אין אוממענטשלעכע באַדינגונ־גען. און, אַזוי ווי די דאָזיקע בעלי־הבתים האָבן געהערט, אַז לי־לי גייט איינפירן געוויסע רעפאָרמעס קעגן דער שקלאַפעריי, האָט מען באַ־שטימט אים אָפּצוראַמען פון וועג, נאָך איידער ער זעצט זיך אויפן „שאַ־ליטס" שטול. דאָס אַלץ ווייסן מיר גענוי. וואָס מיר האָבן נישט גע־גלויבט איז, אַז די דאָזיקע מענטשן, און גאַר ספּעציעל — אָט דער הער־שער מיט זיין געלערנטן געהילף וועלן וואָגן צו קומען ביי אונדז אויפן יום־טוב און פרואוון דאָ אָפּצוטון זייער נידערטרעכטיקע שטיקל אַרבעט.

— מיין זייגער ווייזט מיר אָן, —זאָגט הערי קוק,— אַז זיי זענען געקומען אַהער מיט שלעכטע כוונות. ער ווייזט מיר אויך, אַז זיי האָבן מיט זיך אַ „טויט־שטראַל", וועלכער איז אַזוי צוגעפּאַסט, אַז ווען זיי

וועלן אויפהייבן די הענט אייך ביידן צו באַגריסן — וועט איר ביידע פאַלן טויט. אָט, זעט ווי זיי זוכן אייך אַרום. מיידט זיי אויס דערווייל. אין אַ פּאָר מינוט אַרום וועט איר זיי שוין קענען זען... טויטע.

באַר־מאַ און לי־לי זענען אַרויס אומבאַמערקטע פון זאַל. הערי קוק האָט זיך הינטן אַרום, אומבאַמערקטערהייט, דערנענטערט צו די צוויי „געסט". ער האָט געוואוסט, אַז מיט אים וועלן זיי נישט אָנהויבן זייער טויט־אַרבעט; זיי וועלן פריער זוכן צו טרעפן באַר־מאַ׳ן מיט לי־לין, דערנאָך וועלן זיי זוכן הינעסיטאַן, וועלכע וועט זיכער אָנקומען אויף די געשרייען פון די פאַרזאַמלטע. ווען זיי וועלן זען אַז ביידע זענען פּלוצים געפאַלן טויטע. ווען זיי וועלן ענדיקן מיט הינעסיטאַן, וועלן זיי, מעג־לעך זוכן אַנדערע קרבנות, און צווישן זיי — אויך הערי קוק.

ווען הערי קוק האָט זיך צו זיי דערנענטערט, האָבן זיי אים נישט באַמערקט. ער איז אָנגעקומען הינטער זייערע פּלייצעס. ווען ער איז שוין געווען בלויז עטלעכע סענטימעטער הינטער זיי, האָבן שוין זייערע כלי־משחיתים נישט געקאָנט פונקציאָנירן. דער „שטראַל־אַפּאַראַט" פון הערי קוקס זייגערל האָט שוין זייער געוואָר געמאַכט פאַר אומשעדלעך. זיי האָבן זיך דערפון קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן, כאָטש זיי האָבן געדאַרפט פילן ווי זייער „שטראַל־אַפּאַראַט" האָט זיך עפּעס אַ טרייסל געטון אין זייערע הענט. זיי זענען געווען זייער נערוועאיש אין דער־וואַרטונג פון די געשעענישן און האָבן געזוכט מיט די אויגן זייערע קרבנות, אַז זיי זאָלן באַמערקן עפּעס אומנאָרמאַלעס אין זייער טויט־אַפּאַראַט. אגב, זענען זיי געווען זיכער, אַז קיינער ווייסט נישט דעם ציל פון זייער קומען אַהער.

ווען הערי קוק איז שוין געווען נעבן זיי, האָט ער דעם הערשער אַ רוף־געטון ביים נאָמען. יענער האָט אַזש אַ ציטער געטון און זיך אומ־געקוקט. ער האָט דערזען הערי קוק און באַלד געפרעגט אויף לי־לין מיט באַר־מאַ׳ן. הערי קוק האָט זיך צו אים געגריסט לויטן מינהג פון די מאַרסיאַנער, אויפהייבנדיק די הענט אין דער הויך, און ס׳איז געווען לאָ־גיש אַז אויך די מאַרסיאַנער זאָלן ענטפערן אויפן זעלבן אופן, אָבער די מאַרסיאַנער האָבן די הענט נישט אויפגעהויבן. זיי האָבן פריער נישט געוואָלט טויטן אַ פרעמדן און ערשט שפּעטער זייערע הויפּט־קרבנות.

הערי קוק האָט זיך צו זיי געווענדעט שמייכלענדיק:

— איר זוכט געוויס דעם גרויסן „שאַליט" מיט זיינע עלטערן? באַלד וועט איר זיי האָבן נעבן זיך. און דורך זיין האַנט־טעלעפאָן האָט הערי קוק גערופן די „קרבנות", אַז זיי זאָלן אַריינקומען אָן מורא. ער

האָט צו זיי גערעדט אין אַ שיפּרירטער שפּראַך, וואָס בלויז לי־לי האָט זי פאַרשטאַנען.

לי־לי מיט באַר־מאָ קומען אַריין אין זאַל. פון דערווייטנס זעען זיי, ווי הערי קוק שטייט נעבן די צוויי מערדער, וועלכע זענען לעבעדיק און פריילעך. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו זיי. און ווי נאָר זיי זענען שוין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט די מערדער, האָבן יענע אויפגעהויבן די הענט, מיינענדיק אַז זייערע „שטראַל־אַפּאַראַטן" פונקציאָנירן...

ווי דערשטוינט זענען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען, ווי די „שטראַלן" זענען טויט און זייערע קרבנות לעבן גאָר. זיי האָבן געפּרוּווט נאָך אַמאָל אויפהייבן די הענט און אָראָפּלאָזן זיי. דריי מאָל האָבן זיי עס געטון, אָבער די „טויט־שטראַלן" זענען געבליבן אומבאַוועגלעך.

מען האָט זיך נישט געדאַרפט גוט צוקוקן צו זען, אַז צו די דלאָניעס פון זייערע הענט, זענען געווען צוגעטשעפּעט אַזעלכע קליינע אַפּאַראַטלעך וועלכע האָבן זיך געצויגן מיט אַ דינעם שניר אין אַרבל אַריין און פון דאָרט — אַרום זייער קערפּער, וואו די הויפּט־מאַשין איז געווען איינגעפּאַסט.

הערי קוק האָט זיי נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן. ער האָט זיי שמייכלענדיק געזאָגט:

— אייער פּלאַן איז דורכגעפאַלן. אַ חוץ שלעכטע מענטשן, זענט איר אויך שלעכטע מערדער. קומט אַריין אין אַ זייטיקן צימער און דאָרט וועלן מיר רעדן.

אין צווייטן צימער, האָט זיי לי־לי, אויסגעטון די אַפּאַראַטן פון זייערע קערפּערס, און האָט זיי דערלאַנגט פּאַפּיר און שרייב־געצייג און זיי געהייסן אָנשרייבן די נעמען פון אַלע וואָס ווייסן, אַז זיי זענען געגאַנגען באַגייען דעם פאַרברעכן.

ציטערנדיק ווי אַ בלאַט פון אַ בוים ביי אַ גרויסן ווינט, האָבן ביידע מערדער געטון וואָס מען האָט זיי געהייסן. פון דער גרעסערער גרופּע וואָס איז קעגן דער באַשטימונג פון לי־לי, זענען געווען בלויז עלף פּערזאָנען וואָס האָבן געוואוסט פון קאָמפּלאָט פון אָט די צוויי. די דאָזיקע עלף מיט־מערדער זענען געווען פאַרזאַמלט אין אַ געוויסן פונקט פון שטאָט און געוואַרט אויף אַ סימן אַז די „אָפּעראַציע איז געלונגען". דאַן, האָבן זיי געדאַרפט אומפאַרזאַמט קומען צום הויז פון באַר־מאָ.

אויפן באַפעל פון לי־לי, האָבן ביידע מערדער געגעבן דעם אָפּגעמאַכטן סימן און די איבעריקע קאָמפּלאָטירטע זענען תיכף געקומען

צופליען אין זייערע ראָבאָטס צו באר־מאָס הויז. ווי דערשטוינט זענען זיי, אָבער, געוואָרן, ווען אריינקומענדיק אין הויז, האָבן זיי געטראָפן אַז אַלעס איז רואיק. נישט פאַראַן קיין שום סימן פון טרויער. לויט זייער רעכענונג, האָבן זיי געדאַרפט טרעפן עטלעכע טויטע אויף דער ערד און זיי האָבן נאָר געטראָפן עטלעכע... טאַנצענדיקע פּאָרלעך. אין אַ מינוט אַרום, ווען זיי זענען אַריינגעבעטן געוואָרן אין ספּעציעלן צימער וואו די מערדער זענען געשטאַנען דערשלאָגענע פון זייער דורכפאַל און אַרום זיי — לי־לי, באַר־מאָ, הערי קוק און אַ גרעסערע וואָך אַרום זיי — האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז זייער „שפּיל" איז דורכגעפאַלן.

זייער מישפּט איז געווען אַ קורצער. מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ גרויסן „טראַנספּאָרט־ראָבאָט", וועלכן מען האָט אַרויסגעשיקט אין די הימלען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, האָבן די זייגערס וואָס הערי קוק, לי־לי און באַר־מאָ האָבן געטראָגן, געוויזן אַז דער „ראָבאָט" איז אויפגעריסן געוואָרן.

אויפן גאַנצן ערד־קוגל איז היינט יום־טובדיק. אין אַלע גרויסע און קלענערע שטעט פון דער ערד, אָנהויבנדיק פון קלענסטן מענטשלעכן ישוב אויפן נאָרד־פּאָל ביזן ווייטסטן מושב אויפן זיד־פּאָל, איז דער היינטיקער טאָג דערקלערט אַלס „פייערלעכער טאָג", אַלס יום־טוב.

און דער יום־טוב אויף דער ערד, איז נישט ווייל מען פייערט שוין דעם היסטאָרישן דאַטום פון אַריינטרעטן אין אַ נייעם יאָרהונדערט. גראַדע, האָט מען אָט־דעם דאַטום שוין לאַנג איבערגערוקט און באַשטימט אַז די אמתע, גרויסע פייערונג פון באַגעגענען דעם נייעם יאָרהונדערט, וועט מען פּראַווען, ביי בעסערע און רואיקערע צייטן פאַר אַלע מענטשן פון אַ ל ע פּלאַנעטן.

אין דער רעזאָלוציע אָפּצולייגן דעם דאַטום פון דער הויפּט־פייערונג האָט זיך געזאָגט:

עס איז נישט יושרדיק און נישט לאָגיש, אַז מיר, די ערד־איינוואוינער זאָלן פּראַוועןן גרויסע ימים־טובים, ווען אונדזערע ברידער און שוועסטער פון דעם מאַרס, זענען פאַרצווייפלט איבער אַ ביסל וואַסער, ווען אונדזערע ברידער און שוועסטער פון דער לבנה, קאָנען נאָך נישט אויסנוצן דעם גאַנצן שטח פון זייער פּלאַנעט פאַר די איינוואוינער אויף אים.

דער היינטיקער דערקלערטער פייערטאָג אויף דער גאַנצער ערד, איז צוליב צוויי גרויסע נייעסן, צוויי גרויסע געשעענישן פאַר אַלע מענטשן פון אַלע פּלאַנעטן.

די ערשטע גרויסע געשעעניש איז: — די געלערנטע פון דער ערד, מיט דער הילף פון די געלערנטע פון דער לבנה, איז ענדלעך געלונגען צו געפינען און אַרויסציען וואַסער פון אַזעלכע זאַכן, וואָס ביז אַהער האָט מען נישט געגלויבט און אַפילו נישט געפּרואווט פון דעם צו שאַפן וואַסער.

נאָך לאַנגע עקספּערימענטן, האָבן די ערד־געלערנטע פעסטגעשטעלט, אַז פון... זאַמד, פון פּשוטער זאַמד וואָס איז פאַראַן לרוב

אין אַלע פּלאַנעטן, קאָן מען „אַרויספּרעסן" וואַסער. געוואוסט האָט מען, אַז אין דער טיפעניש פון דער זאַמד, געפינען זיך אַ סך קוואַלן פון נאַפט. געוואוסט האָט מען, אַז צוריק מיט יאָרן, ווען מענטשן האָבן נאָך גע־נוצט דעם נאַפט אַלס ברען־שטאָף, ווען דער נאַפט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אויף דער ערד, און מיליאָנען מענטשן זענען אומגעקומען אין מילחמות צוליב דעם נאַפט, האָט מען דאַן געוואוסט, אַז אין דער טיפעניש פון די זאַמדן אין די מידבריות, ווי עס איז געווען דער „סאַהאַראַ"־מידבר, אָדער דער נגב אין ישראל, אַז דאָרט האָט מען גע־פונען אַ סך נאַפט־קוואַלן.

זינט דער דערפינדונג פון דער אַטאָמישער באַהעצונג, זינט מען האָט זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט די „אַטאָמען" פאַר פרידלעכע צוועקן, און דער עיקר, זינט מען האָט איינגעשפּאַנט די שטראַלן פון דער זון, כדי צו טרייבן די פאַבריקן, באַנען, עראָפּלאַנען און לעצטנס — די ראָבאָטס, איז דער נאַפט געוואָרן אומנוצלעך און אומנויטיק. די מענטש־הייט האָט אויפגעהערט צו באַנוצן דעם נאַפט און מען האָט זיך אויפ־געהערט אינטערעסירן מיט די זאַמד־פעלדער און מידבריות וואו דער נאַפט האָט זיך געפונען. די פאַבריקן וואָס פלעגן אַרויסציען, רייניקן און פּערפעקציאָנירן דעם נאַפט פאַרן מענטשלעכן געברויך, זענען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַטאָמישע און שטראַל־פאַבריקן און האָבן נישט געדאַרפט געשלאָסן ווערן.

אַזוי ווי די ערד־געלערנטע האָבן באַקומען דעם דרינגענדיקן אויפ־טראָג צו שאַפן, צו אַנטדעקן מיטלען, ווי אַזוי און פון וואָס צו פאַבריצירן וואַסער אין אַ גרויסער מאָס, איז איינעם אַ פּראָפעסאָר אין פראַנקרייך איינגעפאַלן צו מאַכן אַן עקספּערימענט מיט אַ ביסל זאַמד וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין הויף. ער האָט געשאַפן אַזאַ אַטאָמישן פּרעס, און זיין דערפינדונג האָט אָנגעהויבן געבן אַ געוויסן דערפאָלג.

לויט די געזעצן פון דער ערד, האָט ער וועגן זיין דערפינדונג תיכף איבערגעגעבן אין דער אַקאַדעמיע פון נאַטור־וויסנשאַפט. די גרויסע געלערנטע זענען זיך צונויפגעקומען און אָנגעהויבן אויספּרואוון און אויסבעסערן די מעטאָדן, וועלכע דער פראַנצויזישער געלערנטער אַנדריי דזשאָן האָט גענוצט. לויט די ערשטע עקספּערימענטן פון דעם אויבנ־דערמאָנטן געלערנטן, איז דאָס ערשטע וואַסער וואָס ער האָט אַרויסבאַ־קומען פון זיין זאַמד געווען אין אַ קליינער מאָס און זייער שמוציק. אויך דער גערוך איז נישט געווען קיין אָנגענעמער. ביי די ווייטערדיקע עקס־פּערימענטן פון די געלערנטע, האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָס זאַמד פון

וועלכן מען דאַרף „צאַפּן" וואַסער, דאַרף זיין גוט טרוקן. און שפּעטער, מאַכנדיק ווייטערדיקע עקספּערימענטן, האָט מען אויסגעפונען, אַז ווען דער זאַמד באַקומט פריער אַ „באָד" פון זונשטראַלן, קומט באַלד אַרויס אַ סך, גאָר אַ סך וואַסער, וועלכע איז ריין און געשמאַק צום טרינקען. די זונשטראַלן, וועלכע זענען דער מקור פאַר אַלץ וואָס לעבט און באַוועגט זיך אויף אַלע וועלטטיילן, זענען אויך בכוח „אויסצואוואַשן" דעם זאַמד, אים מאַכן „פייכט", און ביים ערשטן אַטאָמישן „קוועטש" גיט די זאַמד אַרויס פון זיך אָן אַ גרענעץ גוט און געשמאַק וואַסער.

די געלערנטע האָבן איבערגעגעבן דער הויפּט-רעגירונג פון דער ערד זייער דערפינדונג, און ס'איז געבליבן עס צו האַלטן בסוד, ביז מען וועט נישט מאַכן קיין עקספּערימענטן און פּראָבעס מיט זאַמד וואָס מען וועט ברענגען פונעם מאַרס. נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, האָט מען געבראַכט פונעם מאַרס אַ גרויסן סכום זאַמד. ס'איז נישט נייטיק געווען צו געבן אַ תירוץ די מאַרסיאַנער, צו וואָס מ'דאַרף זייער זאַמד. אינעם האַנדל און אויסטויש צווישןביידע פּלאַנעטן, איז דער מאַרסיאַנער זאַמד געווען איינער פון די וויכטיקסטע אַרטיקלען. אויף צו בויען הייזער אויף דער ערד, וואָס זענען געווען העכער פון הונדערט שטאָק, פלעגט מען ספּעציעל ברענגען זאַמד פון מאַרס, ווייל ער איז געווען בעסער און קאַלערער.

צו דער פרייד פון די ערד-געלערנטע האָט זיך באַלד טאַקע אַרויס-געוויזן, אַז פונעם מאַרסיאַנער זאַמד גייט אַרויס אַ סך מערער און אַ סך אַ ריינערער וואַסער...

די „פּאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד" האָבן באַלד אָפּגעהאַלטן אַ דרינגענדיקע און געהיימע באַראַטונג, און ס'איז געבליבן צ האַלטן די דערפינדונג בסוד, און איר אונטערטראָגן ווי אַ מתנה פון דער ערד צו די מאַרס-איינוואוינער אין טאָג ווען מ'וועט דאָ פּראַווען די חתונה פון דעם מאַרסיאַנער „שאַליט" לי-לי, מיטן ערדישן מיידל הינעם קוק.

ס'איז אויך באַשטימט געוואָרן, אַז כל-זמן מ'וועט נישט אַנטדעקן קיין מיטלען אויף צו העלפן די לבנה-איינוואוינער אין זייער פּראָבלעם, קאָן קיין גאַנצע שימחה נישט זיין ביי דער מענטשהייט פון אַלע פּלאַ-נעטן, און דערפאַר איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן די הויפּט-פייערונג פון דער ערד לכבוד דאָס אָנהייב פון יאָר 2.000.

היינט איז דער ערשטער גרויסער יום-טוב פון דער ערד. היינט וועט אין גראַנדיעזן סטאַדיום פון דער הויפּטשטאָט פון אַלע פּאַראייניק-

טע פעלקער פון דער וועלט — אין פילאַדעלפיאַ — געפּראַוועט ווערן די חתונה פון דעם גליקלעכן פּאָרל הינעם-לי-לי. ס'זענען געקומען צום יום-טוב צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אַלע עקן פון דער וועלט. עס זענען אויך געקומען אַ סך דעלעגאַציעס פון דער לבנה, וואו מ'האָט שוין געקענט לי-לין מיט הינעסיטאַן און וואו זיי האָבן באַקומען אַ סך סימ-פּאַטיע און זייער פיל פריינט.

אַ גאָר גרויסע דעלעגאַציע איז געקומען פון דעם מאַרס. אין משך פון דער גאַנצער צייט וואָס לי-לי האָט איבערגענומען די מאַכט אַלס „שאַליט", איז אויפן מאַרס פאָרגעקומען זייער גרויסע און וויכטיקע סאָ-ציאַלע ענדערונגען. דעם ערשטן באַפעל וואָס לי-לי האָט אַרויסגעגעבן איז געווען, אַז מ'זאָל אָפּשטעלן דאָס זוכן נייע טויט-מיטלען און טויט-שטראַלן, און די געלערנטע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט זוכן און שטודירן זאַכן וואָס זענען נוצלעך פאַרן פאָלק. ער האָט אויך געגרינדעט אַ ספּעציעלן פאַקולטעט פאַר „פאָלקס-אויפקלערונגען". דאָס איז אַ פאַקולטעט אויף אויסצובילדן לערער אין רעדנערס וואָס זאָלן אַרומפאָרן איבערן מאַרס, זאָלן אַרומרייזן איבער די ווייטסטע געגנטן פון פּלאַנעט און דאָרט ריידן פאַרן פאָלק, געבן מוט און האָפענונג די פעלקער פון מאַרס, אַז מ'וועט זאָרגן אַז ס'זאָל זיי גאָרנישט פעלן.

דער שאַרפסטער דעקרעט איז געווען קעגן אַרויסלאָזן זיך כאַפּן נייע שקלאַפן. אין דעם דאָזיקן דעקרעט האָט זיך קלאָר און דייטלעך גע-זאָגט, אַז „יעדער איינער וואָס וועט פון היינט-אָן און ווייטער כאַפּן אַ מענטש אין אים צווינגען צו אַרבעטן פאַר אים, וועט באַשטראָפט ווערן אין דער זעלבער פאָרעם: ער וועט דאַרפן אַרבעטן פאַרן „געכאַפּטן" און ווערן זיין שקלאַף".

לי-לי האָט אויך איינגעפירט צוויי נייע מעטאָדן, וואָס ביז אים איז דאָס קיינמאָל נישט געווען. דאָס ערשטע, האָט ער באַשטימט אַ טאָג אין דער וואָך, וואָס יעדער איינער פון פּלאַנעט — אַ שקלאַף אָדער אַ הערשער — וואָס האָט עפּעס געהאַט אַ ביטע צו אים, אָדער אַן אָנקלאַגע קעגן אַ הערשער, אָדער ריכטער, האָט געקאָנט קומען אין „שאַליטס" פּאַלאַץ אַריין זיך קלאָגן, און מ'האָט אים אויסגעהערט.

צוליב דעם דאָזיקן צוועק, האָט לי-לי איינגעפירט אין זיין פּאַלאַץ אַ ספּעציעלע „סעקרעטאַריע", וועלכע האָט פריער אויפגענומען יעדנס קלאַגע און ס'איז געוואָרן איינגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אַז אויף צו דערקלערן אַז די אָנקלאַגע איז נישט ווערט גענומען צו ווערן אין אַכט, און אַז דער „שאַליט זאָל נישט פאַרלירן קיין איין מינוט צייט, האָט מען

געדאַרפט האָבן די צושטימונג פון העכערע צען שעפן, איינער עלטערער אין ראַנג פונעם צווייטן, און ווען דער לעצטער האָט געגעבן זיין „וועטאָ”, האָט מען גערופן דעם אָנקלאָגער און אים, — אָן דעם „שאַליטס” פאַרמיטלונג, — געהאָלפן אין זיין פּראָבלעם.

אויפן מאַרס האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַן אַנדער קלימאַט; אַ קלימאַט פון פרייהייט און ליבע צום יונגן „שאַליט”. דערפאַר, ווען ס'איז געמעלדעט געוואָרן אַז דער „שאַליט” פליט-אָפּ צו דער ערד כדי דאָרטן צו פּראַווען זיין חופּה-צערעמאָניע מיט דער באַליבטער קעניגין היגעסיטאַ, האָבן הונדערטער און טויזנטער דעלעגאַציעס פון אַלע שיכטן און ראַנגען, און אַפילו פון דעם „פאַרבאַנד פון אַרבעטער” (שקלאַפן) געבעטן אַ דערלויבעניש און אַ מעגלעכקייט בייצווזיין דעם יום-טוב.

פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט אויך געדאַרפט אין זינען האָבן, אַז צווישן דער מאַסע דעלעגאַציעס זאָלן זיך נישט אַריינשמוגלען אַ פּאָר פאַנאַטיקער וואָס ווילן מילחמה מיט דער ערד, אָדער גלאַט שונאים און נישט-פאַרגינער פון לי-לי און זיין פאַמיליע, און זייענדיק אויף דער ערד זאָלן זיי נישט וועלן אָפּטון זייער מערדישע אַרבעט. הערי קוק האָט עס פאָרויסגעזען און באַוואָרנט. ס'איז פאַר די ראַבאָטן פון די מאַרס-געסט באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלער אַעראָדראָם, וואוהין זיי האָבן באַדאַרפט אָנקומען. צו קיין אַנדער אַעראָדראָם האָבן זייערע ראַבאָטן נישט געדאַרפט און אויך נישט געקאָנט צוקומען... וואָלט אַ מאַרס-ראַבאָט געוואָלט, אָדער אומוויליק זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ צווייטן פּלאַץ, וואָלט אים אַ ספּעציעלער „שטראַל”, אַרויסגעשיקט פון אַן אָנגעשטעלטן „ראַדאַר”, תיכף פאַרקירעוועט צום באַשטימטן פּלאַץ.

אָט די „ראַדאַרן” זענען געווען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זיי וואָלטן געווען „אָנגעשמעקט”, צי די מענטשן וואָס זיצן אינעם ראָבאָט זענען נישט געקומען מיט „שלעכטע כוונות”.

צום גליק, ווייזט אויס, אַז אויפן מאַרס האָט זיך טאַקע אַ סך געביטן און מ'הייבט אָן באַטראַכטן די מיסיע פון זייער נייעם „שאַליט” ווי אַ רעטונג פאַרן פּלאַנעט. פון די הונדערטער טויזנטער מאַרסיאַנער וואָס זענען געקומען צופליען, אין דער שפּיץ פון וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די גרעסטע געלערנטע פונעם פּלאַנעט און אַלע הויפּט-הערשער און הויפּט-ריכטער — איז צווישן זיי נישט געווען קיין איין פאַררעטער, אָדער שונא פון לי-לין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פון די דעלעגאַציעס. כדי אַרויסצואווייזן פאַרברידערונג צווישן פעלקער און פּלאַנעטן, האָבן די

אָרגאַניזירער פון „מאַרש", וואָס האָט געדאַרפט דורכגיין די עסטראַדע וואו ס'זענען געזעסן דער „שאַליט" מיט זיין פרוי, די הויפּט-הערשער פון דער ערד און די הערשער פון דער לבנה וואָס זענען געקומען צו גאַסט. — איינגעאָרדנט אַזוי, אַז מען זאָל יעדן איינעם קאָנען אַרויסזעען. אויף דער בינע האָט זיך אויך געפונען לי-לים מישפּחה: פאָטער און מוטער, ברידער און שוועסטער און נאָענטע פריינט, און פון דער צווייטער זייט — די מישפּחה פון הערי קוק: דער זיידע און די באָבע פון דער כלה און אירע נאָענטע מישפּחה-מיטגלידער.

אַ גרויסער אָרקעסטער מוזיק איז געגאַנגען פאָרויס און גלייך נאָכן אָרקעסטער זענען געגאַנגען די דעלעגאַציעס און איינגעלאַדענע געסט. די אָרגאַניזירער פונעם מאַרש האָבן אויסגעקאָמבינירט, אַז די מאַרשירער זאָלן גיין צוזאַמען, כאָטש זיי זענען פון פאַרשידענע וועלט-טיילן.

אָט, למשל, איז דורכגעגאַנגען אַ דעלעגאַציע פון זיד-אַמעריקאַנער מענטשן וואָס זענען געגאַנגען געאָרעמט מיט זייערע ברידער וואָס זענען געקומען פון ווייטן... סיביר.

אָט האָט דורכגעמאַרשירט די דעלעגאַציע פון די איינוואוינער פונעם זיד-פּאָל, וואו מ'זעט די זון בלויז זעקס מאָנאַטן אין יאָר, און זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט מיט די איינוואוינער פון... נאָרד-פּאָל, וועלכע זעען בכלל די זון קיינמאָל נישט...

אָט איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון רוסישע פעלקער וולכע לעבן זיך איצט פריי און גליקלעך און זענען געטרייע מיטגלידער פון דעם „פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע פעלקער", און זיי זענען געגאַנגען אַקסל ביי אַקסל מיט די דעלעגאַציעס וואָס זענען געקומען פון... זיד-אַפריקע. אַ צווייטע גרופּע פון רוסישע פעלקער — אין דער שפּיץ פון זייערע געלערנטע און אַנטדעקער — זענען געגאַנגען געאָרעמט מיט זייערע קאָלעגן פון די צפון-אַמעריקאַנער פעלקער, מיט וועלכע זיי זענען איצט אין די בעסטע און פריינטלעכסטע באַציאונגען און טיילן זיך טעגלעך און כמעט יעדע שעה מיט די נייע אַנטדעקונגען וואָס יעדער איינער פון זיי אַנטדעקט אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט.

אָט, האָט טאַקע ערשט נישט לאַנג אַ רוסישער געלערנטער אַנטדעקט אַ מיטל, ווי אַזוי צו מאַכן אַז אַ בוים, —ספּעציעל אַ וואַלד,— זאָל נישט געדויערן קיין יאָרן ביז ער וואַקסט אויס און ווערט נוצלעך פאַר דער מענטשהייט. ווען דער דאָזיקער געלערנטער האָט געמאַכט דעם עקספּערימענט ביי זיך אין הויף, און אין משך פון עטלעכע חדשים האָט ער אויף אַ ליידיקן שטח ביי זיך פאַרפלאַנצט און „אַרויפגעצויגן אין דער

הויך״ אַ גאַנצן וואַלד, האָט ער עס תיכּף געמעלדעט זיינע צפון-אַמעריקאַנער קאָלעגן מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען שטודירט אין די רוסישע אוניווערזיטעטן.

ס'איז נישט פאַרביי קיין סך צייט, און אַ צפון-אַמעריקאַנער געלערנטער איז אַוועק נאָך ווייטער. ער האָט אַנטדעקט אַ מיטל, אַז די זעלבע ביימער זאָלן וואַקסן אויף... שטיינער. נאָך מער, ער האָט אַרויסגעקראָגן פון די ביימער וואָס ער האָט פאַרזעצט ווי קליינע צווייגעלעך אויף נאַקעטע שטיינער, אַז זיי זאָלן געבן זאַפטיקע און געשמאַקע פרוכטן. ער האָט וועגן דער דאָזיקער אַנטדעקונג דאָס ערשטע געמעלדעט זיינע רוסישע קאָלעגן וואָס האָבן געלערנט צוזאַמען מיט אים אין די צפון-אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן.

און, אָט דאָ, האָבן זיי אויך דעמאָנסטרירט זייער פאַרברידערונג און פריינטשאַפט און זיי האָבן מאַרשירט געאָרעמט.

הינעסיטאַס זיידע, וועלכער זיצט הינטער אירע פּלייצעס, בייגט זיך אָן און רוימט איר איין אַ סוד:

— ווען מ'זאָל אונדז, צוריק מיט פערציק אָדער פופציק יאָר, געוועזן זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער און רוסישע געלערנטע וועלן גיין געאָרעמט, וואָלטן מיר געגלויבט, אַז דער „זאָגער״ איז אַראָפּ פון זינען.

הינעסיטאַ גיט אַ קוש איר זיידן אין זיינע אַלטע באַקן און רוימט אים אויך איין אַ סוד אין אויער:

— אַממער, ווען מ'זאָל דיר געוועזן אַמאָל זאָגן, אַז דיינס אַן אייניקל וועט אַמאָל ווערן אַ... קעניגין! און ווען מען זאָגט דיר נאָך, — צוריק מיט 50 יאָר, — אַז דיינס אַן אייניקל וועט חתונה האָבן פאַר אַ ייִנגל פון דעם „הימל״. וואָלסטו יענעם געוועזן אָפּגעשיקט אין משוגעים-הויז, וואָס איר האָט אַמאָל געהאַט...

עס דערהערט זיך אַ הילכיקער געלעכטער. קיינער ווייסט נישט אויף דער בינע פון וואָס מ'לאַכט דאָרט, ווייטער אַביסל. באַלד ווערט קלאָר פון וואָס די בייוועזנדיקע לאַכן. עס מאַרשירט אַ גרופּע, ספּעציעל איינגעלאַדענע, געסט פון מענטשן-קאַרליקעס, און יעדער איינער פון זיי גייט געאָרעמט מיט אַ גיגאַנט וואָס איז העכער פון 2.20 מעטער. דאָס האָט מען געוואָלט ווייזן די געסט פון אַנדערע פּלאַנעטן, ווי אַזוי אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, זענען אויף דער ערד געבוירן און געוואַקסן מענטשן מיט נישט-נאָרמאַלע מאָסן. איצט, ביי דער אַנטוויקלונג פון דער מעדיצין אויף דער ערד, ווערט דאָס קינד באַלד ביים געבוירן ווערן

קאָנטראָלירט אויף אַן אופן, אַז עס קאָן נישט געשעען דער דאָזיקער פענאָמען — גאָר הויכע, אָדער גאָר קליין-געוויקסיקע מענטשן.

די לבנה-מענטשן, וועלכע האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופע אויפן געביט פון פאָרשונגען און דערפינדונגען אין דער מעדיצין, האָבן פערפעקציאָנירט נאָך אַ גרעסערע זאַך: ביי זיי קאָן יעדע פאַמיליע „באַשטעלן" ביים דאָקטער וואָס אַטענדירט זיי, וואָס פאַראַ קינד זיי ווילן האָבן — אַ יינגל, אָדער אַ מיידל. זיי קאָנען אויך באַשטעלן דעם קאָליר פון קינדס הערעלעך, און דער עיקר — זיין הויך און אַפילו דיקקייט. אויב זיי האָבן ליב אַ דיקן מענטש, אָדער זיי אַליין זענען דיקלעכע, קאָנען זיי אויספירן אַז אויך זייערע קינדער זאָלן געבוירן ווערן און וואַקסן פול-לייביקע.

ביים וויזן די מאַרשירנדיקע קאַרליקעס און גיגאַנטן, האָט מען געוואָלט וויזן דעם יונגן דור, ווי אַזוי אַמאָל איז געווען; ווי אַזוי די וועלט האָט אַמאָל אויסגעזען.

עס הויבט זיך אָן דער אָפיציעלער אקט. לי-לי מיט היגעסינאַ הויבן זיך אויף פון זייערע פלעצער און גייען צו צום שטול וואו עס זיצט דער הויפּט-ריכטער פון אַלע פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד. אַז ער זאָל געבן זיין ברכה ביי אַזאַ אקט, איז דאָס דער גרעסטער כבוד וואָס מען קאָן אָפּגעבן אַ מענטשן אויף דער ערד. בכלל, באַטראַכטן די ערד-איינוואוינער זייער הויפּט-ריכטער פאַר דעם ערשטן בירגער פון דער וועלט, וועמענס אמט איז אומבאַרירבאַר כל זמן ער לעבט, און וועמענס וואָרט עס איז אַ געזעץ פאַר יעדן איינוואוינער פון דער ערד.

דאָס זעלבע איז מיט דעם מענטשן, אויף וועמען דער הויפּט-ריכטער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט און אים געגעבן זיין ברכה. אַזאַ פערזאָן, איז פון די אָנגעזעענסטע אויף דער גאַרער וועלט, און אומעטום, וואו ער זאָל זיך נישט געפונען, דאַרף מען אים אָפּגעבן דעם מאַקסימום כבוד.

לי-לי און היגעסינאַ האָבן איצט דערגרייכט אָט די באַערונג. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום שטול פון הויפּט-ריכטער, האָט זיך דער אַלטיטשקער מאַן וואָס האָט פאַרנומען אָט דעם אמט, אויפגעהויבן פון זיין פלאַץ, און אַרויפגעלייגט זיינע ביידע הענט אויף זייערע קעפּ. אַן אָפּלאָוז פון הונדערטער טויזנטער הענט האָט אָפּגעהילכט אין אַלע ווינקעלעך פון גרויסן סטאַדיום. דער „ספּיקער" פון דער „עלעקטראָ-שטראַל-ראַדיאָ" וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע און איבערגע-געבן פאַר דער וועלט, פאַר אַלע פּלאַנעטן, וואָס עס קומט פאָר —באַוועג-

גונג נאָך באַוועגונג — האָט עס געמעלדעט אַלע מענטשן וואָס לעבן אונ־טער דער זון, אַז לי־לי, דער שאַליט פון מאַרס און זיין פרוי, הינעס, די טאָכטער פון הערי קוק און פרוי, זענען אַזוי באַערט געוואָרן פון הויפּט־ריכטער פון דער ערד.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ דער הויפּט־פּרעזידענט פון אַלע פאַראייניקטע פעלקער פון דער ערד, דער פּאַקטישער הויפּט פון אַלע ערד־איינוואוינער, און מאַכנדיק אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז ער וועט רעדן — ווערט שטיל ווי מיט אַ „כישוף־שטעקעלע".

„הויך־באַערטע חתן־כלה, עלטערן, מישפּחה און געסט.

„אין נאָמען פון די הערשער פון דער ערד, דערקלער איך פאַר פאַרבונדן, אין אַ אייביקן און הייליקן בונד פון לעבן — דאָס פּאָרל לי־לי און הינעס, וועלכע שטייען איצט פאַר אונדז. דער דאָזיקער בונד, איז נישט בלויז אַ פאַראייניקונג פון צוויי, זיך־ליבנדע, וועזנס, נאָר אַ בונד און פאַרברידערונג פון צוויי פּלאַנעטן וואו עס לעבן הונדערטער מיליאָ־נען און מיליאָנען מענטשן.

„עס איז פאַר אונדז, פאַר די ערד־איינוואוינער, אַ גרויסער כבוד, וואָס אַ מאַרס־איינוואוינער — דער העכסטער און וויכטיקסטער איינ־וואוינער פון אַט דעם פּלאַנעט — נישט ווייניקער ווי דער גרויסער שאַליט אַליין, האָט אויסגעקליבן פאַר זיין לעבנס־באַגלייטערן דווקא אַ קינד פון אונדזער ערד — און מען דאַרף צוגעבן — איינע פון די בעסטע קינדער וואָס מיר פאַרמאָגן.

„ביי אונדז, אויף דער ערד, איז מיט אַ סך צענדליקער יאָר צוריק געווען איינגעפירט אַ מינהג אַזאַ, אַז די כלה אָדער דער כלהס עלטערן, האָבן דעם חתן געגעבן אַ מתנה צו דער חתונה. די מתנה האָט געהייסן „נדן". דער דאָזיקער מינהג עקזיסטירט שוין נישט אַ סך צענדליקער יאָרן, זינט די מענטשהייט אויף דער ערד איז מאָדערניזירט געוואָרן, און האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן אַט דעם מינהג, אַלס באַליידיקונג פאַר דער כלה.

„קומען מיר איצט, די פירער און געלערנטע פון דער ערד, און מיר וועלן — בלויז איינמאָל — ווידער באַנייען אַט דעם מינהג. מיר, דער כלהס צד, וועלן געבן דעם חתן — און נישט בלויז דעם חתן אַליין, נאָר אַלע זיינע פעלקער פון פּלאַנעט איבער וועלכע ער הערשט — וועלן מיר געבן אַ מתנה, אַ נוצלעכע מתנה. אונדזער מתנה האָט אַ נאָמען פון בלויז איין וואָרט:

— „וואַסער"!

„עס איז אונדזער גרעסטע גליק אייך, מאַרס־מענטשן, צו מעלדן, אַז אונדזערע געלערנטע האָבן אויסגעפונען אַ מיטל ווי אַזוי ביי אייך צו קריגן וואַסער וויפל איר דאַרפט. און אין דער צייט וואָס איך רעד דאָ צו אייך, גיסט זיך איבער אייערע גאַסן פון אייערע שטעט. גאַנצע קאַנאַלן מיט וואַסער וואָס אונדזערע געלערנטע, וואָס געפינען זיך דאָרט, האָבן אַרויסגעלאָזט פון די דעפּאָזיטן וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט אין משך פון בלויז 48 שעה.

„און, איך וויל אייך זאָגן, טייערע פריינט, געסט פון מאַרס־פּלאַנעט. אויב איר זענט איצט געהאָלפן געוואָרן, אויב איר האָט איצט שוין וואַסער און איר וועט קאָנען רואיק אָנגייען מיט אייער געוויינלעכער אַרבעט און באַשעפטיקונג, האָט איר אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען אָט דעם דאָזיקן יונגן העלד וועלכן איר האָט ערשט נישט לאַנג דער־ווײלט אַלס אייער שאַליט און וואָס האָט איצט געקראָגן די העכסטע באַערונג פון אונדזערע ערד־הערשער. דער דאָזיקער יונגער פּאַטריאָט אייערער, האָט איינגעשטעלט זיין ערע און זיין לעבן פאַר אייך און מיט זיינע קלוגע רייד, און מיט זיינע לאָגישע אַרגומענטן, האָט ער אונדז, הערשער פון דער ערד, איבערצייגט, אַז מיר דאַרפן נישט אָנהויבן קיין פאַרטיידיקונגס־מילחמה קעגן אייך, אַז מיר דאַרפן נישט צעשטערן יענעם פּלאַנעט וואָס האַלט אין איין מאַכן פּלענער אונדז אומברענגען — אָדער אין בעסטן פאַל, באַזיגן און פאַרשקלאַפן — און מיט זיינע קלוגע רייד האָט ער געבראַכט דערצו, אַז אונדזערע געלערנטע זאָלן אייך העלפן געפינען וואַסער — דעם הויפּט־פּראָדוקט, צוליב וועלכן איר האָט אונדז געוואָלט פאַרניכטן.

„און, ווי איר זעט, היינט, ווען מיר פייערן די פאַראייניקונג און פאַרברידערונג פון די פּלאַנעטן און זייערע פעלקער, היינט, טראָגן מיר אייך אונטער די גליקלעכע בשורה, אַז איר האָט שוין וואַסער וויפל איר ווילט.

„און כדי, אייער פרייד זאָל זיין נאָך אַ גרעסערע, וועלן מיר אָפּ־שטעלן אָט די צערעמאָניע אויף עטלעכע מינוט און וועלן פאַרבינדן אונדזערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און „הויכרעדנער״ מיט אייער פּלאַנעט און איר וועט הערן די ווערטער פון אייערע עלטסטע און געלערנטע, וועלכע געפינען זיך אויפן מאַרס.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ רויטער סיגנאַל האָט געגעבן צו וויסן אַז עס דאַרף ווערן אבסאָלוט שטיל. דער ספּיקער פון דער „שטראַלראַדיאָ״, האָט אויף דער מאַרסיאַ־

נער שפּראַך זיך געווענדעט צו די איינוואוינער פון פּלאַנעט אַז זיי זאָלן דורך זייערע „שטראַל-ראַדיאָ טראַנסמיסיעס" איבערגעבן וואָס עס קומט איצט פאַר אויפן מאַרס. עס הערט זיך אַ גערויש פון יובלדיקער פרייד. פון געלעכטער. פון פריידיקע אויסגעשרייען. אין אַ מינוט אַרום, הערט זיך די שטימע פון אָנפירער פון טעכנישן אינסטיטוט פון מאַרס, וועל־כער איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן און נישט מיטגעפאָרן מיט זיין שאַליט. כאָטש ער איז געווען צווישן די איינגעלאַדענע געסט:

„גרויסער שאַליט, —רופט ער אויס פול מיט עמאָציע.— גרויסער שאַליט! מיר זענען דאָ איבעראַשט! ווי דורך אַן אָפּגערעדטן סיגנאַל, האָט אָנגעהויבן שטראָמען ריין, קריסטאַליזירט וואַסער, איבער אַלע גאַסן, איבער אַלע פעלדער און וועלדער. די ערשטע צייט, זענען מיר געווען דערשראָקן און געמיינט אַז עפּעס אַ נאַטור-פענאָמען האָט זיך אָפּגעריסן פון הימל און וויל פאַרטרינקען אונדזער פּלאַנעט. באַלד זענען מיר געוואוירע געוואָרן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. די וואַסער איז גע־קומען פון גרויסע דעפּאָזיטן און גרויסע באַסיינען, וועלכע די ערד־מענטשן האָבן דאָ אויפגעשטעלט ווען זיי האָבן געמאַכט קאָנטראַקטן מיט די הערשער פון אונדזער פּלאַנעט אויפצושטעלן דאָ געוויסע פאַבריקן. קיינעם האָט זיך דאָ נישט געחלומט, אַז די פאַבריקן זענען עס געווען צו פאַבריצירן וואַסער. פּשוט — פאַבריצירן וואַסער אָן שום צאָל און אָן שום שוועריקייטן און אָן באַגרעניצונגען. די ערד-געלערנטע פאַבריצירן דאָס וואַסער פון זאַמד. פון פּשוטער זאַמד וואָס מיר האָבן דאָ אַזוי פיל. דאָס וואַסער קומט אַרויס זייער ריין און געשמאַק. עס איז בעסער פון דעם וואַסער וואָס מען פלעגט ברייגען אין פּלאַסטיק־פלעשער פון דער ערד און וואָס זיי רופן עס „מינעראַל"-וואַסער.

„גרויסער שאַליט, הערשער און געלערנטע פון מאַרס. איך בין נאָר־וואָס געווען אין איינער אַזאַ „וואַסער-פאַבריק" און געזען ווי אַזוי מען פאַבריצירט דאָס וואַסער, ווי אַזוי מען קוועטשט אַרויס דאָס וואַסער פון דעם זאַמד, און איך פאַרשטיי גאָרנישט ווי אַזוי איז אונדזערע גע־לערנטע קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אָט דער געדאַנק, אַז אויב זאַמד קאָן האָבן אין זיך „אויל" קאָן מען אפשר, אויך פּרואוון זוכן אין זאַמד פּשוטע וואַסער. אַזוי אָדער אַזוי, די איינוואוינער פון מאַרס זענען איצט אויסערגעוויינלעך גליקלעך. מען טאַנצט אין די גאַסן און ווען מען ברעפט אַ מענטשן פון דער ערד — טראָגט מען אים אַרום אויף די הענט, אַלס סימבאָל פון דאַנקבאַרקייט און כבוד צו אים.

„גרויסער שאַליט! פון די מיליאָנען מיילער פון די איינוואוינער פון מאַרס, הערט זיך בלויז איין איינציקער אויסגעשריי:

„לעבן זאָלן די געלערנטע פון דער ערד!

„לעבן זאָלן די הערשער פון דער ערד!

„לעבן זאָל אונדזער גרויסער שאַליט, וועלכער האָט אונדז פאַרבונדן מיט די גרויסע ערד-געלערנטע און ביי זיי געפּועלט אַז זיי זאָלן אונדז העלפן!

„לעבן זאָל דער גרויסער שאַליט וואָס האָט זיך, זיין לעבן, פאַרבונדן מיט די ערד-מענטשן."

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס ווערט דערקלערט אַן איבעררייס אויף אַ קליינער צייט. די „חופּה-צערעמאָניע" איז שוין אָפיציעל דורכגעפירט. די אַקטן זענען שוין אונטערגעשריבן. דער גאַנצער עולם, הן אויף דער בינע, הן אין סטאַדיום, פאַרברענגט צווישן זיך געמיטלעך. לי-לי גייט צו צו זיין שווער,ביידע נעמען זיך אַרום, קושן זיך שטאַרק און... צעוויינען זיך פאַר פרייד. לי-לי, וואַרפט פאַר דעם הער קוק פאַרוואָס ער האָט אים נישט אויסגעזאָגט דעם סוד פון געפינען אַ מיטל צו קריגן וואַסער פאַרן מאַרס. הער קוק, האַלב אַ פאַרשעמטער, דערציילט אים אַז... אויך פאַר אים איז דאָס געווען אַ נייעס. אויך ער האָט זיך ערשט דערוואוסט ווען ער האָט געהערט רעדן דעם פאָרזיצער פון די „פאַרייניקטע פעלקער". אויך פאַר אים איז דאָס געווען אַ „מתנה". ערשט, נאָר-וואָס, האָט אים דער עלטסטער געזאָגט, אַז מען האָט אינמיסטן אים נישט אויסגעזאָגט פון דער דערפינדונג, כדי דער יום-טוב און די פרייד זאָל, אויך ביי אים, זיין אַ גרעסערע און שטאַרקערע.

ביידע מענער רעדן נישט, נאָר אויפן וואונק פאַרשטייען זיי זיך איין, וואָס פאַר אַ גרויסן חלק זיי האָבן, וואָס עס איז געקומען צו אַ שלום און איינפאַרשטענדעניש צווישן ביידע פּלאַנעטן...

אין איינעם פון די גרעסטע און שענסטע האָטעלן פון רוים, קומט איצט פאָר אַ באַראַטונג פון אַ גרעסערער גרופּע מענטשן, פון וועלכער די גרעסטע טייל זענען מאַרסיאַנער.

אַזעלכע פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען זענען די לעצטע צייט קיין נייעס נישט, און רופן נישט אַרויס קיין שום אויפמערקזאַמקייט. זינט דער יונגער שאַליט פון מאַרס, לי-לי, האָט פעסט איבערגענומען די מאַכט אויף יענעם פּלאַנעט און האָט איינגעפירט זייער אַ סך וויכטיקע רעפאָרמעס, און זינט זיין פרוי הינעס, האָט אָרגאַניזירט די פרויען פון מאַרס, וועלכע האָבן שוין אויך באַקומען שטימרעכט און באַטייליקן זיך שוין אויך אין דער אָנפירונג פון דער רעגירונג — איז געוואָרן זייער גרוים דער מיסחר און דער בייט פון געלערנטע צווישן אַלע פּלאַנעטן פון אונטער דער זון, און גאָר ספּעציעל — צווישן דער ערד און מאַרס.

עס גייט נישט דורך קיין טאָג, קיין שעה, קיין מינוט, אַז סוחרים און געלערנטע פוןביידע פּלאַנעטן זאָלן נישט פליען איינס צום אַנדערן וועגן פאַרשידענע ענינים. אָט, למשל, האָבן די ערד-געלערנטע לעצטנס אַנטדעקט ווי אַזוי מען קאָן „אָנוואַרעמען” ריזיקע שטרעקעס ערד וואָס ליגן ווייט, ווייט ביים נאָרד אָדער זיד-פּאָל און וואָס זענען אייביק פאַר-דעקט מיט אייז און שניי. די ערד-געלערנטע האָבן דורך ריזיקע „שפּיגלען”, „פאַרנאַרט” די זון-שטראַלן פון אַן אַנדער געגנט, ווייל אין יענע געגנטן קומען גאָר קיינמאָל די דאָזיקע שטראַלן, נישט די זון באַ-וויזט זיך דאָרט, און מיט אָט די „פאַרנאַרטע” שטראַלן, האָבן זיי אַזוי צעוואַרימט דאָס אייז און דעם שניי, אַז עס איז געוואָרן אַ ים אַרום דעם באַרג. אין צוויי טעג צייט, האָבן די געלערנטע „אויסגעטריקנט” דעם ים, און עס האָט זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך, ריינע, שוואַרצע ערד, וועלכע מען האָט נאָך נישט גענוצט זינט די ערד „לעבט”.

דאָס אַלעס, האָבן די ערד-געלערנטע געוויזן זייערע קאָלעגן און דאָס זעלבע איז געווען פאַרקערט. ווען די מאַרס-געלערנטע האָבן עפּעס דערפונדן אַ נייעס אויף עלעקטרישן אָדער שטראַל-געביט, האָבן זיי עס

תיכּף מיטגעטיילט זייערע קאָלעגן פון דער ערד. דערפאַר האָט נישט געצויגן קיינעמס אויפמערקזאַמקייט ווען מען פלעגט זען זיך צענויפ־קומען אין די גרויסע האָטעלן און מען האָט דאָרט אָפּגעהאַלטן זיצונגען און באַראַטונגען.

די דאָזיקע באַראַטונג וועלכע איז איצט פאָרגעקומען אין דעם גרויסן „איינשטיין"־האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם שענסטן געגנט פון רוים, האָט געטראָגן אַן אנדער כאַראַקטער. עס איז נישט געווען די ערשטע באַראַטונג פון אָט דעם מין. עס איז שוין געווען די פערטע גרעסערע פאַרזאַמלונג פון מאַרסיאַנער הערשער און געלערנטע — צווישן זיי אויך עטלעכע ערד־געלערנטע.

ווען עמיצער, אַ פרעמדער, זאָל געווען אָנקומען אין זאַל וואו די פאַרזאַמלטע זענען געזעסן, וואָלטן זיי באַלד באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינלעכער צוזאַמענטרעף פון פריינט, פון סוחרים אָדער פון געלערנטע. דאָס ערנסקייט פון זייערע פּנימער, די געהיימניש מיט וועלכע זיי האָבן ארומגערינגלט די באַראַטונג און די פאָרזיכטיקייט וואָס זיי האָבן אָנגענומען אַז קיין שום פרעמדער, אומגעבעטענער גאַסט, זאָל נישט אַריינגיין אין זיצונגס־זאַל, איז געווען קלאָר, אַז מען באַהאַנדלט דאָ אַזעלכעס וואָס נישט יעדערער מעג עס וויסן.

אין דער אמתן, איז טאַקע געווען פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי פאָרזיכטיק און אַזוי געהיימפול אַרומגענומען אָט די באַראַטונג. עס איז נישט געווען קיין פּשוטע טעמע אויף וועלכע זיי האָבן געדאַרפט רעדן. עס איז אויך נישט געווען וועגן עפּעס אַ נייער אָנטדעקונג וועלכע זיי האָבן נישט געוואָלט אַז עס זאָל פריער ווי זיי ווילן, קומען אין דער עפנטלעכקייט. דאָ זענען געזעסן אַ גרופּע מענטשן —ספּעציעל, די געקומענע פון מאַרס— וועלכע האָבן...

— געפלאַנט אַן אַטענטאַט אויפן יונגן שאַליט.

זינט לי־לי האָט פאַרנומען דעם העכסטן אמט פון מאַכט אויפן מאַרס, זינט ער איז אויף אַ פייערלעכן אופן געקרוינט געוואָרן אַלס שאַליט, און זינט ער האָט איינגעפירט אַ סך ליבעראַלע געזעצן פאַר אַלע איינוואוינער פון מאַרס, האָט ער זיך געשאַפן מיליאָנען און מי־ליאָנען פריינט. ספּעציעל -- צווישן די אָרימערע איינוואוינער פון מאַרס און גאָר ספּעציעל — צווישן די שקלאַפן. די יעניקע פון די שקלאַפן וועלכע האָבן אַמאָל געלערנט אָדער געהערט דערציילן וועגן דער ערד־געשיכטע, האָבן אים, לי־לין, צוגעגליכן צום געוועזענעם גרויסן פּרעזי־דענט פון צפון־אַמעריקאַנעם פאָלק, צו אייבערעם לינקאָלן, וואָס האָט —

אין זיין צייט— דורכגעפירט די באפרייאונג פון מענטשן־שקלאפן, וועלכע האבן געהאט אן אנדער הויט אויף זיך ווי די אנדערע מענטשן ביי וועמען זיי האבן געשקלאפט. אנדערע מארס־איינוואוינער, וועלכע האבן נישט וויניק געליטן פון דעם סיסטעם פון שקלאפעריי אויפן מארס, האבן געהערט דערציילן, אדער זיי האבן געלערנט אין די שול־ביכער, וועגן א צווייטן באפרייער פון שקלאפן. א באפרייער, וואס האט געלעבט מיט עטלעכע טויזנט יאר צוריק און האט געהייסן משה. דער דאזיקער משה —האבן זיי געוואוסט— איז געווען א זון פון א „שאליט" אויף דער ערד און האט געטראגן דעם טיטול פון „פרינץ". דאך האט ער נישט געקאנט פארליידן, ווי זיין פאטער האט פארשקלאפט א גאנץ פאלק וואס האט געלעבט אין די גרעניצן פון זיין לאנד. דאס פאלק האט געהייסן „עברים". און ער, משה, האט זיי באפרייט פון שקלאפנטום און זיי ארויסגעפירט פון אט דעם „שקלאפן־לאנד".

וואס מערער לי־לי האט באקומען דעם גרויסן נאמען פון באפרייער, —כאטש די שקלאפן האבן נאך אלץ געארבעט ביי זייערע אונטערדריקער— אלץ מערער האט לי־לי געקראגן שונאים פון יענעם קלאס מענטשן וועלכע האבן זיך געפילט געטראפן פון זיינע, נייע, ליבעראלע, געזעצן.

וואס מערער לי־לי האט ארויסגעגעבן באפעלן צו פארקלענערן די מיליטערישע מאכט פון מארס־פלאנעט און די הערשער און זייערע קריגער זאלן בעסער העלפן דעם פאלק אין זייערע טעכנישע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אלץ מערער האט ער געקראגן שונאים צווישן א טייל פון אט די הערשער און מיליטארן, וועלכע האבן זיך געפילט געטראפן פון די דעקרעטן אז זיי מוזן גאר טון פשוטע, מענטשלעכע, ארבעט.

די מיליטארן האבן געהאט נאך א גרונט צו זיין אומצופרידן מיט לי־לין און זיין הערשאפט. עס איז געווען א מינהג אויפן מארס, אז מען האט געקרוינט א נייעם שאליט, און ווי נאר דער נייער קעניג האט איבערגענומען די מאכט, איז דער ערשטער דעקרעט וואס ער האט ארויסגעגעבן געווען געווידמעט די... הערשער. דאס ערשטע — האט ער זיי געהעכערט זייער —אזוי אויך גרויסן— געהאלט, און דער עיקר — ער האט יעדער הויפט־הערשער און יעדן הערשער פון א צווייטן ראנג, געשאנקען א גרויסע צאל... שקלאפן. וועלכע יעדער נייער שאליט פארמאגט לרוב.

געווען נאך א מינהג ביי די מארסיאנער. אז ווען מען האט געקרוינט

אַ נייעם שאַליט, האָט דער נייער „קעניג" באַשטימט אַ געוויסע צאָל נייע „הויפּט-הערשער" און אַ גרעסערע צאָל געוויינלעכע הערשער, וועלכע זענען שוין געוואָרן קאַנדידאַטן אויפן ראַנג פון „הויפּט-הערשער".

איצט, ווען מען האָט געקרוינט לי-לין און ווען דער הויפּט-אַסיסטענט און „עצה-געבער" פון שאַליט האָט אים צוגעטראָגן די ליסטע מיט די נעמען פון די קאַנדידאַטן אויף הויפּט-הערשער און סתם הערשער וואָס ער דאַרף באַשטימען און זיי לייענען ביים אַקט פון אָנטון אים די „שאַליט-קרוין", האָט לי-לי געענטפערט זיין „עצה-געבער" (אַסעסאָר), אַז ער האָט שוין פּאַרטיק די ליסטע וועלכע ער האָט אַליין געמאַכט און צוגעגרייט, און תיכף נאָכן אָנטון די קרוין, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געלייענט אַ ליסטע פון אַ גרויסער צאָל... געלערנטע, וועמען ער האָט באַשטימט אויף הויכע אַמטן אין די אוניווערזיטעטן און פאָרשונגס-אינסטיטוציעס. זיין ערשטער דעקרעט איז געווען — אַז ער פאַראָרדנט צו שאַפן טויזנטער נייע פאָלקס-שולן איבערן גאַנצן פּלאַנעט און ספּעציעלע שולעס פאַר די שקלאַפן. אויף צו ענדיקן די שולע און באַקומען אַ דיפּלאָם, האָט מען געדאַרפט לערנען פיר יאָר. יעדער שקלאַף — וואָס וועט ענדיקן די שול און וועט באַקומען דעם דיפּלאָם, ווערט אויטאָמאַטיש באַפרייט פון זיין אַרבעט ביי זיין בעל-הבית. עס ווערט אויך אָנגעוויזן אין דעקרעט, אַז יעדער אייגנטימער פון שקלאַפן איז מחויב צו געבן זיין שקלאַף, נישט ווייניקער ווי דריי שעה אין טאָג אויף צו לערנען און אויף צו באַזוכן די שולע.

אָט, דער באַפעל, האָט אויפגעשטעלט קעגן לי-לין, אַ גרויסע צאָל רייכע איינוואוינער פון מאַרס, מענטשן, וואָס כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע שקלאַפן, פלעגן זיי דינגען אַזעלכע אויפן מאַרק ביי די באַזיצער פון אָט די אומגליקלעכע מענטשן, און פלעגן זיי אויסנוצן פאַר זייערע אינדוסטריעס, פּלאַנטאַציעס און סתם שווערער אַרבעט. אָט די „פאַרדונגענע" שקלאַפן איז געווען אַ סך ערגער ווי די שקלאַפן וואָס האָבן געאַרבעט ביי זייער אייגענעם בעל-הבית. די יעניקע וואָס האָבן געדונגען שקלאַפן אויפן טאָג, וואָך אָדער חודש, האָבן זיי באַהאַנדלט אויסערגעוויינלעך שלעכט. מען האָט זיי געזשאַלעוועט עסן און נאָך מער — טרינקען. עס האָט נישט געאַרט דעם בעל-הבית, אויב דער שקלאַף איז געבליבן אָן כוחות. אַלץ איינס, דאַרף ער אים ביינאַכט אָדער מאָרגן אָפּגעבן צוריק — טאָ זאָל ער אַרבעטן שווער.

דערפאַר טאַקע, אַז אַן אייגנטימער פון שקלאַפן פלעגט ווען עפּעס

סטראַשען זיינע קנעכט, איז דער גרעסטער סטראַשונאַק געווען — ער וועט זיי פאַרדינגען אויף אַרבעט צו אַ צווייטן.

מיט איין דעקרעט, האָט לי-לי געמאַכט אַ סוף צו אָט דער לאַגע. אין אַ געזעץ וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער באַפוילן, אַז מען טאָר נישט פאַרדינגען קיין שקלאַפן אָן דעם ווילן און צושטימונג פון אַרבעטער-שקלאַף. ער האָט אויך אַנגעשטעלט אַ סך מענטשן-אינספּעק-טאָרן — צווישן זיי — אַ סך פרויען, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע נאָכצוקוקן און נאָכצוזוכן ווי אַזוי מען באַהאַנדלט אָט די שקלאַפן בּיכלל און די געדונגענע — ביפרט. פאַר עובר זיין אויפן באַפעל, האָט מען דאָס ערשטע מאָל אַרויפגעלייגט אַ געלט-שטראָף לטובת די געפּלאָגטע שקלאַפן וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט. דאָס צווייטע מאָל — האָט מען פאַרבאָטן אים צו פאַרדונגען שקלאַפן. און, אויב עס איז געווען דער אייגנטימער אַליין וואָס האָט אומענטשלעך באַהאַנדלט זיינע קנעכט, האָט מען צוגענומען האַלב פון זיינע שקלאַפן און זיי איבערגעפירט אויף רעגירונגס-אַרבעטן, וואו זיי זענען שוין גאָר אַנדערש באַהאַנדלט גע-וואָרן. אויב, ער האָט זיך אַלץ נישט געבעסערט, אָדער האָט זיך איינ-געקויפט פרישע שקלאַפן און ווידער זיי ברוטאַל באַהאַנדלט, האָט מען דעם בעל-הבית, אָדער דעם „דינגער" פון די שקלאַפן... אַליין געמאַכט פאַר אַ שקלאַף ביי רעגירונגס-אַרבעט.

פאַרשטייט זיך, אַז לי-לי האָט זיך אָנגעקויפט אַ סך שונאים צווישן אָט דעם שיכט מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפילט „געקריוודעט". די דאָ פאַרזאַמלטע קאָנספּיראַטאָרס.

ווי-זשע קומען אויף אָט דער „קאָמפּלאָט-באַראַטונג" מענטשן פון דער ערד? וואָס האָבן די ערד-מענטשן צו לי-לין, אַז זיי זאָלן נעמען אָנטייל אין אַ פאַרשווערונג צו באַזייטיקן אָדער דערמאָרדן דעם „שאַליט" פון מאַרס?

דאַרף מען דערציילן, אַז אָט די ערד-מענטשן וואָס זענען געקומען צו דער באַראַטונג, האָבן טאַקע גאָרנישט צו לי-לין. זיי קאָנען אים נישט און אינטערעסירן זיך נישט מיט זיינע געזעצן און מאַסמיטלען אויפן מאַרס. דאָ זענען פאַרטראָטן צוויי גרופּעס ערד-מענטשן. איינע: וואָס איז אומצופרידן וואָס לי-לים שווער, הער הערי קוק — זייערער אַן אַמאַ-ליקער קאָלעגע ביי דער אַרבעט אין שוק-מיניסטעריום — איז איצט זייער גרויס געוואָרן, זיין נאָמען קלינגט פון איין עק וועלט ביז צו דער צווייטער און לעצטנס, איז ער דערווײלט געוואָרן אַלס וויצע-פאַרזיצער פון דעם עקזעקוטיוו פון די „פאַראייניקטע פעלקער" אויף דער ערד.

מיט אַנדערע רייד — הערי קוק איז איצט דער צווייטער מענטש אויף דער וועלט, נאָכן פאָרזיצער פון דער אויספיר־מאַכט פון די פאַראייניקטע פעלקער. הער קוק איז אויך באַשטימט געוואָרן פון די פירער און רע־גירער פון אַלע לענדער אויף דער וועלט — אַלס „ערן־בירגער פון דער ערד" און מען אנערקענט, אַז אַדאַנק זיין טאַקט און זיין פאַרשטאַנד איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ מילחמה צווישן דער ערד מיטן מאַרס. אַ מילחמה, וואָס וואָלט געווען געבראַכט אַ סך טרויער אויף ביידע פּלאַ־נעטן און אַ סך צעשטערונג פון מענטשלעכן לעבן.

און, כאָטש הערי קוק האַלט זיך ווייטער באַשיידן ווי פריער, און איז געבליבן דער זעלבער פּשוטער מענטש און חבר צו זיינע געוועזענע אַרבעטס־קאָלעגן, דאָך זענען פאַראַן אַ סך פון זיי וואָס וואָלטן געוואָלט, און עס וואָלט זיי נישט געאַרט אַז ס'זאָל פאָרקומען עפּעס אַן אומגליק, אַפילו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די פּלאַנעטן, — אַבי הערי קוק זאָל כאַפּן אַ מפּלה.

אַ צווייטע גרופּע ערד־מענטשן, וואָס זענען בייגעווען די באַראַטונג, זענען געווען פּשוטע... טשאַרלאַטאַנען, פאַרקויפטע פאַר געלט, פאַר טייערע שטיינער און בריליאַנטן, מיט וועלכע די מאַרס־קאָנספּיראַטאָרס האָבן זיי איבערגעקויפט, און זאָגן ערשט־צו צו באַצאָלן...

— — — — — — — — — — — — — — —

צו דער אָנגעצייכנטער מינוט, האָט זיך די באַראַטונג אָנגעהויבן. איידער מ'האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט מען צום דריטן מאָל גוט רע־ווידירט דעם זאַל, כדי זיך איבערצוצייגן צי ס'איז דאָרט נישט אינסטאַ־לירט קיין ראַדיאָ־אויפכאַפּער, אָדער צי דער זאַל איז נישט „פאַרבונדן" מיט וועלכן ס'איז נישט עלעקטראָ־טעלעפאָן פון דרויסן, וואו מ'זאָל זיך קאָנען אונטערהערן די געשפּרעכן פון די פאַרזאַמלטע. און כאָטש אַלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך געקענט איינעם דער אַנדערן, האָט מען דאָך נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי, — גאָר ספּעציעל — צו די „געדונ־גענע" ערד־מענטשן. און בכדי קיינעם נישט צו פאַרשעמען, האָט מען באַשלאָסן, אַז מ'דאַרף באַטאַפּן די קעשענעס און די קליידער פון יעדן איינעם, צי מ'טראָגט נישט מיט זיך קיין שום „ראַדיאָ־אויפכאַפּער". דער ערשטער וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט און געבעטן אַז מ'זאָל אים אונטערזוכן, איז געווען דער פאָרזיצער פון דער באַראַטונג. ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש זיין זייגערל און אַנדערע גאָלד און מעטאַל־זאַכן, וועלכע קאָנען אפשר „אויפכאַפּן געשפּרעכן". נאָכטוענדיק זיין ביישפּיל, האָבן אַלע פאַרזאַמלטע זיך צוגעשטעלט צו דער אונטערזוכונג.

און יעדער איינער האָט אַרויסגעלייגט אויפן טיש זיין זייגערל און אַלץ וואָס מ׳קאָן עלעקטריזירן. ס׳זענען אויך צוגעגרייט געוואָרן מלבושים פאַר די יעניקע, וועלכע האָבן געטראָגן אָנצוגן מיט קנעפּ וואָס קאָנען עלעקטריזירט ווערן. די אַלע צונויפגענומענע זאַכן האָט מען אַריינגע־לייגט אין אַ ספּעציעל צוגעגרייטער שאַפע, וועלכע איז אימוניזירט גע־וואָרן קעגן דאָס אויפנעמען קלאַנג־שטראַלן.

— — — — — — — — — — — — — — —

עטלעכע שעה שפּעטער.

די באַראַטונג האָט זיך געענדיקט. מ׳האָט אָנגענומען וויכטיקע און וויטגייענדיקע באַשלוסן וואָס האָבן געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו דער הערשאַפט — און אפשר אויך צום לעבן— פון לי־לי און הערי קוק. און בכדי נישט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מצד די האָטעל־באַ־דינער, האָט מען באַשטעלט אַן ערשטקלאַסיקן לונטש און טייערע גע־טראַנקען פאַר די פאַרזאַמלטע. מ׳האָט אויך באַשטעלט אַ „פּעטיט־פּראַגראַם״ פון קינסטלער און זינגערס, ווי ס׳פירט זיך לעצטנס ווען אַ גרופּע סוחרים, אָדער אינדוסטריאַלן פאַרענדיקן מיט דערפאָלג אַ גוט געשעפט צווישן זיך.

מ׳האָט באַשטימט, אַז ביים צעגיין זיך פונעם זיצונגס־זאַל און ביים נעמען די ראָבאָטן אויף אַהיימצופאָרן, זאָל מען עס טון, ווי ווייט מעג־לעך, איינציקווייז. די מאַרס־הערשער זאָלן נישט פאָרן אַלע אויף אַמאָל גלייך צו זייערע היימען, נאָר אַ טייל זאָל פליען צו דער לבנה, און אַ צווייטער טייל זאָל מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער ערד. און די דריטע טייל זאָל פליען גלייך אַהיים, אויפן דירעקטן וועג — ערד־מאַרס.

שפּעט אין דער נאַכט, זענען שוין אַלע „קאָנספּיראַטאָרן״ געווען אויפן וועג צו די פונקטן וואָס ס׳איז פאַר זיי פון פאָרויס באַשטימט גע־וואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיט 48 שעה שפּעטער.

אינעם פּאַלאַץ פון „שאַליט״ גרייט מען זיך צו אַ דרינגענדיקע באַ־ראַטונג. לויט ווי די ראַדיאָ־שטראַל־איינלאַדונגען האָבן דערקלערט, האָט מען אַנטדעקט אַ זייער וויכטיקע זאַך, וואָס וועט ברענגען גרויס נוצן פאַר די איינוואוינער פונעם מאַרס, און יעדער איינגעלאַדענער מוז ביי־זיין די דאָזיקע באַראַטונג.

עס איז אויך געמעלדעט געוואָרן אין די איינלאַדונגען צו די מאַרס־מענטשן, אַז עס ווערן פאַרבעטן אַלע הויפּט־ריכטער פונעם מאַרס, אַלע

אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָרן, און —דאָס מאָל שוין אַ נייעס— עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן דעלעגאַציעס פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס וואָס עקזיסטירן שוין אויפן פּלאַנעט, ווי אויך פאַרשטייער פון די „געצוואונגענע אַרבעטער" (שקלאַפן) פאַראיינען, וואָס זענען לעצטנס טעטיק איבערן גאַנצן לאַנד. עס ווערט אויך געמאָלדן, אַז מ'דערוואַרט אַ גרעסערע דעלעגאַציע פון די ערד-הערשער און געלערנטע, ווי אויך פון דער לבנה.

די באַראַטונג האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן צו אַ געוויסער מינוט. אָבער, ס'זענען שוין פאַריבער עטלעכע מינוט און אַפילו מער פון אַ שעה און דער „שאַליט" איז נאָך נישטאָ אויף דער בינע. מ'מערקט אַז עס פעלן אויך עטלעכע הערשער און געלערנטע, וואָס כאָטש זיי זענען נישט פון די העכסטע ראַנגען און זייער אָנוועזנהייט איז נישט דרינגענדיק נייטיק, אָבער דער באַפעל פונעם „שאַליט" איז געווען, אַז קיינער פון די וואָס זענען איינגעלאַדן געוואָרן טאָרן נישט פעלן. אויב ווער ס'איז פון די איינגעלאַדענע איז קראַנק, זאָל מען אים ברענגען מיטן בעטל. און, צו דער באַוואונדערונג פון אַ סך איינגעלאַדענע, האָבן טאַקע „סאַניטאַרע באַדינער" אַריינגעטראָגן אויף „קראַנקן-בעטלעך" אייניקע איינגעלאַדענע וואָס האָבן אַליין נישט געקאָנט קומען...

קיין זייטיקער מענטש האָט עס נישט פאַרשטאַנען, אָבער ס'איז געווען צו באַמערקן, אַז די פּלעצער פון אַ טייל הערשער און געלערנטע, ווי אויך חשובע סוחרים און פאַבריקאַנטן פון מאַרס וואָס זענען געווען איינגעלאַדן צו אָט דער באַראַטונג, ווי אויך דאָס פּלאַץ פון די „קראַנקע" בייוועזנדיקע, וואָס מ'האָט איצט געבראַכט, זענען געווען קאָנצענטרירט אויף איין פּלאַץ, אין איין ווינקעלע. און בלויז אָט די „געסט" האָבן עס מיט שטוינונג באַמערקט, אַז דאָ האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע, אַלע אָן אויסנאַם, די יעניקע וואָס זענען צוריק מיט אַ צוויי טעג בייגעווען די באַראַטונג אינעם האָטעל פון רוים.

ווען אַלע זענען שוין געווען אויף זייער פּלאַץ, האָט זיך באַוויזן דער „שאַליט". ער איז געקומען אין באַגלייטונג פון אַ גרעסערער גרופּע געלערנטע, הערשער און ריכטער. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע פּלעצער און אויפגעהויבן זייערע הענט אין דער הויך, און ביז דער „שאַליט" האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט, האָבן זיי די הענט נישט אַראָפּגעלאָזן.

אַ קליינער סיגנאַל פון אַ רויט ליכט האָט געגעבן צו וויסן, אַז עס דאַרף ווערן שטיל. דער „שאַליט" וועט ריידן. אין זאַל האָט געהערשט

אָן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט און אַ שטימונג פון נייגעריקייט — וואָס וועט דאָ געשען?

דער „שאַליט" הייבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ צו ריידן. דאָס איז אויך געוואָרן אַ נייער מינהג, וואָס לי-לי האָט איינגעפירט. פריער פלעגן די „שאַליטן" רעדן זיצנדיק. דאָס ריידן שטייענדיק איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ רעספּעקט פאַר די בייוועזנדיקע.

— „צום ערשטן, —הייבט אָן דער „שאַליט",— באַגריס איך און באַדאַנק די דעלעגאַציע פון דער ערד וואָס איז געקומען אויף אונדזער איינלאַדונג, אין דער שפּיץ פון הויכן ערשטער און געלערנטן — הער הערי קוק; די צווייטע דעלעגאַציע, פון דער לבנה, וואָס איז געקומען אין שפּיץ פון איר הויפּט-ריכטער, דער הויך-געלערנטער זשאַ-זשאַ, און לסוף, אַ דאַנק אונדזערע חשובע געסט פון מאַרס, אין דער שפּיץ פונעם הויפּט-ריכטער, וואָס זענען געקומען צו דער באַראַטונג. נישט ווייסנדיק וואָס מ'וועט דאָ באַהאַנדלען.

„איידער מיר טרעטן-צו צו דער באַראַטונג, געפין איך פאַר מיין פליכט אייך צו ווייזן אָן „עלעקטראָ-פילם" וואָס אונדזערער אַ געלערנטער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַראָפּגענומען. דער פילם איז פילמירט געוואָרן אויפן ערד-פּלאַנעט, אָבער, ער וועט אייך אויך אינטערעסירן. נאָך דעם ווי איר וועט זען דעם פילם, וועט איר דאַרפן מישפּטן, צי מיר דאַרפן פאָרזעצן די באַראַטונג . . . ".

אין אַ ווינקל פונעם זאַל ווערט אָפּגעדעקט אַ פאָרהאַנג. עס ווערט טונקל און אויף אַ ווייסן ליילעך וואָס מ'זעט דאָרט הענגען, הייבט זיך אָן באַווייזן אַ פילמירט בילד. דאָס פּלאַץ וואו דער פילם ווערט געוויזן איז צוגעפּאַסט אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע זעען אים קלאָר און דייטלעך.

דאָס בילד באַווייזט: אַ האָטעל אין רוים, אַ געוויסע גרויסע שטאָט אויף דער ערד. מ'זעט ווי צום האָטעל קומען-צו יעדע מינוט עטלעכע מענטשן פון מאַרס. מ'באַמערקט ווי די מענטשן קומען-אָן נישט צוזאַמען —כאָטש זיי קומען פון זעלבן פּלאַץ,— נאָר איינציקווייז. און איידער זיי גייען אַריין אין האָטעל, קוקן זיי זיך פאָרזיכטיק אַרום, צי קיינער קוקט נישט אויף זיי. מ'זעט אויך אָנקומען עטלעכע מענטשן פון דער ערד וועלכע קוקן זיך אויך אַרום, צי קיינער קוקט נישט אויף זיי, איידער זיי גייען אַריין אין האָטעל.

דער פילם-„ספיקער" לאָזט זיך הערן:

— „זיי קוקן אַרום זיך אומעטום, נאָר נישט אויפן פּראָנט פון האָ-טעל, וואו אַ טעלעוויזיע-אַפּאַראַט כאַפּט-אויף זייער אָנקומען און זייערע באַוועגונגען..."

— „זיי האָבן אַלץ באַוואָרנט, אָבער דאָך האָבן מיר געקאָנט פיל-מירן יעדעס וואָרט און יעדע באַוועגונג זייערע".

מען הערט דערנאָך אַלע רייד און אַלע דעבאַטעס. מ'הערט ווי די הערשער קלאָגן זיך, אַז זיי זענען געבליבן אָן אַרבעט. זיי דערציילן אויך, אַז דווקא איצט, ווען די ערד-מענטשן גלויבן אַז ס'דראָעט זיי שוין נישט קיין שום געפאַר פאַר אַן אָנפאַל מצד דעם מאַרס; אַז דווקא איצט איז וויכטיג צו אַטאַקירן די ערד און באַהערשן צו ווערן מיט אַ סך באָדן און מיט פרישע מיליאָנען שקלאַפן. ער מעלדעט, אַז אויפן מאַרס הערשט איצט אַ גרויס אַרבעטסלאָזיקייט, ווייל אַלץ ווערט אַרויסגעפירט צו דער ערד און פון דאָרטן קומען שוין אָן אויסגעאַרבעטע זאַכן, אַזוי אַז ס'פעלט אַרבעט פאַר די מאַרס-אַרבעטער. און ס'איז נאָענט דער טאָג, ווען אַלע מאַרס-אַרבעטער און אַפילו אייגנטימער פון קליינע פאַבריק-לעך וועלן בעסער גיין זיך פאַרדינגען פאַר שקלאַפן צום „שאַליט" בכדי צו זיין פאַרזיכערט מיטן עסן, איידער צו אַרבעטן פריי ביי זיך, אָדער ביי יענעם. ער פאַרענדיקט, אַז מ'מוז מאַכן — ווי אַמשנעלסטן — אַ סוף צום יונגן „שאַליט" און צו זיין סיסטעם, וועלכער איז זעלבסטמערדעריש.

ער רעדט דערנאָך איינער פון די בייוועזנדיקע געלערנטע. (ער איז איינער פון די, וועלכע מ'האָט געבראַכט „קראַנקערהייט" אין זאַל אַריין). ער ווייזט-אָן, אַז דער נייער „שאַליט" האָט דערנידעריקט דעם כבוד פון די מאַרס-געלערנטע; אַז דער נייער „שאַליט" איגנאָרירט זיי און האָט זיך אַרומגערינגלט מיט בלויז ערד-געלערנטע. ער דערציילט, אַז די מאַרס-געלערנטע האָבן שוין אַרויסגעפּאַרטיקט אַ גרויסע צאָל „שטראַל-גאַזן" וואָס וואָלטן אין געציילטע מינוטן געמאַכט אַ סוף צו מיליאָנען ערד-איינוואוינער און רעגירונג-געביידעס פון דער ערד. און אַזוי אַרום וואָלט מעגלעך געווען אַ סורפּריז-אַטאַקע אויף דער ערד. צו דער זעל-בער צייט, דערציילט ער, אַז אַ גרופּע פאַרשווערער איז זיך געלונגען צו פאַרבינדן מיט די... קיך-פּערסאָנאַל פונעם „שאַליט", וועלכע זענען גרייט, ביים ערשטן אָנווייז, צו פאַרסמען די גאַנצע פאַמיליע וואָס וועט יענעם טאָג עסן צוזאַמען מיטן „שאַליט" — אין ערשטן פאַל, זיין פרוי און זיינע עלטערן וואָס עסן כמעט שטענדיק צוזאַמען.

די שטים פון ספיקער מעלדעט:

— „עס איז פאַלש, אַבסאָלוט פאַלש אַט די באַהויפּטונג. אין משך פון די לעצטע צוויי טעג האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז אַט דער דאָזיקער געלערנטער האָט געזאָגט אַ נידערטרעכטיקן ליגן! די קוכער און דער איבעריקער פּערסאָנאַל איז אַבסאָלוט געטריי!״.

דער פילם ווייזט ווייטער: עס רעדן די ערד־„קאָנספּיראַטאָרס״. זיי רעדן מיט פאַרביטערונג קעגן העררי קוק, און זענען גרייט אים צו „ליקווידירן״ ווען מ׳וועט זיי נאָר הייסן.

צום סוף ווערט באַשטימט צוצוגרייטן אויפן מאַרס אַ גרעסערע גרופּע הערשער וואָס זענען גרייט אָפּצוראַמען פון וועג דעם יונגן „שאַליט״, און ביי דער קומענדיקער פאַרזאַמלונג וואָס וועט דאַרפן פאָרקומען אין די נעקסטע דרייסיק טעג, אין איינעם פון די רייכסטע סאַלאָנען פון פּאַריז, זאָל מען שוין קומען מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן, ווער עס זאָל פאַרנעמען דעם אַמט פון דעם ליקווידירטן „שאַליט״. מען רעקאָמענדירט, אַז דערווייל זאָל מען שווינען די לעבנס פון הינעסיטאַן מיט אירע על־טערן, בכדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד פון די ערד־באַהערדן, וועלכע וואָלטן זיך ווידער אָנגעהויבן גרייטן צום קריג מיט די מאַרס־איינוואוינער.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער פילם האָט זיך געענדיקט. אין זאַל הערשט אַ טויטע שטילקייט. מען וואַרט אויפן וואָרט פון „שאַליט״. דער „שאַליט״ לאָזט לאַנג נישט וואַרטן. ער הייבט זיך ווידער אויף פון זיין פּלאַץ, און ווענדנדיק זיך צו אַלע פאַרזאַמלטע, פרעגט ער:

— איר אַלע האָט געזען און געהערט וואָס די דאָזיקע שלעכטע מענטשן האָבן געפּלאַנט. איך בעט אייך נישט אַז איר זאָלט זיך אָננעמען פאַר מיר און זיי מישפּטן פאַרן וועלן טויטן מיך. מיין לעבן איז אַמווינציקסטנס געשטאַנען אין קאַן. פאַר אַלעם איז די פראַגע: וואָס וואָלט פון אייך אַלעמען געוואָרן, ווען ס׳געלינגט זיי דער דאָזיקער טייוול־לאַנישער פּלאַן? וואָס וואָלט געוואָרן פון אונדזערע פרויען און קינדער, ווען מ׳הייבט־אָן אַ זעלבסטמערדערישן קריג מיט די ערד־איינוואוינער? וואָס וואָלט געוואָרן פון דעם מאַרסיאַנער פאָלק, ווען זיי ווערן איבער־געגעבן אין די הענט פון דע בלוטזייגער און אויסוואורפן?

„איך בעט ביים פאַרזאַמלטן פאָלק, דאָ, אַרויסצוטראָגן אַ גערעכטן מישפּט״.

פּלוצלינג גיט זיך אַ שטעל־אויף איינער פון די באַשולדיקטע הער־

שער. ער הייבט־אויף בײדע הענט אין דער הויך. ער וויל עפּעס זאָגן. מען איז זיכער, אַז ער וויל זיך פאַרטיידיקן. דער „שאַליט" טראַכט אַ מינוט, און לסוף גיט ער אים אַ צייכן אַז ער קאָן אָנהייבן ריידן. דער הערשער לאָזט אַראָפּ די הענט, און שטייענדיק, רופט ער אויס:

— גרויסער שאַליט! גרויסע הערשער און געלערנטע. אין נאָמען פון אַלע מײנע חברים וואָס האָבן געפּלאָנט דעם „קאָמפּלאָט", דערקלערן מיר זיך שולדיק און דעם מישפּט איבער אונדז וועלן מיר אַליין אַרויס־טראָגן!

ער מאַכט עפּעס אַ סימן מיט די הענט, ווייזט אויס — אַז מען האָט זיך פון פריער אָפּגערעדט, און מיט איין האַנט, האָבן אַלע „קאָמפּלאָ־טירטע" עפּעס אַרײַנגעלייגט אין מויל אַרײַן. אַלע זענען געבליבן ליגן... טויט. זיי האָבן אײַנגענומען „סם־פּילן"!

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס ווערט געמאַכט אַ קליינער איבעררייס. די סאַניטאַרן פון פּאַלאַץ און עטלעכע „קריגער" וועלכע זענען געווען צוגעגרייט און אַרומגע־שטעלט אומבאַמערקטערהייד אַרום די רעבעלן, האָבן אַרויסגעטראָגן זייערע טויטע קערפּערס פון באַראַטונגס־זאַל. ווען אַלעס האָט זיך נאָר־מאַליזירט, האָט דער שאַליט זיך ווידער אויפגעשטעלט און ווידער אָנ־געהויבן רעדן:

„הערשער און געלערנטע. עס טוט מיר זייער לייד וואָס עטלעכע פון אונדזערע גרויסע מענטשן, האָבן איצט פאַרלוירן זייער לעבן. אמת, זיי זענען געווען שולדיק, און האָבן אַליין אַרויסגעטראָגן זייער מישפּט אויף זיך, אָבער עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז מיר באַדויערן זייער און זייער פאַלשע טעטיקייט און נאָך מערער — דעם סוף פון אַ דער אַרבעט זייערער.

„איך געפין פאַר נויטיק אײַך צו מעלדן, אַז שוין אַ לענגערע צייט, ווי אונדזערער „געהיימער־דינסט", האָט אונדז אָנגעוויזן אויף זייער פאַרשווערערישער אַרבעט. מיר האָבן קאָנטראָלירט זייערע טריט און געוואוסט גענוי וואָס זיי טוען. דערנאָך האָבן מיר זיך געווענדעט צו אונדזערע פרײַנט — די הערשער אויף דער ערד, און זיי האָבן אונדז מיטגעהאָלפן אין אונדזער אויסשפּיר־דינסט. אַדאַנק זיי, האָבן מיר אַט דעם פילמירטן באַריכט. אונדזערס אַ מענטש וואָס איז דאָרט געווען מיט זיי, האָט בלויז געקאָנט קאָפּירן זייערע רייד נישט מערער. די ערד־הערשער און געלערנטע האָבן באַוויזן גייען נאָך ווייטער און מיט דער הילף פון צוויי פון די „קאָנספּיראַדאָרן", וועלכע זענען אין דער אמתן

געוועזן אַגענטן פון די ערד-אויסשפּירער, איז געלונגען צו פילמירן דעם אַקט פון זייער באַראַטונג.

„איך וויל אייך אויך מעלדן, חשובע הערשער און געלערנטע, אַז איך האָב באַשטימט דאָס פון היינט און ווייטער, וועט יעדער שקלאַף באַקומען פון זיין אייגנטימער, אַ חוץ געגוג עסן און טרינקען פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע — אויך אַ געוויסן געהאַלט —לויט דער ספּעציאַליטעט פון זיין אַרבעט— און אַ פּערט-חלק פון אָט דעם געהאַלט, וועט דער אייגנטימער דאַרפן אַריינטראָגן אין „שפּאַר-קאַסע” פון אונדזער „אוצר-פאָנד” אויפן נאָמען פון דעם אַרבעטער. אַזוי אַרום, ווען עס וועט קומען אַ טאָג און דער אַרבעטער-שקלאַף אָדער נישט שקלאַף — וועט נישט קאָנען מערער אַרבעטן, וועט ער זיין געזיכערט מיט זיין עקזיסטענץ.

אויף איינעם פון די אינדזלען פון „שטילן ים", אין א שטאט וואס טראגט דעם היסטארישן נאמען „מאק-ארטור", צום אנדענק פון יענעם העלד פון דער צווייטער וועלט-מילחמה, וואס האט דא פארטיידיקט די פרייהייט פון דער מענטשהייט, אין איינעם פון די שענסטע האטעלן פון אט דער שטאט, א מאדערנע געביידע אויפגעשטעלט פון בלויז פלאסטיש-גלאז — עפנט זיך היינט א „קאנגרעס", א צוזאמענפאר פון געלערנטע פון דער ערד. עס איז א יערלעכער קאנגרעס צו וועלכן עס קומען די פארשער פון וויסנשאפט, פון מעדיצין, פון אטאם און שטראל-טעכניק, און זיי דערציילן דא, און וויזן דא פראבעס פון אלעם וואס זיי האבן אויסגעפונען, אויסגעפארשט און אנטדעקט אויף אלע געביטן פון מענטשלעכן פראגרעס, פאר די לעצטע צוועלף חדשים.

צום קאנגרעס זענען שטענדיק אויך איינגעלאדן די געלערנטע פון מארס און פון דער לבנה. היינטיקס יאר, האט מען ספעציעל געבעטן די לבנה-איינוואוינער, אז זיי זאלן שיקן א גרעסערע דעלעגאציע, ווייל עס איז פאראן ספעציעלע נייעס פאר זיי — די לבנה-מענטשן.

עס עפנט דעם אקט, דער יונגסטער פון אלע געלערנטע און פראפעסארן וואס זענען פאראן אין זאל. עס איז שוין לאנג געווארן אזא מינהג אויף דער ערד, אז די עלטערע מענטשן —ספעציעל צווישן די געלערנטע— געבן אפ כבוד דעם יונגערן דור און דערמיט ווילן זיי אויך צוגעבן חשיבות און מוט דער יוגנט אז זי זאל לערנען און פארשן.

דער יונגער פארזיצער באגריסט אלע ביייוועזנדע, מעלדעט אויך אז עס זענען פאראן גרעסערע דעלעגאציעס פון מארס און לבנה, און גיט דאס ווארט דעם ערשטן געלערנטן — איינעם פון די הויפט-געלערנטע פון קאנאדא, א לאנד וואס געהער צו די „פאראייניקטע פעלקער פון צפון-אמעריקע".

דער געלערנטער טרעט גלייך צו צו זיין עקספאזע:

— „שוין הונדערטער און טויזנטער יארן, ווי אויף דער ערד, און בלויז אויף דער ערד, —ווייל נישט די מארס-איינוואוינער און נישט די

לבנה-מענטשן ווייסן דערפון,— אַז אויף דער ערד ווערן געבוירן יערלעך מענטשן פון פאַרשידענע הויט-קאָלירן. צום רוב ווערן געבוירן צוויי-ערליי קאָלירן: „ווייסע" און „שוואַרצע". ס'זענען אויך פאַראַן מענ-טשן רויטהויטיקע, טונקל-וויים-הויטיקע, וועמען אונדזערע געלערנטע פלעגן אַמאָל אָנרופן: „מענטשן מיט אַ בראָנדזענער אָדער קופּערנער הויט".

„במשך פון פיל יאָרן האָבן אונדזערע געלערנטע געזוכט צו דערגיין דעם סוד פון דער נאַטור, פאַרוואָס דער מענטש אונטערשיידט זיך מיט זיין הויט? — בעסער געזאָגט, אונדזערע געלערנטע האָבן געוואָלט וויסן, וואָס איז די סיבה וואָס מענטשן זענען מיט הונדערטער, אָדער מיט טויזנטער יאָרן צוריק געבוירן געוואָרן מיט פאַרשידענע הויט-קאָלירן אויף זייער לייב?

„צום ערשטן האָבן אונדזערע געלערנטע געגלויבט און געווען זיכער אין דעם, אַז דער קאָליר פון זייער טונקעלער, אָדער שוואַרצער הויט, האָבן די מענטשן צו פאַרדאַנקען דעם הייסן קלימאַט פון דער געגנט וואו זיי זענען געבוירן געוואָרן. ס'האָט געהייסן, אַז די זון, די שטאַרק-ברע-נענדיקע זון האָט זיי „פאַרברענט" און פאַרטונקלט זייער הויט. ס'האָט אויך געהייסן, אַז די דאָזיקע שוואַרץ-הויטיקייט איז אָן שום צווייפל אַ ירושה זאַך, און ווען אַפילו דער שוואַרצער מאַן מיט זיין שוואַרצער פרוי זאָלן לעבן אין אַ געגנט וואו די זון איז אַ קאַלטע, וועלן זייערע קינדער געבוירן ווערן שוואַרצע, אַזוי ווי די עלטערן זענען.

„נאָך פיל טעג און נעכט שטודירן דעם דאָזיקן פּראָבלעם, האָבן אונדזערע געלערנטע אויסגעפונען, אַז די ערשטע שוואַרצע מענטשן האָבן געלעבט אין אַ געגנט, וואו זייער שפּייז און וואַסער האָבן אַנט-האַלטן אין זיך אַזעלכע מינעראַלן, וואָס האָבן געגעבן דער הויט אַן אַנ-דער קאָליר — לויטן געגנט וואו די דאָזיקע מינעראַלן האָבן זיך געפונען. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער „ווירוס" וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען „ק. ק. ל.", האָט זיך געפונען אין די גראָזן און וואַסערן פון יענעם געגנט וועלכן מ'האָט אָנגערופן: אַפריקע, און אָט דער „ווירוס" איז עס געווען דער „פאַרשוואַרצער" פון זייער הויט.

„מיר האָבן לעצטנס געמאַכט זייער פיל פּראָבן מיט קינדער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן מיט אַ ווייסער הויט ווי שניי, איינגעבנדיק זיי דריי קליינע אינזשעקציעס פון דעם דאָזיקן „ווירוס" איז זייער הויט גע-וואָרן שוואַרץ, ווי ביי אַן אמתן נעגער.

„נאָך דעם ווי מיר האָבן אַנטדעקט די ווירקונג פון דעם „ווירוס",

וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „ק. ק. ל.״ — לויט די איניציאַלן פון זיין אַנטדעקער קלעמענט קאַרל לינקעל. — האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן אַ קעגנמיטל צו דעם דאָזיקן „ווירוס״. אונדזערע געלערנטע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין די וועלדער פון אַפריקע און האָבן דאָרט שטודירט יעדן בלעטעלע, ביז זיי האָבן געפונען אַ גראָז, וואָס מאַכט אומשעדלעך דעם ווירוס „ק. ק. ל.״; און נאָך אייניקע עקספּערימענטן מיט אָט דעם גראָז, איז אונדז געלונגען צו אַנטדעקן, אַז ווען אַ מענטש מיט אַ טונקעלער, אָדער פון אַן אַנדער הויט-קאָליר נוצט די „פּילן געמאַכטע פון אָט דעם גראָז, ווערט זיין הויט צוביסלעך, צוביסלעך: פריער גרוי און דערנאָך ווייס, ווי ביי יעדן ווייסן מענטשן.

„דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן נאָך נישט געקאָנט אויסגעפינען, איז, פאַרוואָס דעם נעגערס האָר, וועלכע זענען פעך-שוואַרץ, ווערן — נוצנדיק די „אַנטי-ווירוס-פּילן״ — אויך ווייס, פונקט ווי זיין לייב. מיר האָבן שוין געמאַכט זייער פיל עקספּערימענטן, און ביז איצט איז נאָך אונדז נישט געלונגען אָפּצושטעלן דאָס ווייס-ווערן פונעם שוואַרצנס האָר. מיר האָפן, אַז ביים נעקסטן קאָנגרעס פון אונדזערע וויסנשאַפטלייט וועלן מיר אייך קאָנען אָנזאָגן די בשורה, אַז אויך דאָס פּראָבלעם איז דערליידיקט געוואָרן.

„איך קאָן נישט ענדיקן מיין באַריכט אַז איך זאָל אייך נישט אָנזאָגן, אַז פאַר די לעצטע דריי חדשים זינט מ'האָט פּערפעקציאָנירט דעם „אַנטי-ווירוס-פּיל״, האָבן זיך שוין מיט אים באַנוצט העכער דרייסיק מיליאָן טונקל-הויטיקע מענטשן, און אַלע זענען זייער גליקלעך מיטן האָבן געביטן דעם קאָליר פון זייער הויט, טראָץ דעם וואָס זייערע ווייסע האָר איז אַ שטערונג פאַר זיי, אַז מ'זאָל זיי דערקענען ווי געוועזענע „שוואַרצע״.

„איך וויל האָבן דעם פאַרגעניגן און כבוד אייך פאָרצושטעלן ביידע אַנטדעקער. דעם ערשטן — דעם מיסטער לינקעל, וואָס האָט אַנטדעקט דעם „שוואַרצן״ ווירוס „ק. ק. ל.״, און דעם צווייטן געלערנטן — דעם ה' יוזשעק מאַצקעוויטש, פון פּוילן, וואָס האָט אַנדעקט דאָס גראָז וואָס מאַכט אומשעדלעך דעם ווירוס „ק. ק. ל.״.

אויף דער בינע באַווייזן זיך צוויי יונגע מענטשן, אין די דרייסיקער יאָרן, וועלכע ווערן אויפגענומען מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

צווישן עולם ווערט שטאַרק קאָמענטירט, וואָס די אַנטדעקער פון אַזעלכע וויכטיקע דערפינדונגען זענען צוויי יונגע מענטשן. דאָס ווערט

באטראכט ווי א באווייז, אז די יוגנט איז שטארק פאראינטערעסירט אין וויכטיקע פארשונגען און שטודיום בכלל.

דער יונגער פארזיצער גיט דאס ווארט א פראפעסאר פונעם „לופט-אינסטיטוט". ס'קומט ארויף אויף דער בינע אן עלטערער מענטש, וועלכער, — אן צייט-פארלוסט,— הייבט אן זיין רעדע:

— „אונדזער אינסטיטוט, וועלכער עקזיסטירט שוין העכער דרייסיק יאר און האט געבראכט פיל נוצן דער מענטשהייט, האט זיך דאס לעצטע יאר אפגעגעבן מיטן שטודירן די ווירקונג פון דער לופט אויף דעם געזונט בכלל און אופן פארלענגערן די יארן פון מענטש. ס'איז קיין נייעס נישט אז ס'איז פאראן „גוטע" און „שלעכטע" לופט; אז ס'איז פאראן „גרינגע" און „שווערע" לופט. די פראגע איז: וואס פאר א חלק האט די לופט אינעם מענטשלעכן לעבן און געזונט?

„נאך לאנגע, דויערהאפטיקע עקספערימענטן האבן מיר אויסגעפונען, אז די לופט איז דער וויכטיקסטער לעבנס-עלעמענט פארן מענטש. מיר האבן אויסגעפונען, אז א מענטש קאן היינט צו טאג לעבן אן עסן — 11 טעג, אן טרינקען — 19 טעג, און אן לופט — ווייניקער פון 10 שעה.

„מאכנדיק די דאזיקע עקספערימענטן מיט דער לופט, האבן מיר אויסגעפונען, אז ווען א מענטש פליט אין א ראבאט, אדער אין אן עראפלאן און ס'געשעט מיטן אפאראט א וועלכער ס'איז אקצידענט, קאן דער מענטש אויף זיך אנטאן א „לופט-אפאראט", און ער שפרינגט ארויס פון אפאראט און פליט ווי א פויגל, וואוהין ער וויל. ער קאן אויף אזא אופן פליען במשך פון עטלעכע שעה.

„אויב דער אקצידענט האט פאסירט אויסער דער ערד-אטמאספער, איז דער „לופט-אפאראט" אזוי פערפעקציאנירט, אז דעם מענטש קאן גארנישט שאטן: עס פעלט אים נישט קיין לופט, ער זעט נארמאל און קאן זיך באוועגן ווי אזוי ער וויל. מיר האבן אויך אין זינען געהאט, אז ער זאל זיין באשיצט קעגן שטארקע און ווילדע פייגל וואס געפינען זיך אין די הימל-הויכקייטן. ווען איינער אזא פויגל וויל זיך דערנענטערן צו אים — ווערט דער פויגל פאראליזירט.

„נאך א זאך, אין דער צייט וואס דער מענטש פליט אין דער הויך, שיקט ארויס זיין „לופט-אפאראט" הילף-רופן, און יעדער עראפלאן, אדער ראבאט וואס געפינט זיך נאענט, קאן אים קומען צו-הילף.

„די גרעסטע דערגרייכונג, אבער, וואס מיר האבן היינטיקס יאר צו פארצייכענען אויף דעם ערד-פלאנעט איז — דאס „ברענגען" ווארעמע

לופט־כוואַליעס צום נאָרד־פּאָל, און געבן אַ מעגלעכקייט, אַז דאָרט זאָל עסטאַבלירט ווערן אַ ישוב און אַ באַקוועם לעבן פאַר מיליאָנען מענטשן.

„ביז ערשט נישט לאַנג, ביז צוריק מיט אַ פערציק־פופציק יאָר, איז דאָס צוקומען צום נאָרד־פּאָל, אָדער ווי די מענטשן פון יענער עפּאָכע האָבן גערופן יענע געגנט: „צו דער גרענעץ פון צוויי וועלטן", געווען אַ העלדישקייט. בלויז געציילטע מענטשן, וועלכע מ'האָט געקרוינט ווי העלדן, זענען צוגעקומען צו דעם דאָזיקן פונקט פון דער וועלט. זייער ווייניק פון זיי זענען צוריקגעקומען פון דאָרט לעבעדיקערהייט.

„אין די לעצטע יאָרן איז די רייזע צום נאָרד־פּאָל און אַרום נאָרד־פּאָל געווען אַ געוויינלעכע. ס'איז אונדז אַפילו געלונגען צו באַזעצן דאָרט מענטשן, און אין אייניקע געגנטן אַריינצוברענגען „זונשטראַלן", וואָס האָבן דאָרט געביטן דעם קלימאַט.

„דאָס אַלץ איז אָבער געווען פּראָוויזאָריש. היינטיקס יאָר האָבן מיר אַנטדעקט און אויסגעפּרואווט אַ מיטל וואָס זאָל אַריינברענגען געוויינלעכע נוג וואַרעמע לופט־שטראָמען, וואָס זאָלן אָנהאַלטן דאָס וואַרעמקייט במשך פון פיל טעג און חדשים פון יאָר. נאָך לאַנגע פאָרשונגען איז אונדז געלונגען אָנצופילן „לופט־באַלאָנען" מיט הייסן לופט אין די הייסע געגנטן פון אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע און זיי איבערשיקן מיט אַ „שטראַל־ליניע" אין אַלע קאַלטע געגנטן, און גאָר ספּעציעל — צום נאָרד־פּאָל. און אַט וועט איר באַלד זען דעם רעזולטאַט פון אונדזער דערגרייכונג".

ביי די לעצטע ווערטער האָט דער רעדנער געגעבן אַ דריק אַ קנעפּעלע ביים טיש. אויף אַ וואַנט האָט זיך באַוויזן אַ ווייסער ליילעך, און אַ פילם־אַפּאַראַט האָט אָנגעהייבן ווייזן בילדער פון אַ געגנט וואָס אַלע בייוועזנדיקע געלערנטע האָבן אים דערקענט — דעם נאָרד־פּאָל. מ'האָט געזען, ווי הונדערטער און טויזנטער מענטשן באָדן זיך אין די וואַסערן וואָס שטראָמען צונויף פון די הויכע בערג וואָס געפינען זיך אין יענע געגנטן. מ'האָט אויך געזען ווי גרופּעס מענטשן פאַרברענגען אין קאָנצערטן, אין טאַנץ־זאַלן. און ביי די זייטן שטייען אַפּאַראַטן (וואָס אַמאָל האָט מען זיי גערופן: ווענטילאַטאָרן) און זיין בלאָזן... קאַלטן לופט אויף די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

צווישן די בייוועזנדיקע געלערנטע זענען געווען אַ סך מענטשן וואָס זייער עלטער האָט דערגרייכט, אָדער איבערגעשטיגן די הונדערט יאָר. זיי האָבן צווישן זיך שטילערהייט גערעדט:

— ווען מ'וואָלט אונדז מיט 50 יאָר צוריק געזאָגט, אַז אויפן נאָרד־

פאַל וועט מען דאַרפן האָבן „קיל־אַפּאַראַטן״, אָדער „אייז־קאַסטנס״ בכדי אָפּצוקילן די הייסע לופט פון אַ שטוב פון דער דאָזיקער געגנט. וואָלטן מיר יענעם באַטראַכט נישט פאַר קיין ליגנער, נאָר פאַר אַ פולשטענדיקן משוגענעם.

נאָכן פאַרענדיקן מיטן פילם, זעצט פאָר דער פּראָפעסאָר מיט זיין רעדע:

— „דער וואונדער, דער גרעסטער וואונדער פון היינטיקן יאָר, וואָס מיר האָבן דערגרייכט מיט דער לופט־פאָרשונג, איז — דאָס דערמעגלעכן אונדזערע ברידער —די איינוואוינער פון דער לבנה— גוט אויספאָרשן זייער גאַנצן פלאַנעט, ווי אויך אויסגעפינען די ערטער וועלכע מ׳קאָן אויסנוצן פאַר אַ מענטשלעכער קאָלאָניזאַציע, און צו קאָנען, אַזוי אַרום, באַקוועמער מאַכן דאָס לעבן פון מיליאָנען מענטשן אויף דער לבנה, וואָס נייטיקן זיך אין ערד־שטחים.

„מיט דער דערלויבעניש און מיטהילף פון די לבנה־הערשער, האָבן מיר אַרויסגעשיקט עקספּעדיציעס מיט געלערנטע וואָס האָבן געדאַרפט פליען צו די נישט־באַוואוינטע געגנטן פון דער לבנה און זיי אויספאָרשן.

„די עקספּעדיציעס זענען געווען באַזאָרגט מיט „לופט־אַפּאַראַטן״ וואָס האָט זיי געקאָנט סטייען אויף עטלעכע טעג.

„בכדי גענוי אויסצופאָרשן די אומבאַוואוינטע, וויסטע געגנטן פון דער לבנה, האָט די עקספּעדיציע נישט געקאָנט פליען אין ראַבאָטן און געמוזט נוצן „דזשעט״־עראָפּלאַנען מיט אַ רעדוצירטער שנעלקייט.

„איך דאַרף דאָ צוגעבן, אַז פון די צען עקספּעדיציעס וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט, האָט זיך מיט צוויי פון זיי געטראָפן אַן אַקצידענט ווען זיי האָבן זיך געפּרואווט אַראָפּלאָזן אויפן לבנה־באָדן. איין עקספּעדיציע וואָס איז געפלויגן מיט די צוויי אומגליקלעכע אומגעקומענע, האָט באַמערקט די סיבה פונעם אַקצידענט; פּשוט, יענער טייל געגנט פון דער לבנה איז געווען „היפּער־מאַגנעטיש״, און האָט צוגעצויגן צו זיך יעדן עלעמענט פון עטלעכע קילאָמעטער ווייט.

„ווען די די עקספּעדיציעס האָבן זיך אומגעקערט, האָט מען אויס־געפאָרשט און אויסגעפונען אַ מיטל קעגן דעם דאָזיקן מאַגנעטישן כוח פון דער לבנה־געגנט. מ׳האָט ווידער אַרויסגעשיקט עקספּעדיציעס צו יענע געגנטן, וועלכע האָבן פון דער הויך אַראָפּגעוואָרפן טויזנטער באַ־לאָנען מיט געפּרעסטער לופט, אַזאַ לופט וואָס קאָן ווייך מאַכן דעם שטאַרקסטן מאַגנעט.

דער דאָזיקער עקספּערימענט האָט געגעבן דעם געוואונטשענעם

רעזולטאַט. אויפֿן צװייטן טאָג נאָך דער „אַטאַקע" פֿון די עראָפּלאַנען אויף דער דאָזיקער לבנה-געגנט, זענען װידער אָפּגעפֿלױגן אַהין די עקס-פּעדיציעס און ס'איז זיי געלונגען בשלום צו לאַנדן אויפֿן פּלאַץ. ס'איז נישט געװען קיין צוגעגרייטער „פֿלי-פּלאַץ" (אַעראָדראָם) פֿאַר אַװיאָנען אָדער ראַבאָטן, אָבער מיר האָבן גענוצט דעם נייעם סיסטעם פֿון בלייבן „הענגען" אַ מעטער אין דער הויך און זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ לייטער אויפֿן באָדן.

„אונדזערע געלערנטע האָבן דאָרט נישט געפֿונען קיין שום לעבע-דיקן װעזן. אין די הימלען זענען נישט געפֿלויגן קיין פֿייגל, און אין די װאַסערן זענען נישט געװען קיין פֿיש. די געלערנטע האָבן דערנאָך גע-מאַכט אַ שפּאַציר מיט זייערע עראָפּלאַנען און דורכגעפֿלויגן טויזנטער קילאָמעטער אין דער לענג און ברייט. אומעטום האָבן זיי געטראָפֿן דעם זעלביקן בילד — פּוסט און װיסט.

„אין עטלעכע װאָכן אַרום האָבן אונדזערע לבנה-עראָפּלאַנען װידער געמאַכט אַ שפּאַציר איבער יענע װיסטע געגנטן. מ'האָט פֿריער אַהין אַראָפּגעשאָסן אַ גרויסע צאָל לופֿט-באַלאַנען װאָס װעט קאָנען אָנהאַלטן זייער װירקונג אויף חדשים און יאָרן. באַלד נאָך דער דאָזיקער „אָפּע-ראַציע" פֿון אַראָפּלאָזן די „לופֿט-באָמבעס", האָבן זיך די עקספּעדיציעס אַראָפּגעלאָזט אויפֿן באָדן, און װי דערשטוינט זענען זיי געװאָרן װען זיי האָבן געטראָפֿן — אין יענע שטיינערדיקע און זאַמדיקע פּלעצער װאו זיי זענען ערשט נישט לאַנג געװען — בליען גרינע ביימעלעך און אַפֿילו... רויזן. אויף אַ צװייטן פּלאַץ האָבן זיי געטראָפֿן אַרױסשפּראָצן פֿון באָדן פּלאַנצונגען פֿון אַ רויטן קאָליר, מיט אַ זייער אָנגענעמען ריח.

„אין די לאַבאָראַטאָריעס פֿון דער ערד, האָט מען דערנאָך פֿעסטגע-שטעלט, אַז דאָס איז אַזאַ מין פֿרוכט װאָס איז זייער נאַרהאַפֿט און זייער גוט פֿאַר די אויגן.

„פֿון װאַנען אָט די גראָזן און פּלאַנצן האָבן זיך גענומען אין יענעם געגנט — װייסן מיר נאָך נישט. מעגלעך, אַז מיט טויזנטער אָדער מי-ליאָנען יאָרן צוריק איז דאָרט געװען אַ מענטשלעך לעבן, און ס'איז חרוב געװאָרן פֿון אַ נאַטור-קאַטאַסטראָפֿע.

די ערד-איינוואוינער יובלען.

ס׳איז דערקלערט געוואָרן אַ פייערונג פאַר אַלע איינוואוינער פון דעם ערד-פּלאַנעט, וואָס וועט דויערן דאָס גאַנצע יאָר. די אָפיציעלע דאַטע — דער 1-טער יאַנואַר פון יאָר 2.000, ווען ס׳האָט גערדאַרפט פאָר־קומען די הויפּט-פייערונג — איז שוין לאַנג פאַרביי. מ׳האָט די הויפּט־פייערונג אָפּגעלייגט, ווייל מ׳האָט געוואָלט אַז אַלע פעלקער פון אַלע פּלאַנעטן וואָס לעבן אונטער דער זון-סיסטעם, זאָלן גליקלעכע און פריי־לעכע קאָנען אָנטיילנעמען אין דער דאָזיקער שימחה; און אַזוי ווי די מאַרס-איינוואוינער זענען געווען אומגליקלעך, ווייל ס׳האָט זיי געפעלט וואַסער. און די איינוואוינער פון דער לבנה זענען אויך נישט געווען גליקלעך, ווייל אַ האַלבער פּלאַנעט זייערער איז נישט געווען אויסגע־פאָרשט און נישט-באַזעצט, פּוסט, האָט זיי געדראָאט אַ צוקונפט פון ענג־שאַפט און אויך אפשר אומקום, האָבן זיי נישט געקאָנט אויפריכטיק און מיט פרייד מיטפייערן מעט די ערד-מענטשן זייער שימחה, ווייסנדיק אַז די ערד-מענטשן פון אַלץ איבערגענוג.

איצט זענען שוין אַלע שוועריקייטן פאַרשוואונדן. דער מאַרס־פּלאַנעט האָט גענוג און איבערגענוג וואַסער פאַר זיין געברויך. די לבנה־מענטשן האָבן שוין צו זייער דיספּאָזיציע זייער גאַנצן פּלאַנעט און זיי האָבן שוין אָנגעהויבן בויען הייזער און באַזעצן די ניי-אַנטדעקטע געגנטן. איז שוין געקומען די צייט פאַר די ערד-רעגירער דורכפירן דעם גרויסן פאָלקס-יום-טוב לכבוד דעם ניי-געקומענעם יאָרהונדערט.

— — — — — — — — — — — — — — —

די באַוועגונג צווישן דעם מאַרס און דער ערד איז לעצטנס זייער שטאַרק אויסגעברייטערט און פאַרבעסערט געוואָרן. נאָכדעם ווי לי-לי האָט זיך באַפעסטיקט אויף זיין „שאַליט-טראָן״, האָט ער „פאַראייניקט״ דאָס לעבן פון די מאַרס-איינוואוינער מיטן לעבן פון די ערד-מענטשן. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטון — ער האָט פאַרגרעסערט — הונדערט מאָל מערער פאַרגרעסערט — דעם אויסטויש פון די מאַרס-געלערנטע

מיט די ערד-פּראָפּעסאָרן. הונדערטער און טויזנטער מאַרס-געלערנטע זענען געשיקט געוואָרן צו די ערד-אוניווערזיטעטן צו געבן לעקציעס וועגן זייער ספּעציאַליטעט און צוויי מאָל אין דער וואָך — זיך צו לערנען, צו באַקומען לעקציעס אין די לערן-אַנשטאַלטן פון דער ערד.

דאָס זעלבע איז געווען מיט מיסחר. הונדערטער און טויזנטער פּאַסאַזשיר-ראַקעטן און טראַנספּאָרט-ראַקעטן האָבן קורסירט די הימלען צווישן דער ערד מיטן מאַרס. סוחרים ברענגען סחורה און קויפן סחורה פון איין פּלאַנעט צום צווייטן. פּראָפעסיאָנאַלן — ספּעציעל דאָקטוירים און כעמיקער, קומען פון איין פּלאַנעט צום צווייטן און אַטענדירן קראַנקע אָדער פאַבריצירן נייע הייל-מיטלען. עס קומען אָן צו דער ערד טעכניקער פון מאַרס וועלכע נעמען אנטייל אין געוויסע אינדוסטריעס און בוי-אונטערנעמונגען פון דער ערד.

גאָר ספּעציעל איז לעצטנס געוואָרן א „אויסטויש" פון... חתונה-פאָרלעך צווישן דעם מאַרס און דער ערד. זינט דער חתונה פון לי-לי מיט הינעפּיטאַן, און זינט דער פאַרקנסונג פון אסתרקען, גראַסיעלאַן, און סוסין מיט לי-לים ברידער. האָבן זיך הונדערטער פּאָרלעך ערד- און מאַרס-יוגנטלעכע, זיך פאַרליבט און געוואָרן חתן-כלה און אנדערע האָבן שוין אויך חתונה געהאַט...

עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אז די פאַרבינדונג און די ליבע צווישן דעם מאַרס און דער ערד איז שוין א פאַקט און קיינער טראַכט שוין נישט קיין שלעכטע געדאַנקען פון אַטאַקירן איינעם דעם צווייטן.

אַלע זענען געווען רואיק, א חוץ געציילטע מענטשן אויף דער ערד און בלויז איינער אויפן מאַרס.

דער פאָרזיצער פון „„עקזעקוטיוו פון די פאַראייניקטע פעלקער אויף דער ערד" האָט ביי א שטרענג געהיימער באַראַטונג צווישן א קליינער גרופּע ערד-הערשער געמעלדעט, אז ער האָט ידיעות פון פאַרטרוילעכע קוועלן, אז אויפן מאַרס איז נאָך נישט רואיק, אז דאָרט זענען נאָך פאַראַן עלעמענטן, וואָס וואָלטן געוואָלט זיך אומקערן צום אַלטן — אַטאַקירן די ערד-איינוואוינער. די הערשער פון מאַרס — א קליינער טייל פון זיי — קאָנען נישט מוחל זיין לי-לין, וואָס ער האָט באַגרעניצט זייער מאַכט און האָט א סך פון זיי, ביכלל, געשיקט זיך אָפּגעבן מיט ציווילער טעטיקייט.

די גרעסטע שינאה צו לי-לין קומט, פאַרשטייט זיך, פון די רייכע אייגנטימער פון שקלאַפן וועלכע זענען דורך לי-לים געזעצן באַגרעניצט

געוואָרן אין זייערע פאַרדינסטן. שטילערהייד האָבן זיי געזוכט אויפצורייצן די הערשער, די געלערנטע און די אומוויסנדע פון די מאַרסיאַנער פעלקער.

לי־לי האָט עס געוואוסט. ער האָט געהאַט ידיעות פון אַלע זייערע באַוועגונגען און ער האָט אָנגענומען די מעגלעכסטע פאָרזיכטס־מיטלען. דאָס איינציקע וואָס ער האָט נישט געקאָנט טון, איז אויסמיידן אַז אַ גרופּע הערשער אין קאָמבינאַציע מיט געלערנטע פון מאַרס, זאָלן אויף אַ פּלוצלומדיקן אופן נישט אָנפאַלן אויף דער ערד און דורך טויט־שטראַלן חרוב מאַכן אַ טייל פון די ערד־לענדער. אמת, זיי וועלן טאַקע גאָרנישט דערגרייכן. זיי וועלן באַלד פאַרניכטעט ווערן, אָבער, דערווייל, וועלן זיי אָנמאַכן צרות און שאָדנס.

לי־לי האָט אַרויסגערופן צו זיך זיין שווער הערי קוק און זיך מיט אים באַראָטן וועגן דעם.

פאַר הערי קוק איז דאָס קיין נייעס נישט געווען, שוין אַ שטיק צייט וואָס אויף דער ערד ווייסט מען דערפון און מען האָט שוין אָנגענומען פאָרזיכטס־מיטלען. ה׳ קוק האָט אים אַפילו דערציילט, אַז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט זיך אַ ראָבאָט, וואָס איז געפלויגן פון מאַרס אָן אַ „פּילאָט", נאָר געשיקט און אָנגעפירט פון „ע"־שטראַלן, זיך געוואָלט דערנעענטערן צו דער ערד אָן שום פריערדיקער מעלדונג אַז אַזאַ ראָבאָט קומט אָן. האָבן אים די „ראַדאַר־שטראַלן" אויפגעריסן אין דער לופטן אַ סך ווייט פון דער ערד. לויט ה׳ קוק, איז געווען אַ טעות דאָס אויפרייסן דעם ראָבאָט. בעסער וואָלט געווען, אים צו „פּאַראַליזירן" און אים ברענגען אַ גאַנצן אויף דער ערד כדי אים אויסשטודירן און אפשר אויך וויסן ווער עס האָט אים געשיקט און וואָס זיין „מיסיע" איז געווען.

ה׳ קוק האָט דערציילט לי־לין, אַז אויך די לבנה־הערשער האָבן ידיעות. אַז אויפן מאַרס זענען פאַראַן גרופּעס מיט שלעכטע געדאַנקען קעגן דער ערד. דאָס מערקווירדיקסטע וואָס מען ווייסט, אַז די גרופּעס הערשער און געלערנטע. זוכן נישט שלעכטס צו טון לי־לין. מען רעדט שוין נישט וועגן אַ קאָמפּלאָט קעגן שאַליט. זיי — די אומצופרידענע — וויסן, אַז ווען עס זאָל עפּעס געשען מיט לי־לין אָדער מיט זיין פרוי, וואָלט געוואָרן אַן אויפשטאַנד פון פאָלק און פון די שקלאַפן און אין געציילטע מינוטן וואָלט מען פאַרניכטעט אַלע הערשער און אייגנטימער פון די שקלאַפן. ניין! לי־לים לעבן איז איצט זיכער ווי קיינמאָל נישט! דאָס איינציקע וואָס די קעגנער זוכן, איז פּראָוואָצירן אַ קריג צווישן

דער ערד און מאַרס, האַפנדיק, אַז איצט געפינט זיך די ערד אין אַזאַ צושטאַנד אַז עס איז זי לייכט צו באַזיגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די פירער פון דער ערד — ספּעציעל דער „עקזעקוטיוו", ווייסן געניי וואָס מען גרייט צו. זיי האָבן, אָבער, באַשטימט דאָס האַלטן אַלס שטרענגן סוד, נישט בלויז פאַרן פאָלק, נאָר אַפילו פאַר די רעגירער פון די פעלקער פון דער גאַנצער ערד און אויך פאַר די געלערנטע. מען וויל נישט פאַרשטערן די שׂימחה פון די ערד־איינוואוינער. מען וויל נישט איבערשרעקן די ערד־מענטשן און זיי באַאומרואיקן, אַז זיי זאָלן נישט קאָנען אָנגייען נאָרמאַל מיט זייער אַרבעט.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס צו דער ערד קומען איצט צופליען טויזנ־טער ראַבאָטס טעגלעך, איז דער גאַנצער ערד־קוגל פון נאָרד־ ביזן זיד־פּאָל באַוואָרנט געוואָרן מיט די נויטיקע אַפּאַראַטן וואָס זאָלן נישט צולאָזן נאָענט קיין פיינטלעכע ראָבאָטס.

די ערד־פירער זענען אויך אינפאָרמירט געוואָרן דורך לי־לין, אַז די געלערנטע פון מאַרס האָבן דערפונדן אַזאַ גאַז, אַ טויטלעכער גאַז, וועלכן מען קאָן אויסשיסן פון זייער ווייט אָדער מען קאָן אים שיקן דורך לופט־באַלאָנען אויף אַ ווייטער שטרעקע. דער גאַז קומט טאַקע צענויף פאַר פרידלעכע צוועקן, ווייל מען קאָן דורך אים אָפּרייניקן פון שלעכטע אינסעקטן אָדער אַנדערע לעבעדיקע שעדלעכע באַשעפעניש, וואָס געפינען זיך אין אומבאַוואוינטע געגנטן פון וועלכן עס איז פּלאַנעט און דערנאָך קאָן מען דעם געגנט אויסנוצן פאַר אַ מענטשלעכן ישוב.

מען קאָן, אָבער, דעם גאַז אויך אויסנוצן פאַר מערדערלעכע צוועקן קעגן פעלקער אָדער אַנדערע פּלאַנעטן, און ווען די מאַרס־געלערנטע האָבן אים פּערפעקציאָנירט, האָט די פאַבריקאַציע פון אָט דעם גאַז, איבערגענומען אַ ראָט פון געלערנטע אונטער דער אויפזיכט פון שאַליט, וועלכער האָט שוין געהאַלטן אַן אויג אויף יעדער גאַלאָן פון פאַבריצירטן גאַז אויף וועלכן צוועק מען נוצט אים.

שטילערלייד האָט מען אויפן מאַרס אָנגעהויבן מאַכן פּראָפּאַגאַנדע, אַז די ערד־מענטשן קומען צופיל אַהין, אַז זיי פירן אַרויס די וויכטיקסטע סחורות פון מאַרס, אַז די מענטשן טראַכטן אַפילו פון... פאַרשקלאַפן די מאַרס־איינוואוינער. די פּראָפּאַגאַנדע איז די ערשטע צייט געגאַנגען פון מויל צו מויל און אַפילו בלויז מיט אַ וואונק מיטן אויג. שפּעטער, ווען די גיפט־מישער, די פּראָפּאַגאַנדע־מאַכער, האָבן געזען, אַז זייער אַרבעט ווערט נישט געשטערט, און פון טאָג צו טאָג זענען פאַראַן

מערער אויערן זיך צוהערן צו איר — האָבן זיי באַקומען מערער חוצפּה און דורך פאַרבאָרגענע „שטראַל־ראַדיאָ" סטאַנציעס, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן זייער פּראָפּאַגאַנדע עפּנטלעך.

ביז אין איין טאָג, האָט דער שאַליט געמאַכט אַ סוף דערצו. ער האָט —דורך זיין געהיים־דינסט— פאַרמאָגט אַ פולשטענדיקע ליסטע פון די הערשער, געלערנטע און שקלאַפן־אייגנטימער וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אָט דער באַוועגונג. און, אין איינער אַ נאַכט, פּונקט צו דער מינוט, צו דער סעקונדע, האָט מען זיי אַלע געכאַפּט און געבראַכט פאַרן שאַליט. מען האָט זיי אָנגעוויזן אין וואָס מען באַשולדיקט זיי און זיי אויך אָנגעוויזן וואָס פאַר אַן אומגליק זיי ווילן ברענגען אויפן פּלאַנעט.

דער מישפּט איז געווען אַן עפנטלעכער. די ריכטער פון מאַרס, און צו דריי מענטשן פון די הערשער, געלערנטע און פאַרשטייער פון די שקלאַפן־פאַראיינען זענען געווען די שופטים. דער מישפּט איז געווען אַ קורצער — זיי „אַרויסשיקן" פון מאַרס — דאָס האָט געהייסן טויט. אין מיטן וועג, אין דער לופטן, איז זייער טראַנספּאָרט־ראָבאָט אויפגעריסן געוואָרן.

אויפן מאַרס איז געוואָרן שטיל, רואיק, מען טראַכט שוין נישט וועגן אַטאַקירן די ערד־איינוואוינער.

די ערד־מענטשן האָבן זיך ווייטער גענומען גרייטן צום גרויסן פייער־טאָג, — באַגריסן דעם 21־סטן יאָרהונדערט.

עס הערשט אַ פריילעכע שטימונג אין יעדער ווינקעלע פון דער ערד. יונגע מענטשן טאַנצן אין די גאַסן. אַלטע מענטשן — באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קושן זיך און ווינטשן זיך נאָך יאָרן פון געזונט און לעבן.

גליקלעך, איבערגליקלעך פון אַלע, זענען דער זיידע און די באָבע פון הינעסיטאַן. זיי האָבן דערלעבט אַזוי פיל נחת אין איר —און אין אַלע אייניקלעך— כאָטש מען זעט זיך איצט זעלטענער ווי פריער.

אָט איז דער זיידע געוואויר געוואָרן, אַז ביי דער נעקסטער פייערונג פון די ערד־פעלקער, וועט מען הינעסיטאַן באַשטימען אַלס „ערד־בירגערן און ערשטע דאַמע פון דער ערד".

וואָרט טאַקע דער זיידע אַז די פייערונגען זאָלן זיך שוין אָנהויבן. ער וויל דערלעבן געבן אַ קוש דער — ערשטער דאַמע פון דער ערד, זיין אייניקל הינעסיטאַ!

Este libro se
terminó de
imprimir el día 20
de Julio de 1959 en los
Talleres Gráficos
"CULTURA"
Sarmiento 2157
Buenos Aires
Argentina